STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09880

TSUM LEBN

Itzik Kipnis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קיפּניס

צום לעבן

דערציילונגען

„סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע 1969

צונויפגעשטעלט און רעדאגירט —
ז. טעלעסין

7—3—3
221—69

צום נײַעם לעבן

ערשטער טייל

דער טאָג הייבט זיך אָן

פייגעלען און הירשקען דיאַמאַנט —
זייער הייליקן אָנדענק.

1

א לײַטן אין שטוב פילט זיך שוין דער פרײַטיק, און דאָ איז נאָך דערווײַל גאָרנישט. דאָ אין שטוב איז אַלעמאָל גאָרנישט. דאָ ליגט נאָך דער אוילעם אין די בעטן. אין קיך איז ליידיק. קיין מײַז און קיין קעץ זײַנען ניטאָ — זיי האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן. די פּאָליצע אין קיך פון די פיר לאַגן הענגט אן אויסגעשאָבענע, א ריינע, קימאט פון פייסעך ביז פייסעך. א מאָדנע פּאָליצע בא זיי — א קאַלטע און א פרעמדע, קיינמאָל ליגט אַף איר גאָרניט. און בא אלקאָנעס ווײַב, בא האַנעלען, אָדער בא ריסלען דער הארבארקע, הייצט זיך קעסיידער אין אויוון און אַף די פּאָליצעס בא זיי איז אָנגעלייגט פון וואָס נאָר א מויל קאָן אויסריידן.

ווינגדערן פּארדריסט עס ביז גאָר. ליגנדיק איצט אפן געלעגער, דערמאָנט ער זיך: נעכטן פארנאכט האָט ער געטראָגן האנעלען מעל פון מארק, געבײַטלטע מעל אַף שאבעס, און דערצו נאָך א קויש מיט זאכן. אים האָט זיך זייער געגלוסט א קוק טאָן אין קויש ארײַן. דאָרט איז געווען, מע ווייסט עס ווויל: אי בוימל, אי ראָזשינקעס, אי אייער, אי צימרינג, נאָר אים האָט זיך,

פֿונדעסטוועגן, געגלוסט א קוק טאָן. ער האָט געכאלעשט א טאפּ טאָן מיט די הענט און א צייל טאָן די זאכן אין קויש. איז אָבער די גאנצע צײַט האנלע אים נאָכגעגאנגען פֿון הינטן. שאבעס זאָל ער קומען, — האָט זי געזאָגט, — וועט ער קריגן א גרויסן שטיק קוגל. און זי האָט אים געגעבן פֿיר גראָשן פֿארן גאנג. די פֿיר גראָשן זײַנען שוין בא אים לאנג ניטאָ. און איצט פֿוילט ער זיך אופּשטיין, און ער איז שוין אפֿילע גוט אין קאס אף זײַן מאמען דער שטערנזעערן אויך. ראק שעלטן קען זי זיך און מער גאָרנישט.

ווײַגדער הוסט אונטער, ווי אן אלטער ייִד. ער ריִעט זיך שוין פֿון א האלבער שאָ אף דער שמאָלער געפֿארבטער באנק מיט דער פֿאָרענטשע. די באנק איז א לאנגע און פֿארנעמט די גאנצע לענג פֿון דער וואנט. אף איין עק שלאָפֿט ער צוגעדעקט מיט אן אלטן פֿארבאקטן שמויסענעם פֿעלצל, און אפֿן צווייטן שלאָפֿט מינדל. איצט האָט זיך די מאמע אויך אופֿגעכאפּט, און זי וועקט שוין מיט א פֿארלייגטער שטים ווײַגדערן, ער זאָל גיין נאָך לאָמאטשע[1]. ווײַגדער האָט קיין האלב וואָרט ניט געענטפֿערט. ער האָט גיך ארופֿגעשלעפֿט די אויסגעריבענע לײַוונטענע הייזלעך אפֿן נאקעטן האלבן גוף. איניינוועגס האָט ער גע־געבן א זעץ מינטשיקן, וואָס איז געשלאָפֿן מיט די פֿיס צו אים, און איז ווי א קויל ארויס פֿון שטוב.

— א דארעניש אין די הענט, א טריקעניש אין די ביינער, — האָט די מאמע נאָכגעשריִען.

— כירכעל, קרומער קול! — האָט איר מינטשיק א פֿארשלאָפֿענע אונטערגעהאָלפֿן, און זי האָט נאָך אליין ניט געוווּסט, צי דאָס רעדט זי, צי עמעצער רעדט עם פֿאר איר, ווײַל זי איז נאָך אינגאנצן געווען אין שלאָף.

מע רופֿט אים, ווײַגדערן, דער קול און כירכעל דערפֿאר, וואָס ער וויל ניט וואקסן. באם פֿריסטאוו אין קיך האָט זיך אומגעדרייט אמאָל א פֿויערל אזא, א כירכעל, וואָס איז געווען א סטארעץ און איז אויך, ווײַזט אויס, אף זײַן לעבן קיינמאָל ניט געוואקסן. נו, מיילע, זאָל זײַן כירכעל, זאָל זײַן קול. ווען ניט ער, וואָלטן זיי א מאקע געהאט וואָס צו ליגן אין מויל ארײַן, טאקע אלע דאָ אין שטוב.

---

[1] טרוקענע, דארע צווײַגן אף צו הייצן.

ווינגדער האָט זיי איצט געהערט מערער לויט דער געוווינשאפט, ווי אפדערעמעסן, וואָרעם ער איז שוין געווען אין דרויסן.

אין דרויסן איז געווען זומערדיק, לופטיק, די שײַן האָט אזש געמוליעט די אויגן. פון אלע קוימענס איז געגאנגען א פרײַטיקדיקער רויך, א רויך מיט אלע טשאקן. ווינגדערן איז עפּעס מיטאמאָל געוואָרן דאפקע גוט אפן הארצן. זייער הויף איז ניט קיין פארצוימטער, ראכוועס איז דאָ גענוג, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אפן שטיין אנטקעגן וואָלאָסט און האָט פון גאָרנישט ניט געקלערט. דער דרויסן אָט דאָ, אין עק שטעטל, איז איטלעכנס. דעם זומערדיקן לויטערן גאנצפרי פארשפּאָרט מען גיין אין קלייט ארײַן באָרגן. ווינגדער איז געזעסן און געקוקט, ווי אדאמקע מארינעס, דער שאָכן זייערער, פון הינטערן גאָרטן, איז געגאנגען אהין ארויף מיט די כאוויירים זײַנע. ווינגדער האָט שוין דאפקע געוואָלט אופשטיין און צו אים צוגיין. ער האָט זיך אפילע אופגעהויבן פון אָרט און זיך א ראָסטע געטאָן. ער האָט אָבער באלד כאראָטע געהאט און איז אוועק גאָר צו אדאמקעס טאטן, צו זאכארן, אין הויף, אויסקוקן, צי עמעצער איז נאָך דאָ אין דער היים, צי ניט.

אין הויף איז געווען זומערדיק לײדיק און דער טויער איז געווען פארשלאָסן פון דרויסן. א גוטער סימען, אז קיינער איז ניטאָ אין דער היים. ווינגדער האָט זיך דורכגערוקט אין הויף דורך אן אָפּגעשטאנענער ברעט פונעם טויער. צוליב מער זיכערקײַט האָט ער נאָך א פּרוּוו געטאָן די שטוב־טיר. טאקע גוט, וואָס זי איז פארשפּארט. דארף מען דערווײַל ארײַנשפּרינגען אין גאָרטן און אויסרײַסן א פּאָר קעפּלעך גרינע ציבעלעס. די קני ציטערן פון דער גרינג, אָבער ער האָט זיך געטאָן זײַנס.

אונטער די ברוסעס בא זאכארן פלעגן זיך לייגן א פּאָר הינער. ווינגדער האָט זיך א שאר געטאָן אהין אפן בויך, ווי א כאזערל אונטער אן אָפּגעשטאנענעם פּלויט, אָבער דער קובלאָ איז שוין געווען לײדיק. נאָר א הון א קוואָקע איז געזעסן אף א שפּענדל, האָט זיך געבלאָזן און ניט געלאָזט צוגיין צו זיך. ווינגדער האָט זי גענעבן א קאדויטש מיטן פויסט איבער די פליגל. א טריקעניש דיר אין די ביינער, — האָט ער איר צוגעווונטשן און איז ארויסגעקראָכן פון דער נאָרע.

איצטער דארף מען גיין אהיים.

די ציבעלעס זײַנען קאלטע און קילן אים דעם נאקעטן בוזעם. ער איז אוועק צו זיך אין שטאל, וואָס אָן דעם דאך. אהין איז אויך ארײַן

מינדל, א גרויס מיידל שוין, ארויס א נאקעטע — אין איין העמד, נאָרוואָס פון שלאָף. ווינגדער האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייַט און איר דערלאנגט א ריס פאר די האָר.

— א דארעניש אין די ביינער, קול! גאנעוו! כירכעל! — האָט אים מינדל באצאָלט, אָבער אנטלויפן האָט זי געמוזט, ווייַל זי האָט אפן ניכטערן הארצן ניט געוואָלט לייזן קיין קלעפ.

2

ווינגדער איז געזעסן אפן זשוראוועל, אף וועלכן עס האָט זיך אמאָל דערוואָרגן דער באָבעס ציג, און געכראָמטשעט די יונגע ציבעלעס. די באָבע, די שטערנזעערן, פלעגט ניט פארמאָגן האלטן קיין בעהיימע, פלעגן בא איר קעסיידער זייַן ציגן. אָרעם זייַנען זיי שוין געווען, נאָר ציגן האָט מען נאָך געהאלטן. די לעצטע ציג איז געווען א גרויע, און נאָך אדהייַעם קאָן מען זיך ניט אָפלויבן פון דער ציגס כאָכמעס. די שכייניש פויערים פלעגן זי הארגענען, שלאָגן, וואָס זי הריזעט בא זיי ארום די קאָרע פון די ביימער. און אין בעסמעדרעש־הויף איז זי גאָר געווען א גאנצע מאכערן. זי פלעגט זיך אוועקלייגן אפן סאמע דורכגאנג, אז די אלטע ווייַבער זאָלן ניט קענען גיין דאוונען קיין מינכע. אָט דאָס איז טאקע געווען א ציג, שוין איינמאָל א ציג! צו קיין מאנצבלען טשעפעט זי זיך ניט, כאָטש גילט זי אָפ, און נאָר א ווייַבל, אז זי דערזעט, שטעלט זי איר אָן די הערנער. ווינגדער וואָלט מיט אזא ציג איצט אויך ניט פארפאלן געוואָרן, הא? ווינגדער געדענקט, ער איז נאָך דעמלט געווען גאָר א קליינער, אז די ציג איז פארקראָכן מיטן האלדז דאָ אינעם צווישן פונעם הויכן זשוראוועל, — א ציג זאָל זיך דיר אהער דערלאנגען, און זי איז געבליבן הענגען א דערוואָרגענע. עפשער אומיסטן, הא?

ער האָט לאנג פון דעם געטראכט.

ווינגדער האָט זיך אָנגעגעסן מיט ציבעלעס, די איבעריקע האָט ער אוועקגעוואָרפן פון זיך און האָט געקלערט, אז ס'איז אן אוולע, וואָס דער כיילעוו פון דער ציג, וועלכן מע האָט דענסטמאָל פארקויפט צו אלקאָנען האנעלעס אין דער הארבארניע אריַין, איז געווען ציגענער — ניט קיין פויגלשער. אָהאָ! ווען ער באקומט א שטיקל איבערגעפרעגלטן פויגלשן כיילעוו אָדער גרויסע צוויי ליכט פון פויגלשן כיילעוו, וואָלטן

די יינגלעך פון שטאָט אים שוין גוט מעקאַנע געווען! נישקאָשע, מיט אזא מין ליכט, אז מע גייט אַרײַן אין א מיטן באַנאַכט צו א פּאָרעץ אָדער אזוי צו א גוויר אין שטוב אַרײַן, קענסטו אַרויסטראָגן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און זיי וועלן שלאָפן, ווי די געהאַרגעטע.

ווייגדער האָט דערהערט, אז די טיר פון זייער פּאָדערהויז האָט א סקריפּע געטאָן, האָט ער א קוק געטאָן דורך א שפּאַלט און דערזען, אז מינטשיק גייט שוין ערגעץ. די מאַמע האָט זי שוין אַרויסגעפּראָוואַדיעט ערגעץ מיט א קריגעלע. איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון שטאַל, זי אָפּגעיאָגט, האָט הינטן־אַרום אַרויסגעריסן בא מינטשיקן דאָס קריגעלע פון האַנט און איז מיט דעם אַוועקגעלאָפן גלײַך צו האַנעלען אַלקאָנעס, די פינפטע שטוב פון זיי.

די לאַנגע פּריבע, די מאַמע זײַנע, איז אַרויסגעלאָפן מיט א שטעקן.

— ווייגדער, — האָט זי אויסגערופן, — א דאַרעניש דיר אין די פינגער! א צינדעניש אין די גדערים! דו וועסט אין שטוב ניט דערלעבן קומען, כירכעל, א רועך אין דײַן טרייפענער צורע אַרײַן!..

אָבער ווייגדער איז שוין געווען ניט ווײַט פון האַנעלעס טיר, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען גיין פּאַמעלעכער.

3

ווייגדער איז אַרײַן אין דעם לענגלעכיקן פּאָדערהויז. ביידע טירן, איינע, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן, און די צווייטע — אין קיך, זײַנען געווען זומערדיק צעעפנט. האָט ער פאַרקערעוועט צו דער קיך־טיר, און אפן שוועל איז ער געבליבן שטיין. האַנעלע איז פּונקט אַוועק אין הויף אַרײַן נאָך א ביסל קאָרע אָף אָנוואַרפן אין אויוון. אין קיך האָט זיך געשניטן טייג, די עלטערע טאָכטער האַנעלעס האָט אַקוראַט געגרייט די פּאָילעס פאַר די בעהיימעס וועגן. פון דער טיר, וואָס אין שטוב אַרײַן, האָט ער דערזען, ווי כאָנע האַנעלעס, וואָס דאַרף שוין באַלד באַרמיצווע ווערן, האָט זיך געוואָרגן מיטן דאַווענען.

ווי כאָנע האָט נאָר דערזען ווייגדערן דער שטערנזעערנס, האָט ער זיך דערפרייט און אינדערגיך א פרעג געטאָן, צי ער איז טאַקע נעכטן געגאַנגען מיט זעליקן טרייסלען באַרעלעך.

— ע, ס'הײַנט פּוסטע ביימער! — האָט אים ווינגדער געענטפערט. — נים וועט הײַנטיקס יאָר זײַן אָנגעשאָטן, אָבער אין באָרן דאַרף מען פאַרגעסן. דו וועסט הײַנט פירן דאָס פערד אַף דער פּאַשע?

— דו וועסט זײַן?

— וועט איינער היטן, און דער צווייטער וועט רײַסן.

כאָנע האָט איבערגעמישט א פּאָר בלעטלעך אין סידער, א קוק געטאָן אינגווייניק און דערנאָך אַף ווינגדערן. ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, און דערוויילע געטראַכט.

„די נים קערן נאָך זײַן גאָלע מילך", — האָט ער געוואָלט זאָגן, נאָר האנעלע, די מאמע זײַנע, איז אָנגעגאַנגען אַף די רייד.

כאָנע האָט זיך א כאַפּ געטאָן צום סידער, און ווינגדער האָט אָפּגעטראָטן אַף הינטערוויילעכס מיט זײַן קריגעלע אין קיך אַרײַן און איז געבליבן שטיין אין א ווינקעלע בא דער סאַמע טיר.

האנעלע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם בערעם קאָרע, זיך אויסגעדרייט צו דער מולטער לעם דער לאָקשנברעט און אינדערגיך גענומען איינס נאָך איינס אָנשנײַדן טייג אַף קיכלעך.

— כאָנע, דו האָסט שוין אָפּגעדאַוונט? וועסטו אוועקטראָגן דעם האָן צום שויכעט! ווינגדערקע, נאָך וואָס ביסטו געקומען?

ווינגדער האָט זיך צוגערוקט אַף די שפּיץ פינגער און א זאָג געטאָן קוים וואָס מע הערט:

— די מאמע האָט געבעטן לײַען א ביסעלע זויערמילך.

האנעלע האָט א קלער געטאָן א ביסל, צוגענומען בא אים פון האנט דאָס קריגעלע און זיך אָנגערופן צום עלטערן מיידל:

— פריידקע, עפּשער געטאָפּעטן קעז אים א ביסל אָנגיסן?

פריידקע, וואָס האָט פּונקט איבערגענומען בא דער מוטער די קיכלעך, זיי געלייגט אַף א בעקן און איבערגעשמירט מיט בוימל, האָט געענטפערט:

— גוט.

— טאָ לויף שוין צו, ווינגדערקע, עפּשער דו צום שויכעט, וועט עס אויסקומען גיכער... נא דיר דעם האָן, און אין הויף וועט דיר אַלקאָנע געבן צען גראָשן אַף שביטע־געלט.

4

וויגדער איז אוועקגעלאָפן מיט א געזונטן גאלאגאנסקן האָן אונטערן אָרעם צום גראָבן שוויכעט. דער האָן איז א באלן געווען א פּיק טאָן וויגדערן אין האנט ארײַן, האָט אים וויגדער געגעבן א ווארג, אז בא דעם האָן האָבן זיך פארגלעזט די באררייפלטע אייגעלעך און דער געוואָרגענער גאָרגל האָט זיך אזוי ווי אָנגערופן צו וויגדערן:

„אוי, מײַן פרײַנט, נאָך איין קוועטש אזא, פארשפּאָרן מיר שוין גיין מיט דיר צום שוויכעט...”

דאָס געסל, ווו וויגדער איז געגאנגען, איז באשטאנען מערער פון פּלויטן, ווי פון הײַזער, און אין סאמע מיט האָט זיך דאָס געסל א בייג געטאָן מיט זײַנע ביידע פּלויטן מיטאמאָל אַף רעכטס און דערנאָך צוריק מיטאמאָל אַף לינקס. אין דעם־אָ בייג איז געווען קעסיידער א גרויסער שאָטן, ווײַל פון איין זײַט זײַנען באַם סאמע פּלויט געווען צעוואָרפן אוליטעם ווײַנשלביימער און איבערן וועג, אנטקעגן, אזוי נאָענט, אז די צווײַגן האָבן זיך אָנגערירט איינע מיט דער אנדערער, זײַנען געווען מיקיטקע דעם באָנדערס עפּלביימער. אָט דאָ, אז א ייִנגל גייט זומערצײַט דורך, מעג ער זײַן דאָס ערלעכסטע און שטילסטע ייִנגל, מוז ער פארפּאמעלעכן די טריט, און דער קאָפּ פארײַסט זיך בא אים אליין פון זיך, און ער דארף שוין זײַן דער גרעסטער גיבער, אז ער זאָל זיך אײַנהאלטן און ניט א שטופּ טאָן די האנט צו א נידעריקער צווײַג־צו, אָדער ער זאָל ניט א קלעטער טאָן אַף איינעם פון די צוויי נידעריקע געפלאָכטענע פּלייטלעך.

אָבער וויגדער איז אן אנדערער, ווי אלע ייִנגלעך. וויגדער קוקט גיכער אראָפּ, ווי ארויף, צי ווײַל בא אים זײַנען די פיס א ביסל אויסגעבויגן, צי ווײַל ער האָט א נאטור קעסיידער געפינען זאכן, וואָרעם קיינער פון די ייִנגלעך געפינט ניט אזויפיל זאכן, ווי וויגדער דער שטערנזעערנס. און אויך איצט וואָלט קיין אנדער ייִנגל ניט דערזען, סארא גרויסער עפּל ס׳ליגט אונטער מיקיטעס צעוואקסענעם עפּלבוים, אין הויכן גראָז, אויסבאהאלטן דאפקע באַם סאמע פּלויט.

וויגדער האָט אנידערגעלייגט אַף א רעגע דעם האָן אין סאמע ווינקל, ווו דער פּלויט האָט זיך אויסגעבויגן. און מע דארף דאָ ניט מער, נאָר אָפּזוכן ערגעץ א קורץ שטעקעלע, אזוי שארט ער גלײַך ארויס

דעם עפּל. א גרויסע מעציָע ארויסשארן אן עפּל! ביפראט, אז דער עפּל איז אזא געזונטער. ווידער כאפּט נאָכאמאָל א קוק צום האָן און דרייט זיך אף איין אָרט מיט די אויגן צו דער ערד, און אזויווי אף צולאָכעם וואלגערט זיך אין ערגעץ ניט עפּעס א שמאטאָווע שטעקעלע אָדער א צווײַגעלע, איז ער געוואָרן אין קאס און גאָר אָפּגעבראָכן א שטיקל צווײַג פון דעם געפלאָכטענעם פּלויט צווישן די בײדע סעדער און גענומען שארן דעם עפּל.

דער דרויסן איז געווען נעפּלדיק, אָבער שטארק ווארעם. אין גראָז, צווישן פּלויט און בוים, איז אויך געוואקסן א סאך פויגלשער שטשאוועל. ווו־ניט־ווו האָבן זיך געוואלגערט אָפּגעפאלענע זויערע פלוימען. האָט זיך ווידער פארטאָן אין די אלע זאכן אזוי, אז ער האָט פארגעסן, אף וואָסער וועלט ער איז. דעם שטשאוועל עסט ער, די פלוימען צעקײַט ער און שפּײַט אוים. זיי זײַנען זייער זויער, אזש ביטער, און דער עפּל, כאָטש גיב אים א קרענק — וויל ער זיך ניט ארויסשארן. אלעמאָל פארקײַקלט ער זיך ניט אהין ווו מע דארף. פריָער איז ער זיך געלעגן און זיך פארהאלטן איבער אן אייבערשטן וואָרצל פון בוים, דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעקײַקלט אין א מין גריבעלע אזא, צווישן גראָז, און נעענטער־צו איז, ווײַזט אוים, א מוילוואָרף דאָ אומגעקראָכן, וואָרעם ער האָט איבערגעלאָזן איך וויים וועלכע שפּורן.

ס'זאָל כאָטש זײַן א רעכט שטיקל שטעקל.

פּלוצעם האָט עמעצנס א האָן זיך עפּעס צערעדט זייער אף א הויך קאָל. פון דער ערשטער רעגע האָט זיך ווידער אפילע ניט באדאכט, וואָס דאָס זאָל זײַן פאר א האָן אינמיטנדרינען. ס'האָט אָבער טאקע מער ניט געווערט, ווי איין אויגנבליק, ער זאָל זיך דערמאָנען, אז וואָס הייסט? — ער פאָלגט דאָך עפּעס האנעלען א גאנג און גייט צום שווּבעט קוילען א האָן. האָט ער מיט מוירע אופגעהויבן די אויגן און דערזען, אז מיקיטע דער אלטער מיט די גלאט פארקעמטע האָר, אזוי ווי בא א דיאק, האָט זיך אונטערגעגאנוועט ארום און ארום. ער קריכט שוין אריבערן פּלויט און גלײַך צום האָן. ווען ס'איז מיט איין רעגע פריָער, וואָלט דער האָן געווען בא ווידערן אין די הענט. נאָר די רעגע האָט ער דורכגעלאָזט — איז שוין דער האָן בא מיקיטען אין די הענט, און שיר־שיר אין איין האָר האָט נאָר דער אויער ווידערס אויך ניט געשטעקט צווישן מיקיטעס צוויי טאָבעק־פינגער.

דאָס ערשטע, וואָס ווינדער האָט באַדאַרפט טאָן, איז אַנטלויפן וואָס גיכער פונדאַנען. און עפשער האָט אים אַזוינס טאַקע אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרץ אויך. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער איז נאָר אָפּגע־שפּרונגען פון מיקיטען און אַרויסגעראַטעוועט אַף אַ רעגע דעם אויער. אַנטלויפן אָבער איז דאָ ניט געווען שײַעך. ווינדער איז ניט קיין נעגידיש ייִנגל, וואָס קאָן איבערלאָזן דעם פּויער אַ מאַשקן און זיך גיין פאַר עמעצן קלאָגן, מע זאָל אים אויסלייזן. ווינדער האָט זיך ניט פאַר ווע־מען צו קלאָגן. זינט דער טאַטע איז פאַרפאַלן געוואָרן אַף דער מיל־כאָמע, שטעלט ער זיך אײַן בא אים אין שטוב פאַר איטלעכן, פאַר אים אָבער איז ניטאָ ווער ס'זאָל זיך אײַנשטעלן.

— אָטדײַטע פּיוניאַ, — האָט ווינדער געמאַכט אַ האַלבן טראָט פאָרויס און זיך גענומען בעטן. — צע ניע מאָי פּיוועון, צע האַנטשין, אוי, באָזשעטשקאָ, האָב אַף מיר ראַכמאָנעס, — און ער לויפט אום הין און צוריק, אַזוי ווי ער וואָלט זײַן צוגעבונדן אַף אַ שטריקל, און וויינט.

מיקיטע איז עלטער פון ווינדערן אַף זיבן און פערציק יאָר. אָבער רייצן רייצט ער זיך מיט אים, אַזוי ווי מיט אַ גלײַכן.

— בודעש ליזטי ווּ טשוזשי האָראָד, — זאָגט ער, — האַ? בו־דעש? — און ער זאָגט, אַז דאָס איז נאָך גאָרניט: ער וועט אים נאָך ווען־ס'ניט־איז כאַפּן און גוט אויסשמײַסן מיט קראָפּעווע אַפן הוילן לײַב, דערנאָך וועט ער אים פאַרשפּאַרן מיט די כאַזיירים אין שטעלכל אַף אַ פּאָר נעכט און זאָל דער ייִדישער קאָהאָל מיטן בעסמעדרעש אים קומען אויסלייזן.

בא ווינדערן האָבן זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן. מיקיטע האָט געוווּסט, אַז די שטערנזעערן איז אַזאַ קאַפּצנטע, ווי ער, זי האָט ניט קיין אויפּעס אַף צו עסן, און מיט אַלקאָנען דעם האַרבער זיך קריגן האָט אים ניט געטויגט, האָט ער אים אָפּגעגעבן דעם האָן. ער האָט נאָר איניינוועגס צוגענאַרט ווינדערן צו זיך און אים טאַקע אָנגעדרייט מיט זײַנע טאַבעק־פינגער פאַרן לינקן אויער.

„אַ דאַרעניש אין די פינגער, אַ צינדעניש אין די געדערים", — האָט זיך.שוין ווינדער אינווייניק אין זיך אויסגעשאָלטן, און ער איז אַוועק אַ פאַרפּאַליעוועטער, נאָר שוין מיט אַ גרינג האַרץ, גלײַך צום שויכעט.

אַז ער איז געלאָפֿן צוריק פֿונעם שויכעט און שוין געהאַלטן דעם האָן פֿאַר די פֿיסלעך מיטן איבערגעקוילעטן, פֿאַרבלוטיקטן העלדזל אַראָפּ, האָט ער פֿונעם האָן ניט געקלערט. ער האָט זיך נאָר ווײַטער דערמאָנט אָן מיקיטען.

„אַ דאַרעניש אין די פֿינגער, — האָט ער זיך דערמאָנט, — אַ צינדעניש אין די געדערים. נישקאָשע, אַז ער וועט פּאַקן זײַנס אַ כאַזערל באַ זיך אויפֿן הויף, וועט עס שוין שלעפּן די פֿיסלעך...״

ווינגדער האָט ניט געטראַכט פֿון דעם האָן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט. ער האָט נאָר געדענקט, וויאַזוי דער עפּל איז פֿונדעסטוועגן געבליבן ליגן דאָרטן און ער, ווינגדער, האָט זיך נאָך פֿאַרן אָנבײַסן אַזוי אויסגעהאַנדלט. ס׳האָט אים אַזוי פֿאַרנומען אױף זיך אַליין פֿאַרן האַרצן, אַז נאָך איין רעגע וואָלט ער זיך איבעראַנײַם צעוויינט פֿאַר פֿאַרדראָס. איז אים אָנגעלאָפֿן אַנטקעגן דער שפּרעכערנס קלענער ייִנגל — זעליק.

5

— ווינגדער, — האָט זיך זעליק אָנגערופֿן מיט אַן אָנגעשטאָפּט מויל, — לאָמיר גיין הײַנט נאָך ניסלעך, גוט?

— גיי אַליין, אַז דו דאַרפֿסט! — האָט אים ווינגדער געענטפֿערט קימאַט מיט כּאַס. דערנאָך האָט ער איבערגעביטן דאָס קאָל און צוגע־געבן: — איך בין נאָך הײַנט ניט געגאַנגען נאָך קיין לאָמאַטשע. מאָרגן, אַז דו ווילסט, קענען מיר גיין.

— שאַבעס?

— נו, יאָ. איז וואָס? סע רײַסן ערלעכערע ייִנגלעך פֿון דיר שאַבעס. ווײַז נאָר, וואָס עסטו?

זעליק האָט צעעפֿנט די האַנט און באַוויזן אַ שטיקל צונויפֿגע־קוועטשט פּריש פּלעצל.

— גיב מיר אַ שטיקל.

— טאָ וואָס וועסטו מיר דערפֿאַר געבן?

— איך האָב אָנגעקוקט אַ בוים מיט עפּל באַ אַ שאָכן אין גאָרטן, יעדער עפּל איז אַזוי ווי צוויי קולעקעס די גרייס. — און ער האָט אויפֿגעהויבן די האַנט מיטן האָן, קעדיי צוטראָגן זי צו דער צווייטער

האנט און ווײַזן, וויאַזוי די עפּל זײַנען גרויס. — קום צו גיין מאַנטיק פאַרטאָג, נעם איך דיך אהינצו.

— וואָס עפּעס מאַנטיק?

— מאַנטיק פאָרן אוועק די באַלעבאַטים אפן יאַריד.

זעליק האָט ניט גערן און לאַנגזאַם דערלאַנגט ווינגדערן א שטיקל פּלעצל. ער האָט אים קעסיידער אויסגעפּרוּווט מיט די אויגן, צי דער שטערנזעער נאַרט אים ניט אָפּ, און ווינגדער האָט מיט כיישעק א ביס געטאָן א שטיקל וואַרעם ווייצן פּלעצל. אים איז מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן, און ער איז אוועקגעלאָפן מיטן געקוילעטן האָן אין האַרבאַרניע אַרײַן.

6

ווען ווינגדער איז דורכגעלאָפן פאַרבײַ זײַנע שטוב־פענצטער, האָט זיך נאָך בא זיי אַלץ ניט געהייצט. אים האָט פּלוצעם פאַרדראָסן אַף זיך, וואָס ער האָט שוין עפּעס געהאַט אין מויל און זיי קערן נאָך דאָרטן קרענקען הונגעריקע. האָט ער געגומען אַף זיך א נײדער, אז זאָל אים נאָר האנעלע געבן א ביסל מילכיקס מיט א פריש שטיקל ברויט, רירט ער עס ניט אָן און טראָגט עס אָפּ גלײַך אהיים. א קונץ, אז ער האָט זיך שוין הײַנט אָנגעפרעסן מיט ציבעלעס, מיט פּלעצל, מיט שטשאַוועל און מיט אַלע קרענקען. זיי האָבן דאָך נאָך אין זייער מויל ניט געהאַט. ווען ער האָט איבערגעשפּאַנט מיט די אײַנגעקנאָטענע בלאָטיקע פיסלעך האנעלעס קיך־שוועל, זײַנען שוין דאָרטן אונטערן טיש, אפן לײַסט אָנגעשפּאַרט, געשטאַנען צוויי בעקנס אויסגעבאַקענע קנישעס, זייער רייעך איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אייוורים. כאָנע האנעלעס איז געזעסן עפּעס א באַרויגעזער אין קיך אַף דער מילכיקער באַנק, האָט געטונקען די הייסע קנישעס אין קאַלטער סמעטענע אַרײַן, געגעסן אַף ביידע באַקן און אַף קיינעם ניט געקוקט. ווײַזט אויס, אז דער פּאָטער אָדער די מוטער האָבן אים פאַר עפּעס מעקײַעס־פּסאַק געוועזן. אין א ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען האנעלע מיטן מעלקשעפל אונטערן פאַרטעך.

— א, — זאָגט זי, — לאַנג לעבן זאָלסטו, ווינגדער, וואָס דו האָסט מיך געפאָלגט. מיט דעם־אָ פּוּווער מיטן געזונטן קאָן איך גאָרנישט אויספירן, אפילו פונדאַנען אהין.

האנעלע האָט זיך א דריי געטאָן מיטן צוגעדעקטן מעלקשעפל איבער דער קיך, אזוי ווי זי וואָלט פארגעסן, וואָס זי וויל טאָן, דערנאָך האָט זי אונטערגעשטעלט דאָס שעפל טיף אונטערן מילכיקן טאַפּטשאַן, פלינק אָפּגעזוכט ווינדערס קריגעלע, אריינגעגאָסן אהין א ביסל מאסלינקע און אָפּגעזוכט אין קוימען־שאפּקעלע א גרייפּעלע זאלץ און עס אהין אריינגעוואָרפן, ס׳זאָל ניט צושטיין צום מילכיקס קיין גוט־אויג.

— נא, — זאָגט זי, — דיר א ביסל מאסלינקע, קיין זויערמילך איז היינט ניטאָ. די בעהיימעס קומען הונגעריקע פון דער פּאַשע, מיט איבערגעפאלענע זייטן. זאָלסט זיך אריינכאפּן עפּעס זונטיק גאנצפרי, אז מירן דערלעבן, ווען מיר וועלן פּרעסן דעם קעז, וועסטו נאָך נעמען א ביסל סראָוועטקע אף באָרשטש.

ווינדער האָט פארשעמט, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, צוגענומען דאָס קריגעלע און איז געבליבן שטיין.

— וואָס זשע לויפסטו ניט אהיים, ווינדערקע? — האָט אים האַנעלע געפרעגט. א שרעק, ווי האנעלע האָט פיינט געהאט צו איבערזייען די מילך, בעשאס עמעצער איז דערביי געשטאנען. פאר ווינדערן איז עס שוין אויך קיין נייעס ניט געווען, ער ווייסט אפילע, אז דאָס, וואָס מע ווארפט אריין די גרייפּעלעך זאלץ אינעם מילכיקס, איז אויך קעגן איינהאָרע. אָבער ער האָט נאָך א שטיקל ארבעט געהאט אָפּצוטאָן, און זייער ניט קיין גרינגס.

ער איז צוגעגאנגען נעענטער צו האנעלעס טאַפּטשאַן, זיך ווייטער געשטעלט אף די שפּיץ פינגער און א זאָג געטאָן זייער שטיל:

— די מאמע האָט נאָך געבעטן, איר זאָלט לייען א שטיקל ברויט.

— ברויט?.. כאָנע, גיי נאָר, אין שפּייז־אלמער ליגט א שטיקל ברויט. שנייד אָפּ האלב און דערלאנג אהער. אז ניט, ברענג — וועל איך אליין.

און ווינדער איז אוועקגעלאָפן אהיים מיט ביידע זאכן. אים האָט זיך זייער געגלוסט א זופּ טאָן פון דעם קריגעלע און א ביס טאָן דאָס ברויט, באַטש דאָס שטיקל אָקרייעץ איז ניט געווען קיין פרישס, אָבער ער האָט דאָך א ניידער געגעבן, אז ער וועט זיך צו דעם ניט צורירן פריער פון זיי: „זיי קרענקען, נעבעך, דאָרט אלע אין דער היים הונגעריקע!...“

ווינדער איז ארוף אפן שוועל פון זייער הויזער, אויסגעבלאָזענער קיך. דורך דער שטוב־טיר האָט ער געקאָנט זען, ווי די מוטער איז געזעסן מיט ליידיקע הענט באם ליידיקן טיש און ס'איז איר, ווייזט אויס, געווען גוט ביטער אפן הארצן. כוץ איר, איז אין שטוב מער קיינער ניט געווען. אז זי האָט אים דערזען, האָט זי גענומען זוכן מיט די אויגן, טאָמער איז עפּעס לעם איר נאָענט פאראן אזעלכעס, מע זאָל קענען כירכלען א וואָרף טאָן אין קאָפּ אריין, אָבער כירכעל האָט זיך זייער גרינג אָנגעשטויסן אין וואָס דאָ גייט, האָט ער געכאַפּט און אנידערגעשטעלט אינמיטן שטוב אפן דיל דאָס עסן און איז פּייל־אויסן־בויגן ארויסגעלאָפן פון שטוב ארויס. ער האָט איר נאָר א הוקע געטאָן דורכן פענצטער, זי זאָל אים ארויסשטעלן דאָס וועגעלע מיטן שטריקל, וועט ער פאָרן נאָך לאָמאטשע.

— א דארעניש אין די פינגער! — האָט די מוטער אויסגעשריִען. — דו וועסט שוין אין שטוב ניט דערלעבן זייַן! — דאָך האָט זי זיך אָפּגעבראָכן א שטיקל ברויט, האָט א זופּ געטאָן פונעם קריגל די מאסלינקע, דערנאָך האָט זי אָפּגעגאָסן א ביסל אין א ווייַס פּאָרצעלייַען שיסעלע אריַין, פאר ווינדערס וועגן, האָט אים אָפּגעבראָכן א שטיקל ברויט און געעפנט אומיסטן צוליב אים דאָס פענצטער:

— גיי פרעס, קול! ווערעם זאָלן דיך פרעסן!..

דאָס האָט שוין ווינדער געוווּסט, אז די מאמע וועט זיך שוין ניט ווארפן שלאָגן. איז ער אופגעשטאנען פון דער ערד, האָט אויסגעריסן א שטיקל גראָז מיט די וואָרצלען אינײינעם, האָט עס מאנצבלש א שמיץ געטאָן רעכטס פון זיך און איז אוועק צו זייער נידעריק פענצטערל, זיך צוגעשטעלט צו דעם אף די קני און גענומען עסן...

— ער האָט שוין הײַנט געוויעט אויך, — האָט זיך די מוטער אָנגערופן און ניט געקוקט אין קיינעמס זײַט, — זיך מיסטאם געשלאָגן מיט יִינגלעך. ריבוינעשעלוילעם, זיי זאָלן אים כאָטש אראָפּדרייען די וויאזעס, וואָלט איך כאָטש וויסן, אז ס'איז דאָ א גאָט אף דער וועלט...

ווינדער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט שוין הײַנט טאקע געוויינט, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום וואָלאָסט־גאָרטן, טאָמער גייט ארום

מיקיטעס א כאזורל דאָ ערגעץ נאָענט, — וואָלט ער אַף דער פרישער שאָ זיך מיט אים א ביסל צעצאָלט.

אז ער האָט אָפּגעגעסן אָנבײַסן, איז ער ארײַן מײַסע באַלעבאָס אין פירהויז, האָט צעעפנט די ברייטע קאמער, ארויסגעשלעפּט זיך דאָס הילצערנע נידעריקע וועגעלע, האָט צוריק נאָך זיך פארמאכט די טירן און איז אוועק, ווי אלע טאָג, אַף די פאדריזקעס נאָך לאָמאטשע.

איצל קאטשקע און שמערעליכע די אלטע

1

איצל קאטשקע לייזט פעטש פון דער גראָבער גנעסיען זײַנער אלע טאָג, נאָר אונטערגעבן זיך האָט ער פײַנט. ווי ער באַווײַזט זיך נאָר אָפּרוקן פון איר כאָטש אַף וואָסערע צען טריט, זאָגט ער איר גלײַך ארײַן אַף זײַן צעראטשקעטער שטים:

— ה־ה־א רועך אין דײַן טאטנס טאטן, און פאָטער אלע זאכן!..

זייער רויִק זאָגט ער עס איר אָפּ און מיט פולער ווירדיקײַט.

אויך איצט האָט ער ניט באַוויזן אָפּדאַוונען און אויסטאָן דעם פאר־שמאָלצענעם גרויסן טאַלעס מיט די טפילן, ווי זי האָט אים צוגעשטופּט אין ווינקל צווישן דעם פאָדערצימער, ווו דעם שאָכנס, דעם קירזשנערס, היטלען הענגען, און צווישן דער הויז־טיר. דאָרט האָט זי אים אָנגע־קאדויטשעט מיט די גראָבע ווייכע קולאקעס, ווי די שטיקער טייג... עסן, האָט זי געזאָגט, וועט זי אים שוין געווים געבן א מאקע, און זאָל ער פאָרן וואָס גיכער נאָך לאָמאטשע, וואָרעם זי וועט ניט האָבן מיט וואָס צו פארוקן דעם טשאָלנט.

איצל האָט געקרעכטשעט אונטער אירע קלעפּ.

קרעכטשעט ער כּיעסדיק, דער אלטער איצל, און דערנאָך רוקט ער זיך אָפּ מיט זײַן נידעריק גרעבלעכן וווקס. באַם ארויספירן דאָס וועג־נעלע פון קאמער גאַנוועט ער אײַנגעוועגס ארויס א שטיק וואָרעמען פידפאלעק, פון שאבעסדיקן ציקאָריע־טאָפּ באַקומט ער ארויס א זשמע־

ניע פרישע שווארצע יאגעדעס. אין דער דייזשע וואסער טונקט ער אָפּ בײדע קולעקעס, ס'זאָל הייסן „זיך געוואשן צום עסן", און אז ער פּאָרט שוין צו ביזן וואָלאָסט, קערעוועט ער זיך צוריק אויס מיטן פּאָנעם צו זײַן שטוב און רופט זיך אָן, כאָכמענדיק און אזוי ווי אין דער וועלט אַרײַן:

— ה־ה־א רועך אין דײַן טאטנס טאטן!.. האָסטו געהערט א ביסל? און פּאָטער אלע זאכן!..

דערנאָך נעמט ער ערשט ארויס פון בוזעם דאָס פּלעצל מיט די יאגע־דעס און דערזעט אקוראט ווײגדערן דער שטערנזעערנס, ווי ער פּאָרט אויך נאָך לאָמאטשע.

— ווײגדער, — טוט ער א קרעכטשע מיט א כאמכע אײנײנעם, — ווארט אויס א ביסל.

און אז זיי גלײַכן זיך אויס, טוט אים ווײגדער אזוי ווי אומגערן א פרעג:

— רעב איצל, פארוואָס האָט עס אײַך גנעסיע אזוי מערדערלעך געשלאָגן?

איצל וויל אים זאָגן: „דו, זײַ ניט קיין אזעספּאָנעם!" — אָבער ער איז זיך מעיאשעוו, אז אים לוינט גאָר ניט זיך מיט ווײגדערן צו פאר־קריגן. ענטפערט ער אים גאָר:

— עהע, מע וואָלט מיינען, אז איך האָב זיך פאר איר שטארק דערשראָקן. זאָרג ניט, איך האָב איר אָפּגעצאָלט קייפל־קיפלאַיִם.

און בא איצלען איז נאָר די באָרד אלט פופציק יאָר, אליין איז ער שוין בא די זיבעציק. גראָוו איז ער גאָרניט, אָבער בייז, ווי אלע בייזע. זומער איז ער אלע יאָר אין זשיטאָמיר, ער גייט דאָרטן ארום איבער די הײַזער, און דעם ווינטער וואלגערט ער זיך איבער אין דער הײם. כוץ הײַנטיקס יאָר, ווײַל עס איז עפּעס געוואָרן ניט שטיל אף דער וועלט.

— זאָגט איר, אז איר האָט איר אָפּגעצאָלט, רעב איצל?

— וואָס דען, איך וועל איר שווײַגן? איך האָב איר שוין אײנמאָל געגעבן!

— וואָס זשע האָט איר אזוינס איר געגעבן?

— איך האָב איר געזאָגט! נו, ווי דען?! מוירע האָבן פאר אזא

קליפּע, פאר אזא מין שלאק? ה־ה־א־א רוען אין איר טאטנס טאטן... און פאָטער אלע זאכן!..

און איצל קאטשקען גלוסט זיך שוין זייער א ביס טאָן פון זײַן פּידפּאלעק, אָבער ער וואָלט זיך וועלן באגיין אָן שותּפים.

— וויגדער, — מאכט ער, — נא דיר אויך מײַן ווענגלע און פאָר, איך וועל זיך א קאפּעלע אָפּרוען.

— איך האָב צײַט, איך קאָן זיך צוזעצן, — ענטפערט וויגדער, ווי א מענטש, וואָס ניט אים נארט מען. און נאָך איידער עפּעס, טוט ער זיך גלײַך א זעץ אוועק מיט די פיסלעך אונטער זיך, טאקע דאָ־אָ, בא דער זײַט וועגן. דאָס ווענגלע האָט זיך אָפּגעקאטשעט נאָך א פאָר טריט און איז אויך געבליבן שטיין.

— דו האָסט שוין פארזוכט הײַנטיקס יאָר שווארצע יאגעדעס?

— יאָ, נאָר קיין פּלעצל האָב איך נאָך הײַנט ניט געגעסן. יאגעדעס האָבן מיר אליין אָנגעקליבן.

— אין וואלד?

— יאָ. מיר זײַנען געגאנגען מיט דער באלעגולטשיכע און מיט די מיידלעך.

— אהא? — און זעענדיק, אז ס'איז קיין אנדער ברייררע ניטאָ, האָט זיך איצל אײַנגעמאָסטעט לעבן זײַן ווענגלע אפן גרינעם גראָז, האָט ארויסגענומען פון בוזעם דעם שטיק פּידפּאלעק, א שטיקל האָט ער אָפּגעבראָכן און דערלאנגט וויגדערן.

וויגדער האָט פון יויצע וועגן געזאָגט: „א דאנק — אף וואָס?" און זיי האָבן ביידע זייער רויִק געקײַט.

— אין זשיטאָמיר, — האָט איצל א בורטשע געטאָן, — האָב איך, נישקאָשע, געגעסן א ביסל בעסערע עסעכצן. איך גיי דאָרטן ארײַן צום גרעסטן גוויר, זעצט מען מיך אוועק אף דער קיך און מע גיט מיר דאָרטן פון פויגל־מילך... הארכסטו? ווען ס'עפּנט זיך צוריק א וועלט, נעם איך דיך מיט קיין זשיטאָמיר. מיינסטו, סע בא מיר א באטרעף? איבער די הײַזער אומעטום, ווו איך גיי מיט דיר ארום, זאָג איך, אז דו ביסט מײַן אייניקל, און דאָרט וואָלט, נישקאָשע, געוואָרן פון דיר א מענטש.

דערהערט זשיטאָמיר, איז וויגדער געוואָרן ערנסטער. זשיטאָמיר איז דאָך דיר ניט אבי וואָס, דאָרטן קאָן מען זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

קוידעמקאָל וואָלט ער דאָרט באַשטעלט מינטשיקן פאר א דינסט, דערנאָך וואָלט ער זיך אַליין אַף עפּעס אַרופגעשלאָגן. און ווי ער שלאָגט זיך אַף עפּעס אַרויף, וואָלט ער זיך געקויפט א פערד, ער וואָלט באַוואָרנט די מאמע מיט א שטיקל צושטאַנד, זי זאָל זיך פאַרשפּאָרן קעסיידער שילטן. זי טוט עס ניט פאר ראָסקאָש.

2

ביידע וועגעלעך פול מיט לאָמאַטשע זײַנען שוין געפאָרן אַף צוריק־וועגס, ביידע פערדלעך, וואָס זײַנען אויך אַליין די פורמאַנעס — איצל קאַטשקע און ווייגדער דער שטערנזעערקעס, האָבן צוגעשטעלט די הענט צו די שטערנס און א קוק געטאָן צו דער זון. „פּאָ נאַסטאָיאַשטשאָמו" איז שוין צײַט געווען עסן וואַרמעס.

— ס'וועט זיך הײַנט הייצן די באָד? — האָט איצל, ווי אין דער וועלט אַרײַן, א פרעג געטאָן.

— מיסטאַמע יאָ, — האָט ווייגדער פונקט אַזוי געענטפערט, און מע האָט געשלעפּט די פולע פורלעך מיט לאָמאַטשע אַרויף־באַרג, איבער דעם שטיינערדיקן שליאַך.

ביידע זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק און פאַרנומען מיט די אייגענע געדאַנקען.

בא ווייגדערן זײַנען די רעדלעך פונעם וועגעלע געקאָוועט מיט אײַזן, טראַסקען זיי, און בא איצלען — קלאַפּן זיי אונטער טויבלעך. און אַזוי זײַנען זיי דערפאָרן ביז דער סאַמע שטוב.

אויסער די שטוביקע האָט ווייגדער נאָך געטראָפן אין שטוב די אַלטע שמערעליכען.

שמערעליכען די אַלטע, אַליין אַן אָרעמע, וואָס לעבט פון דער שטאָט, פלעגט מען א וואָך א וואָכעדיקע ניט זען און ניט הערן, כוץ פרײַטיק. פרײַטיק פלעגט זי ווערן איינע פון די אָנגעזעענסטע לײַט אין שטאָט. פרײַטיק פלעגט זי זיך פון צען־עלף אינדערפרי אַוועקלאָזן פון שטוב צו שטוב איבער דער שטאָט, ווו סע קאָכט זיך, ווו סע באַקט זיך, און ווו סע גרייט זיך אַף שאַבעס. דאָרט פלעגט זי קלײַבן פון פאַרטיקס, פון פאַרעווס, פון פליישיקס, פון געקאָכטס און געבאַקנס. געקליבן האָט

זי עם אף שאבעס און אף א גאנצער וואָך פון אירעטוועגן אליין און אויך פאר די איבעריקע אײַנגעשטעלטע קאפּצאָנימס וועגן.

זיך פלעגט זי נעמען ניט מער, ווי ס'האָט זיך אָנגענומען אף איר ביילעק, כאָטש אין שטאָט האָט מען גערעדט, אז אף טאכריכים האָט זי פונדעסטוועגן זיך אָפּגעשפּאָרט א קניפּל, עס ליגט בא איר אין קאסטן אײַנגעוויקלט אין א קנויל פּריאזשע.

אײצט האָט זי ווינדער געטראָפן בא זיי אין שטוב. די מאמע זײַנע, די שטערנזוערן, איז געשטאנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און די אלטע שמערעליכע האָט איר דערלאנגט דרײַ קליינע כאלעלעך פון פארשיידענע אויוונס, פון פארשיידענע קאָלירן און פארשיידענער גרעאָטנקײַט. פון א באזונדער טאָרבעלע האָט זי ארויסגענומען צוויי קליינע שטיקלעך פלייש. אף איינעם האָט זי געזאָגט: „שוין קאָשער" — און אפן צווייטן, וואָס זי האָט אָפּגעלייגט באזונדער, — אז מע דארף אים נאָך ווייקן און זאלצן. פאר ווינדערן איז עס ניט געווען קיין נײַס, ער האָט דאָס געזען אלע פרײַטיק. דאָך האָט פאר אים אלעמאָל אויסגעזען סוידעספּול איר זאק מיט די כאלעלעך און די קליינע טאָרבעלעך מיט „פּריוואַרעק". ווײַטער האָט זי גאָר געהאט א פּיצעלע טאָרבעלע, אזא בײַטל פון צײַג אופגענייט, — מיט גרייט געלט, מערסטנטייל קופּערנע דריבנע מאטבייעס. דער בײַטל איז בא איר געהאנגען אף א קנאָפּ פון איר קאָפּטע, און בא דער לינקער זײַט איז בא איר געהאנגען פארטשעפּעט פאר דער אייבערשטער לײַסט פון קליידל א הילצערנער סוקעוואַטער האטשיק מיט אלערליי ביילעוונע ליכט. דער שטערנזוערן האָט זי אויך אראָפּגענומען צוויי ליכטלעך אף שאבעס, און פונעם גרעבערן זאק האָט זי איר ארויסגענומען א האלבן אלטגעבאקענעם ברויט.

— געזונט זאָלט איר זײַן, — האָט איר די שטערנזוערן א זאָג געטאָן מיט א זיס, דין קעלכל, — לאנגע יאָרן זאָל אײַך גאָט געבן און א גוטע עלטער... עפּשער האָט איר נאָך א ביסל לאָקשן.. און איך וויל אײַך בעטן, איר זאָלט טאקע קיינמאָל פון קיין צאר ניט וויסן... עפּשער א צוואנציק גראָשן געלט? מײַנע „ווערעם" גייען אויס נאָך א שטיקל צוקער...

שמערעליכע, מיט די געשוואָלענע צוויי פיס און מיט די גרויע שטריקלעך אף די אופגעבלאָזענע פון שווארצן לעדער קאריקוזן, גיט א זיפץ אָפּ און ענטפערט:

— ניטאָ שוין די אמאָליקע קויכעס, — זאָגט זי. אלע אין שטוב זעען, ווי זי זוכט מיט די אויגן אן אָרט אױף זיך צוזעצן. — קיין געלט, נעשאָמע מײַנע, וועל איך דיר הײַנטיקס מאָל ניט געבן. איך האָב א סאך שלאָפּע הײַנטיקע וואָך און נאָך איינע א געווינערן אויך. א ביסל לאָקשן נא דיר, נאָר זײַ זײַנען מיט גרויפּן געמישט. וויאזוי איז מיטן יינגל? וואָלסט אים עפּשער אָפּגעגעבן צו א באַלמעלאָכע, עפּשער פאר א שוסטער אָדער פאר א שנײַדער?..

— צוליב וואָס, מײַן טײַערינקע, זאָלט איר זיך נאָך מאטריען זײַן און די צונג אײַנמידן. זאָלט איר אים אזוי אָנקוקן, ווי ס׳וויל גיין עפּעס טאָן. ביפראט, ס׳ניט אזעלכע יאָרן.

אזוי האָט די מוטער אָפּגעענטפערט.

ווייגדערן געפעלט די אלטע שמערעליכע ביז גאָר, און ער וואָלט שאָענוויײַז געשטאנען און געקוקט אױף אירע סוידעספּולע טאָרבעלעך, מיט וועלכע זי איז באהאנגען. ער האָט שוין אפילע געפּויעלט בא זיך, אז ער מוז איינמאָל פאר אלעמאָל ווערן כאווער מיט איר איניקל, מיט סאָרעלען. נאָר איצט, אז דער שמועס איז פארגאנגען וועגן אים, האָט ער א זעץ געטאָן מינטשיקן, פארוואָס זי האָט עס אזוי אויסגעסאלאָפּעט אױף שמערעליכען די אויגן, און אליין איז ער ארויסגע־שפּרונגען אין דרויסן. ער ווייסט, אז פאר קיין שוסטער גלוסט זיך אים טאקע ניט גיין, אָבער די מאמע זאָגט א ליגן, אז זי וויל אים באשטעלן. דעם עלטערן ברודער זײַנעם, אוורעמלען, וואָס די פּיאטע פון דעם רעכטן פוס איז בא אים ניט אזוי ווי א פּיאטע, נאָר אזוי ווי א כאלע, וואָס לויפט אויס פון דער פּאָרמע און פארבאקט זיך בא דער זײַט מיט אן אויסגעקײַלעכטיקטן האָרב, אוורעמלען האָט די מאמע שוין צוריק מיט דרײַ יאָר אָפּגעלאָזן קיין אמעריקע צום פעטער פאר א שנײַדער. וויל ער איר גאָרנישט ניט שיקן, און עפּשער האָט ער ניט וואָס אויך. ער קער שוין זײַן א בורדיוק פון א יאָר צוואנציק אוואדע. און ער, ווייגדער, טראָגט דאָך עפּעס, פונדעסטוועגן, ארײַן אין שטוב. אין מיל איז ער הײַנט ניט געגאנגען, ווײַל ס׳איז יאָמטעוו, — פאָרן די פּויערים ניט מאָלן, און מאָרגן וועט ער ווײַטער ניט גיין, וואָרעם, ווען ער גייט שאבעס אין מיל ארײַן, וואָלט ער שוין אויסגעזעצן. מע דאָרף מער ניט, ווי די שטאָט זאָל וויסן, אז ער ארבעט אום שאבעס. וועט ער ערשט גיין מאָנטיק. און אז ער ברענגט דאָס קאָפּ מעל אין שטוב ארײַן, איז

שוין די מאמע מיט אים נישקאָשע, א סאך בעסער. אָט־אָ באלד וועט זי זיך צעיאָגן אים אָפגעבן פאר א שוסטער... פאר א שוסטער דארף מען זיך דרייַ יאָר מוטשען און ניט פארדינען קיין קאָפעקע, נאָר פאר די קעסט.

שמערעליכע די אלטע האָט זיך אוועקגעשלעפט מיט די טאָרבעס און מיט די ליכט אפן האטשיק. איצל קאטשקע איז אף איר אין קאס, וואָס זי פארגייט צו זיי ניט, זאָגט ער, אז:

— נישקאָשע, ה־ה־א רועך אין איר טאטן! זי לייגט אריַין צו זיך אין קענדיך אריַין געגו־ע־ג.

ער זאָגט עס אָפ מיט זייַן צעראטשעטער שטים בא זיך פון גאנעק אראָפ, טאָמער וועט עס שמערעליכע דערהערן.

— נישקאָשע, — זאָגט ער, — אין א לייַטישער שטאָט פירט זיך ניט אזוי. אויב אָרעמעלייַט, זייַנען אלע אָרעמעלייַט! ניטאָ איינער „צאצא" און איינער „קאקא", ה־א רועך אין איר טאטן, און פאָטער אלע זאכן!

ווינגדער איז אריבערגעלאָפן דעם שליאך צו איצל קאטשקעס שטוב, אז איצל זאָל אים געבן די האק. איצל איז געווען עפעס אין קאס, און כאָטש מיט ווינגדערן האָט ער זיך ניט געוואָלט פארקריגן, פונדעסטוועגן האָט ער אים טאקע די האק ניט געוואָלט געבן.

— גיי, — זאָגט ער, — אין הארבארניע, דאָרט ליגט באם סטאמפ א העקל, וועלן זיי דיר געבן. מייַן האק האָט זיך אויסגעטעמפט. גלייב מיר, איך וואָלט דיר ניט געזשאלעוועט.

ווינגדער האָט געפאקט דאָס העקל און צעהאקט דאָס ביסל לאָמאטשע. דערנאָך איז ער אריַין אין שטוב, האָט א שמעק געטאָן ארום דער פאָליצע, וואָס איז א גאנץ קייַלעכדיק יאָר פוסט און הויל. אין אויוון האָט זיך אף לייַטיש שוין געלעכטער געהייצט, נאָר ס'איז שוין דאָס עמעסע הייצעכץ...

— אפן ברודער אף דייַנעם דאָרטן, ריבוינעשעלוילעם, זאָל אָנקומען, סאָנעציען, א לויפעניש און ס'זאָל אים גאָר ניט אופהערן. וואָס טשיפעסטו שוין דאָרט די בולקע, שטיקלעך זאָל מען פון דיר טשיפען!

ווינגדער האָט טאקע אָפגעקאלופעט א שטיקל פלעכטל פון א קוילעטשל. ער האָט זיך ניט געקאָנט איַינהאלטן צו ווארטן ביז אפדערנאכט. דערנאָך האָט ער אן עפן געטאָן די פראמוגע, איז דאָרט געשטאנען אין

א שיסעלע א שטיקעלע הערינג, אָפּגעקאָכט מיט קאַרטאָפל. דאָס האָט, ווײַזט אויס, מינטשיק פון ערגעץ געבראַכט צו טראָגן. די מוטער האָט ניט געזען, אָדער זי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, האָט ווידער אַף איין פוס א ביס געטאָן און איז אוועקגעלאָפן מיט די גערטענער, וואָס פון יענער זײַט האַרבאַרניע, און דורך דער ציגעלנע מיט די גריבער גלײַך אין באָד אַרײַן.

איצל קאַטשקע איז שוין אויך געגאַנגען מיט אן אייגענעם עמער און מיט א פרישן בערעזענע בעזעמל אונטער דער האַנט.

ער איז געגאַנגען, האָט געקרעכטשעט און גערעדט צו זיך אַליין, אז אין א לײַטישער שטאָט זײַנען אַלע אָרעמעלײַט אַלציינס, ה־א רועך אין איר פאָטער, זיך אין קענדיך ווייסט עס נאָר. און א שטאָט שווײַגט. אז יעדערער איז נאָר פאַר זיך!

אין באָד

ווידער און איצל קאַטשקע זײַנען די ערשטע בא דער באָד־טיר. פונדעסטוועגן מוזן זיי בלײַבן שטיין און א ביסעלע „צודאַרן" דערפאַר, וואָס זיי גייען ביידע מיט לײדיקע הענט, זיי האָבן ניט קיין באָד־געלט. ס'איז שוין ניט דער ערשטער פּרײַטיק אזוי. אָבער ביז יאַנקעוו־יאָסעף דער האַרבאַטער בעדער הייסט זיי ניט דורכגיין, גייען זיי ניט דורך. ווידער פלײַסט זיך, ער לויפט אונטער צום האַרבאַטנס אייניקל און טוט אים א פרעג: עפּשער האָלף אונטערטראָגן, אָדער וואָס?

מוישע־בונים, דעם האַרבאַטנס אייניקל, איז שוין א גאַנצער לײַט. ער ווייסט שוין, וויאַזוי צו הייצן א קעסל און וויאַזוי לאָזן היץ. און פאַרנאַכט, נאָך ליכט־בענטשן, מאַכט ער אַפילע ביטלעך פאַר די ווײַבער. דאָס קעסל איז אים סײַ ווינטער, סײַ זומער געל און האַרט געשווירן. זײַן זיידע איז דאָך אַליין א שערער. זײַן זיידע איז אי א שערער, אי א בעדער, אי א וואַסערפירער. און זײַן טאַטע, מוישע־בונימס, איז שוין גאָר אַלצדינג. ווידער קלערט אַפילע, אז וועגן פויגלשן כיילעוו קאָן מען זיך אויך דערוויסן נאָר בא מוישע־בונימס טאַטן.

מוישע־בונים איז אַרופגעקראָכן מײַסע העלד אַפן ברונעם און גע־נומען אָנציִען קאַלטע וואַסער און גיסן אין קאַרעטע, וואָס גייט דורך דער וואַנט און דורך דעם פירהויז און גלײַך אין באָד אַרײַן.

ווינדער איז צו אים צוגעגאנגען און זאָגט:

— מוישע־בונים, דער פּוּוער האָט איַיך שוין אָפּגעטראָטן דאָס בינטל היי?

— וואָסער פּוּוער? וואָסער היי?

— וואָס איך האָב פאַרפירט צו דיַין זיידן היַינטיקע וואָך. ער האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז ער וועט ברענגען פאַרן שערן א בינטל קאָנישינע.

ווינדער איז מעקאנע געווען מוישע־בונימען. מוישע־בונים האָט א גוט לעבן. ער פאָרט בא זיַין טאַטן אפן פערד, פירט ליים צו די באַלע־באטים אף אויוונס און הייצט די באָד. איבעראכטאָג דאָנערשטיק וועט זיַין אַן אָרעמער פאַרשפּיל, וועט ער שפּילן בא זיַין טאַטן אף דער באָמקע. ווען ער, ווינדער, קריגט פויגלשן כיילעוו און באַנעמט עפּעס א ריַיכן פאָרעץ, וואָלט ער זיך אויך צום סאַמע ערשטן געקויפט א פערד און וואָלט געפירט ליים איבער דער שטאָט. נישקאָשע, ער וואָלט שוין געהאט א סאך באהעלפערס אויך. די יינגלעך וואָלטן זיך צונויפגעלאָפן פון דער גאנצער שטאָט און וואָלטן זיך בא אים געבעטן, מע זאָל זיי לאָזן אָנטריַיבן. זיי וואָלטן אים אָנגעטראָגן פון אלדאָסגוטס... א דיַיגע אים א גרויסע, אז יאטן ווילן אזוי שטארק פאָרן, זאָלן זיי זיך א ביסל דורכפאָרן. נאָך זיי גיין זשאַלעווען אזא מין זאך!

איצל קאטשקע איז שוין געזעסן אף דער אייבערשטער באנק, האָט געקרעכצט און זיך געריבן מיטן גליטשיקן, צעפּארעטן בעזעמל דאָס נאקעטע בלויע ליַיב, איין אייוועך נאָכן צווייטן.

און ווינדער איז נאָך געשטאנען אינמיטן שוויצבאָד אָן א היטל. א היציקער אָטעם האָט באבלאָזן זיַין מאָגער ליַיב. די טריט האָבן זיך בא אים קעסיידער געקרימט אינווייניק אריַין.

— האסטראנאָס, שטשאָ טי סטאָיִש וויראטשיוושי אָטשי? — האָט אים איבערגעפרעגט האוורילקע פון אונטערן טיַיך. — פּאָשוקיַי נא, האסטראנאָס, וויניקא. קאזשי האָרבאטאָמו, שטשאָ פּרינעסו יעמו סינאָ. האָדי!

אלע פריַיטיק פּויעלט ער בא זיך, האוורילקע, אז דאָס קומענדיקע מאָל ברענגט ער דעם בעדער אומבאדינגט היי פארן פערדל אָדער האָלץ פאַר דער באָד. אלעמאָל זאָגט ער זיך צו, ער גיט זיך דאָס וואָרט, אָבער אז עס קומט צו עפּעס, איז ניטאָ גארניט. סיַידן יאנקעוו־יאָסעף אליין

זאָל צופאָרן צום שײַער, בעשאַס יענער מאַלויצעט, און זאָל אויסרײַסן מיט גוואַלד.

מוישע־בונים איז אַרײַן אין שוויצבאָד, אַרײַן אינעם אָנטאָן, מײַסע באַלעבאָס. ער האָט אופגעקליבן א פּאָר הילצערנע שעפלעך און זיך אומגעקוקט צו ווייגדערן:

— האָסט ניט קיין בעזעם?.. נאַ!

ווייגדער האָט גענומען בא אים דעם בעזעם און א זאָג געטאָן, אַז מאָרגן גייען זיי נאָך נים. כאָנע אַלקאָנעס וויל אויך גיין, זאָל מען אים נעמען?

מוישע־בונים האָט עפּעס א קלער געטאָן. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס קלערט ער פון דעם, וואָס ווייגדער האָט אים געזאָגט. צום סאָף האָט ער זיך אָנגערופן מיט א שמייכל:

— דו ווייסט, שטערנזעער, איך לערן זיך שוין אויך פאַר א שערער. הײַנטיקע וואָך האָב איך שוין אָפּגעשאָרן צוויי קליינע יאַטלעך. ביידע פון איין דאָרף.

— טאַקע?

— איך האָב זיי געמאַכט א ביסל טרעפּ, נאָר דער זיידע האָט געזאָגט, אַז איך וועל קענען, ס'איז בא מיר א גרינגע האַנט.

— און וואַלד אַרײַן נאָך האַלץ פאָרסטו שוין אויך אַליין?

— ווען דער טאַטע ווערט שלאָף אָדער ווען ער פאָרט אוועק ערגעץ ווײַט מיט די וועלעדניקער קלעזמער, וואָלט איך געפאָרן אַליין אויך. דו מיינסט, ס'איז א גרויסע מעציִע?..

יאַנקעוו־יאָסעף האָט א הוקע געטאָן דעם אייניקל, איז ער אוועקגע־לאָפן, און ווייגדער איז אַרופגעקראָכן אַף דער באַנק זיך שמײַסן.

נאָר אַז מייער דער בלינדער קומט, וועסטו שוין לאַנג אַף דער באַנק ניט אײַנזיצן. דער מייער, ווי ער איז בלינד, האָט ער ליב היץ, א סאַ־קאָנעס. ביז סע פאַרכאַפּט אים ניט דער אָטעם, וועט ער זיך ניט באַ־רויִקן.

איצל קאַטשקע איז אַף מייערן אויך אין קאַס. וואָרעם מייער, אַז ער וויל, קאָן ער זיך באַגיין אָן זשיטאָמיר אויך. אים גיט מען אומעטום, און ער איז דיר אַזאַ, אַז ער טרעפט אַליין איבער די הײַזער. אָן אַנדע־רער דאָרף א קינד זאָל אים פירן, א יִנגעלע אָדער א מיידעלע, און ער באַגייט זיך אָן איטלעכן. אים פירט דער שטעקן. אין באָד קומט ער

אויך אליין. און די באלעבאטים, אז זיי דערזועען אים, דערפרייען זיי זיך.

— א, — זאָגן זיי, — אז מייער איז דאָ, וועט שוין די היץ אים לויפן אנטקעגן.

איצל קאטשקע איז מיט פאמעלעכע טריט אראָפּגעקראָכן פון דער גליטשיקער באנק און גענומען בעטן בא א ייִנגל א ביסל פרישע וואַסער. דאָס ייִנגל איז געווען פּיַיטל דעם שניטקרעמערס אייניקל, „דאָס שויכעטל”. ער האָט איין מאָל געקוילעט אליין א הענדל מיט א שטיקל גלאָז, האָט מיט אים גערוישט די שטאָט, וויַיל די מאמע זיַינע האָט געמיינט, אז ער האָט געקוילעט דאָס הענדל בא אן עמעסן שויכעט, האָט זי עס אָפּגעקאָכט, דערנאָך האָט איר דער ראָוו טרייף געמאכט אלע קיילים.

איצט שטייט ער, „דאָס שויכעטל”, א קאפּאָרע אף אים, און רייצט זיך מיטן אלטן איצלען. נאָר א גווירישע קרענק קאָן זיך אזעלכס פאַרגינען.

איצל קאטשקע האָט זיך ניט געפוילט און אים אָפּגעזאָגט זיַין גע־ווינלעכן „ה־ה־א רועך אין דיַין מאמען מיט דעם זיידן, דעם גאָטס גאנעוו, האָסט געהערט א ביסל? ה־ה־א רועך אין דיַין טאטן, און פאָ־טער אלע זאכן!”

ווינדערן האָט בעפּירעש פארדראָסן, וואָס „דאָס שויכעטל” שטייט און רייצט זיך מיט אן אָרעמאן, איז ער אראָפּגעקראָכן און אָנגעגאָסן דעם אלטן א שעפל פרישע, קאלטע וואסער.

— רעב איצל, א, רעב איצל! — האָט ער אים א שטורכע געטאָן אין דער צעפּארעטער גלאנציקער פּלייצע. — נאט, אָט איז א ליידיק אָרט. וואשט זיך, וואשט, וויפל ס'וועט אין אַיַיך אריַין.

איצל האָט זיך אליין ניט געגלייבט, אז ער האָט אי אן אָרט, אי וואסער. אים האָט אלץ געארט, וואָס מייער דער בלינדער האָט זיך אזוי צעקאָמאנדעוועט דאָרטן אף דער סאמע אייבערשטער באנק — א גאנצער שטאָט־באלעבאָס.

די וויַיסלעך פון די בלינדע אויגן פאָרן בא אים ארום, און ער שריַיט מיט א פארגעניגנדיק קאָל:

— גוואלד, ייִדעלעך, — נאָך, נאָך! וואָס זשאלעוועט איר מיר א ביסעלע היץ?!

ווינגדער גליטשט זיך צווישן די נאקעטע לײַבער. בא איין ייִדן האָבן זיך די פּייעס צעפּאָרן איבערן גאנצן פּאָנעם, און ער רײַבט מיט א גרויסער צעריסענער שמאטע דעם רעכטן קליב, ער רײַבט מיט אזא אימפּעט, אז ס'איז א כידעש, וואָס ער טראָגט דאָרט די הויט ניט אראָפּ. און וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו דעם אייגענעם אָרט?

אָן־אָ איז כאָנע אויך געקומען מיט זײַן טאטן, מיט אלקאָנען האַ־נעלעם, זיי דרייען זיך ארום און זוכן א ראשקע. ווינגדער קלערט, אז בעסער אוועקגיין פונדאנען, וואָרעם אויב ניט, פּאסט ניט, ער זאָל האלטן בא זיך אי א בעזעם, אי א ראשקע און יענע זאָלן זוכן. אנדערע ייִדן פירן נאָך זיך נאָך צוויי־דרײַ ייִנגלעך מיטאמאָל. ווינגדער דערמאָנט זיך ווי דורך א כאָלעם, אז זײַן טאטע, איידער ער איז נאָך אוועק אַף דער מילכאָמע, פלעגט ער אלע פרײַטיק מיטנעמען אין באָד ארײַן אים און דעם עלטערן ברודער אוורעמלען מיטן פארקערטן פוס. ער פלעגט זייביידן וואשן און שמײַסן מיט א בעזעם אַף דער מיטלסדיקער באנק, און טאָמער פלעגט פארגיין ווינגדערן די זייף אין די אויגן, פלעגט דער טאטע ניט הערן אין דעם טומל, וואָס טראָגט זיך איבער דער שוויצבאָד, און פלעגט נאָר ליאַפּען אַף אים קילע וואסער פון דער שמאטע און א בורטשע טאָן פון מאָל צו מאָל:

— וואש, וואש זיך אָפּ פאר דער גאנצער וואָך.

— איין מאָל אין וואָך, — האָט ווינגדער צווישן טומל ווײַטער דער־הערט מייער דעם בלינדנס קאָל.

— איאָ, רעב מייער, — שרײַט צו אים אלקאָנע האנעלעם דער הארבארניק, — אזא באָד איז ווערט טויזנטער.

— וואָס רעדט איר וואָס, רעב אלקאָנע, מיליע־מיליאסן!

אָבער איטלעכן דערקענט ער, אָט דער מייער, ווער ס'זאָל אים ניט א רוף טאָן.

דערזען, אז איצל איז שוין אוועק אין מיקווע ארײַן, האָט ווינגדער אוועקגעלייגט זײַן באָד־געצײַג און איז אויך אוועקגעלאָפן אראָפּ די טרעפּ. אין מיקווע איז קיל א מעכײַע, נאָר שווימען קאָן מען דאָרט ניט. אפילע נעגידישע ייִנגלעך, אז זיי קאָמאנדעווען, דרייט מען זיי אויך אָן די אויערן.

* * *

אהיים איז ווינגדער געגאנגען דורך די גערטענער מיט פּאמעלעכע טריט. דאָס הויכע גראָז פארבייַ דער ציגעלניע האָט אים אזוי גענארט צו זיך: לייג זיך צו, רו זיך אָפּ, וואָס האָסטו קיין צייַט ניט? נאָר ווינ־דער האָט זיך פאָרט געצווינגן אהיים צו זייַן לאנגער רויטער באנק מיט דער פּאָרענטשע. און אים האָט זיך גערדאכט, אז אָט איז אלקאָנעס שטוב פול מיט אלדאָסגוטס. און אָט איז זייערע עפּשער אויך ניט ערגער.

א נייַער כאווער

1

מאָנטיק אינדערפרי איז ווינגדער אוועק מיטן זעקעלע אין מיל ארייַן. אין מויל האָט ער נאָך גאָרנישט געהאט, פון שמערעליכעס געבאקעכצן איז שוין גאָרניט געבליבן. אזויפיל אויסבעטעניש, אזויפיל גוטע בראָ־כעס, און אז סע קומט צום עסן — איז דאָ קאדאָכעס. דער אוילעם בא ווינגדערן אין שטוב איז נאָך געלעגן אין די בעטן, און ער, ווינגדער, איז שוין אוועק.

די מיל האָט גראָד א פּייַף געטאָן אף אָנהייבן מאָלן, און ווינגדער האָט פארגיכערט די טריט. ער איז געגאנגען צווישן ברויטן, וועלכע זייַנען שוין גרייט צום שנייַדן. ער ווייסט, וועמענס ברויטן דאָס זייַנען. ער קען יעדן שאָכנס שטיקל פעלד באזונדער. דאָס שטעגעלע פארפירט אים צום נייַעם פּלויט מיט די נייַע דרענגלעך. דאָס איז דאָך דעם מיל־נערס גאָרטן, וואָס איז אָפּגעצוימט פון הויף און פארגייט אהער מיט א שפּיץ. ווינגדער קריכט אריבער איבער איין פּלויט און איבערן צווייטן, און אָט איז ער שוין אין גרויסן מיל־הויף.

פון קוימען זעצט א געדיכטער רויך, און די ווענט פון דער מיל ציטערן אלע מאָל אוף, אזוי ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע. דאָס איז איבער די מילשטיינער אזוי. אָן־אָ אהין, העט לינקס, שטייט א גרויסע געראמע סטאניע פאר די צוויי ברענענדיקע אָגערס און פאר די בעהיי־

מעס, וואָס יעדערע שטייט צוגעבונדן מיט א רימען אפן האלדז. פונקט אנטקעגן דער סטאניע שטייט די שטוב — אהער מיט די טירן און מיט א גערטל פון פּאַרנט, און אינמיטן איבערן גערֿאמען הויף גייען זיך ארום פראנק־און־פריַי דעם מילנערס הינער, די גענדז און די גרויסע דיקע כאזיירים.

אין מיל איז ווײגדער א גאנצער באַלעבאָס. אז דער דײַטש גייט אוועק אין שטוב טרינקען טיי און דעם דײַטשס יִנגלעך זײַנען דאָ ניטאָ, וועגט ער אליין אָפּ דעם קאָרן און נעמט בא די פּויערים „פּאָמאָל". אז ס'פלעגט אים אָנגיין א פול מויל און א פולע נאָז מיט מעל־שטויב, פלעגט ער לויפן צום דײַטש אין שטוב אריַין. באם דײַטש איז די שטוב אזוי ווי צוויי שטיבער, ניט קיין גרויסע, און אינמיטן שטייט דאָס פּירהויז. אין קיך שטייען א סאך קריגעלעך מיט סמעטענע, וועלכע די דײַטשקע גיסט אויס אין פּאָמוינִיצע פאר דער בעהיימע. אז ווײגדער טרינקט זיך דאָ אָן מיט וואסער, רופט אים אמאָל די אלטע דײַטשקע ארײַן און גיט אים א שטיקל לאטקע, און ס'פאלט אים ארויס דאָס הארץ, טאָמער וועט אָנגיין א שטאָטישער ייִד, וואָרעם בא א דײַטש איז אויך טרייף. ער האָט אליין געזען, ווײגדער, ווי זיי עסן כאזער.

— שפּעק ווילסטו, ווײגדער? — האָט אים איינמאָל דער אלטער דײַטש געפרעגט, און ווײגדער האָט זיך צעלאכט און איז אנטלאָפן צו־ריק אין מיל ארײַן.

אין מיל האָט ער געטראָפן אזריליקן דעם בלינדנס. אזריליק איז געקומען אהער מיט א טאָרבעלע און וויל אויך נאָכטאָן ווײגדערן.

„שוין, ס'האָט זיך שוין אָפּגעזוכט א ניט קיין פארגינער, — טראכט ווײגדער. — עמעס, ער שטייט נאָך בא דער טיר און האָט מוירע א טראָט געבן ווײַטער".

ווײגדערן האָט גענומען קלאפּן דאָס הארץ און ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. „א דארעניש אין די פינגער, — האָט ער א קלער גע־טאָן. — קוק אים נאָר אָן, דעם בלינדן הונט, ער איז שוין געקומען איבערשלאָגן א צווייטן די ארבעט, קארג אים די דערפער, ווויִהין ער גייט ארום מיט זײַן טאטן".

ער האָט לאנג אָנגעקוקט אזריליקן, און אזריליק אים. און אז אן אנדער פּויער האָט פארשאָטן טווּע אין קאסטן ארײַן, איז ווײגדער אוועקגעלאָפן דער ערשטער אים ארײַנשארן די מעל אין זאק ארײַן.

אזריליק האָט זיך פּאַמעלעכן צוגערוקט צום צווייטן קאַסטן און גענו־מען שאַרן דעם צווייטן פּויער די גערשטענע מעל צו אים אין זאַק אַרײַן.

— בלינדיאַק! — האָט ווידער אויסגעשריִען מיט אַ פֿאַרשטיקטן קאָס.

— וואָס איז, שטערנעץ? איך טשעפּע דיך?

— רייד, רייד, וועל איך דיר באַלד געבן אין דער צורע אַרײַן!

— איך האָב זיך פֿאַר דיר שטאַרק דערשראָקן!

די פּויערים, וואָס האָבן פֿאַרייכערט איינער באַם צווייטן, האָבן עפּעס גערעדט פֿון דער מילכאָמע. אַז זיי האָבן דערזען, ווי דאָס פּאָרל קאָן זיך ניט אויסגלײַכן צווישן זיך, האָבן זיי אַ זאָג געטאָן און אַ ווײַז געטאָן מיט די פֿינגער: „באַטשיש, סטאַרעץ סטאַרצאַ נענאַווידיט”.

דערווײַל איז אין הויף, לעם שטאַל, געוואָרן עפּעס אַן אײַנגעלויף, מיט אַ גוואַלד, מיט אַ קוויטש. אַלע זײַנען אַוועקגעלאָפֿן אַהין. איז טאַקע אַן עמעס, אַז ס'האָט זיך געטראָפֿן אַן אומגליק. די דײַטשקע, די אַלטע, איז אונטערגעקראָכן אונטערן אָגער, זי האָט געוואָלט אַרויסשאַרן אַ ביסל מיסט, און יענער האָט איר דערלאַנגט אַ בריקע, איז זי גלײַך אומגעפאַלן אויף דער ערד, — אָן־אַ גיסט זיך באַ איר בלוט פֿון מויל. ווידער איז גלײַך אַוועקגעפֿלויגן דער ערשטער דורך די גערטענער אין שפּיטאָל אַרײַן רופֿן דעם פֿעלדשער, און דער יונגער דײַטש האָט מיט גרויס קאָס גענומען שלאָגן דעם אָגער. לעבן זשאַלאָב איז ער געשטאַנען צוגעבונדן, ניט ווײַט פֿון רויטן פֿערד, און דער באַלעבאָס האָט אים געשונדן מיט דער בײַטש, אַז ס'איז געווען אַ צאַר צו קוקן. איידער מע האָט זיך נאָך באַוויזן אַרומקוקן, איז שוין ווידער געווען צוריק מיטן פֿעלדשער. דער אַלטער מיטן יונגן דײַטש האָבן געשפּאַנט די פֿערד אויף זי אָפּפֿירן אין שפּיטאָל אַרײַן. דער אָגער איז געשטאַנען אין איין מוירע און זיך געטרייסלט.

ווידער האָט געקלערט, אַז אַזאַ פֿערד, ווי דעם גרויען, טאָר מען ניט האַלטן, ס'איז אַ סאַקאָנע צו האַלטן אַזאַ־אָ, און אים איז געווען אַ גרויס כידעש, וואָס מע פֿירט איצט די אַלטע דײַטשקע מיט דעם איינענעם פֿערד, וואָס האָט זי ערשט שיר ניט געהאַרגעט. דער אַלטער און יונגער דײַטש האָבן צווישן זיך קיין וואָרט ניט גערעדט. זיי זײַנען,

ווײַזט אויס, בײדע גענוען אין קאָפּ אײנער אפֿן אַנדערן, און טאַקע פּאַרן זעלבן פֿערד. ס׳איז דאָך אַ ווילדע כײַע!

דאָס מאָל איז ווײַגדער אַוועק אַהײם שטאַרק צעטראָגן. אַ פֿול האַרץ מיט קלעמעניש, און די טאָרבע קימאַט אַ לײדיקע. אַ קלאָרע זאַך, ס׳איז הײַנט אַ טאָג, וואָס ס׳גײט אים זײער שלעכט.

2

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאָפֿקײַט אין שטאָט.

אין אַלע הײַזער איז מען געווען שלאָף, און בײַ דער שטערנזעערן — קײנער ניט. ווײַגדער טראַכט בײַ זיך, אַז דאָס, וואָס בײַ זײ אין שטוב איז מען ניט שלאָף, איז גאָר קײן אוולע ניט, פֿאַר דערפֿאַר, וואָס בײַ זײ אין שטוב קוקט מען ניט אױף דער שטאָט. אַז די גאַנצע שטאָט באַקט קוילעטשן אױף שאַבעס, קויפֿט אַלדאָסגוטס אפֿן מאַרק, קומט זײ דען עפּעס אַרײַן דערפֿון?

אַפֿילע באַם דײַטש איז מען אויך געווען שלאָף. די פֿליג, זאָגט מען, האָט זײ אויך אַ ביס געטאָן. דערווײַל איז די מיל געשטאַנען.

ווײַגדער האָט אין גאַס באַגעגנט אַזריליקן.

— קום, — זאָגט ער צו אים.

— וווּהין?

— דו וועסט שוין זען וווּהין, — ענטפֿערט אים ווײַגדער און גײט באַלד צו, — אָט־אָ וועדיע, דער קרומער העגטלס, גײט אום איבער די דערפֿער און ברענגט פֿולע טאָרבעס מיט מעל.

— אין וועלכן דאָרף ווילסטו בעסער?

— אין רישקאָוו, דאָס איז ניט ווײַט.

— און איך וויל בעסער קײן טכאָרין.

און זײ זײַנען בײדע אַוועק, נאָך אַלײן ניט וויסנדיק וווּהין.

אַזריליק, אױף אים איז אַ כּידעש, וויאַזוי ער לעבט אױף דער וועלט.

— וויאַזוי ביסטו אַ לעבעדיקער מענטש? — פֿרעגט אים ווײַגדער. אַז פֿאַר אַלץ דערשרעקט ער זיך און בײגט אָן גלײַך אפֿן אָרט דעם קאָפּ. באַגעגנט ער אַ פּויערל פֿאַשען כּאַזײרים, איז דאָס ערשטע, וואָס ער טוט — לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ. באַגעגנט ער אַ הונט — אויך דאָס

איינגעגנט. — וויאזוי קאָנסטו זײַן א לעבעדיקער מענטש? — האַלט אים ווייגדער אין איין פרעגן.

נאָר אזריליק ענטפערט גאָרניט. ער גייט נאָר נאָך נאָך ווייגדערן און וואַרט, וואָס וועט ער ווײַטער זאָגן.

זיי זײַנען שוין אוועקגעגאַנגען ווײַט הינטער דער שטאָט. אין דרויסן איז שוין אָסיען, ווו־ניט־ווו פאָרט דורך א פארשפּעטיקטע פור מיט סנאָפּעס. אזריליק גיט א בייג מיט שרעק דעם קאָפּ און שאַרט זיך דורך פארבײַ דעם סאמע יאַר.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען ביז דעם בארנבוים.

— שוין, — זאָגט ווייגדער, — אָפּגעטרייסלט אלע בארן, נאָר אפן סאמע שפּיץ הענגען נאָך א פּאָר.

אזריליק קוקט אפן שפּיץ בוים, ווו סע זײַנען נאָך דאָ א ביסל באַר־לעך, און ווייגדער קוקט אראָפּ. אים האָט זיך איינמאָל געכאָלעמט, אז לעם דעם בוים האָבן צוויי פרעמדע ייִדן אויסגעגראָבן אן אויצער. ער, ווייגדער, האָט זיי געהאָלפן פונדאַנען טראָגן דאָס געלט. אמאָל איז דאָס געווען געלט, און אמאָל — עפּל, אזעלכע גרויסע, אזעלכע ווייכע, אז מאמעש בוימל גיסט זיך פון זיי. פאַר איין מאָל קאָן מען ניט פארנעמען, און אלע מאָל, אז ער דאַרף קומען צוריק, איז אים שווער צו טרעפן אהער דעם וועג.

אזריליקן איז נימעס געוואָרן צו שטיין, האָט ער זיך אנידערגעזעצט אונטערן בוים, די באָרוועסע פיס אונטער זיך. און ווייגדער שטייט אלץ און קוקט אראָפּ. צי דען זאָל טאַקע דאָ זײַן איינעמעסן אן אויצער? ווען ער ברענגט אף טשיקאַוועס א לאָפּעטע, וואָלט ער אפילע ניט וויסן, פון וועלכער זײַט מע הייבט אָן צו גראָבן.

— בלינדיוק, — גיט ווייגדער א זאָג.

— הא?

— דו האָסט עפּעס אמאָל געהערט וועגן אן אויצער?

— אוועלכן?

— וואָס הייסט אוועלכן? אזא, וואָס מע גראָבט אויס! גאַזלאָנים באַגראָבן אמאָל און טוען צו א קישעף, אז קיינער זאָל ניט קענען ארויסשלעפּן.

בא אזריליקן האָט זיך צעגאָסן א שמייכל איבערן גאנצן פּאָנעם.

— נו? — פרעגט אים ווייגדער איבער.

אָבער אזריליק קאָן אַף זיך ניט שטעלן. ער ווייסט עפּעס א מײַסע מיט זײַן זיידן. ניין, מיט זײַן זיידנס טאטן. ער איז ערשט פאראיאָרן אַף פּייסעך געשטאָרבן.

אָבער ווינדער האָט גענומען גיין ווײַטער, האָט זיך אזריליק אופגעהויבן און איז אויך אוועק נאָך אים.

באלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָרף.

אין ערשטן הויף, אז זיי זײַנען ארײַן, האָט אזריליק, ווי זײַן שטייגער, באלד אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט מוירע געהאט צו מאכן אן איבעריקן שפּאן. ער איז געבליבן הינטערן טויער, און ווינדער איז אוועק איינער אליין. טיף אין הויף האָט ווינדער געטראָפן גאָר אן אלטן פּויער אַף דער פּריזבע, מיט בלינדע רויטע אויגן, און א בייזער הונט, א שווארצער, איז אומגעגאנגען אַפן דראָט. דער הונט האָט זיך זייער בייז א וואָרף געטאָן, אָבער דער דראָט האָט אים א שלעפּ געטאָן אַף צוריק און זיך צעקלונגען איבערן גאנצן הויף. דער פּויער האָט שוין, ווײַזט אויס, ניט געקענט ריידן פאר אלטקײַט, און אלע איבעריקע זײַנען געווען ערגעץ אַפן פעלד, עפּשער בא דער הרעטשקע. ווינדער האָט א נעם געטאָן מיט מוירע די קליאמקע — די טיר איז געווען פארשפּארט.

— נו? — פרעגט אים אזריליק.

און ווינדער איז ניט צופרידן פונעם שלעכטן פּאָטשין, זאָגט ער:

— נוקען וועסטו אַף דײַן פערד, וואָס דו האָסט ניט.

אינעם צווייטן הויף האָבן זיי ניט געקאָנט דעם טויער אָפּשפּארן; אינעם דריטן — האָט זיי אן אלטע פּויערטע געפרעגט, פארוואָס האָבן זיי ניט געבראכט קיין שוועבעלעך, אזוי אומזיסט ווילן זיי אלצדינג. פונדעסטוועגן האָט זי זיי ארײַנגערופן אין פירהויז ארײַן, האָט אָנגענומען פון א באָדניע א ביסל קערנער קאָרענע.

— קיין מעל, — זאָגט זי, — איז נאָך ניטאָ. — און זי האָט אָנגעשאָטן ביידן אין די טאָרבעלעך צו זשמעניעס קאָרן.

— בעט בא איר א טרונק וואסער, — האָט אזריליק אים א שטורכע געטאָן.

— אָט זשידעניא, — האָט זיך די פּויערטע צעלאכט, — פּאָ נאַשעמו ניטשאָהאָ נע ראָזומיִע, — און זי האָט אָנגענומען אין אן ערדן קווערטעלע א ביסל וואסער.

— זווידקעליא צע ווי טאקי? — פרעגט זי זיי ווײַטער.

— איז מיסטא, — האָט ווינגדער געענטפערט, און זיי זײַנען אוועק.

די פֿויערטע האָט זיי נאָכגעשריִען, זיי זאָלן ברענגען ווען־עס־איז א פּעקעלע שוועבעלעך, וועט זי זיי נאָך עפּעס געבן.

אינמיטן דאָרף, לעבן דער יִדישער שטוב, האָבן זיי גענומען איינער דעם אנדערן שטופּן, ווער ס׳זאָל פֿריִער ארײַנגיין, ביז די יִדענע האָט זיי דערזען און ארויסגעשיקט מיט אירם א מיידעלע אן איי. דאָרט איז בא זיי דאָ א שטומער זון, א שוסטער איז ער. אז ער האָט דערזען די יִנגלעך, איז ער ארויסגעלאָפֿן אינעם פּארטעך זיך א ביסל אויסשמועסן.

אין טאָרבע ארײַן, ווײַזט ער, ווילט איר עפּעס, — און לאַכט. ווינטער, ווײַזט ער, אז ס׳וועט זיך טרייסלען א שניי, פּו־פּו־פּו, וועט בא די, וואָס טראָגן ציילעמלעך אפֿן האלדז, זײַן א — פּו־פּו! — א פּולער קאמער מיט ברויט. זאָלן זיי קומען ווינטער.

ווינגדער האָט אים געוויזן, אז ער וויל געבאקטן ברויט א שטיקל. האָט דער שוסטער גענומען שרײַען אף דעם מיידעלע מיט א קוויטש און איר עפּעס געוויזן. איז יענע אוועקגעלאָפֿן און האָט ארויסגעטראָגן א האלבן ברויט.

א גאנצן טאָג האָבן די יִנגלעך מער גאָרניט געקראָגן, ווי דאָס ביסל קערנער פֿון יענער פֿויערטע און דאָס שטיק ברויט מיטן איי. צו פֿאר־נאכט זײַנען זיי אוועק אהיים. אפֿן וועג האָבן זיי זיך צוריק אָפּגעשטעלט לעם דעם בארנבוים, זיך דאָרט צוגעזעצט און גענומען עסן דאָס ברויט מיטן איי.

— אײַ, שלעכט, ניטאָ קיין זאלץ, — האָט ווינגדער א זאָג געטאָן, און אזריליק האָט אף די רייד ארויסגעשלעפּט דאָס העמד פֿון די הויזן ארויס. דאָרט איז בא אים געווען אײַנגעבונדן א ביסעלע זאלץ מיט פּעטשינע. זײַן באָבע האָט אײַנגעבונדן זאלץ מיט פּעטשינע בא אלע אירע אייניקלעך, ס׳זאָל זיי ניט צושטיין קיין קישעף, ניט קיין בייז אויג. דאָס ביסל זאלץ האָבן זיי צעריבן מיט צוויי שטיינדעלעך און צוגעזאלצן דאָס רויע איי.

ווינגדער זאָגט — ער האָט כאראָטע, וואָס ער האָט ניט אָפּגעבאקן דאָס איי.

— וויִאזוי? — פרעגט אזריליק.

— אָט אַזוי, — זאָגט ווייגדער, — איך קאָן דיר מאַכן אַ פֿײַער איינס און צוויי. גיי ברענג לאָמאַטשע.

— לאָמיר אָפּעסן, — זאָגט אזריליק.

און ווייגדער קלאַפּט שוין מיט די שוועבעלעך אין פּושקעלע. ער האָט אַ נאַטור: קעסיידער האַלט ער בײַ זיך אַ פּאָר שוועבעלעך.

אָפּגעגעסן, האָבן זיי צונויפֿגעטראָגן אַ ביסל טרוקענע צווײַגן און צעלייגט אַ פֿײַער.

— גיי, — זאָגט ווייגדער, — און גראָב אָן אַ ביסל קאַרטאָפּל, אָן־אָ איז אַ פֿעלד.

אזריליק האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אַזוי ווי עמעצער וויל אים שלאָגן, און דערנאָך איז ער אָן וווּ־ערטער אַוועק. דאָס פֿעלד איז געווען אָט דאָ נאָענט לעם סאַמע יאַר, נאָר די ביימלעך האָבן עס פֿאַרשטעלט. דאָס פֿײַער האָט זיך צעברענט, די טרוקענע צווײַגן האָבן גענומען קנאַקן, און ווייגדער האָט זיך אויסגעלייגט בײַ דער זײַט מיטן פּאָנעם צום פֿײַער און מיט דער פּלייצע צום ווינט. אים האָט עפּעס גאָרניט אויסגעמאַכט, וואָס אין שטאָט זײַנען אַלע שלאָף און וואָס ער האָט הײַנט געהאַט אַ ליידיקן טאָג. עמעס, דאָס דאַרף איז ניט קיין געשעפֿט, דאָס האָט ער נאָר אַזוי אַ פּרווו געטאָן. נאָר פֿונעם פֿײַער האָט ער שוין גראָדע האַנאָע, ער וואָלט דאָ געקאָנט אָפּזיצן אַזוי די גאַנצע נאַכט. דאָס פֿײַער באַקט צוביסלעך אין פּאָנעם, די אויגן כאַפּן אַ טרער פֿונעם שטוביקן רויך, וואָס פֿאַרגאַנוועט זיך אין זיי, און ווייגדערן פֿאַלט אײַן אַ געדאַנק, אַז מע דאַרף זיך גאָר אָקאָרשט דורכגיין אַ ביסל צו לייזער־עליען דעם סטאַרעוועלעדניקער און אַ קוק טאָן אױף זײַן סאָד און זײַנע פֿעלדער. אײַ, וואָלט ער געהיט דעם סאָד און געטשאַטעוועט די פֿעלדער, ווען לייזער־עליע נעמט אים צו פֿאַר אַ באַטראַק! אַזוי צו קיין פּויער וויל ער ניט גיין, ווייגדער. מ׳האָט אים שוין אָנגעבעטן אַ סאַך מאָל אין מיל צווישן די פּויערים. ס׳מאַכט זיך אָן אַנדערער, וואָס האָט ניט קיין קינדער, זאָגט ער צו אים, צו ווייגדערן, ער זאָל גיין פֿאַר אַ פּאַסטעך, קיין כאַזער וועט ער אים ניט געבן, נאָר מילך מיט הרעטשענע קאָר־זשעס, ווי ער גיט דעם שוסטער.

וויל ער ניט גיין צו קיין פּויער, ער איז ניט געוווינט, ער האָט מוירע, נאָר צו לייזער־עליען וואָלט ער געגאַנגען.

דערוויַיל דערהערט ער, ווי מע לויפט. ס'איז אזריליק. באלד פון יענער זײַט פײַער איז שוין שטארק פינצטער. נאָר אז ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט, האָט ער דערזען, אז אזריליק לויפט אָן א היטל אין איין שרעק, אין טאָרבעלע עטלעכע קארטאָפל, קאלויצען זיי זיך בא אים, פונקט ווי דאָס הארץ אין ברוסטקאסטן.

— וואָס איז, אזריליק?

— עמעצער שטייט דאָרט צווישן די ביימער!.. איך האָב מוירע.

— און ווו איז דײַן היטל?

— זי איז דאָרט ערגעץ אראָפּגעפאלן, — און סע קלאפּט אים א צאָן אין א צאָן.

ווידער האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועק א קוק טאָן. צווישן די ביימער איז קיינער ניט געווען, נאָר עמעצנס א בעהיימע האָט זיך אומגעדרייט, א פארשפּעטיקטע.

— טויבער יאטש! — האָט ווידער אויסגעזידלט אזריליקן. — קום, נא דיר דײַן היטל. דו ווייסט, פאר וועמען דו האָסט זיך דערשראָקן? פאר א בעהיימע האָסטו זיך דערשראָקן!

— א בעהיימע? — האָט אזריליק אויסגעשנײַצט זײַן נאָז, און א שמייכל האָט פויל גענומען קריכן צו אים אפן פּאָנעם.

— א בעהיימע, — האָט זיך ווידער נאָכגעקרימט, — גיי מעלק אָן א ביסל מילך, וועלן מיר האָבן וועטשערע.

— איך האָב מוירע.

— פאר וועמען האָסטו מוירע?

— פאר קיינעם ניט...

און ווידער האָט גענומען דעם געבליבענעם שטיק ברויט, אויסגעדלובעט דאָס ווייכע און איז אוועק צו דער בעהיימע.

— מאנקא, מאנקא, — האָט ער זי אײַנגעקאשקעט און זיך אונטערגעזעצט מעלקן. ווידער קאָן ניט מעלקן קיין בעהיימע, ער האָט נאָר געזען, ווי בא די הארבארעס, די שכיינים, מעלקן זיך בעהיימעס. רייוועלע, די האָראָדעצער דינסט, מעלקט ווי א גרויסע, בא איר ווערט קיין איין טראָפּן ניט פארפאלן. און בא אים, בא ווידערן, שפּריצט זיך אוים מער ווי האלב אפן גראָז און אין די ארבל ארײַן. ער האָט אָנגעמאָלקן בא א גלאָז מילך און אליין אויסגעטרונקען. ער האָט ווײַטער אָנגעמאָלקן אזויפיל און אוועקגעטראָגן צום פײַער, פאר אזריליקס וועגן.

— גיי, — זאָגט ער, טרײַב דורך א ביסל די בעהיימע, מ'זאָל ניט דערקענען, אז מע האָט זי דאָ געציאפּעט.

די קארטאָפל האָבן די ייִנגלעך פארשארט אין פריסעק ארײַן, און ווייגדער האָט נאָך באקלערט א פרישן צאפּלדיקן מײַכל: פּראזשען קאָרן.

— ווי־אזוי? — פרעגט אזריליק און קאָן זיך ניט אָנכידעשן.

— אָט וועסטו זען ווי־אזוי, — און ער האָט גענומען מיט אזריליקן אָנגעקליבן עטלעכע שטיינדלעך, זיי אויסגעלייגט לעבן פײַער, פון אויבן האָבן זיי אוועקגעלייגט איין גרויסן שטיין, א גלאטן, און אף אים האָבן זיי אָנגעשאָטן די קערנער, זיי אָפּגעפּראזשעט און געגעסן.

— ס'איז אן עמעס, — פרעגט ווייגדער, — אז דײַן זיידע האָט גערעדט מיט שיידים?

— פונוואנען ווייסטו? — האָט אזריליק זיך צעשמייכלט. פון דעם האָט ער דאָך אים געוואָלט הײַנט באטאָג דערציילן, נאָר ער האָט ניט געוווּסט, ווי־אזוי אָנהייבן.

— פונוואנען איך ווייס? — זאָגט ווייגדער. — איך האָב געהערט, מע האָט דערציילט בא אלקאָנען אין הארבארניע. איך פארשטיי נאָר ניט, ווי־אזוי האָט דײַן זיידע געקאָנט ריידן מיט שיידים?

אזריליק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און גענומען דערציילן:

— מײַן זיידע, ניין, מײַן זיידנס טאטע, איז פאראיאָרן ערעוו פּייסעך געשטאָרבן. גאָר אמאָל, אז ער איז געווען א יונגער, פאָרט ער איינמאָל פון דאָרף באנאכט און פירט א וואָגן מיט שמאטעס. אזוי ווי ער פאָרט, באגעגנט ער א רויט מענטשעלע, מיט א קאפּעליוש און מיט א ווײדל.

— ווּהין פאָרסטו עס אזוי? — פרעגט ער דעם זיידן.

האָט זיך דער זיידע דערשראָקן אף טויט און זאָגט:

— איך פאָר קיין סירניצע. איך בין אליין א סירניצער.

— צוליב וואָס זשע טוסטו אזא נודנע ארבעט, ווי קלײַבן שמאטעס?

— גיב מיר א בעסערע פּארנאָסע, — זאָגט דער זיידע, — וועל איך ניט פירן קיין שמאטעס.

— איך קאָן מאכן, — זאָגט דאָס מענטשעלע, — זאָלסט בא מיר ארומגיין אין גאָלד.

דער זיידע נעמט טרײַבן דאָס פערדל גיכער, און דאָס מענטשעלע לויפט אים נאָך און זאָגט:

— ווילסטו בא מיר ארומגיין אין גאָלד?

— איך ווייס ניט, — ענטפערט דער זיידע, און ער וויל שוין גיכער אָנקומען צו די רישקאָווער טויערלעך, דאָרטן וואָלט ער זיך אָפּגעטשעפּעט פון אים. און א שמייס טאָן דעם שעד מיט דער בייטש האָט ער פונדעסטוועגן מוירע.

— נו?

— פארשרייב מיר נאָר אויף פּאפּיר מיט בלוט פון דיינע פינגער, אז נאָכן טויט ביסטו מיינער, וועסטו בא מיר ארומגיין אין גאָלד.

— נו?

— זאָגט אים דער זיידע: „איך טו גאָרניט אָן מיין אלטערס וויסן, איך וועל זיך פריִער אָנפרעגן בא איר", — און האָט קוים דערלעבט אריינפאָרן אין רישקאָווער טויערלעך. דאָרטן האָט דער שעד געגעבן א סווישטש און איז ניט געבליבן.

— נו?

— אין דער היים האָט דער זיידע איבערגעקוקט אלע מעזוזעס און האָט שוין געפירט מיט זיך קעסיידער א סידער אין קעשענע.

— גערעכט, — זאָגט ווייגדער, — פאר א סידער האָבן זיי מוירע, ווי פארן טויט.

זיי האָבן ארויסגעשארט די קארטאָפל און אופגעגעסן. זיי האָבן ניט געוווּסט, צי גיין אהיים, צי זיי זאָלן שוין דאָ גאָר איבערנעכטיקן.

— דערציייל נאָך, — האָט ווייגדער געבעטן בא אזריליקן, און ס'איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס אזריליק קאָן דערציילן מייסעס.

— פון דעם זיידן מאָוושן, צי פון דעם זיידן מייערן? — פרעגט אזריליק.

— נו, זאָל זיין פון דעם זיידן מאָוושן.

— ער איז שוין פאראיאָרן אויף פייסעך געשטאָרבן, — דערציילט ווייטער אזריליק, — נאָר אמאָל, אז ער איז געווען א יונגער, איז ער געווען זייער א שיינער. פאָרט ער איינמאָל באנאכט. ס'איז געווען א מאגייפע אויף בעהיימעס — זיינען געווען וואָלוול פעל, האָט איטשע דער הארבער, געווען אמאָל אן אלטער הארבער איטשע, האָט ער אים געגעבן געלט אויף אופקויפן פעל, איז ער געפאָרן פון די כוטערס איינמאָל באנאכט און פירט א פולן וואָגן מיט נאסע פעל, ערשט ס'באגעגנט אים

א פרוי זייער א שיינע און בעט זיך בא אים, ער זאָל זי נעמען אפן וואָגן, זי בלאָנדזשעט.

— דו וועסט זיך פארשטינקען לעם די געפייגערטע פעל, — זאָגט צו איר דער זיידע.

און די פרוי טײַנעט נאָר איינס:

— האָב ראַכמאָנעס. איך וויל ניט בלײַבן אליין אין וואלד, וועלף וועלן מיך באפאלן און גאזלאָנים וועלן מיך הארגענען.

דאָ איז דער זיידע געוואָרן אין קאס און זאָגט:

— אן עק, א סאָף, — זאָגט ער, — איך ווייס ניט, ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט. וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפעט?

— נו?

— נו, האָט זי אראָפּגענומען די גאָלדענע פינגערלעך פון די הענט און דאָס גאָלדענע קייטל פון האלדז און זאָגט: — נאט אײַך, פעטער, איינגאנצן מײַן גאָלד און מײַן צירונג און ראטעוועט מיך.

דער זיידע האָט געקוקט, געקוקט, און ס'האָט אים אָנגענומען א כיישעק צו אזויפיל גאָלד. „ע, — קלערט ער, — אז מ'גיט, דארף מען נעמען". און אזוי ווי ער האָט צוגענומען בא איר פון האנט דאָס גאָלד, אזוי איז דאָס פערד מיטאמאָל געבליבן שטיין. די רעדער זײַנען ארײַן ביז האלב אין דער ערד, און ער קאָן זיך שוין מער פון אָרט ניט רירן.

דער זיידע האָט דערזען אזא מײַסע, איז ער געוואָרן אף זיך גוט אין קאס. „אָט האָסטו דיר, אלטער פערד, — מאכט ער צו זיך אליין, — פונקט ווי איך האָב פריִער ניט געוווסט, אז ס'וועט אזוי זײַן".

— וואָס זשע ווילסטו פון מיר? — רופט ער זיך אָן דערנאָך צו דער פרוי.

— גאָרניט וויל איך ניט פון דיר, — ענטפערט זי אים, — דאָס איינציקע, וואָס איך וויל בעטן, איז, אז דו זאָלסט מיך ליב האָבן. דו ביסט זייער א שיינער... — און זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע ציגענע הענט.

— גענוג, — זאָגט ווינדער, — איך האָב מוירע.

און אזריליק איז אנשוויגן געוואָרן.

דאָס פײַער האָט אויסגעברענט, נאָר פריסעק איז געבליבן. און ווינ־דער מיט אזריליקן האָבן ניט געוווסט, צי זיי זאָלן זיך שוין אופהייבן פון אָרט.

— זאָג נאָר, אזריליק, — האָט זיך ווינגדער מיטאמאָל אָנגערופן און זיך שטארק פארטראכט, — און קיין ערלעכע שיידים זײַנען ניטאָ? וואָס באגעגענען זיך אמאָל מיט א מענטשן און שיטן אָפּ מיט גאָלד און מיט זילבער, עלעהיי שרעטעלעך?
אזריליק שווײַגט.
— אזריליק, דו האָסט שוין א קאלע? — האָט ווינגדער אומגעריכט אים א פרעג געטאָן.
— און דו?
— איך האָב שוין.
— ווען?
— שווער זיך, אז דו וועסט קיינעם ניט אויסזאָגן.
— כײַ אדעגוי!
און ווינגדער האָט דערציילט, אז ער האָט שוין דרײַ קאלעס, ניט איינע. צוויי ווייסן שוין א ביסעלע פון דעם, און איינע ווייסט נאָך ניט. און אז ער וועט אויסוואקסן, וועט ער נעמען איינע פון די דרײַ. נאָר וועלכע, ווייסט ער נאָך אליין ניט אקוראט...
א ווינטל האָט א שוהע געטאָן צווישן די ביימלעך. דער הימל איז געווען גרוי און קימאט אָן איין שטערן. דאָס פײַער האָט געטלײַעט און זיך באצויגן מיט ווײַסן אש. ווינגדער איז אפּן זעלבן אָרט אײַנגעשלאָפן א מידער. און אזריליק, א צונויפגעהויקערטער, איז געבליבן זיצן א פארקלערטער. פאר די אויגן פאר זײַנע האָט זיך נאָך געפלאָנטערט דער סאָף פון דער ניט־דערציילטער מײַסע...

כאשעלע די סטאראָוועלעדניקער איז גוט צו ווינגדערן

ווי\אזוי עסט עס אוף א שטאָט אזויפיל פרוכטן?
לייזער־עליע דער קרומער פון סטאראָוועלעדניק, אלעמאָל, ווען ער ברענגט קיין סירניצע א וואָגן מיט אויבס, מעג דער וואָגן זײַן פול ווי אן אויג, קערט ער זיך אום צוריק מיט ליידיקן.
הײַנטיקע וואָך האָט לייזער־עליע ווײַטער געבראכט א גאנצע פור אויבס — א האלבן וואָגן עפּל, און אין דער צווייטער העלפט, וואָס איז

איבערגעצוימט מיט שטרוי, זײַנען געווען: פלוימען, קליינע בארעלעך און רויטינקע ערעצי־ישׂראל־עפּעלעך.

קעסיידער קומט ער צו פאָרן, לייזער־עליע, מיט זײַן קלענער מיידל כאשעלע.

אַז לייזער־עליע מיט דער געלער באָרד הינקט אוועק איבער דער שטאָט ערגעץ מאָנען כויווּעס בײַ די באַלעבאַטים, אָדער וואָס, בלײַבט זי, כאשעלע, אליין אפן וואָגן, דאָס פערדל שטייט מיטן פּאָנעם צום וואָגן, עסט היי אָדער גרינע קאָנישינע. הינטערן סאמע קלויסטער שטייען זיי, ווו ס׳איז א שאָטן. אף אן אופגעהויבענער האָלאָבליע הענגען די וואָגשאָלן, און כאשעלע זיצט און באטראכט די וועלט. זי קײַט זיך א שטרוי, ווי א גרויסע, און קוקט ארוים אף קוינים. ווייגדער היט אונטער די שאָ, ווען דער פּאָטער אירער גייט אוועק, און שטעלט זיך אוועק ניט ווײַט פון וואָגן.

— זעסט? — רופט ער זיך אָן צו איר אין א קורצער ווײַלע ארום. — איך האָב א פּעטשאטקע.

— ווײַז נאָר, — זאָגט כאשעלע, — לאָמיר אָקאָרשט א קוק טאָן. טאקע אן עמעס?

— ניין, — זאָגט ער, — ס׳ניט אף מײַן נאָמען.

— פארוואָס?

— פארדערפאר, וואָס איך קאָן נאָך ניט שרײַבן. — און ער פאר־שעמט זיך. ער מיינט גאָר ניט, אַז זי זאָל אים געבן אן עפּל, ער שטייט זיך עפּעס גלאט אזוי. ער וואָלט וועלן זיצן מיט איר אפן וואָגן און אראָפּטרײַבן פון זייער פערד די פליגן.

ער האָט ליב זייער פערד. ער וואָלט עס דערקענט פאר א ווערסט. א רויט פערדל מיט ווײַסע גרויסע לאטעס אפן בויך און אף די זײַטן.

— פארוואָס קאָנסטו ניט שרײַבן? — זאָגט זי. — מײַן ברודערל כאַים־וועלוול קאָן נאָך אויך ניט שרײַבן. בײַ אונדז איז פאראיאָרן דאפקע געווען א לערער אין דאָרף, אָבער וואָס קאָן מען מיט מײַן ברודערל טאָן, אַז ער וויל ניט לערנען.

— און דו?

— איך וויל אויך ניט. איך פלעג עסן לאטקעלעך פון מארך, אַז איך בין געווען א קליינע, איז בײַ מיר געוואָרן א גראָבער קאָפּ צו לערנען.

ווינדער ווייסט, אז ער וואָלט איצט ניט געדאַרפט פאַרברענגען מיט כאַשעלען לעם זייער וואָגן. די מאַמע האָט דאָך אים געשיקט נאָך עפּעס אין מאַרק אַרײַן. אין שטוב איז גאָרנישט ניטאָ, פאַראַן אַ לעק קאָרענע מעל, איז עס ניט אַהער, ניט אַהין. איצטער איז ער הונגעריק, און זיי זײַנען הונגעריק, אָבער עס ווילט זיך אים פונדאַנען ניט אַוועק.

פון די ביימער פונעם קלויסטער־הויף שלאָגט עפּעס אַ וואַרעמקייט, און ביידע זײַנען אַף אַ ווײַלע שטיל געבליבן.

פלוצעם האָט כאַשעלע זיך אָנגערופן:

— דײַן עלטערער ברודער זיצט טאַקע אין אַמעריקע?

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— איך ווייס.

ווינדער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איר נאָך אַנומלט אַליין דערציילט פון זײַן ברודער.

— מײַן טאַטע, — זאָגט כאַשעלע, — האָט אויך געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט אים די מומע ניט געלאָזט.

— דײַן טאַטנס שוועסטער?

— ניין, מײַן שטיפמאַמע. זי קומט מיר אויס אַ ביסל אַ מומע אויך.

— זע נאָר, איך האָב גאָרניט געוווּסט.

ווינדערן האָט אַזש אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, און ער האָט זי אָנגעקוקט מיט צעעפנטע אויגן.

— זי איז גוט צו דיר?

— ווער?

— די מומע, וואָס דו זאָגסט.

— זע נאָר, — זאָגט זי, — צו ווּעמען זשע וועט זי זײַן גוט, אַז ניט צו מיר? זי איז דאָך דער מאַמעס אָלעוואַשאָלעם אַן אייגענע שוועסטער. וואָס זאָגט איר עפּעס אַף אים?!

ווינדער האָט זיך פאַרשעמט און איבערגעפירט דעם שמועס אַף עפּעס אַנדערש.

— און אַ מײַל איז בא אײַך דאָ?

— צוויי מילן זײַנען בא אונדז דאָ, וויטראַקעס. אַן אַלטער און אַ נײַער.

ניט דאָס האָט ער געפרעגט, ווינדער.

— א פּאַראָווע מיל? — פרעגט ער.

— יאָ, יאָ, א פּאַראָווע אויך, — זאָגט כאשעלע. — פאר דרײַ ווערסט האָט דער פּאָרעץ אויסגעבויט א מיל פאר געבײַטלטער מעל מיט לעקטריקע און מיט אלע זאכן.

— נא דיר א פּאָר פלוימען, — זאָגט צו אים כאשעלע, — באהאלט, אָן־אָ גייט דער טאטע.

— איך וויל ניט, — האָט וויגדער זיך פארשעמט און פונדעסטוועגן זיך ניט אײַנגעהאלטן און צוגענומען בא איר פון האנט א זשמעניע פלוימען, א באר מיט אן עפּל. ארײַנגעלייגט דאָס ביסל גוטס אין די קעשענעס און אוועק פון וואָגן אָן א ריכטונג, אזוי ווי אין ערגעץ ניט, ניט אף רעכטס און ניט אף לינקס.

לייזער־עליע איז אָנגעגאנגען וויגדערן אנטקעגן. וויגדער האָט אים אויך ליב. בא אים איז א ווייכע באָרד. וויגדער דערמאָנט זיך, אז איינ־מאָל האָט ער זיך אונטערגעגאנוועט אפן וויהאָן, בעשאס לייזער־עליע האָט שוין אף צוריקוועגס זיך אָפּגעשטעלט פאשען דאָס פערד און אליין איז ער אונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן און איז אנשלאָפן געוואָרן אין שאָטן. וויגדער האָט זיך אומיסטן צוגעקוקט, צי זײַנען די פיס בא אים ווירקלעך ניט איין לענג. קאָן מען דאָך מיינען, אז דער קרומער פוס איז אף א סאך קירצער. אויך ניט. דאָרט איז נאָר דער טראָט אין די פינגער א ביסל אויסגעצויגן. דערנאָך האָט זיך וויגדער אײַנגעשטעלט און א קוק געטאָן אים אין פּאָנעם. האָט ער געזען, אז אלעמאָל טוט ער א בלאָז דורכן מויל און סאָפּעט ווײַטער, טוט א בלאָז דורכן מויל פארבײַ די געלע וואָנצעס און שלאָפט זיך אזוי געשמאַק. דענסטמאָל איז ער געפאָרן אליין, אָן קיינעם. און עפשער איז דאָס ייִנגל זײַנס כאַים־וועלוול אומגעלאָפן איבער דער שטאָט מאָגען כוויועס צווישן די באלעבאטים? איצט האָט זיך וויגדער מיטאמאָל פארטראכט, פארוואָס פירט ער עס, לייזער־עליע, זומער אויבס און ווינטער — פּאַלאָווע? אלע ווינטער ברענגט ער אהער א וואָגן מיט פולע אָנגעשטאָפּטע זעק פּאָלאָווע. דאָס איז א סימען, אז לייזער־עליע דער סטאראָוועלעדניקער דינגט באם פּאָרעץ ערד און ער האָט אלצדינג: אי פעלדער, אי פאשע, אי סעדער, און אליץ, וואָס מע דאַרף.

אך, ווען ער קאָן זיך אהינצו באשטעלן אף ארבעט! כאשעלע וואָלט אלעמאָל ארויסגעגאנגען צו אים און אים עפּעס געפרעגט.

ראָשעשאָנע באטאָג

ראָשעשאָנע נאָכן שפּעטיקן ווארמעס זײַנען זיך די ייִנגלעך צונויפגעקומען אין מיקיטעס געסל טרייסלען בא פראָסיען אפן גאָרטן דעם גרויסן בארנבוים. פראָסיע אליין האָט כאסענע געהאט און ווינט פון יענער זײַט טײַך, אזוי אז אהער קומט זי זעלטן. און ביפראט נאָך, אז פון גאָרטן איז אלץ קימאט אראָפּגענומען. פון די גערטענער, אז מע נעמט אלץ אראָפּ, קומען זיי דאָך אוים אזוי ווי העפקערדיקע. און דער בארנבוים איז א ראָסנער און ברייטער, עפשער איינער אין שטאָט. ער איז ענלעך אפן סטארשינא, וואָס אליין ווינט ער אין בעהון און אהער אין וואָלאָסט קומט ער נאָר אף ליגן זײַן פּעטשאט. א קוק טאָן אפן סטארשינא, מוז מען זיך דערמאָנען אינעם בוים, און א קוק טאָן אפן בוים, איז דער סטארשינא פאר די אויגן.

איצט האָבן די ייִנגלעך זיך דאָ אויסגעזעצט אפן געלן גראָז.

יוינע די ליפּ און דעם אײַנבינדערס ייִנגל האָבן זיך פארוועט, ווער וועט פריִער ארופקריכן אפן בוים.

— קריכט בעסער ניט, — מישט זיך ארײַן מוישע־בונים דעם בעדערס, — איך האָב ערשט נעכטן געזען, ווי מע האָט געבראכט צום פעלדשער א ייִנגל, פון א דאָרף האָט מען אים געבראכט. ער איז אראָפּגעפאלן פון א בוים און זיך צעריסן דעם גאנצן בויך.

— כ־ור־ע, — האָט יוינע די ליפּ געענטפערט און גענומען אראָפּווארפן פון זיך דאָס שאבעסדיקע פּידזשאקל. אליין איז ער א קורצער און אף אלץ זאָגט ער: כ־ור־ע.

— מע דארף נאָר וויסן, ווי צו קריכן, — האָט ווידער זיך אָנגערופן, — און דאָס איבעריקע איז שוין גאָרניט.

— ריכטיק, — האָט נאָכעם דעם אײַנבינדערס געענטפערט. און ס'איז טאקע געגאנגען אלץ ווי עס באדארף צו זײַן.

אָנגעטרייסלט א סאך בארעלעך, זעצן זיך אוים די ייִנגלעך אפן גראָז און נעמען זיך טיילן מיטן גוטס.

— איר ווייסט, ייִנגלעך, — רופט זיך אָן אינמיטנדערינען יוינע די ליפּ, — פון וואָס כאַים־כאָנע דער אלטער פארדינט געלט?

— פון וואָס?

— פון געפּייגערטע פערד.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט! ער קויפט אויף א סאך אלטע פערד, וואָס האלטן שוין באם פייגערן, און ער טרייבט זיי צונויף אין הרישקעס שטאל, וואָס אָנעם דאך, דאָרטן הינטער דער האָנטשארניע. קיין עסן גיט ער זיי ניט, גייען זיי ארום אזוי לאנג, ביז זיי צעפייגערן.

— ס'א ליגן, — זאָגט ווינדער, — ער פארציט זיי מיט א שטריק דעם האלדז, פייגערן זיי בא אים אָדראזע.

מוישע־בונים ווייסט אָבער בעסער פון אלעמען:

— וואָס דרייט איר דאָרט א היטל. איך ווייס דאָך אקוראט, וואָס ער טוט: ער פירט זיי צו צו א גרוב, פארבינדט זיי די אויגן מיט א שמאטע און צעיאָגט זיי גלייך אין גרוב אריין.

— א כאָליערע אף זיינע ביינער! — האָט יווינע די ליפּ אויסגע־שאָלטן מיט קאַס.

— וואָס איז, א מענטש איז דאָס? — האָט זיך מוישע־בונים ווייטער אָנגערופן. — ס'איז א הונט מיט אויערן, א היצעל, א רוציייעך! אָן־אָ האָב איך געזען בא אים פאשען זיך שוין עפּשער צוועלף אלטע פערד אינעם פוסטן הויף, ניט ווייט פון מיל.

— ווייסט איר גאָר וואָס, כעוורע? — האָט ווינדער אופגעגעבן, — קומט, וועלן מיר זיי שוין ארויסלאָזן פון דאָרטן.

אזריליקן געפעלט עס, נאָר ער שווייגט.

אלע יינגלעך האָבן זיך אופגעהויבן און זיינען אוועק אף דער מיל־גאַס, צום סאמע עק, אהין, ווו ס'איז געשטאנען דער פוסטער הויף מיט דער כורווע.

כאַים־כאָנען מיטן בלינדן אויג און מיט די הויכע אויסגעבויגענע פּלייצעס האָבן זיי באגעגנט גיין פון דאָרט מיט די הענט פארלייגט פון הינטן, מיט נאסע אָפענע ליפּן איבער דער קאָזינער באָרד און מיט דער רויטער פאטשיילע ארום האלדז פארבונדן. די יינגלעך האָבן אלע אזוי ווי א ציטער געטאָן. וואָס וועלן זיי טאָן, טאָמער שטויסט ער זיך אָן, וווהין זיי גייען? ער האָט זיך אָבער אף זיי ניט אומגעקוקט, און זיי זיינען אוועק ווייטער. געקומען צום הויף, האָבן זיי געטראָפן ניט קיין צוועלף פערד, נאָר איינעם א ווייסן, „מאָשיעך", א גרויסן און זייער א מאָגערן. ער איז ארומגעגאנגען א פארטשאדעטער, ווי א גרויסע פליג

אין שפּעטן האַרבסט, און האָט זיך געפּוילט אפילע אָנבייגן און אָפּטשי־פּען א גרעזל.

די ייִנגלעך האָבן אַף אים זייער ראַכמאָנעס געהאַט. א שטומע צונג! נאָך הײַנט באַנאַכט וועט אים דער גאַזלען אָפּטאָן די רעכט.

— אַזאַ פערד, — זאָגט נאָכעם דער אײַנבינדער, — קאָן נאָך לעבן עפּשער צוועלף יאָר.

— א פערד לעבט אינגאַנצן ניט קיין צוועלף יאָר.

— אוי, שפּרעכער פּאַסקודנער, — האָט זיך מוישע־בונים דער קאָ־האָלשער מענטש אָנגעבייזערט. — מײַן זיידע האָט פּאַראַיאָרן אויסגע־ביטן דאָס רויטע פערד, איז עס אַלט געווען איין און צוואַנציק יאָר נאָך מיט א סמיטשעק. — און ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום פערד אַף מעווינעס קוקן אים אין די ציין אַרײַן.

דאָס פערד האָט פאַרלייגט די אויערן און אופגעהויבן דעם קאָפּ. איז שוין ווידער געוואָרן אַף אים אין קאַס:

— שאַ, דו סקאָטינע פּאַרשיווע, מיר גייען דיך „ביקער־כוילים” זײַן, און ער איז נאָך באַ זיך א גאַנצער לײַט. וויאָ! — און א טראַסק מיט דעם שטעקן.

דאָס פערד האָט עפּעס מאָדנע אונטערגעהויבן די הינטערשטע פיס און האָט דערלאַנגט ווידערן. נאָך א נעס, וואָס ניט אין די ציין אַרײַן, — ער האָט געטראָפן אין קני אַרײַן, און ווידער איז באַצײַטנס אָפּגע־שפּרונגען. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז א ליגן, ס'טוט גאָרניט ווי.

אָבער פאַר קאַס האָט ער געפּויעלט באַ זיך, אַז אַף אַזאַ פערד איז איין כאַים־כאָנע ווינציק.

— א כאָליערע, א פּאָהיבעל זאָל אַף דיר אָנקומען! — און אַלע ייִנגלעך האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר ווידערס קאָוועד. זיי האָבן אַרויס־געשלעפּט פון געפּלאָכטענעם פּלויט, וואָס מע האָט נאָר געקענט, און זיי האָבן זיך גענומען צו „מאָשיִעכן”:

— לאָמאַקע, האָב דיר אַכציק שוואַרץ־געהאָרגעטע יאָר.

— אָן־אָ גייט כאַים־כאָנע, וועט ער דיר ווײַזן.

דאָס פערד איז אומגעקראָכן צווישן די ראָשעשאָנעדיקע ייִנגלעך א נאַקעטס, א הוילס, אָן א שטאַל, אָן א דראַבינע און אָן א וואָגן. די ייִנגלעך האָבן זיך שוין געהיט פון אים און האָבן אים שוין מעקײַעם־פּסאַק געווען און אים געלערנט, אַז ניט אַלע מאָל דאַרף מען זיך

בריקעווען. דעריקער דאַן, ווען מענטשן קומען פון זײַן טויווע וועגן און מע קלײַבט זיך אים ראַטעווען.

אזריעל מיטן אָפענעם מויל איז אויך דאָ געווען און פלעגט ווײַטער פון איטלעכן אונטערקריכן מיט א שטעקן, אָבער ער פלעגט שטיין אזוי ווײַט, אז נאָר מיטן שפּיץ עפּשער פלעגט ער אים אָנרירן.

— יינגלעך, יינגלעך, — האָט ווידער אויסגערופן, — וויפל קאָן מען זיך אויסזעצן אף אים רײַטנדיק?

— אלע, — האָט יוינע געענטפערט.

— אנו, לאָמיר!

— עס וועט אראָפּוואַרפן, — האָט אזריעל א זאָג געטאָן מיט א ניט זיכער קאָל.

— עס וועט ניט אראָפּוואַרפן, דערלאַנגט א שטריקל!

דאָ האָט נאָכעם דעם אײַנבינדערס אויסגעטאָן זײַן פּאַס און פאַר־וואָרפן דעם פערד אפן האלדז. ער האָט עס דערשלעפּט ביז א פּלויט און זיך דער ערשטער ארופגעזעצט. ער איז דורכגעפאָרן דעם הויף, ווי א גראף. כאָטש דעם עמעם קאָן מען ניט פארלייקענען, דאָס פערד האָט געשלעפּט זײַנע פיס זייער פּאַמעלעך און מיט אן אויסזען, אז ער האָט סײַווי ניט וואָס אָנצוווערן.

דערנאָך האָט מען עס צוגעפירט צום פּלויט, און מוישע־בונים איז אויך ארויף. איז מען שוין אינצווייען אומגעפאָרן איבערן הויף. „האָמאָן" האָט געפירט, „זערעש" האָט אונטערגעטריבן, און צוויי „מאָרדכעס" זײַנען, ווי די פריצים, געזעסן פון אויבן. פונעם פערד האָט געשטונקען מיט אלטקײַט, און הערעטשקע, ווי קופּערנע גראָשנס אין דער גריים, איז געווען אויסגעשאָטן אף זײַן קויטיקער פעל. איין אזריליק דעם טויבנס איז געשטאנען פונדערווײַטנס און געהאלטן אָפן דאָס מויל אף לאַכן. בא אים איז פון לאַכן ביז וויינען ניט געווען קיין גרויסער בילעק. סײַווי האָט ער צעעפנט דאָס מויל אף האלב און די זײַטיקע האָבן שוין אליין געדאַרפט דעריקענען, וואָס ער וויל מיט דעם: צי וויינען, צי לאַכן. קיין קאָל האָט מען פון אים ניט געהערט.

איצט איז שוין געקומען די ריי, אז אלע זאָלן זיך אויסזעצן, אָבער דאָ האָט ווידער זיך אָנגערופן, אז ס'איז גענוג.

— כעוורע, — האָט ער אויסגעשריען, — מיר זײַנען געקומען אהער ראַטעווען די אָרעמע באשעפעניש פון כאַים־כאָנע דעם מערדערס הענט.

כאַיִם־כאָנע קאָן נאָך אים הײַנט אפדערנאכט מאכן דעם טויט און פון אים אראָפּשינדן די פעל מיטן פלייש אינײנעם.

— ריכטיק, — האָבן אייניקע אויסגעשריִען.

— דערום איז מײַן אייצע, — האָט ווײגדער פאָרגעזעצט שוין אפּן פּלויט שטייענדיק, — מיר זאָלן אופעפענען דעם טויער און ארויסלאָזן דעם אָרעמען „מאָשיִעך" — ער זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל פּאָטער ווערן פון זײַנע צאָרעס.

— ריכטיק, — האָבן כעוורע אויסגעשריִען.

— עפענען דעם טויער און ארויסלאָזן!

מוישע־בונים דער „קאָהאָלשער מענטש" איז צוגעגאנגען, זיך אָני־דערגעשטעלט אנטקעגן דעם פערדס צורע און אָנגעהויבן מיט א דאוור־נענדיקן קאָל, ווי זײַן זיידע טוט אָפּט אף א רײַכער לעווײַע:

— העראויס, באשעפעניש! — האָט ער זיך צעדאוונט. — גיי דיר פונדאנען. מיר זאָגן דיך אָפּ פון שטאָט און פון מארק, פון שול, פון קלויז און פון בעסמעדרעש.

— און גיי דיר, — האָט יוינע דער שפּרעכערנס אונטערגעכאפּט, — צו די וויסטע פעלדער און פּוסטע וועלדער, ווו קיין מענטשן גייען ניט, ווו קיין הענער קרייען ניט. אז כאַיִם־כאָנע זאָל צען מאָל כאפּן די מיסע־מעשונע און דיך קיין איין מאָל מער ניט קענען געפינען. פו־פו־פו.

— פו־פו־פו!

די יִנגלעך האָבן דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן, און אלע האָבן פארהויבן די האלוזע און גענומען טרײַבן דעם ווײַסן „מאָשיִעך" צו דער אָפענער וועלט, און אָפּגעלאָזן האָבן זיי אים ערשט לעם קאמינער וואלד, פון יענער זײַט העלעפּעס.

נאפטאָלע און זײַנע שקאפּעס

לאָזט זיך אויס... א מאָדנע זאך האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס פערד איז גאָר ניט געווען כאַיִם־כאָנעס, נאָר נאפטאָלעס, א יִדנס פון דער וואָלכײַסקער גאס. דאָס האָט זײַן פערד פארלאָרן די פּענטע, און אהער אין הויף איז עס פארקראָכן און זיך דאָ גענורעט, ווי סע פּאסט פאר א פערד אין טיפן עלטער.

פערד האָט שוין נאַפּטאָלע איבערגעהאַלטן אױף זײַן לעבן זײער אַ סאַך. ער האָט ניט אַזױפֿיל פֿינגער אױף די הענט און האָט עפּשער ניט אַזױפֿיל האָר אױפֿן קאָפּ (כאָטש דער קאָפּ איז בײַ אים האַלב אַ הױלער), װיפֿל פֿערד ער האָט שױן געהאַט. און טאָן טוט זיך עס בײַ אים אַזױ: ער קױפֿט אַן אַלט פֿערד אָדער אַן אַלטע שקאַפּע, װאָס קײנער װיל שױן ניט האַלטן, און ער פֿאָרט מיט זײ אַרום.

האָט ער װאָס צו געבן דעם פֿערד עסן, איז גוט, האָט ער ניט, אַרט עס אים אױך ניט איבעריקס, װײַל אין לעצטן פֿאַל שינדט ער אָפּ די פֿעל, פֿאַרקױפֿט, און פֿאַר דעם אײגענעם געלט קױפֿט ער אַן אַנדער נעװײלע, אַ לעבעדיקע.

אין מאַרק קענען אים שױן אַלע. אַז ער פֿאָרט דורך, פֿרעגט אים דער ערשטער פּױער, װאָס באַגעגנט אים:

— נאַכטול, דע סטאַרי קאָני דיװאַיוטסיאַ?

— אַ, ניע זנאַיעש, — מאַכט ער, — דע? אובאָהי קופּױוט טאַ סאָ־באַקי האָדױוט.

פֿרעגט אים שױן דער צװײטער:

— נאַכטול, קודי אידעש?

דאָ פֿאַרמאַכט שױן נאַפּטאָלע אײן אױג, דאָס נעזל זשמורעט ער אױף און ענטפֿערט מיט זײַן אײַנגעכאַזערטן ניגון:

— װו אַמעריקו.

און דער גאַנצער מאַרק שיסט אױס אַ געלעכטער.

קײנער פֿאָרט ניט אַרום מיט אַזאַ שפּאַן, װי נאַפּטאָלע. דער װאָגן איז בײַ אים אַ צעשאָטענער, די רעדער אָן שינעס און ניט פֿון אײן גרײס. אײנע דרײט זיך קײן ליסי, קוקט די צװײטע — קײן סטריסי. דער שפּאַן איז בײַ אים צונױפֿגעשטוקעװעט פֿון בענדלעך און פֿון אַלטע ציצעס. קורץ — ס'גײט אים גוט, נאַפּטאָלען: אַ גילדן — אַ װאָגן זאַמד, אַ גילדן — אַ װאָגן לײם, און טאָמער אַזױ עפּעס צופֿירן, איז אַ גריװענקע, איז צען גראָשן. און טאָמער באָרגט מען בײַ אים צו, װערט ער פֿון דער ערשטער רענגע אין קאַס, דערנאָך פֿױעלט ער בײַ זיך, אַז ס'איז סײַװי פֿאַרפֿאַלן און לאָזט ביסלעכװײַז אַראָפּ דעם קאַס פֿון האַרצן.

פֿאָרט נאָר אַרום נאַפּטאָלע מיט זײַן שפּאַן אױף דער ליכטיקער װעלט,

אזוי יאָגט זיך אָן די גאס מיט קינדער צו אים און כעוורע קריכט שוין גלײַך אפן וואָגן.

— אוועק! — שרײַט נאפטאָלע. — א רועך אין אײַער טאטנס טאטן ארײַן! וואָס האָט איר צו מײַנע יאָרן? דאָס פערד וועט אײַך ניט פאַר־שלעפּן.

— נישקאָשע, — ענטפערן די קינדער, — עס וועט פארשלעפּן. עס וועט פארשלעפּן, — און זיי ווייסן שוין פריִער, אז נאפטאָלע וועט זיי ניט טשעפּען.

אזוי פאָרט נאפטאָלע מיטן וואָגן קינדער ביזן זאמד. די קינדער שלעפּן בא אים אפילע ארוים די ווישקעס פון די הענט און טרײַבן אליין אָן. זיי שרײַען און רײַסן זיך צווישן זיך, ווער זאָל אָנטרײַבן מער און ווער ווינציקער.

— שטילער, מאמזיירים! — צעשרײַט זיך נאפטאָלע איבערן גאנצן מארק. — אָט ווארף איך אײַך אינגאנצן אראָפּ צו אלדי שווארצע יאָר!

נאָר ס'א ליגן, די קינדער ווייסן עס.

און אז מע קומט שוין צו פאָרן אונטערן הייליקן אָרט, דאָרטן, ווו די שטאָט נעמט לײַם פונעם אָפּגעגראָבענעם בארג, שפּרייט אוים נאפטאָלע א צעריסענעם זאק און די קינדער נעמען זיך פלײַסיק שיטן לײַם אין וואָגן ארײַן. ווער מיט דער לאָפּעטע, און ווער סע טראָגט נאָר אין דער פּאָלע. נאפטאָלע ציט זיך דאן אוים אפן גראָז, ליגט ווי א גראף און קאָמאנדעוועט מיט די קינדער.

איינמאָל האָט נאפטאָלע ערגעץ דערטאפּט א שקאפּע מיט א לאָשעקל. איז עס געווען א לאָשעקל — שוין איינמאָל א לאָשעקל! מאמעש א שיינקײַט אין דער וועלט. אלע קינדער פלעגן שלעפּן דאָס לאָשעקל פאר א שטריקעלע צו זיך אין שטוב ארײַן. און נאפטאָלעס לאָשעקל האָט געגעסן אלץ, וואָס מע האָט דעם נאָר געגעבן, כוץ ציגל מיט לײַם. איינמאָל באנאכט האָט זיך אָבער נאפטאָלע געפּוילט אוועקפירן די שקאפּע אף דער פּאשע — ס'איז געגאנגען א רעגן, די שטאל איז בא אים פון טאָמיד אָן אָן א דאך, איז די אויסגעהונגערטע שקאפּע איבער נאכט געפּייגערט. אז ס'איז געפּייגערט די שקאפּע, איז שוין געווען נאָכן לאָשעקל.

— רעב נאפטאָלע, ווו איז דאָס לאָשעקל? — פרעגן אים די קינדער אלעמאָל איבער.

— ניטאָ דאָס לאָשעקל, — צענעמט נאפטאָלע ברייט די הענט.
א צײַט דרייט ער זיך ארום שלינג־און־שלאנג, ביז ער לאָזט זיך אוועק איבער די דערפער זיך צוזוכן אַן אנדער פערד. נאפטאָלע קאָן אָן קיין פערד ניט לעבן.
און אָט־אָ הײַנטיקן ראָשעשאָנע האָבן עס די יינגלעך דערגאנגען די יאָרן איינעם פון נאפטאָלעס פערד. גיי ריכט זיך אף אזעלכס. נאפטאָלע דײַגעט זיך און קאָן גאָרניט פארשטיין! „אזא געזונט פערד, — זאָגט ער, — זאָל נעמען א קאפּאָרע ווערן. אזוי אפּן קוק האָט עס נאָך, דאכט זיך, געקאָנט לעבן און לעבן, סײַדן סע האָט אים עמעצער דערהארגעט".
די יינגלעך ווייסן, אז אפּן קוק האָט עס נאָך עפּשער געקאָנט לעבן און לעבן, נאָר סע שוין א פארפאלענע זאך. ווינדער האָט א שטיק צײַט אויסגעמיטן נאפטאָלען. ווי ער פלעגט אים דערפילן אף איין זײַט גאס, אזוי פלעגט ער גלײַך איבערגיין אף דער צווייטער.

האנעלע אלקאָנעס פאָרט נאָך היי

האנעלע האָט קעסיידער איין זאָרג — ס׳וועט איר אויספעלן היי פאר די בעהיימעס אף ווינטער. אז מע דארף פאָרן קויפן אָדער אָנקוקן א סטויגל היי, איז עס נאָר איר ארבעט. אלקאָנע דרייט זיך קעסיידער אוים און מאכט זיך ניט ווויסנדיק. ניט איין מאָל פלעגן זיי זיך אפילע קריגן פאר אזעלכע זאכן.
אנומלטן האָבן זיי זיך אויך אָפּגעדונגען א גאנצן טאָג, אז מע דארף פאָרן קיין קאמענע נאָך היי, און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אז ניט נאָר אלקאָנע אליין פאָרט ניט, נאָר אפילע דאָס פערד גיט ער איר אויך ניט.
— דאָס פערד, — זאָגט ער, — וועט זײַן פארנומען א גאנצן טאָג לעם דער סטאמפּ.
ס׳איז געווען א שיינער ווינטערדיקער דרויסן, און האנעלע האָט זיך ארײַנגעקלאפּט אין קאָפּ איין זאך: זי דארף פאָרן קיין קאמענע אָנקוקן א סטויגל היי, און גאָר.
האנעלע, אז זי נעמט זיך ארײַן אין קאָפּ, איז עס שוין א פארפא־לענע זאך.
די קינדער שרײַען אף איר:

— מאמע, וואָס דאַרף דיך אַרן מער פון איטלעכן?

דערזען אָבער, אַז קיינער העלפט איר ניט, האָט זי זיך גאָר אַ נעם געטאָן צו ווינדערן:

— גיי, ווינדערקע, צו נאַפטאָלען און ברענג מיר זײַן פערד.

ווינדער האָט זיך זייער דערפרייט מיטן נײַעם שטיקל אַרבעט און איז אַוועקגעלאָפן.

ער האָט געזוכט נאַפטאָלען ווו די וועלט האָט אַן עק. די שנור האָט אים געזאָגט, אַז דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אין מיל, אָבער אין מיל האָט ער אים ניט געזען. ער גייט דאָך ערשט פון דאָרטן. ווינדער האָט אים אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט אים פּאָרט דערטאַפּט אויף דער האַנטשאַרסקער גאַס, בײַ אַ פּויער אין הויף, קליאַנטשען אַ ביסל שטרוי.

— רעב נאַפטאָלע, גיכער גיט דאָס פערד, האַנעלע האָט געבעטן.

— איך גיב ניט קיין פערד.

— פאַרוואָס, רעב נאַפטאָלע? זי פּאָרט דאָך נאָך היי, וועט זי עס אָנהאָדעוועט.

— איך דאַרף ניט קיין היי, איך דאַרף ניט קיין האָדעווען. מיר קומט פון איר זיבעציק גראָשן פאַר צוויי פורן ליים נאָך פון פאַר סוקעס אָן.

— זי וועט אײַך אָפּגעבן, רעב נאַפטאָלע.

— ניטאָ קיין פערד, איך גיב ניט. ווער וועט פאָרן?

— איך, רעב נאַפטאָלע.

— ווינציקער ווי פאַר אַ האַלב קערבל גיב איך ניט דאָס פערד אין אַזאַ ווײַטעניש.

— זאָל איך אַזוי לעבן, ווי זי וועט געבן, רעב נאַפטאָלע. זי ווייסט, זי האָט אַליין געזאָגט.

— נו, נו, גיי נעם. אין הויז לעם קאַמער ליגט דער כאָמעט.

ווינדער איז אַוועקגעלאָפן.

אין הײַזל לעם שוועל איז טאַקע געלעגן דער כאָמעט, אַ באַשאָטענער מיט שניי. די שקאַפּע איז געשטאַנען אַ בלינדע לעם באַשנייטן וואָגן און האָט אונטערגעהירזשעט און געטאַפּט מיט דער מאָרדע ווינדערס אַרבל, טאָמער טראָגט מען איר עפּעס עסן.

שפּאַנען האָט מען באַדאַרפט אין אַלקאָנעם שליטן, און האַנעלע האָט שוין געוואַרט אויף אים אין מאַרק, לעם די קלייטן.

דעם וועג קיין קאמענע האָט וויגדער געוווּסט. זומער גייען אמאָל די יִינגלעך צום קאמענער טײַכל כאפּן פיש. וויגדער האָט אָנגעטריבן מיט גרויס כיישעק נאפּטאָלעס אלטע שקאפּע. איין זאך איז נאָר געווען שלעכט. דער שפּאן איז געווען א קורצער, דער דישל א לאנגער — האָט ער אלעמאָל געקלאפּט דער שקאפּע אין קאָפּ ארײַן.

קומענדיק הינטער דער שטאָט, האָט וויגדער דערפילט, אז די פיס פרירן אים אזוי, אז ס'כאפּט אזש אָן פארן הארצן.

— גיב, — זאָגט האנעלע, — וועל איך א ביסל אָנטרײַבן, און דו לויף נאָך נאָכן שליטן.

אָבער האנעלע קאָן גאָרניט אָנטרײַבן קיין פערד, און ביפראט נאָך א בלינדע שקאפּע. פארקריכט זי פריִער בא איר אין איין קאנאווע, דערנאָך אין דער צווייטער, ביז מ'איז קוים מיט צאָרעס פארפאָרן אין דאָרף ארײַן. דאָרט איז וויגדער געבליבן בא א פּויער אין שטוב. דער שקאפּע האָט מען אונטערגעוואָרפן א קאָפּ היי, און האנעלע איז אוועק איבער די שײַערס אָנקוקן שפּײַז פאר די בעהיימעס וועגן.

וויגדער האָט געוואַרט לאנג, לאנג.

ווינטער איז דער טאָג דאפּקע א קורצער, ס'ווערט גיך נאכט, אָבער אז מע איז הונגעריק און מע זיצט ליידיק, ציט זיך די צײַט. קוים־קוים זיך דערווארט, ביז האנעלע איז ארײַן און זיך אָנגערופן:

— נו, וויגדער, שוין. מע קאָן שוין פאָרן?

אזוי ווי ס'איז פון אים די מעניִע.

אפן שליטן האָט וויגדער דערזען ליגן שוין א פּאָר זעק פּאָלאָווע, צוויי טרוקענע פעל און א גרויס בינטל היי. די שקאפּע האָט מען קוים אָפּגעטריבן פון אָרט און מ'איז אוועקגעפאָרן.

אין דרויסן איז שוין פינצטער. און ווי מע איז ארויסגעפאָרן פון דאָרף, האָט געגומען פאלן א שניי, גאנצע פלאכטעסווײַז. און נאָך איידער מע האָט זיך אומגעקוקט, איז אָנגעפאלן שניי ביז איבער די קני. קיין וועג זעט מען ניט, און די שקאפּע שלעפּט זיך, ווי אף מאָרגן. וויגדער האָט מוירע, מע זאָל זיך ניט ארּאָפּשלאָגן פון וועג. ווען ס'איז א זעענדיק פערד, וואָלט עס אליין פארפירט אהיים, אָבער דאָ גיי טו דעם עפּעס. פּלוצעם האָט די שקאפּע גענומען און זיך אינגאנצן אנידערגעשטעלט.

— גיב אהער דעם שטעקן, — האָט זיך האנעלע אָנגערופן, — מיט קיין איידלקײַט וועסטו דאָ גאָרניט אופטאָן. ניאָ־ניאָ!

אָבער די שקאַפּע שטייט און רירט זיך ניט פון אָרט.

ווינדער איז אַראָפּגעקראָכן פון שליטן, אָפּגעבראָכן א צווײַג און גענומען שלאָגן דאָס פערד, אָבער ס'העלפט ניט. די שקאַפּע איז אָפּגע־גאַנגען צוויי טריט און זיך ווײַטער אַנידערגעשטעלט.

דאָ איז שוין האַנעלע אויך אַראָפּ. מע האָט גענומען ביידע נוקען און שלאָגן, נאָר די שקאַפּע שטייט און טוט זיך ניט קיין ריר, ווי ניט זי מיינט מען גאָר. צולעצט האָט זי, ווי אומגערן, געגעבן נאָך איין שלעפּ און זיך איינגאַנצן אויסגעצויגן איבערן שניי.

ווינדערן האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. דערפרוירן איז ער, הונגעריק איז ער. וואָס טוט מען שוין איצט?.. אָט די האַנעלע איז דיר טאַקע א דערקיטשלעווע זאַך. אַז אַלע זאָגן, — מ'דאַרף איצט ניט פאָרן נאָך קיין היי, מינאַסטאַם ווייסן זיי בעסער. און איצט, אַזוי ווי אַף צולאָכעס, פּאָרט ניט אָן קיין איין פור אַנטקעגן.

— נעם אָט־אָ אַרויס עפּעס פון שליטן, און מיר וועלן זי פּרוּוון אויפ־הייבן, — האָט זיך האַנעלע אָנגערופן, און זי לאַכט שוין גאָר פאַר צאָרעס.

ווינדערן איז אויך געוואָרן גרינגער, וואָס ער האָט דערזען א שמייכל פון א לעבעדיקן מענטשן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון שליטן א ברעט און גענומען הייבן די שקאַפּע, אָבער די שקאַפּע האָט זיך נאָך מער אָפּגעלאָזן אַף דער ערד ליגנדיק, אַזוי אַז דער כאָמעט האָט איר שטײַף פאַרצויגן דעם האַלדז.

— בינד גיכער אָפּ די סופּאָניע, — האָט האַנעלע א זאָג געטאָן צו ווינדערן.

ס'איז גרינג צו ריידן „בינד אָפּ", אַז די הענט זײַנען בא אים פאַר־פרוירן און פאַרדובעט, ער קאָן קיין פינגער ניט אויסבייגן:

— נו, וואָס וועט זײַן?

— איינער דאַרף גיין אַהיים, — זאָגט האַנעלע, — און איינער וועט בלײַבן מיטן שליטן. ס'זאָל דאָ ניט זײַן קיין העזעק.

ווינדער האָט מוירע בלײַבן איינער אַליין, און גיין האָט ער אויך מוירע. אָבער ער האָט בא זיך געפּויעלט, אַז גיין איז פונדעסטוועגן בעסער, ווײַל ביז עמעצער וועט זיך דערמאָנען קומען, קאָן דאָ פון אים ווערן אַן אויפגעפרוירענער קומליאַק.

און ער איז אוועק. ער איז געגאנגען און זיך מוירע געהאט אומקוקן אף צוריק.

דער שני איז טיף. איין שטיוול שלעפט ער ארויס, און מיטן צווייטן פאלט ער ערגעץ אריַין, און ער גייט וויַיטער. פלוצעם הייבט ער אוף די אויגן און דערזעט פונדערוויַיטנס, ווי עס שטייט עפעס איינער א הויכער, א לאנגער, אין גאָלע וויַיסן אָנגעטאָן, — האָט זיך אים אָפּגעריסן אין הארצן. „כאַים־כאָנע מיט די לאנגע פינגער", — האָט ער א קלער געטאָן און געגומען זוכן דעם טאַלעסקאָטן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז ער טראָגט ניט קיין ציצעס שוין פון וויים־איך־ווען. מיטאמאָל איז אים אופגעקומען אפן גערדאנק, אז וואָס איז אזוי די שרעק. פאר מייסים איז דאָך נאָך צו פרי, ס'איז דאָך נאָך טכילעס אָוונט.

— אנו, לאָמיר נאָכאמאָל א קוק טאָן...

ער הייבט אוף די אויגן און קוקט זיך גוט איַין, ביז ער דערזעט, אז די גאנצע מיַיסע איז א געלעכטער: ס'איז גאָר א נאקעטער בוים. א הויכע ברעזע מיט ארומגעהאקטע צוויַיגן. אר־ופ־ף — ס'איז אים מאמעש אראָפּ א שטיין פון הארצן. ער איז גאָר געוואָרן בא זיך שטאר־קער און גענומען שטעלן פעסטער די טריט.

פונדערוויַיטנס האָבן זיך א וויַיז געטאָן פיַיערלעך. דאָס זיַינען די העלעפּעס, א דאָרף, וואָס איז שוין קימאט איינס מיטן שטעטל. פון די פיַיערלעך איז ווידער געוואָרן בא זיך נאָך שטארקער. אָט דאָרט, אף די העלעפּעס, האָבן שוין געהאָוועט הינט. ער דארף נאָר דורכגיין די לאנגע דאָרפישע גאס, הייבט זיך שוין אָן די שטאָט.

* * *

בא אלקאָנען אין שטוב איז דער סאמאָוואר געשטאנען אפן טיש און געזאָטן. די באלמעלאָכעס זיַינען, ווי דער שטייגער איז, אריַינגע־קומען אופעסן א הייסע געבראָטענע קארטאָפל. פלוצעם עפנט זיך די טיר, און ווידער טראָגט אָן א פולע שטוב מיט קעלט.

— וואָס איז? — פרעגט אלקאָנע.

— ווו איז די מאמע? — פרעגט כאָנע.

— דאָס פערד, — איז ווידער גלַייך ארויס מיט לאָשן, — דאָס פערד האָט זיך אוועקגעלייגט און וויל ניט אופשטיין.

— נו?!

— האנעלע האָט געבעטן, איר זאָלט זיך מאַטריַעך זיַין און ברענגען גיכער דאָס פערד אַהיַערס, דאָס אייגענע, ס׳קאַלט אין דרויסן... זי זיצט דאָרט איינע אַליין.

ווינדער שלינגט דערוויַיל מיט די אויגן די הייסע קאַרטאָפל, וואָס דער אוילעם עסט, ער איז אַזוי הונגעריק, אַז דאָס האַרץ פאַלט אים שיר ניט אַרויס, אָבער ער שעמט זיך זאָגן.

אין שטוב איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער. כאַנע מיט אַלקאָנען זיַינען אַוועקגעלאָפן אַרויספירן דאָס פערד מיט דער שלייע, און ווינדער דאַרף זיי פירן אַהין צום וועג.

— וועסט וויסן וווּ צו גיין? — פרעגט אים אַלקאָנע.

— יאָ, איך וועל נאָר צולויפן אַהיים נעמען אַ שטיקעלע ברויט, — האָט ווינדער אַ שטאַמל געטאָן.

דאָ האָט זיך ערשט פריידקע געכאַפּט, אַז ווינדער איז הונגעריק, און אים דערלאַנגט אַ שטיקל פריש ברויט מיט אַ זויערן אוגעריק און אַ פּאָר געבראָטענע קאַרטאָפל.

ווינדער שלינגט די הייסע קאַרטאָפל און דערציילט דערוויַיל, אַז דאָרטן זיַינען דאָ אין שליטן צוויי גוטע פעל.

— אויב די שקאַפּע איז געפייגערט, — האָט זיך אַלקאָנע אָנגערופן, — וועט שוין זיַין דריַי.

ערשט דאָ האָט זיך ווינדער דערמאָנט, אַז נאַפטאָלע איז שוין וויַיטער אָן אַ פערד.

אָט וויַאַזוי עס גייט אים ניט, דעם אַלטן!..

א באלעבאטישע לעוויַיע

די שלאַפקיַיט אין שטאָט האָט זיך צעבושעוועט ניט אויף קיין קאַטאָוועס. אַ מאָדנע שלאַפקיַיט איז עס. זי קומט אויס אַי אַ שווערע, אַי אַ גרינגע. דער פעלדשער ווייסט אַליין ניט, פון וואָס ס׳האָט זיך גענומען אַהער די קרענק.

— ס׳ניט קיין כאָליערע, — זאָגט ער, — און קיין טיפוס איז עס אויך ניט. מע האַלט נאָר פון איר אין איין ברעכן, און דאָס איז ערגער פון אַלצדינג.

פריבע די לאנגע, וויגדערס מאמע, איז פונקט געשטאנען באם קאלטן אויוון פאר א נאָווינע און געשאָלטן וויגדערן. דאָ האָט זי אָבער דערזען, אז האנעלע אלקאָנעס לויפט פון שטאָט א דערשראָקענע. דערהערט אזא זאך, איז וויגדער גלייך אוועקגעלאָפן אהין און געבראכט צוריק די ידיִע, אז מע שטארבט שוין אדאנק גאָט פון דער שלאפקייט אויך.

— האנעלע דערציילט, אז וואָוטשע איז געשטאָרבן, נאָך גאָר ניט אזא אלטער.

באלד איז געקומען צו לויפן אזריליק און דערציילט אויך, אז ס'איז געשטאָרבן עפּעס א וואָוטשע, א ייִד אזא איז געשטאָרבן, און אין שטאָט טוט זיך כווישעך. דער ייִד — דאָס איז מוישע דעם נאָגידס טאטע, און אזריליק איז איצט געקומען צו לויפן רופן וויגדערן: אלע ייִנגלעך פון שטאָט וועלן גיין צו דער לעווייַע.

און עס האָט זיך טאקע געטאָן אף טיש און אף בענק לעם וואָוטשעס שטוב, דאָרטן לעם בערגל, וואָס שטייט אנטקעגן דעם בעסמעדרעש.

די ייִנגלעך וויסן שוין, אז זיי וועלן גיין פריִער פאר דער מיטע, צו צוויי אין א פּאָר, און וועלן שרייַען: צעדעק לעפּאָנאָוו יעהאלעך...

ס'גלאט, וואָס הייַנט וועלן זייַן ווינציק ייִנגלעך, א סאך זייַנען דאָך אליין שלאף, טאקע מיט דער זעלבער שלאפקייַט.

ס'האָבן זיך גענומען קלייַבן עלטערע ייִדן פון שטאָט פאר דער שטוב. אָט איז דער קלויסטער מיטן מארק, און אָט איז די שטוב מיטן בעסמעדרעש. די פרומע ייִדן קערן זיך אויס מיט די פּלייצעס צום קלויסטער און קוקן בעסער אפּן בעסמעדרעש. דערווייַל איז אויך צוגעגאנגען צום רעדל מענטשן שעפּסל דער קרעטשמער. א מאָדנער ייִד, אָט דער שעפּסל. דאָס קאָל איז שוין באַ אים א צעקנייטשטס, און דער קאָפּ טרייסלט זיך באַ אים קעסיידער: ניין-ניין-ניין, ניין-ניין... אָבער צו די אלע גליקן איז ער א וויצלינג אויך. ער האָט ליב טרייַבן מיט איטלעכן קאטאָוועס. דער ערשטער פינגער פון דער רעכטער האנט איז באַ אים אינגאנצן א בלויער און ער שאָקלט זיך די גאנצע צייַט אזוי ווי אן אומרו. באַ די ייִנגלעך קומט אויס, אז נעכייַ וואָלט ער אים צוגעבונדן, דעם פינגער, מיט א שטריקל צו דער גאנצער האנט, וואָלט ער זיך פארשפּאָרט טעלעפּען אזוי גיך.

שעפּסל דער קרעטשמער האָט איבערגעלאָזן די אלטע און איז צוגעגאנגען צו די ייִנגלעך. יוינע די ליפּ איז אקוראט ארופגעקראָכן אף דער

פּריזבע קוקן אין פענצטער אריַין צו די וואָווטשעס. ער האָט געוואָלט זען, צי דער מעס ליגט טאַקע אױף דער ערד, צי ניין, האָט אים שעפּסל א קיצל געטאָן מיט זיַין שטעקן אונטער דער פּאַכווע. דער קאָפּ טרייסלט זיך בא אים, ווי זײַן שטייגער איז, „ניין־ניין־ניין־ניין", נאָר מיט די ייִנגלעך טריַיבט ער קאַטאָוועס. אמאָליקע יאָרן האָט דער דאָזיקער שעפּסל געוווינט אין א דאָרף און פלעגט האלטן פון איין מיצווע — געבן א ייִדן עסן. היַינט עסט ער אליין בא א טאָכטער. האָט ער זיך צוגעזוכט אן אנדער מיצווע — באשטעלן די ייִנגלעך אין טאַלמעדטוירע, איַינקויפן יעדערן פון זיי סידורימלעך און ארבעקאנפעסלעך. וויגדערן האָט ער אויך ניט פארפעלט און אים געקויפט א ציצענעם ארבעקאנפעס.

— נו, שטערנזעער, — איז ער צוגעגאנגען צו וויגדערן, און דער קאָפּ שאָקלט זיך בא אים. — זאָג מיר נאָר, שטערנזעער, דיַין זיידע, אָלעווהאשאָלעם, געדענק איך, האָט ליב געהאט עסן אלע טאָג, און דו? ווי האלט עס בא דיר מיט דער דאָזיקער מעלאָכע?

וויגדער האָט אױף אים א קוק געטאָן מיט א שמייכל:

— איך? אז ס׳דאָ וואָס — עס איך אויך, נאָך א מין עסן.

— הא, דו אכבעריש איינער! אָבער דאוונען אלע טאָג האָסטו זיך, פּונדעסטוועגן, מוירע איַינשטעלן. דאָס מויל קאָן נאָך דיר ווי טאָן... וויַיז נאָר אהער, וועלן מיר א קוק טאָן, צי דו טראָגסט כאָטש קאָשערע ציצעס?..

וויגדער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים א פארשעמטער און ניט געוווּסט אױף דער פרישער רעגע, וואָס צו ענטפערן. ער האָט ניט געוווּסט, צי דאָס לאַכט ער פון אים, דער ייִד, צי ער מיינט עס מיט אן עמעס.

— וויַיז, וויַיז, שעם זיך ניט, — האָט דער אלטער זיך שטארקער צעשאָקלט, און נאָך ייִדן האָבן זיך גענומען אהער צורוקן. וויגדער האָט אופגעהויבן די באָרוועסע פיס און זיך א לאָז געטאָן לויפן, ווי ער וואָלט זיך ארויסגעריסן פון עמעצן. ער האָט זיך ניט געריכט אױף אזא באָרעכהאבע, און וואָס נאָך — ס׳האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ניט שעפּסל וועט אים נאָכלויפן, נאָר וואָווטשע. וואָווטשע וועט זיך ארומקוקן, אז ער, וויגדער, טראָגט ניט קיין ציצעס, וועט ער זיך א לאָז טאָן מיט זיַין קורץ, טויט בערדעלע נאָך אים. וויגדער איז געלאָפן מיט אלע קויכעס, דערנאָך האָט ער זיך אױף איין וויַילינקע אומגעקוקט און דערזען, אז קיינער לויפט אים ניט נאָך, פארקערט, מ׳קוקט אפילע ניט

קיינער אין זײַן זײַט. איז ער געבליבן שטיין א פארסאָפּעטער און א פארשעמטער פאר זיך אליין. אבי ער האָט געמיינט, אז ער וועט גיין מיט די ייִנגלעך אין די ערשטע פּאָרן.

דערווײַל האָט ווידער דערזען, ווי פון יענער זײַט קלויסטער איז ארויסגעקומען אזריליק. וואָס איז? לאָזט זיך אויס, אז ער האָט אויך ניט געהאט קיין טאַלעסקאָטן און ער האָט זיך אויך דערשראָקן פאר שעפּסלען דעם קרעטשמער.

— קום, — זאָגט ווידער. און זיי האָבן זיך ביידע אוועקגעשלעפּט צום בעסוילעם דורך דער צווייטער דאָלינע. דאָרט, פון בערגל, וואָס פון יענער זײַט בעסוילעם, וועלן זיי פונדעסטוועגן קאָנען זען, וויִאזוי די ייִנגלעך וועלן שרײַען „צעדעק לעפּאָנאָוו יעהאלעך"... און וויִאזוי יאַנקעוו־יאָסעף דער האָרבאטער וועט ארופליגן וואָוטשען שערבלעך אף די אויגן און בא אים בעטן מעכילע.

רוּוון דער קאָזעליער

א גאנצן ווינטער האָט ווידער עפּעס מער געקרענקט, ווי אומגעגאנגען. ער האָט געהוסט, ער איז פיל מאָל געלעגן און ניט געוואָלט אף קיינעם קוקן. אפן אויוון פלעגט ער זיך אײַנריִען אין די שמאטעס און ניט וועלן ארופלאָזן אפילע מינטשיקן כאָטשבי זיך א קאָפּ אָנוואַרעמען. איין אזריליקן פלעגט ער ארופלאָזן צו זיך אפן אויוון. אזריליק איז איצט דער איינציקער גייער אין מיל, כאָטש קיין גרויסע גליקן האָט ער דאָרטן ניט געמאכט. ער האָט ניט געקאָנט ריידן מיט די פּויערים אף זייער לאָשן, און אָן רייד מאכט מען גאָרניט. דאָך פלעגט ער עפּעס אופקלײַבן און ברענגען ווידערן א ביילעק פון וואָס סע זאָל ניט זײַן.

אין שטוב איז קאלט. פּריבע די לאנגע האָט צעהאקט די ווײַסע באנק און זי שטיקלעכווײַז אויסגעהייצט. איצט גייט זי ארום, פּריבע, א צערייצטע און האלט אין איין שילטן. שטענדיק שילט זי, און קיינמאָל קומט ניט ארוף קיין געלעכטער אף איר פּאָנעם. סײַדן אז זי דארף גיין ערגעץ פארקנעטן א דייזשע ברויט אָדער עפּעס אויסבעטן פאר דער שטוב. דעמלט ציט זי ארוף אף די ליפּן א מאָדנע זים שמייכעלע און

איר מויל ווערט פול מיט אלערליי ווינטשעוואניעס און בראָכעס, זי בענטשט די גווירים מיט א סאך, א סאך בראָכעס, פונקט ווי אין דער היים האָט זי פונזייערטוועגן א סאך, א סאך קלאָלעס.

פריבע רעדט אין דער היים ווינציק. סײַדן עפּשער מיט אים, מיט רוּווענען, דעם קאָזעליער שוסטער. פּארנאכט שטעלט ער זיך ארײַן אין שטוב אזוי ווי אומגערן, אזוי ווי ער וואָלט גיין זוכן זײַן שוויגערס בעהיימע, וואָס האָט זיך ערגעץ אוועקגעשלעפּט און סע קומט אים אויס דורכגיין פּארבײַ פּריבעס טיר.

בא רוּווענען דעם קאָזעליער איז א טונקל־רויטע באָרד, א גראָבע און א גרײַזלדיקע. ער האָט צוויי אומרויִקע, פלוידערישע אייגעלעך. ליגנס טאָקט ער אפן פּוד, און ער האָט ליב צונויפירן א וואנט מיט א וואנט. זײַן שוויגער, דערציילט ער, האָט מען שוין לאנג געוואָלט אופ־הענגען אף א ווײַסער ציג, נאָר אף יענער־וועלט האָט מען זיך אײַנגעשטעלט פאר איר. „זאָל זי נאָך זײַן בא אײַך, — האָט מען געזאָגט פון דאָרטן, — אזא מעציִע וועלן מיר שפּעטער אויך ניט פארשפּעטיקן". און ער לאכט אליין פון זײַן כאָכמע. בא אים איז א דריבנע טרוקן געלעכטערל.

דאָס ווײַב איז בא אים קעסיידער א קראנקע. די קינדער זײַנען, זאָגט ער, — שאריכואָסטן, ער רופט זיי אזוי. די מיידלעך זײַנען בא אים ערגער פון די יִנגלעך. זיי קלעטערן ווו א דאך און ווו א בוידעם.

— און די, — ווײַזט די מאמע אף מינטשיקן, וואָס זיצט ניט ווײַט פון איר די פּיס אונטער זיך און הערט זיך צו צו יעדער וואָרט, — און די, — זאָגט זי, — וועט איר אפילע מיט קיין שטעקן ניט ארויסטרײַבן פון שטוב, זי וואָלט אייביק געזעסן און זיך געהאלטן בא דער מאמעס קליידל.

— מײַן געליע איז אין אירע יאָרן, — ווײַזט רוּוון אף מינטשיקן, — נאָר אײַנזיצן אין שטוב? אָט דאָס ניט.

— וואָלסט שוין געמעגט גיין אמאָל שלאָפן, וואָלסט שוין געמעגט, — רופט זיך פּריבע אָן צו מינטשיקן.

בא מינטשיקן זײַנען שוין גרויסע אויגן, און זי פארשטייט קעסיידער מער, ווי מע קאָן עס אף איר דערקענען. אויך איצט האָט מינטשיק פארשטאנען מערער, ווי מע האָט איר געזאָגט. זי האָט פארשטאנען,

אז די מאמע מיט רוּווענען ווילן עפּעס ניט, אז זי זאָל זיצן לעם זיי, כאָטש פּארוואָס ווילן זיי אזוי, האָט זי ניט געוווּסט.

ווינגדערן געפעלט ניט, וואָס רוּוון גייט צו זיי, און די קינדער זײַנע געפעלן אים אויך ניט. ער כאווערט זיך ניט מיט זיי. אז ער באגעגנט זיי, זײַנען זיי בא אים אזוי ווי פרעמדע. און דאָ קומט ער, רוּוון, און זיצט אלעמאָל. אים, ווינגדערן, איז ניט שיין, וואָס די מאמע לאכט. זײַן מאמע קאָן דאָך ניט לאכן.

אין אזעלכע אפּדערנאכטן דערמאָנט זיך עפּעס ווינגדערן אלעמאָל אינעם טאטן, וויאזוי ער פלעגט אָפּעסן אלעמאָל א מיטנישטע וועטשערע, אָפּווישן די וואָנצעס, ארופשלעפּן אף זיך דעם שמאָלן אויסגעריבענעם שינעל און אוועקגיין אף דער ווארטע. ער פלעגט גיין פאר דער שטאָט אף דער ווארטע, אָדער ער פלעגט אוועקגיין אין הרעטשאנקע ארײַן היטן א מעשוגענע פּויערטע. די שטאָט האָט אים געדונגען פאר א דעסיאטניק, — צוויי קערבלעך מיט פיר גילדן א וואָך האָט מען גע־צאָלט פאר דעם, אז ער, עליע דער שטערנזעער, זאָל קיינמאָל ניט נעכטיקן בא זיך אין שטוב. איצט ווייסט מען שוין ניט אינגאנצן, ווו ער איז, און זי פארגינט זיך נאָך לאכן. „א דארעניש אים אין די פינגער, דעם קאָזעליער שוסטער, מיט זײַן דריבנעם טרוקענעם גע־לעכטערל".

ווינגדער קאטשעט זיך אפן קאלטן אויוון און קאָן ניט אײַנשלאָפן. מיטאמאָל דערמאָנט ער זיך, וויאזוי זײַן עלטערער ברודער כאַים־לייב איז געשטאָרבן. ער, ווינגדער, איז דער סאמע מיִעסטער. און יענער איז געווען דער סאמע שענסטער. געדארפט זיך מיט אים אָפּבײַטן פארן טויט.

בא אלקאָנען האָבן זיך דענסטמאָל אופגעקליבן קינדער פונעם גאנצן ווינקל, מע האָט פונקט געריסן פאסאָליעס אין גאָרטן, און בא זיי, אז מע רײַסט פאסאָליעס, האָבן זיי ליב צונויפקלײַבן אלע קאפּצאָנישע קינדער — מ'זאָל העלפן. דערנאָך האָבן זיך די קינדער אופגעקליבן אין שטוב, מע האָט זיך געשפּילט אין כאָסן־קאלע און אין א כאסענע. ווינגדערן האָט מען ניט געוואָלט ארײַנעמען אין דער שפּיל. ער איז נאָך געווען א קליינינקער. זײַן ברודער כאַים־לייבן האָט מען געמאכט פאר א כאָסן און מ'האָט געפּראוועט א כאסענע. דערנאָך האָט מען פון א בוטל צווישן שאפע אויסגעזײַט דאָס, וואָס איז געווען אפן דנאָ, אין

א בעכערל, — מ׳האָט געמיינט, אז ס׳איז ווישניק, — און מע האָט עס געגעבן כאַים־לייבן אויסטרינקען. צום סאָף איז עס גאָר געווען אָליעם. כאַים־לייב האָט באלד איבערגעקערט די אויגן, און ס׳איז געוואָרן דאָס עמעסע געשריי. די קינדער זײַנען זיך אלע צעלאָפן. כאַים־לייבן האָט מען אָפּגעטראָגן אהיים. און דערנאָך האָט בא זיי, בא די שטערנזעערס, זיך ניט צוגעמאכט די טיר, ס׳האָבן זיך אופגעקליבן א סאך מענטשן. מ׳האָט אָנגעטראָגן קריגלעך מיט זויערמילך. כאַים־לייב איז געלעגן אפן טיש און מע האָט אין אים געגאָסן זויערמילך. סע זאָל אים לעשן. אָבער כאַים־לייב האָט זיך גאָר איבערגעביטן אין פּאָנעם און איז טייקעף אויסגעגאנגען. מע האָט דענסטמאָל געמאכט א פּראָטאָקאָל, און אלצדינג. נאָר זײַן טאטע איז געווען א באָק, וואָס ער האָט זיי געשוויגן, די הארבארעס. אז האנעלע האָט געגעבן אף טאכריכים, מיינט ער, אז ס׳איז שוין אלץ! אהא, פאר אזא זאך וואָלט זיי ווייגדער ניט געשוויגן.

ווייגדער האָט זיך איבערגעדרייט אף א זײַט. ער קאָן אלץ ניט אנשלאָפן ווערן. און עפשער שלאָפט ער שוין. ניט ער קלערט, נאָר סע כאָלעמט זיך אים אלץ וועגן כאַים־לייבן. פּלוצעם האָט ער גענומען פאלן ערגעץ טיף־טיף, און ער האָט זיך א וואָרף געטאָן פאר שרעק. יאָ, ער איז געווען אף יענער־וועלט. ער האָט דאָרט געזען, אז זײַן ברודער כאַים־לייב שטייט אין א רעדל צווישן א סאך מענטשן. ער גייט אויסגעפּוצט אין א שיינעם גארניטער. ער, ווייגדער, שעמט זיך צו אים צוגיין, ווײַל ער גייט אזוי אָרעם און אָפּגעריסן. דערנאָך כאָלעמט זיך אים, אז ער היט בא לייזער־עליע סטאראָוועלעדניקער דעם גאָרטן. ס׳איז באַנאכט, און ס׳איז שטארק פינצטער. ער דאַרף צושטעלן די דראבינע צו א גרויסן בארנבוים און ארופקריכן אהין, אָבער ער קאָן קיין פוס ניט אופהייבן. ער קריכט, און די פיס שלעפּן אים אף צוריק. רוּוון דער קאָזעליער איז דאָרט געזעסן אין הויף מיט א ווערקשטעל און גענייט שטיוול. זאָגט ער: „דײַן טאטן האָט מען אופגעהאנגען אף א ווײַסער ציג, און דו קריכסט דאָ ארומעט״. ווייגדערן גלוסט זיך זייער וויינען. קארג איז ער עס אָפּגעקומען אין דער הרעטשאנקע און ווינטער גאנצע נעכט אף דער ווארטע. דארף מען אים נאָך הענגען אף א ווײַסער ציג! ווייגדערן גלוסט זיך וויינען א סאקאָנעס, איין קאפּעלע,

ווען ער ווײַנט זיך אויס, וואָלט זיך בא אים אַראָפּגעקײַקלט א שטיין פון הארצן...

ער האָט זיך אופגעכאפּט, און ס'האָט אים שטארק ווײ געטאָן דאָס הארץ. אים האָט זיך אזוי ווי אויסגעדאכט, אז ער הערט פון ערגעץ: כי־כי־כי, כע־כע־כע, אָבער ער איז ווײַטער אנשלאָפן געוואָרן און דער כאָלעם האָט זיך אים ווײַטער געפלאָנטערט פון סאמע אָנהייב, אז כאים־לייבן לאָזט מען פאָרן אומזיסט אף א גרויס פערד און ער שעמט זיך ווײַטער צו אים צוגיין... און ווידער דוכט זיך אים, אז ס'שטיקט זיך ערגעץ: כי־כי־כי, כא־כא־כא.

אַראָפּגעזעצט די פּרײַז אף גוטע־ייִדן

ווידער האלט שוין בא געזונט ווערן. אזריליק קומט צו אים אלע טאָג און דערציילט אים אויס אלץ, וואָס סע הערט זיך אין שטאָט.

לאָזט זיך אויס, אז די אלטע דײַטשקע איז שוין קימאט אינגאנצן געזונט. מע האָט שוין פון איר אפילע אראָפּגענומען אלע פארבינדעכצן, נאָר אז זי רעדט, פּאָנפּעט זי אזוי, אז מע פארשטייט ניט קיין איין וואָרט.

— נישקאָשע, — זאָגט ווידער, — איך וועל קומען אין מיל, וועל איך פארשטיין. מע דארף קענען ריידן דײַטש. ווען דו קענסט דײַטש, וואָלסטו אויך פארשטאנען.

אזריליק איז לאנג געזעסן. א שמייכל איז געווען צעגאָסן אף זײַן גאנץ פּאָנעם, ווי אלעמאָל, ווען ער האָט עפּעס וואָס צו דערציילן.

— נו, דערצייל שוין, — האָט אים ווידער אונטערגעטריבן. ער האָט דערקענט אין אים, אז סע שמעקט מיט גאָר גרויסע נײַס.

— בעזשענצעס, — האָט אזריליק גלײַך אָנגעהויבן פון דער סאמע מיט, — פון די שטעט לעם דער מילכאָמע טרײַבט מען ארויס ייִדן. לויפן זיי אהער, און מע רופט זיי בעזשענצעס.

— נאָר ווײַל זיי לויפן, זײַנען זיי דאָך טאקע בעזשענצעס! נו, איז ווער אהער געקומען? גיכער זאָג, — האָט אים ווידער אונטערגעטריבן.

— א גוטער־ייִד.

— א רעבע?

— יאָ, ער שטייט סטאַנציע באַ זיסל באַדאַרקיער. ער האָט א מישפּאָכע פון עפּשער צוואַנציק מענטשן.

— גאָר אַזוי?

ווײגדער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מאָרגן זאָל זיך אַפילע טאָן כ׳וויים־ניט־וואָס, גייט ער אָנקוקן די בעזשעגנצעס, טאַקע דאָרט באַ זיסע באַדאַרקיער אין שטוב.

— אוועלכע זײַנען זיי? צי דען איז דאָס אַ מישפּאָכע פון גאָלע גוטע־ייִדן?

— די אייניקלעך, — זאָגט אזריליק, — גייען מיט לאַנגע פּייעס, מיט גאַרטלען און מיט זײַדענע היטלען.

ווײגדער האָט מאַמעש ניט געקאָנט אײַנליגן פון אַזאַ מין וואונדער־לעכער נײַעס.

אינדערפרי איז נאָך געקומען מינטשיק און האָט געזאָגט, אַז באַ האַנעלען גרייט מען זיך עפּעס אויף געסט. מ׳קערט, מ׳וואַשט און מ׳ראַמט, און אין אויוון באַקן זיך קיכלעך.

אין אַ שאָ אַרום איז שוין ווײגדער געווען באַ האַנעלען. ער האָט אומיסטן אָפּגעטראָגן די האַק. ריוועלע די דינסט האָט זיך דערפרייט, אַז זי האָט אים דערזען.

— זע נאָר, — זאָגט זי, — וויאַזוי דו האָסט זיך עס אויסגעבלייכט. ווײגדער האָט אַ פרעג געטאָן ריוועלען:

— וואָס וועט דאָ זײַן?

— גאָרניט, — האָט ריוועלע געענטפערט, — וואָס זאָל זײַן? אַ רעבע דאַרף הײַנט קומען.

— און איך האָב געמיינט, אַז סע באַ פריידקען טנאָים.

— טנאָים? ניין! מ׳איז זי שוין דאַפּקע געקומען אָנקוקן, ווייל זי ניט, ווילן זיי ניט. איך קאָן שוין דאָ אַליין קיין לאַד ניט דערגיין. זיי זײַנען דרײַ ברידער מיט אַ מאַמע, האַנדלען זיי אַלע מיט צעלניק.

האַנעלע איז אָנגעגאַנגען און געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו, ווײגדער? עפּעס שוין לאַנג דיך ניט געזען.

ווײגדערן האָט שטאַרק פאַרדראָסן. ער ליגט דאָרט אָפּ אַ שלאָפער, ווייסט ער די גאַנצע צײַט, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אין שטוב פון יעדער פּיצעלע, און זיי פון אים ווייסן אַפילע ניט, אַז ער איז געווען שלאָף.

ער האָט אָבער די רעגע א טראכט געטאָן:

„ס׳א ליגן, זיי ווייסן, מינטשיק איז אמאָל אהער געגאנגען לײַען א שטיקעלע צוקער פונזײַנטוועגן״.

אין הויף האָט מען געפוצט דעם שליטן, און כאָנע איז ניט גע־גאנגען אין כיידער.

— ווינדער, — זאָגט ער, — קום נאָר אהער. ביסט שוין געזונט?

— איך הוסט, — האָט ווינדער א זאָג געטאָן, און נאָך איידער ער האָט אויסגערעדט, איז ער זיך שטארק פארגאנגען און דערווײַל אין איין גאנג געוויזן, וואָס ער קאָן.

— ס׳ט קומען, וועלן מיר איינעם פאָרן נאָכן רעבן.

— אוועלכער איז ער? איך האָב נאָך אים גאָרניט געזען.

כאָנע האָט זיך צעלאכט:

— ער איז א פליישיקער און האָט אינמיטן פּאָנעם א נאָז.

— ער איז אן אלטער?

— פאראן אן אלטער אויך. פאראן צוויי. איינער א יונגער און איינער אן אלטער. פאראן דאָרטן עפּשער פופצן, אלערליי ראבײַים און ראבײַמלעך.

— איז וועלכן וועט איר רופן?

— הײַנט קאָסט ניט טײַער. מע קאָן רופן וועלכן מע וויל. אמאָל, אז דער טאטע האָט געוואָלט רופן דעם ארליקן רעבן צו זיך אין שטוב, האָט מען אים געהייסן אנידערלייגן א פינף־און־צוואנציקער, און איצט רעדט מען פון א פינפערל.

— ער זאָל גיין צו אונדז פאר א קערבל, וואָלטן מיר אים אויך ניט גענומען.

— גיי, דו ביסט א נאר, — מאכט צו אים כאָנע, — דו מיינסט, אז ס׳נאָר דער רעבע? סע וועלן דאָך זײַן קיכלעך און בראנפן, און מענטשן וועלן זיך אָנלויפן. אבי דו רעדסט. סע וועט שוין זײַן איינמאָל פריילעך.

אף צוריקוועגס אהיים האָט ווינדער קוים געשלעפּט די פיס און ניט געוווּסט, צי זאָל ער זיך נאָכאמאָל אוועקלייגן און ליגן, צי ער זאָל שוין זײַן געזונט...

צווייטער טייל

נײַע רייד...

1

אז ס'איז אַ פּראָסט, איז בעסער!

אז ס'איז אַ פּראָסט, קאָן מען אַפילע אין די צעריסענע שיך אָנוויק־לען געגוג שמאַטעס, און אַז מע גייט גיך, איז ניט קאַלט. ערגער פון אַלץ איז אַ פוילע קעלט און אַז סע ווערט נאַכט אין דרויסן פינף ווערסט פאַר דער היים.

ווייגדער האָט עס געזאָגט, און אזריליק איז מאַסקים.

אזריליק שווײַגט ביכלאַל אַ גאַנצן וועג. ווייגדער האָט מוירע, ער זאָל כאָטש ניט אַנשלאָפן ווערן גייענדיק.

— בלינדיוק, דו שלאָפסט ניט? — האָט ווייגדער אַ פרעג געטאָן, און אזריליק האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, טאָמער גיט אים עמעצער אַ שנעל. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן באַ דער טאָרבע, דאָרטן איז אין איין קניפּל געווען אַ ביסל פּראָסע, אינעם צווייטן — הערעטשקע און פון אויבן — אַ שטיקל ברויט.

— סע נאָך ווײַט צו גיין? — האָט ער אָנשטאָט אַן ענטפער אַ פרעג געטאָן.

— אָט־אָ זעט מען שוין אַרום דעם מאָזשאַריער קלויסטער, — האָט אים ווייגדער געענטפערט, — און פון מאָזשאַרי איז נאָך פאַראַיאָרן געווען פיר ווערסט אַהיים.

אזריליק וואָלט מאַסקים געווען אַפילע איבערנעכטיקן אין מאָזשאַרי, אַבי אין אַ וואַרעמער שטוב, אָבער ער ווייסט ניט, וואָס ווייגדער וועט דערויף זאָגן.

און ווייגדער זאָגט, אַז אין דער היים קאָנען זיי דאָרטן אַלע פּוכניען הונגעריקע. ער ווייסט נאָר איין זאַך: אין דער היים, אין דער היים...

אין מאָזשאַרי האָט מען געטריבן די בעהיימעס צום ברונעם און אין איינעקע הײַזלעך האָט שוין געברענט פײַער.

— עפשער אַרײַנגיין ווײַטער צום גאַלעך? — האָט אזריליק אַ פרעג געטאָן.

באם גאלעך זײַנען דאָ הינט, אָבער זײ בײַסן ניט, סע קאָן זײַן, מע זאָל דאָרטן נאָכאמאָל געבן א ביסל מעל אָדער אן אלטגעבאקן ברויטל. ווײגדער האָט זיך אָבער סײַווי געריסן אהײם.

אפן וועג האָט זיך ווײגדער פונסנײַ צערעדט:

— ווען איך בין א קײסער, — האָט ער געטײַנעט, — וואָלט איך ניט ארומגעגאנגען איבער די דערפער, איך זאָל אפילע וויסן איך ווײס אלײן ניט וואָס, סײַדן ארומפאָרן מיט אן אײגענער בריטשקע און אָנקלאפּן אין יעדער טויער, אז מע זאָל ארויסטראָגן, וואָס מע וויל. אזוי וואָלט איך אָנגעקליבן אף צוויי וואָכן עסן. א וואָך פאָרט מען ארום, און א וואָך זיצט מען אין דער הײם.

אזריליק האָט עפּעס געמרוקעט צו זיך אלײן, מע האָט ניט געקענט דערקענען, צי ס׳איז א ניגן אזא אומעטיקער, צי ס׳איז א געוויין, וואָס טראָגט זיך פונדערווײַטנס.

— בעסער זינגען קאָנסטו ניט? — האָט אים ווײגדער א פרעג געטאָן.

— איך קאָן, נאָר איך האָב מוירע, — האָט אים אזריליק געענטפערט, — מע האָט מיך געוואָלט יאָמים־נויראָים צונעמען צום אָוורוטשער כאזן פאר א מעשוירער, מע האָט געוואָלט געבן דרײַ קערבלעך.

ווײגדער הערט אזעלכס דאָס ערשטע מאָל: דרײַ זילבערנע קערבלעך פאר גאָרנישט...

— מיט עסן? — האָט ווײגדער א פארכידעשטער אזש אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

— עסן איז גאָרניט, עסן גיט די שטאָט.

— און דו האָסט נאָך ניט געוואָלט?

— איך וויל, נאָר איך שעם זיך.

— שלעכט, — האָט ווײגדער א זאָג געטאָן, — מיט דײַן שעמען זיך איז ביכלאל שלעכט, אפילע גײן איבער די הײַזער איז עס אויך אן איבערשלאָג.

די כעוורע האָבן זיך אזוי פארעדט, אז זײ האָבן שוין דורכגעמאכט דעם אראָפּ־בארג צווישן מאָזשארי און ווערפּי, פונדאנעט האָבן זײ שוין מער ניט ווי צוויי ווערסט אהײם.

אין די פיס איז קאלט, דער קויטיקער שנײ פארקריכט, ווי געקנאָטענער זאמד אין די צעריסענע שיך ארײַן. די קני ברעכן פון לאנג גײן,

די פּעלצלעך און די טאָרבעס דריקן אַף די אַקסלען, און דער גאַנג ווערט אַלעמאָל שווערער. ווידער איז שוין אויך אַנשווינגן געוואָרן. פּלוצעם זײַנען אַרויסגעשפּרונגען עטלעכע פורלעך פון ווערפּי און גלײַך אַפּן בערגל אַרויף.

די כעוורע זײַנען פלינק אַראָפּ פון וועג, אַרײַנגעטאַנצט אין אַ כוואָסטע אַרײַן און האָבן איבערגעוואַרט.

— זע, דער פּריסטאַוו!

— און די סטראַזשניקעס פאָרן אויך, — האָט ער ווײַטער צוגעגעבן, — נאָר אַף פּראָסטע פורן!

— זיי פאָרן נאָך אַ גאַנעוו, — האָט אַזריליק אַ זאָג געטאָן טויב און אָפּגעהאַקט.

— פאַרוואָס עפּעס נאָך אַ גאַנעוו? עפּשער פאָרן זיי גאָר אַף אַ כאַסענע?

אַזריליק שווײַגט.

די פורלעך האָבן אַוועקגעשמיסן אַרויף, און די כעוורע זײַנען אַוועק ווײַטער מיטן שליאַך. שוין הינטער ווערפּי האָט ווידער אַ זאָג געטאָן:

— ווען מײַן טאַטע זוכט זיך אָפּ, וואָלטן מיר איצט אויך געפאָרן אַף אַ כאַסענע.

אַזריליק האָט געפרעגט מער אין געדאַנק, ווי מיט רייד: „ווּהין?” און ווידער, וואָס האָט אים קעסיידער פאַרשטאַנען, אַפּילע אין שלאָף, האָט געענטפערט:

— קיין כאַטשען. דער מאַמעס שוועסטערס אַ טאָכטער מאַכט כאַסענע איר טאָכטער. ביילקע הייסט זי, נאָך גאָר אַ יונגע.

אַלעמאָל, אַז מע צערעדט זיך וועגן כאַסענעס און קאַלעס, דערמאָנט זיך ווידער, אַז ער האָט שוין אויך דרײַ קאַלעס, נאָר זיי ווייסן ניט וועגן דעם. אַז ער דערמאָנט זיך פון זיי, ווערט אים וואַרעמער אינווייניק און ער שעמט זיך. נאָך גוט, וואָס קיינער ווייסט ניט. אים דוכט זיך אַפּילע, אַז דעם מאַזשאַרער גאַלעכס מיידעלע האָט אַף אים אויך געקוקט אַהינצו גייענדיק. אָך, איז זי שיין! מיט צוויי צעפּ... ווען ער קומט אָן צום גאַלעך פאַר אַן איידעם, וואָלט ער, נישקאָשע, אין שטאָט אַרײַן זיך שוין פאַרשפּאַרט ווײַזן. ער וואָלט דאַרפן לעבן גאַנצענע טעג מיט אַ באַהאַלטן לעבן, ער וואָלט זיך קעסיידער געדרייט אין די פּאָקאָיעס און אין טויק, און ווען סע קומט אַרײַן צום גאַלעך אַ ייִד עפּעס

קויפן, וואָלט ער, ווייגדער, איבערגעזעסן דאָרט אין שטאַל לעם די פערד אָדער וווּ.

— נאָך וואָס? — האָט אזריליק א פרעג געטאָן אינדערפינצטער.

פון ביידע זייטן וועג זיינען שוין געווען די ביימלעך, וואָס וואַקסן פון ווערפּי ביזן שטאָט. שיר ניט ביז דער מיל פאַרגייען זיי. אזוי קומט אויס, אז סע איז אַלץ נאָענט, אָבער אז מע הייבט אָן גיין, איז גיי און גיי און סע נאָך דאָ צו גיין. ענדלעך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָנזען די פייערן פון שטאָט. לעם מיל זיינען עפּעס געשטאַנען רעדלעך און מע האָט גערעדט. דערזען די יינגלעך, וואָס גייען פון שליאַך, האָט זיך דער אויילעם א לאָז געטאָן צו זיי:

— יינגלעך, איר האָט קיינעם ניט באַגעגנט פאָרן?

— באַגעגנט, — ענטפערט ווייגדער, — דעם פּריסטאַוו, די סטראַזשניקעס, און עפּשער איז נאָך דער פאָרעץ פון הייפל, דוכט זיך, געפאָרן אף א פּראָסטער פור.

— אָט האָסטו דיר, — האָבן די פּויערים און די שטאָט־לייט ווי געענטפערט עפּעס איינער דעם צווייטן, — א שטאָט, מ׳שטיינסגעזאָגט, מע נעמט און מע לאָזט אליין ארויס אזעלכע קלאָווים פון די הענט...

— מע וועט דאָך אומעטום לאַכן אין די הויפנס...

ערשט דאָ האָבן זיך ווייגדער מיט אזריליקן דערוווּסט, וואָס סע טוט זיך. די שטאָט וויגט זיך נאָך פון באַטאָג אָן, דער באַלעגאָלע פון אָוורוטש איז געקומען און זיינע פאַרשווינען האָבן געבראַכט די נייעס, אז ס׳איז שוין א פאַרטיקע זאַך, מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. אזא מייסע? ס׳איז געוואָרן א סימכע מיט א פרייד, מע האָט זיך גענומען קלייבן אין רעדלעך, אייניקע האָבן אופגעגעבן, אז מע דאַרף אָנשלאָגן דעם פּריסטאַוו און זיינע לייט און זיי אריינזעצן אין טורמע אריין. אָבער ס׳איז אויך מיר א שטאָט, מע האָט זיך אזוי לאַנג געקליבן, ביז זיי האָבן זיך שטילערהייט ארויסגעגאַנוועט פון שטאָט און זיך צעלאָפן.

ווייגדער האָט אזש אראָפּגענומען די קוטשמע און לאַנג געריבן מיט דער דלאָניע פון דער לינקער האנט זיין געשווירענעם קאָפּ:

— אָט דאָס זיינען זיי אזוי געלאָפן אַלע, — מאכט ער צו אזריליקן.

— א שיינע כאַסענע, — האָט אזריליק א לאַך געטאָן.

— נאַרעלע, די כאַסענע הייבט זיך ערשט אָן.

2

פריידקע האַנעלעס, אַז זי האָט דערזען ווייגדערן, האָט זי אים אָפּגע־געבן מאַזלטאָוו. ווייגדער האָט זיך פאַרשעמט און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אַפ די רייד איז כאָנע אַרויסגעשפּרונגען עפּעס מיט מאָדנע צעשטעלטע פּיס, ווי אַ קאַלב, און אויסגעשריִען:

— שטערנעץ, דו ווייסט, מע האָט שוין אַראָפּגעוואָרפן ניקאָלייַען. צעטריבן די סטראַזשניקעס!

— איר ווייסט, — האָט ווייגדער געענטפערט, — דעם פּריסטאַוו האָב איך אַליין געזען, וויִאַזוי ער איז אַנטלאָפן מיט אַלע סטראַזשניקעס.

— מיר שפּאַנען דאָס פערד און מיר פאָרן קיין אָוורוטש, — האָט כאָנע צוגעגעבן מיט גייַוועס, — מע וועט דאָרט קלייַבן עלטסטע, דעם טאַטן מייַנעם וועט מען אויך אויסקלייַבן!

ווייגדער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, — ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז טאָמער מאַכט מען אַלקאָנען אַפן פּריסטאַווס אָרט פאַר אַן עלטסטן, וועט ער עפּשער זיך צו אים באַשטעלן פאַר אַן אָנ־טרייַבער, כאָטש אַרבעטן בײַ אַ פּריסטאַוו איז עפּעס ניט גוט, אַפילע בײַ אַ ייִדישן.

ערשט אין אַ שאָ אַרום, אַז ווייגדער איז פאָטער געוואָרן מיטן ביסל מילכיקס פאַר דער שטוב, איז געקומען צו לויפן אַזריליק מיט אַ האַלב אָפן מויל און שווייַגט. דאָס מויל שמייכלט בײַ אים. די אויגן ריידן, און אַליין שווייַגט ער.

— נו, גיכער! — האָט ווייגדער אַפ אים אָנגעשריִען, — גיב לאָשן, זאָג, וואָס איז?

— קום אין מאַרק אַרייַן, — האָט אים אַזריליק שעמעוודיק אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל.

— שפּעטער, איך בין נאָך הייַנט ניט געפאָרן נאָך קיין לאָמאַטשע.

— אײַ, גיי, — האָט אים אַזריליק האַסטיק אַ שלעפּ געטאָן.

ערשט אין שטאָט האָט זיך טאַקע געטאָן אַפ טיש און אַפ בענק. מע האָט געקליבן אַ מיליציע.

באָרעכקע דער בויער און לייבל יאָנטלס און אַ מאָזשאַרער פּויער זייַנען געוואָרן מיליציִאָנערן. מע האָט זיי אָנגעטאָן רויטע שטיקלעך צייַג אַפ די אַרבל, מע האָט זיי געגעבן שאַשקעס. באָרעכקע דער בויער איז

אפילע געבליבן מיט דער אייגענער באָרד, וואָס קעסיידער. און מיט דער אייגענער קאָרטענער קאַפּאָטע. אָבער ער איז שוין געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער!

— בראַט טי מאָי, — האָט ער געשריִען צו די יִינגלעך, און די גאַנצע שטאָט יִינגלעך איז אים נאָכגעלאָפן.

אַז מע איז געקומען צום וואָלאָסט, איז לייזער סאָרע־ביילעס אַרויף אַפן גאַנעק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַף אַ בענקל און געהאַלטן אַ רעדע.

— גענוג, — שרײַט ער, — האָבן די בורזשויען געצאַפּט אונדזער בלוט.

אַלקאָנע, אַז ער האָט אַזעלכס דערהערט, האָט ער גענומען און איז אינגאַנצן אַרויסגעגאַנגען פון הויף.

אין דער היים האָט אים פריידקע געגעבן צו פאַרשטיין:

— דו ביסט נאָך ניט קיין בורזשוי. בורזשויען זײַנען די פאַבריקאַנטן מיט די פּריצים. אַ מיליאָנשטשיק איז אַ בורזשוי.

— און דער דײַטש, — האָט כאָנע אַ פרעג געטאָן, — וואָס האַלט די מיל, איז אַ בורזשוי צי ניט? און וועלוול מיט דער צווייגאָרנדיקער שטוב, וואָס האָט צוויי קלייטן מיט שניטסכוירע, איז אַ בורזשוי צי ניט?

ווינדער איז מעקאַנע געווען כאָנען, וואָס ער ווייסט באַלד, וואָס מע דאַרף פרעגן.

און אַז לייזער האָט געענדיקט די רעדע, האָבן די יִינגלעך אַלע געשריִען „הורא". און צוויי שרײַבערלעך פון וואָלאָסט זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין איין מוירע, זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— רײַסט אַראָפּ דעם פּאָרטרעט! — האָט לייזער געשריִען, — וואָס שווײַגט מען אַלע?

דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין וואָלאָסט אַרײַן. דער אַלטער וועכטער האָט זיך געציילעמט, און באָרעכקע איז דער ערשטער אַרויפגעקראָכן און געגעבן אַ זעץ דעם קייסערס פּאָרטרעט אָן דער ערד. ווינדער האָט אַ קוק געטאָן אַף אַזריליקן, האָט ער געזען, אַז יענער האָט, ווי זײַן שטייגער איז, שטאַרק־שטאַרק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, האָט ער אים אַ שטורכע געטאָן אין פּלייצע אַרײַן:

— אוי, בלינדיוק דו! הײַנט איז דאָך אַלץ אונדזערס, הײַנט דאַרף מען האַלטן דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

דערווײַל איז צוגעלאָפן מוישע־בונים דעם בעדערס און זאָגט, אַז מע האָט געהייסן זײַן טאַטן קומען מיטן פידל, און ער, מוישע־בונים, וועט שפילן אויף דער באַמקע.

ביז עפּעס וואָס האָט ווינדער ניט באַמערקט, וויאַזוי דער אוילעם האָט זיך אויסגעשטעלט און מע האָט גענומען אַ פּאָן. ער האָט זיך אויך אינדערגיך אוועקגעשטעלט מיט אזריליקן אין דער פּאָר, מע האָט דורכגעשפּאַנט אַקוראַט פאַרבײַ ווינדערס שטוב, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פון וואָלאָסט. ער האָט דערזען, ווי זײַן מאַמע שטייט לעם טיר און קוקט אַהער. לעם טיר זײַנען געשטאַנען מינטשיק און ריוועלע די האָראָדעצער. ווינדער האָט געטראָטן שטײַפער ווי קעסיידער, און ער האָט געקוקט צו זיי מיט אַ זיגערישן בליק, ווי איינער, וואָס מיינט: „ניט געזאָרגט, איצט וועט שוין אַלץ זײַן רעכט”.

איצל קאַטשקע, דער שאָכן זייערער, איז אויך אַרויס אויפן גאַנעק.

— אין פינפטן יאָר, — זאָגט ער, — האָב איך אַליין געזען אין זשיטאָמיר, וויאַזוי מע איז געגאַנגען מיט די פאָנען און מע האָט געשאָלטן דעם קיניג מיט דער קיניגיכע. ה־ה־אַ רועך אין זײַן פאָטער אַרײַן, און פאָטער אַלע זאַכן!

דער אוילעם איז שוין דורכגעגאַנגען פאַרבײַ שמערל ווויטס שטוב און מע האָט געזונגען.

און אַז קיינער האָט ניט געקוקט, האָט אזריליק נאָכגעזונגען:

„מי פּאָידיאָם איק נאַשים סטראַזשדושטשים בראַטיאַם...”

ווינדער האָט אים געגעבן אַ שטורך, ער זאָל זינגען אַ ביסל העכער:

— דו שלאָפסט, צי דו זינגסט? זינג, אַז אַלע זאָלן הערן!

העניע רופט צונויף די קינדער

1

וועלוול דער שניטקרעמער איז ערגעץ אַנטלאָפן געוואָרן. האָט מען בא אים צוגענומען די שטוב. אויפן צווייטן גאָרן זײַנען געזעסן די מיליציאָנערן, און אונטן, אין קלייט, איז געווען אַ טורמעלע, אַן אַרעסט־טאַנטסקע אַזאַ פאַר די, וואָס ווילן זיך ניט אונטערגעבן דער וולאַסט.

פון די ווײַטע שטעט איז אָנגעקומען העניע, לייווי דעם שוסטערס טאָכטער. זי איז איצט א געלערנטע, אָט די העניע. אין איין העמד איז זי אַמאָל אנטלאָפֿן געוואָרן קיין אָדעס.

און דעם ערשטן טאָג, ווי העניע האָט זיך נאָר אראָפּגעוויזן צוריק אהיים, האָט מיט איר די שטאָט אָנגעהויבן קאָכן, דעריקערשט די קינדער. מיט די קינדער איז זי גלײַך געוואָרן איינס, זי איז זייער א גוטע.

— טײַערע קינדער, — זאָגט זי, — קעסיידער זײַנען מיר געווען שלעפּערס, און הײַנט איז געקומען די צײַט, ווען מיר זאָלן אויך ווערן מענטשן...

די באַלעבאַטים אין שטאָט ווילן דאָס דאפּקע ניט לײַדן.

— ס'טײַטש, — טײַנען זיי, — אזא לײַדאַטשקע. זי פירט אראָפּ פון וועג א שטאָט מיט קינדער! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?!

שאַבעס אינדערפרי איז געווען אזוי ווארעם אין דרויסן, א מעכײַע.

ווייגדער איז ארויס אין דרויסן, האָט ער זיך צום סאַמע ערשטן באַגעגנט מיט קייקען דעם זויגעוודיקן. ס'איז א סוואָרע, אז ביז נײַן יאָר האָט אים יעוודאָקימיכע, די מאַמע זײַנע, געטראָגן אפֿן שויס און האָט אים געגעבן די ברוסט. פֿאַרדערפאַר הייסט ער „דער זויגעוודיקער".

ווי קייקע האָט נאָר דערזען ווייגדערן, אזוי האָט ער גלײַך ארויסגע־שאָסן:

— ס'איז א ליגן! ס'איז דאָ א קייסער. מײַן באָבע האָט אליין דערציילט, אז דער ברודער מײַנער האָלאָוואַן דינט לעם דעם קייסער אליין און ס'וועט נאָך אָנקומען פון אים א בריוו אויך!

ווייגדער האָט אים געענטפערט, אז ס'קאָן ניט זײַן. ער ווייסט שוין דאפּקע אַף געוויס, אז דעם קייסער מיט אלע זײַנע עלטסטע האָט מען שוין באַגראָבן אין א גריבעלע און ארופגעשטעלט אַף זיי א ציילעם.

— און מײַן ברודער?

— האָלאָוואַן?

— יאָ?

— איך ווייס? עפּשער שלעפּט ער זיך ארום ערגעץ איבער די הײַזער און בעט א שטיקל ברויט.

— ברעשעש! — מאַכט קייקע, און די גרייס איז ער אקוראַט ווי צוויי ווייגדערס מיטאַמאָל, כאָטש ייִנגער איז ער מיט א יאָר.

— סאם ברעשעש! — ענטפערט אים אַפּ ווייגדער, — אויב דו גלייבסט ניט, קענסטו פרעגן בא העניען.

ווייבאלד ס'רעדט זיך שוין וועגן העניען, איז קייקע אנשוויינגן געוואָרן. ער ווייסט, העניע וועט קיין ליגן ניט זאָגן.

— און ווו זיינען דיינע שפּערלעך? — פרעגט ווייגדער בא קייקען.

— ניטאָ שוין. אדאמקע האָט אויסגעהארגעט. איצט האָב איך נאָר א טויב, וויל זי עפּעס אויך ניט לעבן.

— פארוואָס?

— זאָל איך אזוי וויסן פון איר.

— פארקויף זי מיר.

— ווו וועסטו זי האלטן?

— אין קוטשקע בא אונדז.

— א דוראק ביסטו און א ראבין, באם ראבין זיצן אויך די טויבן אין קוטשקע.

— נישקאָשע, ברענג.

— וועסטו מיר געבן א שטיקל כאלע?

— ניטאָ קיין כאלע, כאלע איז אן איידעלע זאך.

— וואָס זשע האָסטו?

— א קנעפּל.

— וויַיז אוואָסערס.

ווייגדער האָט אים באוויזן א קנעפּל פון א סאָלדאטסקן שינעל. די סכוירע איז קייקען דאפקע געפעלן געוואָרן. קאָן ער אָבער ניט אוועק פון די כאוויירים.

— נו, גוט, באטאָג וועל איך צו דיר קומען.

— באטאָג ניט, בעסער פארנאכט.

און ווייגדער ווייסט, פארוואָס באטאָג ניט. אַף באטאָג האָט העניע לייווים געהייסן אלע קינדער קומען אין דער רוסישער שקאָלע אין הויף, און ער, ווייגדער, האָט איר צוגעזאָגט, אז ער וועט צונויפרופן אלע קינדער, אלע: די יינגלעך און די מיידלעך.

— זאָלסטו היינט קומען אין שקאָלע, — זאָגט ווייגדער צו קייקען.

— וואָס?

— קום, וועסטו זען, העניע וועט ריידן.

ווינדער האָט דערזען פונדערווײַטנס זײַן מוטער אינעם שאַבעסדיקן קאָפּטל.

— מאַמע?

— א יאַמע זאָל דיר זײַן, מוזשעווילע געזונטער. ווי האָסטו זיך אוועקגעדרייט אַף א גאַנצן פרימאָרגן? אין בעסמעדרעש אַרײַן גיי, כּירכעל! אַלע ייִדן וועלן שוין באַלד צוריקגיין פון דאַווגען.

ווינדערן איז טאַקע געוואָרן ניט שיין, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַר־שפּעטיקט. ער דאַרף דאָך טאַקע וואָס גיכער זײַן אין בעסמעדרעש, וואָרעם ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן די ייִנגלעך.

אַז ער איז געקומען אין גרויסן בעסמעדרעש, האָט מען שוין פּונקט געהאַלטן באַם ענדיקן. ווינדער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן אוילעם, האָט זיך צוגערוקט צו יוינע דער שפּרעכערנס, אָדער ווי מע האָט אים גערופן — יוינע די ליפּ, און שטיל א שעפּטשע געטאָן:

— וועסט הײַנט זײַן אין שקאָלע אין הויף?

יוינע ענטפערט, אַז אויב ער וועט ניט קומען, וועט זײַן שוועסטער קומען, וואָרעם בא אים איז די מאַמע שלאַף, וועט מען ניט קענען אַלע אַוועקגיין פון שטוב.

— טאָ פאַרוואָס שפּרעכט זי זיך ניט אָפּ? — האָט ווינדער גלײַך א פרעג געטאָן. — זי איז דאָך א שפּרעכערן.

— ע, גיי, שטערענעץ מיט די קעץ! זיך אַליין קאָן מען ניט שפּרעכן.

— און דײַן טאַטע, אַז ער איז געשטאָרבן, פאַרוואָס האָט זי אים ניט אָפּגעשפּראָכן?

— פאַרדערפאַר, וואָס ער האָט געכאָרכלט.

— נו?

— נו, איז ניטאָ קיין שפּרוך. א שפּרוך איז דאָ צו א שלאַנג, אָדער אַז א בעהיימע ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין וואַלד.

— נו, איז וואָס, אַז זי ווערט פאַרפאַלן?

— נו, איז דאָס! פאַרשפּרעכט מען זי, אַז זי זאָל ניט אַוועקגיין אין ערגעץ. זי זאָל זיך דרייען אַף איין אָרט און קיין וואָלף זאָל זי ניט עסן.

דערווײַל איז אָנגעלאָפן דער אַלטער זיידעלע, די גרייס איז ער ווי צוויי קעץ, נאָר די ייִנגלעך אין בעסמעדרעש ציטערן פאַר זײַן דוך. מיט א האַנטעך לויפט ער אַרום א גאַנץ דאַווגען און גיט אַכטונג, אַז די ייִנגלעך זאָלן ניט האַנדלען שאַבעס מיט קיין קנעפּלעך. די ייִנגלעך

האלטן אים אָבער ניט פאר קיין שלעכטן, דעם זיידעלע. אז ער כאַפּט אמאָל א יינגל, שלאָגט ער אים קיינמאָל ניט מיט קיין קאַס, ער מאכט נאָר גרויסע קוילעס.

— שטערנזוער, האָב דיר אכציק זעטיקע יאָר. דיין טאַטע פאר דער מילכאָמע האָט אויך געדעט באם דאַוונען. — און ער האלט צו די יינגלעך פאר די אויערן, ביז זיי זאָגן אים אָפּ הויך און מיט א ניגון:

— באָרוך הו ובאָרוך שמוי.

— אָט אזוי, אכבעריישים. נו, ווייטער?!

— אָמיין.

— אָט אזוי. דאַוונט, קונדייסים!

דאָס בעסמעדרעש איז פול־געפּאַקט מיט יידן, און אין די רעדלעך הערט ווינגדער, ווי מע רעדט:

— א שטאָט... ווו איז עס געהערט געוואָרן, מע זאָל דערלאָזן, אז אזא ליידאַטשקע זאָל...

ווינגדער האָט דערזען, אז אפן טיר, לעם האנטפאַס איז עפּעס אָנגעקלעפּט א פּאַפּיר, און די יידן מיט די טאַליסים גייען אלעמאָל צו לייענען און קניטשן מיט די פּלייצעס:

— א נייע באלדאַרשערקע...

ווינגדער קען ניט לייענען. נאָר ער האָט פארשטאַנען, אז ס'איז הענייעס א קוויטל, אז דאָס רופט זי טאַקע צונויף אלע קינדער, זיי זאָלן זיך אופקלייבן שאַבעס נאָך וואַרמעס.

— ווער האָט עס אָנגעקלעפּט? — האָט ווינגדער א פרעג געטאָן מוישעבונימען דעם בעדערס.

— מיין אייסעק — „ווער”? איך בין א קאָהאָלשער מענטש, איך טאָר זיך ניט מישן.

— דו דאַרפסט האלטן פאר אלעמען, בונים?

— אוואדע, פאר אלעמען. העניע, אויב זי שיקט, שיקט זי אָדער דיך, אָדער אזריליקן.

— אהא!

דערווייל זיינען שוין די באלעבאַטים געשטאַנען אין א גרויס רעדל און זיך אונטערגעגעבן היץ, אז בא אונדז איז ניט קיין שטאָט, דאָ זיינען אלע בעק. אנדערע האָבן געזאָגט, אז די טאַטעס וועלן ניט וועלן, וועלן זיי אליין ניט לאָזן די קינדער.

— זי איז דאָך דײַנע אַ פּלעמעניצע, — האָט דער געלער פּערד־הענדלער אַ רײַץ געטאָן איצל קאַטשקען.

— נו, און אַז מײַנע אַ פּלעמעניצע, טאָר זי ניט זײַן קיין הולטײַקע? — און נאָך יעדער וואָרט טוט ער אַ קרעכץ אַף זײַן קאַטשקעדיקן אויפן. — אַזעלכע מיידלעך באַ לײַטן נעמט מען און מע רײַסט גוט אָן פאַר די צעפּ, ה״א־א רועך אין איר טאַטנס טאַטן, אין דעם שוסטער אַרײַן...

די ייִדן די באַלעבאַטים איז געפעלן געוואָרן, וואָס איצל צעלייגט זיך אַזוי, ווי דער שענסטער שטאָט־באַלעבאָס. ער רעדט און קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן. האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט און מע גיט אים אונטער כּיישעק. אָבער ווײגדער איז געוואָרן מאָלע־קאַס. סטײַטש, אַזאַ אַלטער הונט, אַליין אַן אָרעמאַן, דאַרף ער אויך פּאָטאַקעווען די באַלעבאַטים?!

— ער וועט שוין דאַפּקע כּאַראָטע האָבן, וואָס ער מישט זיך! — מאַכט ווײגדער צו מייערן דעם בלינדנס ייִנגל, — מע דאַרף אים צורעכט מאַכן דאָס היטל, אַ דאַרעניש אים אין די פינגער, אַזאַ אַלטער שטורמאַק.

און בײדע יאַטן זײַנען אַוועק צום אַלטנס סטענדער. איצל קאַטשקע האָט זיך דערווײַל ערשט צערעדט.

די יאַטן האָבן באַשטאַט זײַן היטל. ווײגדער האָט עס איבערגעגעבן דעם רימערס עלטערן ייִנגל, יענער האָט עס דערלאַנגט בונימען דעם בעדערס אייניקל. בונימען האָט ניט געפּאַסט דאָ מאַכן קיין לאַנגע געשעפטן, ער איז דאָך אַ קאָהאָלשער מענטש, האָט ער זיך געזעצט הינטער דער בימע. דאָרט איז געווען אַ לאָך מיט אַלטע שיימעס, האָט ער זי אַהינצו פאַרשטופּט און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

די ייִדן האָבן שוין צונויפגעלייגט די טאַלייסים. פּלוצעם האָט איצל קאַטשקע אויפגעהויבן אַ געשריי:

— שוין זאָל מיר זײַן מײַן היטל!

די ייִדן איז עס געפעלן געוואָרן. איצל האָט זיך אי געקאַסט, אי געבעטן און האָט איבערגעזוכט אַלע סטענדערס אין שול, אַלע טאַלייסים איבערגעטרייסלט, ביז ער איז אַרויס פון שול מיט גאָרנישט. ער — אַפריִער, און די ייִנגלעך — נאָך אים. אַ סאַך ייִנגלעך האָבן אַפילע ניט געוווּסט, פון וואָס דאָ רעדט זיך. איצל איז אומגעגאַנגען מיטן גאַרטל און מיט דער יאַרמלקע, אַזוי ווי אַ רעבע, וואָס איז פּלוצעם

אראָפּ פון א קארעטע און זיך געלאָזט איבער דער גאס. די יִינגלעך לויפן אים נאָך און שרײַען:

— רעב איצל, ווען האָט איר פארקויפט שאבעס דאָס היטל?

די ווײַבער שטייען בא די גאנעקעס און קוקן עס אָן. ווינגדער גייט פאר דער כעוורײַע, ווי א שטיק עלטסטער, און איצל כאזערט צו זיך אליין:

— א דײַגע מיר א גרויסע. שטאָט איז רײַך. ס'שטייט אײַך ניט אָן, וואָס איך גיי אזוי, וועט איר מיר אָפּקויפן א נײַ היטל...

פּלוצעם טוט ער זיך א קערעווע צו די יִינגלעך און טוט זיך א וואָרף:

— ה־א־ה־א רועך זאָל אין אײַער טאטנס פּאָטער ארײַן, קונדייסים אכבערײשים, איר מיינט, איך האָב פאר אײַך מוירע?!

וואָס נעענטער צום וואָלאָסט, אלץ ווייניקער באגלייטערס זײַנען געבליבן. ביז צום סאָף איז נאָר געבליבן איין ווינגדער לעם איצלען.

— רעב איצל, — זאָגט ער, — דײַגעט זיך ניט. אײַער שאָכן וועט אײַך אופּנייען אן אנדער היטל.

— מײַן שאָכן? — האָט איצל א קרעכץ געטאָן אף זײַן אייגענעם אויפן. — ער זאָל ניט זײַן קיין אזעספּאָנעם, וואָלט ער אופגענייט. אז ניט — טאָ זאָל שטאָט אומקערן. שטאָט איז ניט קראנק.

— רעב איצל, ווען איר רעדט ניט אף העניען...

— וואָלט וואָס געווען?

— איר פארשטייט, הײַנט וועט זײַן בא העניען א סאָבראניע, קאָן איך זאָגן, מע זאָל אײַך קויפן א נײַ היטל.

— טאקע?

— אז איר'ט הייסן, וועל איך זאָגן.

— טאָ זאָג טאקע, ווינגדערקע, אף אונדזערע באלעבאטים זיך פאר־לאָזן, טאָ זאָל א רועך ארײַן אין זייער טאטן, און פּאָטער אלע געשעפטן.

2

צו פארנאכט־צו איז כאָנע האנעלעם געגאנגען מיט זײַן טאטן אין שול ארײַן דאווענען מינכע. אז ער האָט באגעגנט קייקען טראָגן א טויב א גרויע מיט א ווײַס קעפּל, פרעגט ער:

— ווּהין איז? צו דעם שטערנזעער?

— יאָ.

— וואָס גיט ער דיר?

— ער גיט... מאַלע וואָס ער גיט. אָט ווייס איך בעסער ניט, צי איז ער אין דער היים.

— ווּ דען איז ער?

— זיי זײַנען געשטאַנען דאָרט מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע אין שקאָלע אין הויף.

— נו?

— און העניע דעם שוסטערס האָט מיט זיי גערעדט און האָט געשריִען אַף די בורזשויען.

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— איך ווייס זייער וואָס. איך הער נאָר איין וואָרט: „בורזשויען, בורזשויען!" — האָט זי דאָרט געזאָגט. אָט־אָ מײַן באָבע זאָגט, אַז ס'איז א ליגן: ס'נאָך דאָ א קייסער.

— ווּ?

— איך ווייס ווּ? זי זאָגט, אַז אונדזער האָלאָוואַן דינט שוין דרײַ יאָר לעם סאַמע קייסער און איצטער דינט ער אויך אַפן זעלביקן אָרט.

— גיי שוין, גיי, דו נאַריש פּאָנעם, — האָט כאָנע צו אים א מאַך געטאָן, — גיי צו וויגדערן, וועט ער שוין דיר בעסער דערציילן. — און ער איז אַוועקגעלאָפן אָניאָגן דעם פּאָטער.

קייקע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַז אַלע האָבן הײַנט קיין צײַט ניט. אַלע לויפן, מע לויפט, מע לויפט!

זונטיק גאַנצפרי איז וויגדער געגאַנגען דורך מייער־וואָלף דעם ווערפּיערס ציגעלנע. ער האָט ערגעץ געדאַרפט פאַרגיין. ער האָט געפּאָלגט העניען א נייטיקן גאַנג. אַפן וועג טראַכט ער: „העניע איז בעפיירעש געערעכט. פאַרוואָס קומט כאָנען מיט פרייִדקען אַלץ און מיר גאָרניט?" וויגדערן האָט א טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. אים זײַנען פּלוצעם אַרײַן א סאַך געדאַנקען אין קאָפּ.

ס'וואָלט טאַקע גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען מע נעמט צו באַ אַל־קאָנען און באַ אַלע איבעריקע הארבארעס די יוכטן מיט די פעל. געווג, אַז ביז איצט האָבן זיי געהאַט אַלצדינג און מיר גאָרניט. נאָר באַלד קלערט ער, אַז עפשער איז עס אַ ביסל צופיל. ווען מע נעמט צו נאָר האַלב, וואָלט דאָך אויך שוין געווען גענוג. ער, וויגדער, וואָלט דאַן געקויפט אַ פערד און אַ וועגעלע. אַ גאַנצן טאָג וואָלט ער געפירט זאַמד און שטיינער, און פאַרנאַכט פאַרלייגט ער דעם פערד עסן, ער וואַשט זיך אײַן, טוט אָן אַן אַנדער פאָר הויזן און גייט אַוועק אויף די קורסן זיך לערנען. העניע האָט דאָך געזאָגט, אַז ס'וועלן גיך זיך עפענען קורסן. אַז ער וועט קענען שרײַבן, וועט ער שיקן אַ בריוו צו אַוורעמלען קיין אַמעריקע. „טײַערער ברודער, — וועט ער אים אָנשרײַבן, — פון אונדזער געזונט איז גאָט צו דאַנקען. פון דיר דאָס זעלבע צו הערן. און איצט קאָן איך דיר שרײַבן, אַז איך גיי אויף קורסן פּאַטאָמו, וואָס באַ אונדז האָט מען אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, און לייווי דעם שור־סטערס טאָכטער איז זייער גוט צו די קינדער פון דער גאַנצער שטאָט. ווען דו קומסט אַהער אַראָפּ, וואָלסטו קיינעם ניט דערקענט. דו וועסט שוין אַליין זען..."

„העניע איז שוין טאַקע איינמאָל אַ מענטש", — האָט וויגדער ווײַטער געקלערט. און ניט נאָר העניע. אָט־אָ לייזער סאָרע־ביילעס, אַז ער האַלט אַ רעדע, איז דאָך שוין איינמאָל דאָ וואָס צו הערן.

די באַלעבאַטים זוכן אויף אים כעסרוינעס, זיי רעכענען אויף אים אויס, וואָס אין דער קאָרט, — סע וועט שוין זיי העלפן!..

מינטשיק האָט אַ גרויסן גוסט צום לערנען. גאַנצע טעג זיצט זי איבערן ביכל. זי טײַטלט זיך אַליין מיטן פינגער און פירט בייסמײַסע מיט דער צונג. זי איז גאָר געוואָרן פריילעכער און באַריידעוודיקער. מינטשיק זאָגט, אַז מע קאָן זיך אַליין אויך אויסלערנען, און אויב עמעצער וועט איר עפּעס ווײַזן, וועט שוין גאָר זײַן גרינג.

וויגדער האָט, דעם עמעס געזאָגט, זיך אַ ביסל געשראָקן פאַרן לער־נען. אים האָט דער קאָפּ מערער געטראָגן אויף נײַעס, אויף פּאָליטיקע. ער פלעגט טאָג און נאַכט פאַרפאַלן ווערן אין שטאָט צווישן די רעדלעך.

אָט האָט מען הײַנט גערעדט, אַז סע דאַרף זיך אײַנגיכן עפענען אַ קאָאָפּעראַציע, אַ קינדערהיים, און אין דער שול, ווו די קינדער לערנען זיך באַטאָג, וועלן אָפּדערנאַכט זײַן קורסן פאַר דערוואַקסענע.

שאביסעניכטס איז ווינדער געגאַנגען א פריילעכער אהיים און אונטערגעפייפט דעם ניגון פון „מי פּאָידיאָם איק נאַשים סטראַזשדו־שטשים בראַטיאַם".

די טיר האָט ער געטראָפן א פאַרשלאָסענע פון אינוויניק, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. אין קאַמער האָט זיך עפּעס גע־לויכטן, און ער האָט געהערט, ווי מענטשן פּאָרען זיך און ריידן עפּעס אינדערשטיל. פריִער האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז טאָמער איז וויַיטער דער קאָזעליער שוסטער מיט די ליגנערישע אויגן, טאַקע אָט דער רוּווינקע דער קאָזעליער אליין. פון דעם איינעם געדאַנק איז ווינדער געוואָרן רויט. ער האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט האָט אים א זעץ געטאָן אין פּאָנעם אריַין. אָבער דערנאָכדעם האָט ער דערקענט אלקאָנע דעם האַר־בארס קאָל, און כאַנינע דאָס קליינע יינגל, וואָס ארבעט בא זיי אין האַרבאַרניע, איז דאָרטן אויך געווען. אהא, אויב זיי קריכן דאָ ארום אין אזא מין שפּעטער שאָ, פאַרנעמען זיי זיך געוויס מיט א טרייף שטיקל ארבעט. דערום האָט ווינדערן ניט געגלוסט זיך מיט זיי באַגעגענען. ער וועט בעסער צוּוואַרטן אפילע אין ווינקעלע צווישן דער שטאַל מיטן גאָרטן.

ניט מער ווי אין פינף מינוט ארום זיַינען זיי ביידע ארויס. אלקאָנע, א גרויסער, מיט זיַינע הויכע פּלייצעס, און כאַנינע, א קלייניקער, מיט נאָכהענגענדיקע הענט.

ווינדער האָט איבערגעוואַרט א רעגע און איז אריַין אין שטוב. אין פירהויז האָט אים א שלאָג געטאָן אין נאָז אריַין א פרישער און שאַרפער רייעך פון דזעגעכץ.

ס'איז שוין אלץ קלאָר — אלקאָנע האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן און האָט פאַרשטופּט צו זיי אין קאַמער אריַין א פּאָר פּעקלעך יוכטן... „צו פריבען וועט קיינער ניט גיין זוכן. מע ווייסט, אז דאָ זיצן אָרע־מעליַיט..."

א פיַיער אף זיי, דאָס איז דאַפּקע קלוג צוגעטראַכט געוואָרן!

— וואָס האָבן זיי דאָ געטאָן? — האָט ער א פרעג געטאָן בא דער מוטער.

נאָר פריבע, אפן געלעגער ליגנדיק, האָט זיך אויסגעשאָלטן, ווי איר שטייגער איז, און מער האָט ער פון איר גאָרניט ניט געהערט.

ווינגדערן האָט א טיאָכקע געטאָן אין הארצן. ס'זײַנען אים פּלוצעם אַרײַן מאָדנע געדאנקען אין קאָפּ אַרײַן:

„אינדערעמעסן טאקע, אלקאָנע האָט דען קארג יוכטן, אכוץ די, וואָס ער האָט נאָרוואָס באהאלטן? איז וואָס זשע דאָ די אוולע, אויב די דאָזיקע פעל וועלן פארבלײַבן בא אים מיט דער מאמען? געווג, אז ביז איצט האָבן יענע גענאָסן פון אלדאָסגוטס און דאָ איז מען געזעסן און געפּוכניעט..."

שפּעטער א ווײַלע האָט ווינגדער א קלער געטאָן, אז אלע יוכטן זײַנען גאָר צופיל... ווען ער נעמט אראָפּ כאָטשבי א צען שטיק, וואָלט ער געהאט אף א פערד און אפילע מיט א בעהיימע פאר א צוגאָב.

אין שטוב איז געווען פינצטער, ווינגדער איז געזעסן מיט די עלנ־בויגנס אונטערגעשפּארט אפן ליידיקן טיש. ער האָט זיך אין ערגעץ קיין קער ניט געטאָן. שלאָפן האָט ער זיך ניט געלייגט. ער האָט נאָר געקלערט און געקלערט... די שווערקײַט פון צונעמען אלקאָנעס יוכטן האָט ער שוין אין געדאנק לאנג דורכגעמאכט, איצט האלט ער שוין א סאך ווײַטער: ער האָט שוין א פערד, זיי האָבן צוגעדעקט די שטאל, ער פאָרט מיט זײַן אייגענעם שפּאן און באגעגנט איצל קאטשקען גיין צופוס, זאָגט ער: „זעצט זיך, רעב איצל, וועט איר אונטערפאָרן..."

אך, ווען ער האָט דאָ כאשעלען, וואָלט ער זי גאָר געפרעגט, וואָס מע דארף טאָן. יענע איז א קלוגע, זי האָט א גוטן קאָפּ. אף אלצדינג ווייסט זי וואָס צו ענטפערן.

דאָס גאנצע איבעריקע שטיקל נאכט האָט זיך ווינגדער געקאטשעט אפן אויוון און ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. אָפּטמאָל איז ער ארויס אין דרויסן, און דאָרט האָט אים געקיצלט דער הארבער רייעך פון דזעגעכץ. און דערנאָך, אז ער איז אנשלאָפן געוואָרן, האָט זיך אים געכאָלעמט, אז מע שלעפּט אים אין טורמע אַרײַן: די מיליציאָנערן, כאָטש זיי זײַנען אלע באקאנטע, זיי שלעפּן אים און ווילן אים אַרײַנ־זעצן צו וועלוועלען אין קלייט אַרײַן, ער וויל זיי עפּעס זאָגן: ער איז דאָך גאָרנישט שולדיק, א פערד דארף ער נייטיק, ווי אין לעבן... נאָר ס'איז גאָרניט. זיי לאָזן אים ניט ריידן. און ס'איז אים זייער ניט שיין פאר דער שטאָט... אין „קלייט" איז אים פאסקודנע צו זיצן, און אזרי־ליק קומט צו גיין און רוימט אים אײַן אין אויער, אז נישקאָשע, זאָל ער קיין מוירע ניט האָבן, ער וועט אים באלד ארויסנעמען דורכן

קוימען... און זיי האָבן טאַקע בײדע גענומען קריכן דורך אַזאַ מין לאָך אין דאַך און דערנאָך זיך אַ לאָז געטאָן פליִען... ווײַגדער פליט אינדער־לופטן, ער טוט אַ שפּרייט די הענט און פליט, נאָכאַמאָל אַ שפּרייט די הענט, און ער פליט אָפּ נאָך אַ פּאָר טריט, ביז ער האָט זיך פּלוצעם אינגאַנצן פאַרטײַעט...

אינדערפרי איז ווײַגדער אופגעשטאַנען פאַרמאַטערט, ניט אויסגע־שלאָפן.

די מוטער האָט אים געשיקט צו האַנעלען אַלקאָנעס נאָך אַ ביסל מילכיקס. האָט ער זיך אויסגעדרייט און ניט געוואָלט גיין. אַפילע פאַרבײַ דער אייגענער קאַמער, אַז ער האָט געדאַרפט דורכגיין, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ הונט שטייט אויף אַ קייט און וועט אים נאָך באַלד אַ בים טאָן. אויף דער קאַמער־טיר, אויף דער גראָבער קליאַמקע, האָט ער דערזען, ווי ס'הענגט אַלקאָנעס אַ גרויסער שלאָס.

שפּעטער־צו איז ווײַגדערן געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן איבער איין זאַך. ס'איז אים אַפילע געוואָען אַ כידעש, פאַרוואָס איז ער גלײַך ניט געפאַלן אויפן געדאַנק: דאָס סאַמע גרינגסטע איז דאָך פרעגן בײַ העניען, וואָס מע דאַרף טאָן?.. אויב ס'איז אַן עמעס, אַז אַלקאָנע איז אַ בורזשוי און אויב ער באַהאַלט אויס זײַן גוטס פון דער וולאַסט, — טאָ זאָל ער זיך זוכן אַנדערע ערטער און ניט בײַ זיי אין שטוב.

די פּאַליאַקן האָבן זיך
אַרײַנגעריסן אין שטעטל

אָט־אָט האָט זיך שוין געדאַרפט עפענען אין שטאָט אַ קינדער־היים, — האָבן זיך אַרײַנגעריסן די פּאַליאַקן.

זיי האָבן צוגענומען שלוימע־ניסלען, העניעס עלטערן ברודער, און שיר ניט גענומען העניען אַליין. נאָר זי האָט זיך באַצײַטנס ערגעץ פאַרשטעקט. זיי האָבן געטרייסלט די גאַנצע שטאָט. מע האָט זיך פון זיי געגנוג אָנגעליטן.

זיי זײַנען אַזעלכע מערדער, אַז זיי שלאָגן זייערע אייגענע סאָלדאַטן. אַ סערזשאַנט האָט איינמאָל אַראָפּגעלאָזן אַ ייִדישן סאָלדאַט אַ פּאַטש, האָט זיך באַם באָכער אַ גאָס געטאָן בלוט פונעם מויל. ווײַגדער האָט

עס אליין געזען מיט די אייגענע אויגן בא אלקאָנען אין שטוב, ווי יענע זײַנען געשטאַנען קוואַרטיר. ס'האָט אים פאַרדראָסן, ווײַגדערן, אַף איטלעכן: אי אַפן סערזשאַנט דעם רוויצייעך, דעם מערדער, אי אַפן ייִדן. „אַז דו ביסט שוין יאָ אַ ייִד, — טראַכט ווײַגדער, — האָסטו זיך ניט געקענט אויסקלײַבן די רויטע אַרמיי און ביסט אַוועק צו די ווײַס־פּאָליאַקן? בא וועמען נאָך זײַנען אַלע פּעלקער אַלציינס, אַזוי ווי בא לענינען?"

אזריליק זאָגט אָבער, אַז דער סאָלדאַט איז ניט שולדיק. דאָרטן נעמט מען מיט גוואַלד. ווען ער קאָן, וואָלט ער גלײַך אריבערגעלאָפן צו אונדז.

פונדעסטוועגן דאַרף מען אים פּאַקן ערגעץ אין אַ ווינקל, — האָט ווײַגדער בא זיך אָפּגעמאַכט, — און אים אײַנריידן, ער זאָל אַנטלויפן.

— מע מעג?.. אַז די פּאָליאַקן וועלן זיך דערוויסן, קענען זיי נאָך פאַרברענען די שטוב אויך. מיינסט, אַז ניין?

מוישע־בונים דער קאַהאָלשער מענטש איז אָנגעגאַנגען אַף די רייד.

— אַנטלויפן, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איז ניט פון די גרינגע זאַכן. דאָ בא זיי איז דעם סאָלדאַט ערגער, ווי דעם קאַטאָרזשניק אין טורמע. ער האָט דען אַ פרײַע מינוט אַף זיך אַרומקוקן?

און די כעוורע זײַנען זיך טאַקע אַזוי צעגאַנגען, ניט ווייסנדיק, וואָס זאָלן זיי אייצענען דעם פּוילישן סאָלדאַט, אויב זיי וועלן אים ערגעץ פּאַקן אין אַ ווינקל.

צוויי טעג זײַנען די פּאָליאַקן אָפּגעווען אין שטאָט, און מע האָט איבער זיי אַפילע ניט געקענט צולויפן צום נאָענטסטן דאָרף. טאָמער איז עמעצער נאָר צוגעגאַנגען צום שליאַך אַף אַרויס פון שטאָט, פלעגן זיי האַרגענען־שלאָגן. אַנדערע פלעגן זיי אָפּטרײַבן אַף צוריק, און אַנדערע האָבן זיי גאָר אַוועקגעפירט צו זיך אין שטאַב אַרײַן.

אין צוויי טעג אַרום האָבן די באָלשעוויקעס גענומען אַרויסטרײַבן די פּאָליאַקן. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשלעג שוין דאַפקע דאָס עמער־סע. איצט פאַרשפּאָרט מען שוין דערציילן מײַסעס מיט מילכאָמעס, וואָס זײַנען ערגעץ פאָרגעקומען. איצט איז שוין אין סירניצע אַליין געווען אַ מילכאָמע. נו, נו, פון יעדער שאָס, וואָס די האַרמאַטן האָבן געטאָן, האָט מען געקאָנט טויב ווערן. בא לייבען דעם וואָלעך איז אײַנגעפאַלן אַ שטיק וואַנט. אַלע זײַנען געלאָפן דערנאָכדעם קוקן. ס'וואָלט געווען

א ווישער, מ׳זאָל כאַטש אויסבויען ליבען א שטוב צוריק. ער איז א קאַפּצן א ייִד, אָט דער ליבע. נאָך גוט, וואָס מע האָט דאָרטן קיינעם ניט געהארגעט. און די קוילנווארפערס און די ביקסן — טראַך! טראַך! טראַך!

די ייִנגלעך זאָגן, אז זיי ווייסן, זיי דערקענען נאָכן זעץ, וועמענס האַרמאַט סע שיסט — אונדזערער, צי זייערער...

א נאַכט און צוויי שאָ אפן פרימאָרגן איז געגאַנגען די שלאַכט, און אז די רויטע זײַנען אַרײַן אין שטאָט, האָט מען זיי ניט געקאָנט דער־קענען, אַזעלכע ביסטרע זײַנען זיי געווען. זיי זײַנען געלאָפן מיט די הוילע שווערדן און מיט די אָנגעשטעלטע שפּיזן. זיי האָבן געזוכט אין די הײַזער, אין די שטאַלן, אף די הויפן — טאָמער האָט זיך נאָך ערגעץ פאַרשטעקט עמעצער פון דעם סוינעס כאַיל...

— ווּהין לויפּסטו, כירבעל? צו אַלדי שווארצע יאָר, — האָט פּרי־בע די שטערנזעערן געשריִען צו ווייגדערן.

אָבער ווייגדער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און איז טאַקע אַרויסגעלאָפן אין גאַס. ער האָט געזען צוויי צעשפּרייטע סאָל־דאַטן אין פּוילישע שינעלן און אין פּוילישע היטלען, וואָס זײַנען גע־לעגן אויסגעצויגן לעם סאַמע קאָאָפּעראַטיוו, און עפּעס א שטיוול פון א געהאַרגעטן האָט ער נאָך באַוויזן זען אפן ראָג פון יאַנקעוו־יאָסעף דעם בעדערס געסל.

אַז ווייגדער האָט אופגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען די רויטע פאָן פלאַטערן איבער וועלוול דעם קרעמערס צווייִשטאָקיקן הויז. ווייג־דער האָט אליין ניט באַמערקט, וויִאַזוי ער האָט געגעבן א טאַנץ אונטער. ער איז גאָר פאַר פרייד אוועקגעלאָפן פאַרבײַ לייווי דעם שו־סטערס שטוב, טאָמער וועט אים העניע דערזען און וועט אים עפּעס זאָגן. אָבער ער האָט דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. ער האָט נאָר דערזען, ווי א ווײַבל לויפט אין גאַס מיט א געשריי:

— ווּ איז מײַן יאָסל! גוואַלד! ייִדן! איר האָט ניט געזען ערגעץ מײַן יאָסלען?!

געווען איז עס פייגע די האָנטשאַרקע, יאָסל דעם טעפּערס ווײַב. אז ווייגדער איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט ער איר געענטפערט:

— אײַער יאָסל? איך האָב אים ערשט געזען. ער איז געגאַנגען מיט

א רויטן קאָמאַנדיר און האָט געוויזן דעם וועג אויף אַנטאָנאָוויטשער שליאַך.

— אוי, לאַנג לעבן זאָלסטו, מײַן טײַערינקער, — האָט זיך די האַנטשאַרקע דערפֿרייט. — דו ביסט א מיוון, — מאַכט זי, — וויאַזוי מײַנער האָט עס אַ נאַטור זיך מישן? פּונקט ווי אָן אים וואָלט מען ניט געטראָפֿן, וווּהין מע דאַרף?!

אָבער אירע אויגן זײַנען שוין געווען פֿריילעכע, ווײַל אַ דער האָט עס געזען. אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען צוגעקומען מענטשן. מע איז אַלע אַרוים פֿון די קעלערס, און די גאַס איז געוואָרן ניט צו דערקענען. אַ סאַך רויטאַרמייער האָט מען געקענט פֿון פֿריִער, און אַ סאַך זײַנען געווען נײַע, דעריקער די, וואָס זײַנען געקומען צו פֿאָרן אויף די פֿערד רײַטנדיק.

אַז ווייגדער איז געקומען אהיים, האָט ער אומגעריכט דאָרטן דערזען העניען, וויאַזוי זי זיצט און רעדט מיט זײַן מאַמען. אָט די העניע איז אַ לײַט. מיט איטלעכן קאָן זי ריידן. און דעריקער איז זי צוגעלאָזן צום אָרעמען גראַד.

זי דערציילט, אַז ווי די באָלשעוויקעס זײַנען נאָר צוריק אַרײַן אין שטאָט, האָט מען זי גערופֿן אין רעווקאָם און געהייסן, אַז שוין פֿון מאָרגנדיקן טאָג אָן זאָל זי אָנהייבן אַרבעטן אין קינדערהיים. פּראָדוקטן וועלן זײַן. מע טאָר ניט לאָזן הונגערן די קינדער אַפֿילו קיין איין שאָ. העניע איז אַ פֿריילעכע, זי זאָגט, אַז ס'איז שוין דאָ אַ דירע און זי האָט שוין אַפֿילו אויף דער האַנט אַ פּאַפּיר, וויפֿל פּראָדוקטן וועט דער קינדערהיים באַקומען יעדן כוידעש. ווייגדער איז געווען איבעראַשט און צופֿרידן, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך עפּעס אַזוי ווי געשעמט, וואָס העניע אַליין זיצט בא זיי אין שטוב.

— באַקלערט זיך, — האָט העניע געזאָגט פֿאַרן אַוועקגיין, — איר וועט זײַן באַזאָרגט מיט עסן און מיט טרינקען, און איר וועט נאָך האָבן יעדן כוידעש אײַער געלט, ווי יעדער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער.

און העניע איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט ווייגדערן, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, ווי איינער מיינט — נישקאָשע, סע וועט שוין זײַן רעכט.

לאָזט זיך אויס, אַז העניע איז געקומען נעמען ווינדערס מאַמע פאַר א קעכן אין קינדערהיים, מיט עסן און מיט טרינקען און מיט צוצאָלן.

— דאָס איז גוט, — האָט ווינדער א פריילעכער געגעבן צו פאַר־שטיין דער מאַמען זײַנער, — וואָסי, גיין צו די גווירים קנעטן דייזשעס און זיי זאָלן שענקען דערפאַר א האַלב ברויט איז בעסער?

א גוטער באַלעבאָס

יווינע דער שפּרעכערנס מאַמע איז געשטאָרבן, האָט מען אים צו־גענומען גלײַך אין קינדערהיים אַרײַן. ווינדער מיט דער שוועסטער זײַנען אויך דאָרטן געווען.

קינדער, וואָס האָבן געהאַט א פאָטער אָדער א מוטער, פלעגן נאָר גיין אַהיים נעכטיקן, אָבער קײלעכדיקע יעסומימס זײַנען דאָרט געווען אַף איינגאַנצן.

ווינדער האָט זיך דערפרייט מיט א נײַער זאַך. דער קינדערהיים האָט געקראָגן אַף זײַן אייגנס א בעהיימע, א פערד און א כאַזער. ווינדער האָט געזאָגט, אַז קיינעם לאָזט ער צו זיי ניט צו. ער וועט אַף זיי אכטונג געבן, ער וועט זיי אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

ווינדער האָט איינמאָל שיר ניט אָפּגעזידלט ריסלען די האַרבאַרקע פאַר אַזא זאַך: זי האָט אים באַגעגנט, ווי־אַזוי ער פירט ברויט פון בעקערײַ פאַרן קינדערהיים. ווי אַן עמעסער גוטער באַלעבאָס, איז ווינדער נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן — דעם פערד זאָל ניט זײַן צו שווער. גייט דורך אַקוראַט ריסל די האַרבאַרקע און זאָגט:

— זע נאָר, ווי־אַזוי ער ציטערט איבער א קאַזיאָנע פערד?

ווינדער איז געוואָרן אָנגעצונדן:

— א קאַזיאָנע פערד, — זאָגט ער, — איז עמעצער אַנדערש, און דאָס איז אונדזער פערד! אונדזער אייגנס! אַניאַ, מאַלטשיק!

דער נאָמען „מאַלטשיק" איז אים זייער געווען געפעלן. אַשער דער באַלעגאָלע האָט זײַן בולאַנעם אויך קעסיידער גערופן „מאַלטשיק", און מע זעט, אַז ווינדערן קומט צו א שטיק געזונט.

די מיל ברענט

די מאמע איז טאקע פון דער ערשטער רעגע ניט געגאנגען פאר קיין קעכן אין קינדערהיים, זי איז פריִער אָפּגעלעגן אין טיף צוויי כאדאָשים נאָכאנאנד. דעם עמעס זאָגנדיק, איז זי שיר אינגאנצן ניט אוועקגעשטאָרבן. העניע פלעגט איר שיקן פון קינדערהיים קיסעל פון זשוראווינעס און נאָך זאכן אף דערקוויקן די נעשאָמע. דערנאָך האָט זי זיך געשטעלט אף די פיס און איז טאקע אוועק ארבעטן אין קינדערהיים.

ווייגדער מיט אזריליקן, ווי עלטערע יינגלעך, זיַינען געשלאָפן אין שטאל אפן היי. איינמאָל האָבן זיי דערהערט אינמיטן נאכט, אז מע קלינגט אין קלויסטער, האָבן זיי זיך אופגעכאפּט און דערזען, אז סע ברענט.

זיי האָבן זיך זייער דערשראָקן פאר דער שטאָט, פאר די היַיזער, פארן קינדערהיים מיט די קינדער, פאר דער שטאל מיטן גוטס, אָבער אז זיי זיַינען ארויסגעלאָפן, האָבן זיי דערזען, אז א האלבע שטאָט איז שוין אף די פיס און מע לויפט, אלע לויפן צום שליאך. לאָזט זיך אויס, אז ניט די שטאָט ברענט, — די מיל ברענט.

— ער האָט עס אליין אונטערגעצונדן, — האָבן א סאך מענטשן געטיַינעט אינמיטן דער נאכט הויך אף א קאָל. ס'איז אָבער ניט געווען קיין נאכט, ווי אלע נעכט, דער קלויסטער האָט געקלונגען, און די גאסן זיַינען געווען רויט און באלויכטן. פון אייניקע היַיזער זיַינען אפילע ארויסגעלאָפן קינדער. עפּעס א קליינינקיַיט: סע ברענט!

— ס'איז ער אליין, — האָבן זיך ווידער דערהערט שטימען.

ווייגדער האָט א שטורכע געטאָן אזריליקן, ווי איינער מיינט: דו גלייבסט אזא זאך? דער יונגער דיַיטש וועט עס גיין טאָן?

— איך גלייב, — האָט אים אזריליק געענטפערט, — ער האָט זיך גערעכט, אז מע וועט בא אים צונעמען די מיל, און ער איז א קיַיסן, האָט ער זי אונטערגעצונדן: מיר — ניט, דיר — ניט.

העניע איז ארויס אין א צעשפּיליעטן כאלאט. די אויגן זיַינען בא איר געווען צעשראָקן. זי האָט געפרעגט עפּעס מיט א פרעמד קאָל:

— וואָס איז?

ווייגדער, אז ער האָט דערזען העניען, האָט ער זיך אומגעקערט.

— סע גאָרניט, כאווערטע לערערקע, — סע גאָרניט, די מיל ברענט.

אַלץ אײגנס

די ערשטע צײַט פֿלעגן זיך די קינדער שעמען אַפֿילע עסן אין קינ־דערהײם. עסן האָבן זײ דאַפֿקע געװאָלט, נאָר יעדערער גײט עפּעס מאָדנע צו מיט אַ זײַטל, דרײט אָפּ דעם קאָפּ פֿון טיש, טוט אַ זופּ אַ לעפֿל, טוט אַ ביס אַ שטיקל ברױט און קערעװעט גלײַך אָפּ דעם קאָפּ, אַזױ װי ניט אים מײנט מען. װילדע קינדער. אַנדערע פֿלעגן קומען אָפּעסן און גלײַך אַנטלױפֿן אַהײם, אָבער ס'נאָר די ערשטע צײַט געװען אַזױ. העניע האָט אױסגעלערנט די קינדער, מע זאָל גײן אַרום זיך, די לעכער אָפּן אַנטאָן פּאַרלאַטען, די נעזער אױסװישן, זיך װאַשן אײַנדערפֿרי און פֿאַרן שלאָף.

פֿאַרן שלאָף זיך װאַשן! דאָס איז שױן געװען גאָר ניט פֿון די גרינגע זאַכן. אָבער העניען האָבן אַלע ליב געהאַט, האָט מען איר זיך געשעמט זאָגן אַ ליגן. אַמאָל, אַז עמעצער האָט זיך פֿאַרגעסן און האָט זיך געלײגט ניט קײן געװאַשענער שלאָפֿן, איז מען באַדײַ אױפֿגעשטאַנען פֿונעם װאַרעמען געלעגער אַף צוריק, אַבי ניט זאָגן העניען קײן ליגן.

און װאָס אַ טאָג איז אַלץ געװאָרן פֿרײלעכער אינעם קינדערהײם — באַ מאָרדכע־סראָלן אין די גרױסע הײַזער. די שטוב פֿונעם קינדערהײם איז שױן דאַפֿקע אַן אַלטע, אָבער זײער אַ גערױמע, מיט אַ סאַך צימערן, מיט אַ גרױסן הױף, מיט שטאַלן און מיט שפּײַכלערס. אַמאָל האָט מען געזאָגט אַף מאָרדכע־סראָלן דעם אַלטן, אַז ער לעבט װי אַ דידיטש. אַזאַ מין רײַכקײַט פּאַסט פֿאַר אַ גרױסן פּאָרעץ. איצט זײַנען זײ געװען צװײ אַלטע לײַט — ער און פֿײגל. זײערע קינדער זײַנען זיך צעפֿאָרן איבער אַלערלײ שטעט, און די הײַזער האָבן באַ זײ געפּוסטעװעט. אױך אַ נאַרישע נאַטור פֿון מענטשן. אַזעלכע גרױסע הײַזער מיט אַזעלכע ליכטי־קע כאַדאָרים זאָלן שטײן יאָרן נאָכאַנאַנד און פּוסטעװען. אָבער העניע, אַז זי האָט אָנגעקוקט אַ שטוב פֿאַרן קינדערהײם, האָט זי געזאָגט, אַז זי װעט נעמען אָדער די, אָדער דאָס הײפֿל פֿונעם אױפּראַװליאַיושטשי. אָבער דאָס הײפֿל איז אײן אַ סאַך ערטער באַלד נאָך דער רעװאָליוציע געװען צעבראָכן. מע האָט דאָרט געדאַרפֿט אַ גרױסן רעמאָנט, און אַף דערױף האָט העניע קײן צײַט ניט געהאַט.

— מע דאַרף גיכער, — האָט זי געטײַנעט, — מיר האָבן שױן אַזױ אױך אָפּגעצױגן. מע דאַרף ניט, — זאָגט זי, — די קינדער זאָלן הונגערן אַפֿילע אַן איבעריקן טאָג.

טוט זיך א ביסל. ווער האָט עס אַזוי געהונגערט? אַלע האָבן דאָך געגעסן. טאָמער ניט אַלע טאָג, איז עס ניט אַזאַ גרויסער ראַש. ניט יעדערער איז דאָך באַ זיך אַזוי ציטעריק. אָבער העניע האָט אפגיך צונויפגעקליבן מענטשן. מע האָט געשמירט און אָפּגעראַמט מאָרדכעס־סראַלס דירעס. ווייגדער ווייסט ניט אַקוראַט, צי די אַלטע האָבן אַרײַנגעלאָזן דעם קינדערהיים מיט גוטן צי מיט בייזן. אייגנטלעך, וואָס קאָן זיי אַרן, אַז די דירעס וועלן ניט פּוסטעווען און סע וועט דאָרט זײַן פרײלעך. און פריילעך איז דאָרטן געווען שוין איינמאָל. אַפילו עלטערע מענטשן פון שטאָט פלעגן זיך ניט אײַנהאַלטן און אַרײַנגיין קוקן. איינער פון זיי, מוישע־מאָרדכע, וואָס פלעגט טראָגן פּאַטשיילעס אין דאָרף אַרײַן, איז זיך מעיאשעוו און נעמט רופן העניען און ווינקען צו איר מיטן פינגער. העניע האָט געמיינט, ווער ווייסט, אַף וואָס ער דאַרף זי. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז זי אַ באַלן פרעגן, צי איז טאַקע אַ מוז, אַז די יינגלעך זאָלן גיין אַ גאַנצן טאָג אָן היטלען. העניע האָט זיך זייער צעלאַכט. אַפילו פּאַר אַזאַ זאַך, וואָס מע דאַרף זײַן אין קאַס, — לאַכט זי אויך. אָבער זי פּירט קעסיידער אויס אַלץ, וואָס זי דאַרף. טאָג און נאַכט זעט מען, אַז זי וויל, דער קינדערהיים זאָל זײַן שענער, די קינדער זאָלן זײַן זאַטער, ציכטיקער, ריינער און פרײלעכער.

צום ערשטן מײַ האָט זי אײַנגעאָרדנט אַ יאָמטעוו — איז מען געלאָפן פון דער גאַנצער שטאָט קוקן.

די קינדער, וואָס לעבן גוט באַ די אייגענע עלטערן, האָבן מעקאַנע געווען דעם קינדערהיים. אַז וואָס אַ טאָג ווערט דער קינדערהיים רײַכער. אַ פערד, צוויי בעהיימעס, אַ כאַזער, אייגענע הינער, און אַפילו מאַשינעס, די מיידלעך זאָלן זיך לערנען נייען, האָט מען שוין אויך אַרײַנגעפירט, גאַנצע אַכט מאַשינעס. און די ייִנגלעך לערנען זיך סטאָליערײַ און שוסטערײַ.

שרײַבן, לייענען, זינגען, שפּילן און טאַנצן — דאָס לערנען זיך אַלע — סײַ די ייִנגלעך, סײַ די מיידלעך.

אזריליק פלעגט זיך די ערשטע צײַט שעמען. ער פלעגט שטיין באַם זינגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דרייען די פּאָלע פונעם פּידזשאַקל. אַנדערש קאָן ער ניט. ער פלעגט מיינען, אַז מע וועט פון אים לאַכן.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ער איז דער בעסטער אינעם קרײַזל. די גאַנצע שטאָט קלינגט שוין מיט זײַן זינגען.

דעם ערשטן מײַ זײַנען געווען געסט פֿונעם רעווקאָם, פֿון וואָיענקאָם, און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פֿון די קינדער און דעריקער פֿון אזריליקן. ער האָט געמוזט זינגען פֿינף מאָל איין זאַך. סידאָרענקאָ האָט געזאָגט: מע טאָר אים דאָ ניט האַלטן, מע מוז אים אָפּשיקן אין דער גרויסער שטאָט און גלײַך אים אָפּגעבן פֿאַר א זינגער. אָבער העניע האָט געלאַכט און געזאָגט:

— ניטשעוואָ, טאָוואַרישטש סידאָרענקאָ! מירן זיי א ביסל אויסמענטשלען, מירן זיי אויסלערנען, זיי זאָלן ניט זײַן ווילד, און דערנאָך וועלן מיר זיך מיט זיי ווײַזן אין דער גרויסער וועלט אויך. מיר האָבן ניט נאָר זינגער, מיר האָבן מאָלערס, ארטיסטן, פֿידלער און אפֿילע א פּאָעט.

אַלע האָבן געוואָלט זען דעם פּאָעט. האָט העניע שוין גאָר א פֿריילעכע פֿונעם יאָמטעוו א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און אויסגערופֿן הויך אף א קאָל:

— אַנו, ריוועלע, קום נאָר ארויס, ריוועלע שוסטערמאַן. ווּ ביסטו? די כאַוויירים ווילן הערן דײַן אייגענע שאַפֿונג.

איז ארויסגעגאַנגען דאָוויד דעם גלעזערס מיידעלע. איר טאַטע איז געווען אין דער רויטער ארמיי, און קיין מאַמע האָט זי ניט געהאַט. איז זי איצט געווען אין קינדערהיים. ריוועלע רופֿט מען זי. איז זי ארויס אין איר אוקראַיִנישן קאָסטיום (העניע האָט אויסגעפּוצט אַלע מיידלעך אין אוקראַיִנישע קאָסטיומען) און האָט אָנגעהויבן מיט א הויך קאָל:

די זון גייט אוף, די זון פֿאַרגייט,
דער ערשטער מײַ איז הײַנט!
פֿרייט זיך, קינדער,
פֿרייט זיך, פֿרײַנט,
אז פּלאַצן זאָל דער פֿײַנט!
די זון גייט אוף, די זון פֿאַרגייט,
איך האָב אײַך וואָס צו זאָגן:
פֿרייט זיך, קינדער,
פֿרייט זיך, פֿרײַנט,
דער סוינע איז צעשלאָגן!

די זון גייט אוף,
די זון פֿאַרגייט,

מענטשן, ברידער, פרײַנט!
פרייט זיך אַלע,
פרייט זיך, פרײַנט,
דער ערשטער מײַ איז הײַנט!

אלע האָבן געפּליעסקעט בראוואָ. מע האָט געלאַכט און זיך געפרייט, און די קינדער האָבן געדאַנקט אין הארצן ריוועלען.

דער באנדיט זשוראַוועל

וויגדער האָט אַלע טאָג געשפּאַנט דאָס פערד אינעם פּאַס־וועגעלע, מיט וועלכן מע פלעגט פאָרן נאָך וואסער. ס'איז גוט, אז מע האָט אזא וועגעלע. פיר רעדלעך, צוויי האָלאָבליעס און א פעסל איז ארײַנגעפּראוועט אין צוויי לאַנגע דרענגלעך און האלט זיך גוט אָן דראבינעס, אָן גאָרניט. דאָס וועגעלע האָט אַלעקסאנדער דער וועכטער אזוי צוגעפּראוועט פון אַן אַלטן וואָגן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט בא מאָרדכע־סראָלן אין הויף. אַלעקסאנדער איז זייער א געטרײַער. ער זאָגט, אז ווען ער האָט ניט קיין זאדישקע, וואָלט ער דאָ ניט געזעסן. ער וואָלט געווען אפן פראָנט. דאָ אין סירניצע איז שוין די מילכאָמע אזוי ווי שטיל, אָבער סאָנים זײַנען נאָך דאָ א סאך, אי גענעראלן, אי פּעטליוראָווצעס, אי באנדעס. די רויטע ארמיי האָט נאָך גענוג ארבעט.

— איצטער, — דערציילט אַלעקסאנדער, — שלאָגט מען זיך פאר קיִעוו.

וויגדער האָט עפּעס הײַנט א גאנצן טאָג בא אַלע ארבעטן געכאַזערט די ווערטער:

פרייט זיך, קינדער,
פרייט זיך, פרײַנט,
דער סוינע איז צעשלאָגן!..

און ער האָט געפילט, אז סע צעגייט זיך בא אים א ליבשאפט אין הארצן. ווידער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן אין געדאנק די ערטער, ווו די רויטע שלאָגן זיך מיט די ווייַסע. ער וואָלט קיינמאָל ניט געציטערט פאר זיַין לעבן, ווען ער דארף פאָלגן א גאנג לענינען, פרונזען אָדער אפּי־לע סידאָרענקאָן דאָ בא זיי אין סירניצע. סידאָרענקאָ האָט לעבן זיך א מאכנע רויטארמייער, א סאך פון די נייַע זייַנען אפילע ניט קיין באקאנטע, און זיי אלע שלאָגן זיך מיט די באנדיטן.

אין די דערפער גייען ארום באנדיטן און טוען אָן צאָרעס. אָט האדיור־קעס! וואָס ווילן זיי? זיי ווילן באגראָבן די מאכט? א גוטע מאקע — סע וועט זיי ניט העלפן, מע וועט זיי אויסשטיקן ביז איינעם.

אָן־אָ דערציילט יוינע די ליפּ, אז בא וועלוולען אין קלייט, ווו ס'איז איצט די ארעסטאנטסקע, זיצן פיר געבונדענע באנדיטן. סע האָט זיי הייַנטיקע נאכט אראָפּגעבראכט דער לאָטיש מיט זיַין מאכנע. ס'איז ניט קיין לאָטיש. ס'איז א כאבנער יינגל — סידאָרענקאָס רעכטע האנט, לייבקע מאכאָטקין. ער איז זייער א געזונטער, און אין די דערפער טייַנען די באלעגופים, אז סע קאָן ניט זיַין, סע איז ניט דער יידישער באָכער, ס'איז גאָר א לאָטיש. און גיי טו זיי עפּעס. זאָל זיַין א לאָטיש, אבי זיי ציטערן פאר זיַין דוך און זיי זוכן אים. די באנדיטן זוכן אים דורך די נעכט. זיי וואָלטן אים וועלן דערשטעכן, פארברענען, הארגענען, צערייַסן אף שטיקער. קיינער האָט זיך דאָ צו זיי ניט געקאָנט אזוי נעמען, ווי לייבקע מיט זיַינע בעוורע.

— אָ, לייבקע איז זייער א דרייסטער, — זאָגט מוישע־בונים, — ער שטעלט איַין זיַין לעבן אין אזעלכע ערטער, ווו קיינער וואָלט זיך ניט איַינגעשטעלט.

די באנדיטן זיַינען אָבער אויך דרייסטע. ווידער ווייסט, און די גאנצע שטאָט ווייסט די מיַיסע מיטן אטאמאן זשוראוועל. זשוראוועל איז פון א וויַיט דאָרף, און ער איז געווען אן אטאמאן פון א גאנצער באנדע. ער פלעגט אינמיטן באטאָג אריַינגיין מיט זיַינע באנדיטלעך אין א דאָרף אריַין אזוי פראנק־און־פריַי און באנעמען די קאָאָפּעראציע. האָט זיך אים געוואָלט, האָט ער די מענטשן פון דער קאָאָפּעראציע געלאָזט לעבן, און אז ניט, פלעגט ער הארגענען, טייטן.

די, וואָס האָבן אים געזען, דערציילן, אַז ער פֿלעגט אַרומגיין ליכט אָנגעטאָן און פֿלעגט טאָן זײַן באַנדיטישע אַרבעט זייער קונציק. כאַפּן איז אים געווען זייער שווער, הײַנט איז ער דאָ, און מאָרגן דער־קענט מען אים ערגעץ פֿאַר זעכציק ווערסט. עפּעס אַזוי ווי רוכעס וואָלטן אין אים געזעסן.

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז זשוראַוועל איז שלאָף און מע באַהאַלט אים אויס באַ זײַנער אַ שוועסטער לעם טשערעוואָקי. באַלד איז אַהין אַוועק אַן אָטריאַד. די באַנדע זײַנע האָט מען גיך אויסגעכאַפּט, אָבער אַז ס'איז געקומען צו אים, האָט ער קראַנקערהייט גענומען זיך פֿאַרטיידיקן. פֿריִער האָט ער געשאָסן פֿון שטאַל, ווו ער איז געלעגן. דערנאָך פֿון הײַזל, דערנאָך איז ער פֿאַרקראָכן צו די הינער אין קוטשקע, דאָרט באַ זײַן שוועסטער הינטערן אויוון, און ער לאָזט ניט צו צו זיך, ער האַלט אין איין שיסן. פֿערציק קוילן האָט ער אַרויסגעלאָזט, און דער־נאָכדעם איז ער געוואָרן שטיל.

קריכן צו אים אין קוטשקע האָט דער קאָמאַנדיר ניט געלאָזן. ער האָט ניט געוואָלט אײַנשטעלן אַפֿילו קיין איינעם פֿון זײַנע רויטאַרמייער. וואָס זשע האָט ער געטאָן? ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, מע זאָל צענעמען דעם אויוון. פֿון איין זײַט האָט מען פֿאַרוואַלגערט די קוטשקע, ער זאָל ניט קאָנען אַרויסקריכן, און פֿון דער צווייטער זײַט האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צום אויוון. דעריקער האָבן זיי געוואָלט אים נעמען אַ לעבעדיקן. אַז זיי האָבן זיך צו אים דערלאַנגט, האָבן זיי דערזען, אַז ס'גיסט זיך פֿון אים בלוט. די לעצטע קויל האָט ער אַרײַנגעלאָזט אין זיך אַליין. אָבער די האַנט איז שווין, ווײַזט אויס, באַ אים געווען פֿריִער פֿאַרוווּנדעט, האָט ער ניט געטראָפֿן אין האַרצן, ווּהין ער האָט זיך געצילט, און בלוט איז באַ אים געגאַנגען פֿון בויך. אַז מע האָט אים פֿאַרבאַנדאַזשעוועט, האָט ער זיך געביסן, ווי אַ ווילדע כײַע, נאָר ריידן האָט ער ניט גערעדט.

דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרויסגעלאָפֿן קוקן, ווי־אַזוי מע האָט אים געפֿירט. קיינעם האָט זיך ניט געגלייבט, מע זאָל אים נעמען אַ לעבעדיקן. אָבער אַז מע דאַרף, נעמט מען!

סידאָרענקאָ איז נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן, האָט צופֿרידן געשמייכלט און זיך איבערגעקוקט מיט זײַנע רויטאַרמייער.

די „וואַוּוקעס“

אַז ווינגדער איז געפאָרן נאָך וואַסער, האָבן אים אַלע יינגלעך אין שטאָט מעקאַנע געווען. ווער ס׳איז געווען אַ גוטער כעוורעמאַן און ניט קיין גרויסהאַלטער, פלעגט אים ווינגדער לאָזן אָנגיסן דאָס פעסל אָדער צוהאַלטן דאָס פערד פאַר דער צוים.

איינמאָל באַטאָג ליגט ווינגדער באַם סאַמע ברעג טײַך. „דאָס שווי־כעטל“ — פּײַטל דעם שניטקרעמערס אייניקל, האַלט צו דאָס פערד, און שײַקע פּעטליאַק ציט פּלײַסיק דאָס וואַסער פון טײַך און גיסט אין פעסל אַרײַן. ווינגדער ליגט זיך אויסגעלייגט אַפן זאַמדיקן ברעג. ער זעט, אַז די אַרבעט גייט גוט, ציילט ער נאָר די עמער. באַם פערציקסטן עמער וועט שוין דאָס פעסל זײַן פול. ליגט זיך ווינגדער, ווי זײַן שטייגער איז, און ציילט די עמער. ער טוט אַ קוק צום פּלויט, וואָס פון יענער זײַט טײַך, און דערזעט, אַז עפּעס אַ פרעמד יאַטל אַ פּויעריש, אין פּאָסטעלעס אָנגעטאָן און מיט אַ טאָרבעלע פון יענער זײַט אַקסל, שטייט אַף דער מעזשע און עפּעס אַזוי ווי ער ווינקט צו אים.

ווינגדער איז פּוילבלעך אופגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין איבער דער שמאָלער קלאַדקע צו אים.

דאָס יאַטל אָבער, זעט ער, רוקט זיך אָפּ. ווייסט ניט ווינגדער, וואָס יענער מיינט, און בלײַבט שטיין. ערשט דאָס יאַטל ווינקט צו אים ווײַ־טער. גייט ווינגדער אָפּ נאָך אַ פּאָר טריט, קריכט אַריבער איבערן פּלויט. זעצט זיך דאָס יאַטל צו אונטער אַ בוים. אַף אים קוקנדיק זעצט זיך ווינגדער אויך צו.

— קענסט האַלטן אַ סאָד? — האָט זיך דאָס יאַטל מיטאַמאָל אָנגע־רופן.

דאָס יאַטל האָט אויסגעזען זייער מאָדנע. ווינגדער האָט אַ רעגע אַ קלער געטאָן און געענטפערט:

— יאָ.

— פאַר וועמען האַלטסטו?

ווינגדער האָט זיך פאַרכידעשט:

— וואָס הייסט פאַר וועמען? פאַר די באָלשעוויקעס.

— און פאַר לענינען?

— פאַרשטייט זיך, אַז פאַר לעגינעגען און פאַר פרונזען און פאַר דער גאַנצער ראַטנמאַכט.

— דאָס איז גוט, — זאָגט דאָס יאַטל, — נאָר איך האָב סײַווי מוירע.

— פאַרוואָס?

— איך בין געקומען נאָך אַ נייטיקער, זייער שטאַרק נייטיקער זאַך, נאָר איך האָב מוירע, אַז מע וועט מיך האַרגענען.

ווײַגדערן איז געוואָרן נאָך מאָדנער, שוין אַפילע זיך גענומען אַ ביסל שרעקן.

— נו, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס וועט יענער ווײַטער זאָגן.

פון יענער זײַט טײַך האָט פעטליאַקס אייניקל שוין געשריִען, ווי אַ זיגער, נאָך דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט:

— שטערנזשער, קוק! טו אַ קוק! שוין אַ פולע פאַס!

— באַלד. האָב צײַט אַ ביסל.

— נו, דערצייל! — האָט ווײַגדער אומגעדולדיק אַ זאָג געטאָן צום דאָרפּישן יאַטל.

דאָס יאַטל איז געוואָרן ערנסטער און זיך שטיל אָנגערופן:

— די וואָווקעס וועלן הײַנט באַנאַכט אַלע זײַן אין איין שטוב, און מע קאָן זיי דאָרטן צעכאַפּן.

— די וואָווקעס? — איז ווײַגדער שיר ניט אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— שוויַיג, — האָט דאָס יאַטל בייז און ווי אַן עלטערער מענטש אויסגעשריִען.

— גוט, גוט, איך שווײַג. הערסט אַ מײַסע? די וואָווקעס, זיי זײַנען ביטערע האַדעס! זיי האָבן אויסגעקוילעט אַ היפּש ביסל מענטשן. נישקאָשע!

— מײַן טאַטן אויך...

— דײַן אייגענעם טאַטן? — ווײַגדער האָט לאַנג אָנגעקוקט וואַסיל־קען (אַזוי האָט מען גערופן דאָס יאַטל), און ער האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטעריקן קאָל:

— פאַרוואָס?

— איך וויל גיין צום לאַטיש, נאָר איך האָב מוירע, — האָט וואַסיל־קע ניט געענטפערט אויף ווײַגדערס פראַגע.

— נארעלע, ער איז זייער א גוטער, פאַר אים זאָלן די סאָנים מוירע האָבן.

— יאָ, — האָט וואסילקע געענטפערט, — מע טאָר אָבער ניט זען, אַז איך גיי אהין צו די עלטסטע, קיינער טאָר עס ניט זען. אַלע טאָג קומען אהער צו גיין אונטערגעשיקטע מענטשן, באַנדיטן, און מע קוקט נאָך. זיי וויסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך דאָ.

— פונוואַנען? — האָט ווינגדער זיך געכידעשט.

— פונדאַנען! — האָט וואסילקע געענטפערט. — מע קומט צו גיין אין שטאָט אַרײַן פאַרקויפן א האָן אָדער א קרענצל ציבעלעס, אָדער יאַגעדעס א טעפּל און גיי דערקען זיי.

— דאָס ביסטו געזעכט, — האָט זיך ווינגדער פאַרכאַפּט.

און ס׳איז געבליבן, אַז ווינגדער וועט ערגעץ פאַרשטעקן וואסילקען, און צו סידאָרענקאָ וועט ער שוין בעסער אַליין צולויפן.

קוים פאַרפירט דאָס פּעסל וואסער און באַהאַלטן דאָס יאטל, איז ווינגדער אין איין אָטעם אוועקגעלאָפן וווּהין מע דאַרף.

מע האָט אים אַרײַנגעלאָזט צום קאָמיסאַר.

ווינגדער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען, אַז בא סידאָרענקאָן זײַנען גרינע אויגן. יענער האָט א גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, איז ווינגדערן אַזש געוואָרן אומהיימלעך, כאָטש ער ווייסט גוט, ווער סידאָרענקאָ איז. ווינגדער האָט זיך א הייב געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און שטיל א זאָג געטאָן:

— כאַוועך קאָמיסאַר, א נייטיקע זאַך.

סידאָרענקאָ האָט איין קוק געטאָן אַזאַ, זײַנען אַלע אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער. און אַז ווינגדער איז געבליבן מיט אים אַליין, האָט ער אַלץ דערציילט, ווי ער האָט נאָר געקענט.

סידאָרענקאָ האָט אים אויסגעהערט און די גאַנצע צײַט עפּעס געקוקט צום פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערט צו ווינגדערן און קורץ א זאָג געטאָן:

— גוט, זײַ אין קינדערהיים, גיי אין ערגעץ ניט אוועק.

אין א קורצער ווײַלע אַרום איז מאַכאָטקין געקומען צו לויפן אין קינדערהיים און גלײַך אין הויף אַרײַן. צו אים האָבן זיך אַרויסגעשאָטן א סאַך כעווורע, אָבער ער האָט געזאָגט:

— גייט אַלע אין שטוב, איך וועל באַלד אַרײַן.

— כאווער מאכאָטקין, — האָט זיך ווּיגדער אָנגערופן, — סע ניטאָ פאַרן יינגל וואָס מוירע צו האָבן. ער איז אַף זיי אין קאַס, זיי האָבן געהארגעט זײַן אייגענעם טאַטן. ווען ער זאָל זיי קאָנען דערשטעכן, וואָלט ער זיי אַלע דערשטאָכן.

— גוט, — האָט מאכאָטקין געזאָגט, און ער איז אַוועק מיט ווּיג־דערן צו וואסילקען אין שטאַל.

וואסילקע האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט.

מאכאָטקין האָט א גלעט געטאָן וואסילקען איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— זײַ איבער הײַנטיקע נאַכט דאָ. וועסט דאָ האָבן אי עסן, אי טרינקען. גוט? מאָרגן וועל איך צו דיר קומען. — דערנאָך האָט ער עפּעס א קלער געטאָן, אָפּגערופן ווּיגדערן אָן א זײַט און אים א פרעג געטאָן: — אוקראַיִניש קענסטו גוט ריידן?

— איך קען, — האָט ווּיגדער געענטפערט, — איך רעד אזוי ווי מע רעדט דאָ.

— דו ווילסט מיט אונדז גיין הײַנט באַנאַכט?

ווּיגדער איז געוואָרן זייער איבערראַשט. ער האָט געוואָלט זאָגן, ווי געוויינלעך: ווּהין? און ארויסגעכאַפּט האָט זיך בא אים:

— איך וויל.

— דו וועסט קיין מוירע ניט האָבן?

— ניין.

— טאָ געדענק זשע, — מאכאָטקין האָט זיך נאָכאַמאָל אויסגעקערט צו וואסילקען, אים צארט א גלעט געטאָן באַם קאָפּ און איז אַוועק־געגאַנגען.

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך ווּיגדער קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, סע זאָל שוין גיכער זײַן נאַכט.

דער טאָג האָט זיך אים געצויגן, ווי א יאָר.

ווּיגדער פאָלגט א גאַנג

די וואָווקעס, אָדער די וועלף, ווי מע האָט זיי גערופן, זײַנען געווען א באַנדע פון א מאַן צוואַנציק. זיי זײַנען אין די היגע וועלדער טאַקע אויסגעוואַקסן, זיי ווייסן דאָרט יעדער באַהעלטעניש. ס'זײַנען דאָרט

פֿאַראַן זומפּיקע ערטער, וווּ פֿערד און מענטשן ווערן פֿאַרזונקען, און זיי נעמט דער רועך ניט. זיי ווייסן, דורכוואַנען אַרײַן און דורכוואַנען אַרויס. מיט זיי זיך באַגעגענען איז געווען אַן אײַנשטעלעניש. דאָס זײַנען געווען כּײַעס, ניט קיין מענטשן. מאַכאָטקין האָט זיי געטשאַטעוועט שוין פֿון לאַנג, און ער האָט אָפּגענומען פֿון זיי אָפּטע גרוסן. מע האָט געוווּסט, אַז זיי זײַנען פֿאַרבונדן מיט די ווײַספּאָליאַקן. זיי קריגן פֿון זיי געווער, און די פּאָליאַקן לאָזן זיי אַרײַן צו זיך איבער דער גרענעץ.

מע מוז פֿון זיי וואָס גיכער פּאָטער ווערן, אָבער מיט קיין הוילע הענט וועסטו זיי ניט נעמען, אַפֿילע זאָלסט שוין וויסן אַף קלאָר, וווּ זיי זײַנען, ווײַל, ווי געזאָגט, די בלאָטעס און די זומפּן שטערן דאָ גוואַלדיק.

איצט, אויב זיי קלײַבן זיך ווירקלעך צונויף אַלע אין איין שטוב, קאָן פֿון דעם ווערן אַ געשעפֿט.

וואָווטשע סלאָבאָדע איז צוועלף קילאָמעטער פֿונדאַנען. די סלאָבאָדע איז שיטער מיט הײַזער און געדיכט מיט וועלדער. זי איז מאַמעש אײַנגעטונקען אין וואַלד.

אַן אַלטער בעטלער אין אַ ריאַסע און אַ קליין ייִנגל באַ דער האַנט האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקט געשלעפּט איבערן דאָזיקן וואַלד. אָפּדערנאַכט. ס'איז פֿינצטער. דער וואַלד איז געדיכט. דער שליאַך איז ווינציק אײַנגעפֿאָרן, נאָר אַז מע דאַרף גיין, גייט מען. נאָך אַ האַלבע שאָ, נאָך אַ פֿערטל שאָ, און אָט האָט פֿון צווישן דיביימער זיך גענומען ציִען אַ פּלויט פֿון לאַנגע דראָנגען. אָט איז אַ שטאַל, אַ שײַער, און אָט איז די שטוב אַליין. אָ, ריכטיק, עס ברענט דאָרטן פֿײַער, און אַהין האָבן איצט פֿאַרקערעוועט דער אַלטער בעטלער מיטן ייִנגעלע און האָבן אָנגעקלאַפּט אין טויער. די הינט האָבן זיך צעבילט הויך און קאַעסדיק. נאָר ס'איז באַלד אַרויס דער באַלעבאָס, ניט קיין הויכער, דאָס לײַוונטענע העמד איבער די הויזן אַראָפּגעלאָזט.

— ווער איז?

— כריסטאַ ראַדי! — האָט דער אַלטער געענטפֿערט מיט אַ בעטנדיק קאָל און געשלעפּט נאָך זיך דאָס יאַטל. — נעמט אונדז אַרײַן, גוטע לײַט, אין אַ פּראַוואָסלאַוונער שטוב אַרײַן.

— קומט אַרײַן, — האָט דער באַלעבאָס אַ זאָג געטאָן און כײַשעק און האָט אָנגעשריִען אַף די הינט.

אין שטוב איז געווען פונעם ערשטן בליק ניט אָרעם, ניט רײַך. צוויי מיידלעך האָבן זיך אומגעדרייט — פּראָסטע, פּארגרעבטע, נאָר ניט קיין מיִעסע, מיט אויסגעפלאָכטענע צעפּ און מיט אויסגענייטע ארבל אױף די לײַוונטענע העמדער. אז די באַלעבאָסטע איז ארײַן, האָט זי דער אלטער בעטלער געבענטשט און זיך דרײַ מאָל איבערגעציילעמט. דאָס יאטל האָט זיך אויך דרײַ מאָל איבערגעציילעמט, האָט אויסגעטאָן די גרויסע קוטשמע און זיך דער ערשטער אנידערגעזעצט אױף דער הויכער גלאטער באנק.

— וואָס הערט מען עפּעס אין שטאָט? — האָט דער באַלעבאָס א בארויגעזלעכער א פרעג געטאָן.

דער אלטער האָט, ווי גאָר א היימישער, דערציילט מיט פרומע רייד, אז אין שטאָט איז ניט גוט. מע זאָגט, אז מע וועט אינגיכן אראָפּנעמען די גלעקער פון קלויסטער. אזעלכס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן, זינט די וועלט שטייט.

די אלטע האָט געשלעפּט א שיסל מילכיקס צום טיש און אוועקגעלייגט א פּאָר פּלעצלעך אָנגעשטאָט ברויט און האָט לאנג געשאָקלט מיטן קאָפּ אױף דעם, וואָס דער אלטער האָט נאָרוואָס דערציילט.

פּארן עסן האָט זיך דער אלטער בעטלער א סאך מאָל געציילעמט, דאָס יאטל אויך, און מע האָטביידע אָנגעהויבן ארײַנפּאמפּלען.

— און די פּראוואָסלאוונע, — האָט דער בעטלער ווײַטער דער־ציילט, — האָבן א סאך אויסצושטיין פון איינעם א מאכאָטקינען. ער איז נאָך ערגער פון דעם נאטשאלניק פון זײַנעם. ער, אז ער פּאָרט ארײַן אין דאָרף, ווערן אונדזערע ברידער נעבעך דערציטערט. ס'איז אן אנטי־כריסט — ניט קיין מענטש. מע זאָגט, אז קיין קויל שטייט גאָר צו אים ניט צו.

ביידע מיידלעך האָבן אוועקגעוואָרפן זייער ארבעט, זיך צוגעזעצט נעענטער. דער באַלעבאָס איז שוין געוואָרן היימישער און צוגעלאָזטער. ער דערפרעגט זיך אױף די שטאָטישע נײַעס און לאָזט ניט דורך קיין איין וואָרט.

דאָס יאטל, וואָס איז געקומען מיטן בעטלער, האָט אויסגעזופּט דאָס לעצטע ביסל מילכיקס, אָפּגעלעקט דעם לעפל און א זאָג געטאָן:

— שוין צוויי טעג, אז ער איז ניטאָ.

— ווער?

— מאַכאַטקין.
— פונוואַנען ווייסטו? — פרעגט אים דער בעטלער, ווי בייזלעך א ביסל, לעמיי ער מישט זיך, ווען עלטערע ריידן.
— איך ווייס, — ענטפערט דאָס יאַטל, — ער איז אוועקגעפאָרן מיט פופצן מאַן קיין אוסאָוו נאָך באַנדיטן, אלע האָבן געזען.
— איז ער נאָך ניטאָ? — האָבן עפּעס אלע ווי איינינעם א פרעג געטאָן.
— מאָרגן, זאָגן זיי, דאַרף ער קומען.
— ווער איז דער זיי? — פרעגט דער בעטלער שיר ניט מיט קאַס.
— די יינגלעך אין שטאָט, זיי קענען אים אלע.
— אָט אַן אנטיכריסט, — האָט דער באַלעבאָס פון שטוב א זאָג געטאָן און שיר וואָס ער קריצט ניט מיט די ציין.
— ס'איז אַן עמעס, אז ער איז א לאַטיש? — פרעגן די מיידלעך.
— ס'איז שווער צו וויסן, — זאָגט דער אלטער, — ווער ס'האָט זיך אויסגעזוכט אף דערצאָרענען גאָטס נאָמען, נאָר מע מוז אויסגעלייזט ווערן פון אים, און טאקע וואָס גיכער. גוטע לייט וועלן עס טאָן, — און ער האָט א קנייטש געטאָן מיטן שטערן און א פיר געטאָן די ברעם.
געענדיקט דאָס עסן, האָט ער זיך ווייטער געשטעלט ציילעמען. דאָס יאַטל אויך. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א קריי. אין שטוב איז געוואָרן א שטיקל גערודער, די מוידן האָבן א קוק געטאָן אפן פאָטער. אף דער שטומער פראַגע זייערער האָט דער פאָטער ערנסט און לאַנגזאַם א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „יאָ, מע קאָן".
איז די עלטערע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, און אין א רעגע אַרום האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך אַריינגערוקט א געזונטע פויערטע. די שטיקלעך צורע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטערן דאָרפישן שאַלכל, זיינען געווען מעגושעמדיק. די אויגן ווילד און בייז, ווי בא א רויצייעך. זי האָט געטראָגן א קאָרב אף די פּלייצעס. דערזען מענטשן אין שטוב, איז זי געבליבן שטיין אפן שוועל און זיך שוין אזוי ווי געוואָלט אומקערן, אָבער די שטוביקע האָבן זיך אלע צו איר א לאָז געטאָן.
— קום אַריין, זון מיינער, — האָט די אלטע זיך אָנגערופן די ערשטע, — דאָס זיינען גאָטס מענטשן. זאָלסט הערן, וואָס זיי דערציילן זיך אָן פון מאַכאַטקינען, — שטעלן זיך די האָר קאַפּויר.

די אריַינגעקומענע פּויערטע האָט אראָפּגעוואָרפן דעם קאָרב מיטן שאַלכל איניינעם, איז געבליבן א מאַנצבלש געשוירענער קאָפּ מיט א ווילדער צורע.

דער אלטער האָט א ווונק געטאָן צום באַלעבאָס אי פרום, אי פרעגנ־דיק:

— ער?

און יענער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער מיינט: „יאָ, דאָס איז ער".

דאַן איז דער אלטער אופגעשטאַנען, האָט איבערגעציילעמט דעם נעפּעש אין די וויַיבערשע קליידער און געשוירענעם קאָפּ און זיך אָנגע־רופן:

— גייט, קינדערלעך, אין גאָטס וועג, גאָט האָט איַיך ליב אַזוינע. איר און נאָר איר דאַרפט אונדז אויסלייזן פונעם אנטיכריסט!

דער באַנדיט האָט אראָפּגעוואָרפן דעם וויַיבערשן ראָק פון זיך. ער האָט א קלאַפּ געטאָן אין פענצטער, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָבן זיך אריַינגעשאָטן אין שטוב אריַין א צוואַנציק מאַן, גרעסערע און קלענערע, גרעבערע און דינערע, נאָר אלע ווילדע און צעכראַסטעטע. זיי האָבן גענומען טראָגן און וואַרפן אַפן טיש שטיקער וואָלנס, ליַיוונט, פּאַרטיק אָנטאָן, אוירינגלעך, פינגערלעך, זייגערלעך. די מוידן האָבן זיך א כאַפּ געטאָן מיט זשעדנע הענט אופקליַיבן דאָס אַלץ אין קאַסטן אריַין. די אויגן האָבן זיך בא זיי צעגלאַנצט, און זיי האָבן פאַר איַילעניש געשטורכעט איינע די צווייטע מיט די עלנבויגנס. און די כעוורע באַנדיטן קליַיבן פון זיי נאַכעס, זיי ווינקען צו זיי און זיי כיינדלען זיך.

די ביקסן האָט מען אופגעשטעלט אין ווינקעלע לעם באַנק, לעבן דער קאָרעטע, וואָס אונטער דער פּאָליצע.

מע האָט זיך עפּעס געסוידעט צווישן זיך, דערנאָך האָט מען ארופּ־געוואָרפן אַפן טיש צוויי גרויסע שטיקער כאַזער, אוועקגעשטעלט צוויי בוטלען סאַמאָהאָן, און די וועטשערע האָט זיך אָנגעהויבן. דער אלטער בעטלער איז שוין געווען שלעפעריק, נאָר מע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, ער זאָל אַלץ דערציילן פון שטאָט, פון סידאָרענקאָן, פון מאַכאָטקינען, פון דער וואָלאָסט.

— אז איך וועל אים כאַפּן, אָט דעם אנטיכריסט, — האָט זיך איינער אָנגערופן, — וועל איך פון אים שניַידן קליינע שטיקלעך ליַיב און זיי באַ־

שיטן מיט זאַלץ, לאָמיך קרענקען, אויב איך וועל אים הארגענען מיטאַ־
מאָל. איך מוז זיך פריִער א ביסל אָנטישען דאָס הארץ.

— און איך וועל אים קעמען דעם קאָפּ, — האָט זיך איינע פון די
מוידן זיך אָנגערופן. — ער וועט דאָך זיַין בא מיר א שטילינקער, א
קאָטיקל.

— צו וואָס זיַינען די נארישע רייד! — האָט דער פּאָטער זיי בייז
אָפּגעשטעלט. — האַלעוויַי פּאקט מען אים שוין, וואָלט איך דער ערשטער
אים אָפּגעלייגט, ניטאָ הייַנט קיין צייַט זיך אייסעקן מיט אזעלכע.

אזוי האָט מען געפּאטערט די וועטשערע, אזוי האָט מען געכאפּט א
דרעמל א פּאָר שאָ אלע איינס לעבן אנדערן אפן פּאָל, און אזוי האָט מען
זיך אופגעכאפּט פונעם פּלוצעמדיקן זעץ אין טיר און אין די פענצטער.

דער בעטלער מיטן יִנגעלע זיַינען שוין לאנג ניט געווען. די ביקסן
זיַינען אלע געווען אָן פּאטראָנעס און אָן שלעסער, בא אייניקע האָבן
ניט געסטייַעט די רעוואָלווערן, און ס'האָט זיך פארקאָכט אן עמעסע
קאשע אין שטיבל לעם עק וואלד.

— רוקי וווערך! — האָט מען פון דער אָנגעלאָפענער זאווערוכע
געשריִען, און מע שיסט אָן אן אופהער און אָן אן אָפּשטעל אין סטעליע,
אין די פענצטער אריַין, אין די ווענט. די באנדיטן האָבן זיך צעווילדע־
וועט, די אויגן זיַינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט בלוט, נאָר זיי האָבן שוין
ניט מיט וואָס צו שיסן.

אין א שאָ ארום זיַינען געלעגן אויסגעלייגט אפן דיל זיבן געהארגע־
טע אין איין זיַיט שטוב און צען געבונדענע אין דער צווייטער.

זייער ווילד האָט אויסגעזען בא די שטוביקע דאָס, וואָס דער פרומער
בעטלער איז דאָך אויך צווישן די באָלשעוויקעס.

די כעוורע רויטארמייער האָבן זיך אינדערגיך אויסגעזעצט ארום
טיש כאפּן א ביס, אלע מאָל הערט מען פון זיי איין און דעם זעלבן
אויסגעשריי:

— איַי, מאכאָטקין!

בא די רייד האָט דער אלטער בעטלער אראָפּגעוואָרפן פון זיך די
באָרד, דעם פּאריק און די אָנגעקלעפּטע ברעם.

די מיידלעך האָבן צעעפנט מויל און אויערן. די געבונדענע באנדיטן
האָבן זיך געריסן פון די שטריק, געגלאָצט מיט די אויגן און געקריצט
מיט די ציין.

אָבער דער געזעצטער באָכער אין דער צעשפּיליעטער פאַרשמאָלצע־וועטער ריאַסע האָט א צעשמייכלטער זיך אָנגערופן:

— ניטשעוואָ, קראָשעטשקי, מירן פון אײַך ניט שנײַדן קיין שטיקער, מירן אײַך ניט שיטן קיין זאלץ אַף די וווּנדן, מירן אײַך נאָר אויספרעגן וואָס מע דאַרף און אײַך איינציקוויַיז אָפּשיקן אפן הימל. פּראַוודאַ, דיע־וואָטשקי?

די מוידן האָבן געגעבן א וואָרף מיט די קעפּ, ווי די פערד, און אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון מאַכאָט־קינען.

דאָס יאַטל, וואָס האָט געפירט דעם בעטלער, איז ארײַנגעפאַלן אין שטוב פאַרסאָפּעט און ערנסט פאַרטאָן. איצט האָט מען שוין געקאָנט דערקענען, אז ס'איז וויגדער. באלד נאָך אים איז ארײַנגעקומען א רויט־ארמייער מיט א ביקס.

— שוין דאָ די פורן?

— יעסט, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק, — האָט דער רויטאַרמייער פרייליעך אויסגערופן, — פאַראַן פורן.

און וויגדער האָט גלײַך צוגעגעבן מײַסע באַלעבאָס:

— מע קאָן שוין טראָגן?

— פינף? — האָט מאַכאָטקין א פרעג געטאָן.

— פינף, — האָט וויגדער געענטפערט.

— מאָלאָדיעץ! — מאַכט צו אים מאַכאָטקין. — קום אהער, טו א קיי.

וויגדערן האָט זיך אליין ניט געגלייבט, אז דאָס האָט אינגאַנצן גע־דויערט איין נאַכט. און אלע מאָל, אז ס'איז אים אויסגעקומען דורכגיין פאַרבײַ די געבונדענע באַנדיטן, האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן.

— כאַוויירים, — האָט וויגדער פּלוצעם א פרעג געטאָן, — נו, און דעם קינדערהיים וועלן מיר עפּעס פאַרפירן?

— אויסער די באַנדיטן מיטן געווער — אלץ, — האָט מאַכאָטקין אים געענטפערט.

וויגדער האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי העניע, אזריליק, אַלעקסאַנדער דער וועכטער און אלע אין קינדערהויז וועלן זיי באַגעגענען. „מע וועט עס א ביסל אָנטאָן די קינדער פון קאָפּ ביז די פיס", — האָט ער א צופרידענער געקלערט צו זיך אליין.

אפן וועג אהיים זײַנען זיי ווײַטער געגאנגען צופוס. ווינגדער האָט זיך געסטארעט ניט אָפּשטיין פון די עלטערע. אין וואלד האָט געשמעקט, די שפּיצן פון די ביימער האָבן זיך געריוטלט. אין דרויסן האָט שוין געשאריִעט.

— ווינגדער, — האָט מאכאָטקין אומגעריכט א פרעג געטאָן, — מאָרגן וועסטו אלץ דערציילן די קינדער?

— מע מעג דען? — האָט ווינגדער איבערגעפרעגט.

— דערווײַל ניט, — האָט אים מאכאָטקין שטיל, נאָר פּילדײַטיק געענטפערט.

— גוט, איך וועל געדענקען.

הינטער דער סאמע שטאָט האָט זיך ווינגדער געזעגנט מיט די רויט־ארמייער און איז אוועק אין קינדערהויז, אין שטאל צו זײַן געלעגער אפן היי. ער האָט זיך פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט לעם וואסילקען און לעבן אזריליקן, וואָס זײַנען געשלאָפן און האָבן גאָרניט געהערט.

ער איז לאנג געלעגן אפן געלעגער מיט אָפענע אויגן. א גרויסער שטאָלץ האָט ארומגעכאפּט זײַן גאנץ וועזן:

„איך האָב געפאָלגט א גאנג, — האָט ער געקלערט, — דער רעוואָ־ליוציע, נאָר דערווײַל טאָר קיינער דערפון ניט וויסן".

און ווײַטער האָט זיך אים געדאכט, אז ווען ער נעמט איצט און לאָזט זיך אוועק אין קרעמל גלײַך צו לענינען, וואָלט אים לענין א גלעט געטאָן און וואָלט אים געזאָגט:

— א, ווינגדער! איך האָב שוין לאנג געוווּסט, אז דו ביסט דאָס בעסטע ייִנגל אין גאנץ סירניצע.

צום נײַעם לעבן

ווינגדער האָט זיך מיטאמאָל דערפילט עלטער, שטארקער און גרעסער.

עפּעס איינמאָל איז ער צוגעגאנגען צו העניען און זיך אָנגערופן:

— כאוורטע לערערן, איך דארף מיט אײַך עפּעס ריידן.

מע האָט אָבער אקוראט געוואשן און געבאָדן די קלענערע קינדער,

איז זי געווען שטארק פארנומען, און ס'איז געבליבן, אז נאָך היינט אין אָוונט נאָך דער וועטשערע זאָל ער בלייבן, וועט זי מיט אים ריידן.

מער האָט וויגדער ניט געדארפט. אים איז נאָר געווען שווער אָנהייבן. דאָס איבעריקע וועט שוין גיין גלאט, ווי א מיזמער.

און ער האָט איר דערציילט, אז מאכאָטקין וויל אים צונעמען אף ארבעט. אין קינדערהיים איז שוין עפּעס ניט שיין, ער זאָל זיין, שוין א ביסל צו א גרויסער. נאָר ער וועט קומען. ער וועט סיי ווי אלעמאָל אהער קומען.

העניע האָט מיט אים דעם אָוונט לאנג געשמועסט. צווישן אנדערע זאכן האָט זי אים דערציילט, אז אויך אזריליק גייט אוועק פון קינדערהיים. מע שיקט אים אין שטאָט אריין זיך לערנען זינגען, און מינטשיק גייט איבער מיט די עלטערע מיידלעך אין שניידערשן ארטעל. זיי וועלן דאָרטן נייען און פארדינען.

וויגדערן איז געוואָרן א כידעש. אלצדינג איז דאָך אזוי ריכטיק, און ער האָט זיך גאָר ניט אָנגעשטויסן אף דעם.

און די וואָך האָט טאקע דער קינדערהיים איינגעאָרדנט א געזעגונגס־אָוונט פאר די כעוורע, וואָס גייען ארויס אין לעבן.

זייטיקע געסט זיינען דאָס מאָל געווען ווייניק, אויסער די, וואָס זיינען ביכלאל אָפטע אריינגייער אין קינדערהיים: ווי מאכאָטקין, לאָמיר זאָגן, און די לערער פון דער שול.

אין שטוב איז געווען ליכטיק, אלע קינדער האָבן זיך צוגעפּוצט, אף די טישן האָט מען געשטעלט פון דעם שענסטן און בעסטן.

העניע, אז זי האָט געהאלטן איר רעדע, זיינען בא איר, דוכט זיך, געשטאנען טרערן אין די אויגן. און זי האָט געענדיקט איר וואָרט אזוי:

— מיך פרייט זייער, ליבע כעוורע, וואָס איר גייט ארויס אין לעבן, ווי פרייע בירגער, און יעדערער קאָן, איז אימשטאנד, איז גרייט ברענגען נוצן אונדזער טייער פאָטערלאנד!

אלע כעוורע האָבן געפּליעסקעט בראוואָ און געקוקט אף וויגדערן, אף אזריליקן און אף די איבעריקע מיט גאָר אנדערע אויגן.

אז ס'האָבן זיך געענדיקט די רעדעס, האָט מען געזונגען לידער, געגעסן א גוטע וועטשערע און זיך צעגאנגען שלאָפן עפּשער צוועלף אזייגער.

* * *

ווי, ווי, בא וויפֿל מענטשן ס'האָט זיך איבערגעאַנדערשט דאָס לעבן! אפֿילע ריוועלע די האָראָדעצער איז שוין אויך אויס דינסט. זי אַרבעט אין פּאָטשט אין סירניצע. אין פּאָטשט אַרבעטן אַ סאַך מיידלעך. איר אַרבעט איז זיצן באַם טעלעפֿאָן. איר זאָלט זען, וויאַזוי מע האַלט פֿון איר אין שטאָט. באַטאָג אַרבעט זי, און אַפּדערנאַכט גייט זי אַף קורסן און לערנט זיך מיט גרויס כיישעק. זי האָט אַ גוטן קאָפּ.

דער אַלטער שמערעליכעס אייניקל סאָרעלע איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער. זי אַרבעט אין דער סירניצער באַנק, און איר באָבע פֿאַרשפּאָרט שוין אַלע פּרײַטיק גיין איבער די הײַזער. וואָס דאַרף מען מער, אַפֿילע איצל קאַטשקע טוט שוין אויך אַן אַרבעט. ער איז געוואָרן אַ וועכטער אין דער קאָאָפּעראַציע.

מינטשיק, די שוועסטער ווייגדערס, גרייט זיך צום ספּעקטאַקל, וואָס די שול קלײַבט זיך שטעלן פֿאַר דער גאַנצער שטאָט.

מע האָט אָנגעהויבן זאָגן אין שטאָט, אַז מינטשיק איז דאָס שענסטע מיידל. ווייגדער הערט עס ערשט. אַזויפֿיל יאָרן, אַז ער איז מינטשיקס אַ ברודער און ס'זאָל אים גאָר איין מאָל אײַנפֿאַלן, אַז זי איז אַ שיינע.

איינער פֿון מאַכאָטקינס רויטאַרמייער שאַדכנט זיך צו איר, ער איז אַליין אַ רימער. נישקאָשע, זאָגט ער, וואָס זי איז נאָך אַ יונגע. ער דאַרף נאָך סײַווי דינען אַ ביסל אין דער אַרמיי, און זי קאָן דערווײַל אַרבעטן און לערנען.

דער בריוו

ווייגדער וויל זיך דערמאָנען אין זײַן שטוב, וויאַזוי איז זי געווען דענסטמאָל, ווען ער האָט זי פֿײַנט געהאַט, ווען מע האָט זיך דאָרטן טאָג און נאַכט געשאָלטן.

עפּעס אַ מאָדנע זאַך. גאָר ניט אַזוי לאַנג איז עס געווען, אָבער איצט איז אַלץ אַנדערש. ער זעט פֿאַר די אויגן נאָר דאָס, וואָס ס'איז איצט, און ער קאָן זיך ניט דערמאָנען דאָס, וואָס ס'איז געווען. איצט האָבן זיי די שטאַל איבערגעשאָטן, זי אוועקגעשטעלט ניט אינמיטן הויף, נאָר

אין א ווינקל און זי שוין צוגעדעקט מיט א דאך. דעם גאָרטן האָבן זיי אליין אָנגעהויבן זייען אלע יאָר. די מאמע זיצט שוין ניט מיט קיין לײדיקע הענט לעבן לײדיקן טיש, די מאמע איז פאַרטאָן און פאַראַרבעט. אז מע קומט זי רופן, זי זאָל פאַרקנעטן א דייזשע ברויט בא ריסלען דער הארבארקע, ענטפערט זי:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם עמעס, סע קיינענאָרע דאָ אזוי־פיל ארבעט אין שטוב, אז ווען איך זאָל האָבן נאָך צען הענט, וואָלט מיר אויך געווען ווינציק. און מיינט איר וואָס? — דער גאָרטן, די הינער, די שטוב און די קינדער, יעדערער איז פאַרנומען און אף יעדערן דאַרף מען א קוק טאָן.

איינמאָל פאַרנאַכט, די זון האָט זיך שוין גענעצט אנטקעגן די וואָ־לאָסט־ביימער, זײַנען עפּעס אלע געווען אין שטוב. לייבל דער רימער, וואָס גייט אום מיט מינטשיקן, איז אויך דאָ געווען, ער איז שוין דאָ אינגאנצן ווי אן אייגענער. זײַנען עפּעס אלע געזעסן, און מינטשיק האָט זיי פאָרגע־לייענט אוורעמלס בריוו פון אמעריקע.

ער שרײַבט, אז קיין לעבן מאכט ער דאָרט ניט און ער בענקט נאָך זיי און בעט, מע זאָל אים ארויסשרײַבן, וועמען זאָל ער אָנהייבן ארויס־נעמען צו זיך קיין אמעריקע, ווײַל ארויסנעמען אלע מיטאמאָל וועט ער ניט זײַן אימשטאנד.

אלע האָבן געקוקט אפן פאָרן קיין אמעריקע, ווי אף א ווילדער זאך. ווער קלערט דען אהין פאָרן, וועמען גייט עס אָן?

— דו ווילסט? — האָט ווינגדער געפרעגט מינטשיקן.

דער רויטארמייער מיטן שפּיציקן געמבעלע און מיט די שיינע אויגן האָט אף איר גענומען קוקן, וואָס וועט זי זאָגן.

— ניין, — האָט מינטשיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, — מיר איז דאָ אויך ניט שלעכט. — און זי האָט צוריק א קוק געגעבן אפן רויטארמייער.

אלע האָבן גלײַך דערקענט אין איר שמייכל, אין פריילעכן קוק, אז בא זיי איז שוין לאנג עפּעס אָפּגערעדט.

— און דו ווילסט? — זאָגט ווינגדער צו דער מאמען.

— די גרויסע גליקן, וואָס ער מאכט דאָרטן, — האָט פריבע געענט־פערט, — אף אלע סאָנים געזאָגט געוואָרן. בעסער ווען מיר אים שוין אריבערנעמען אהער.

און מע האָט זיך אנידערגעזעצט שרײַבן אוורעמלען א בריוו.

— דו? — האַט ווינגדער ווי א פרעג געטאָן מינטשיקן.

אָבער פריבע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן שטוב א פאַרקלערטע און מיט דער האַנט אונטערגעשפּאַרט די קין, האָט פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— וואָס איז עפּעס? אזא בריוו דאַרף א מאַנצבל שרײַבן.

א קוים באַמערקטער שמייכל פון שטאָלץ און צופרידנקײַט האָט זיך געוויזן אַף ווינגדערס פּאָנעם. ער האָט זיך פּאַוואָליע אופגעהויבן פון אָרט, געבראַכט א פּערטל פּאַפּיר, א טינט־און־פּען און אָנגעהויבן, ניט געכאַפּט, קעדיי דער קסאַוו זאָל זײַן שענער: „טײַערער זון און טײַערער ברודער אוורעמל! לעב גליקלעך!"

אַלע האָבן אָנטיילגענומען באַם צונויפשטעלן דעם דאָזיקן וויכטיקן דאָקומענט, און געענדיקט האָט מען דעם בריוו אַזוי:

„האָסט ניט וואָס צו זאָרגן, טײַערער ברודער. דאָ האָבן שוין געפעלט די שלעכטע צײַטן. דו וועסט ניט דערקענען די שטוב און דאָס געזינד, וואָרעם מיר אַליין דערקענען זיך אויך ניט. קאָן זײַן, אַז דו וועסט טרעפן צו מינטשיקן אַף דער כאַסענע. האַקלאַל, קום צו פאָרן. דאָ זײַנען אופּגעריכט געוואָרן אַלע נויטבאַדערפטיקע און מיר אַליין פילן זיך דאָ ווי נײַ־געבוירענע".

פריבע איז אוועקגעגאַנגען שטעלן טיי, לייבקע האָט זיך געזעצט נעענטער צו מינטשיקן און האָט אָנגעהויבן אינדערשטיל איר עפּעס דערציילן אַפּן אויער. קיין שײַן אין שטוב האָט נאָך ניט געברענט. דער לעצטער אָפּגלאַנץ פונעם זון־פאַרגאַנג איז געפאַלן אַף דער וואַנט, ווו מינטשיק האָט אופגעהאַנגען לענינס בילד. ווינגדער איז געזעסן צופרידן און האַלב־מיד נאָכן טאָג אַרבעט. און ער האָט זיך דערמאָנט אינעם געדיכט, וואָס ריוועלע דעם גלעזערס האָט ניט לאַנג אָנגעשריבן אין קינדערהיים:

זאָל לעבן אונדזער לענין,
וואָס ווי א שטערן העלט,
ער איז אונדז טײַערער און ליבער
פון אַלעס אין דער וועלט.

1939

אויסגעוואקסן

(די געשיכטע
פון אונדזער גערטל)

1. א פרישער ווינט

סארא מין געשמאק ווינטעלע ס'האָט זיך דאן דערפילט אפן גאנצן ארום און אויך בא אונדז.

באלד ווי מיר זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן פונעם פּריסטאוו מיטן קאנטשיק און פונעם פּאָרעץ מיט זײַנע הינט, האָבן מיר פרײַ אָפּגעאָטעמט. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן טיילן די ערד צווישן זיך. א סאך יידן פון דער אָרעמשאפט זײַנען איבערגעגאנגען אף ערדארבעט, און מיר האָבן פאר גרויס פרייד אויך פארנומען א שטיקל ערד בא דער שטוב.

אין א פרײַען פרימאָרגן איז ארויסגעגאנגען דער טאטע אין שטאל. ער האָט אָפּגעקליבן צווישן דעם אלטן האָלצווארג א דרײַסיק — פערציק דרענגלעך און האָט גענומען פארצוימען פאר די פענצטער פון שטוב א מין הויפל, אָדער גערטל, וואָסערע זעקס קלאפטער די לענג און צוויי די ברייט.

מיר, בעוורע, זײַנען ארומגעלאָפן העלפן דעם טאטן. ווער עס טראָגט אים אונטער דעם גראָב־אײַזן, ווער עס האלט אים אונטער דעם סטויפּטשיק אין גריבל, און ווער עס דערלאנגט דעם טאטן אן אלטן אויסגעגלײַכטן צוויאָק אף צו פארקלאפּן דעם לאנגן שווערן דראָנג.

דער טאטע טוט זײַן ארבעט שווײַגנדיק. די מאמע קוקט זיך אום אלעמאָל מיט מוירע, אז טאָמער האָבן מיר זיך נאָך צו פרי א לאָז געטאָן אָפּצוימען „אייגענע ערד”. און מיר, קליינווארג,

קוקן זיך צו צו די עלטערן און סטארען זיך, מיר זאָלן ניט טומלען מערער, ווי סע פּאסט אין אזא ערנסטער שאָ.

ס׳איז צוגעגאנגען דער שאָכן אונדזערער מיראָש — א הויכער פּויער, זייער א פארמעגלעכער. ער האָט פינף זין, איז יעדערער די הייך אזוי, ווי ער, און עפּשער נאָך א קאפּעטשקע העכער.

— דאָברי דיען, פּאני ליבקאָ, — זאָגט ער צום טאטן.

— דאָברע זדאָראָוויע, פּאני מיראָש, — ענטפערט אים דער טאטע מיטן זעלבן און ער טוט זיך וויַיטער זיַין ארבעט.

געשטאנען, געשטאנען א ביסל מיראָש, דערנאָך האָט ער פאַרייכערט די ליולקע, אויסגעשפּיגן מיטן שיטערן שפּיַיעכץ און איז אוועקגעגאנגען.

די מאמע איז ארויסגעלאָפן און האָט גיכער א פרעג געטאָן:

— וואָס האָט ער געוואָלט, דער באַלעגוף?

— גאָרניט, — האָט דער טאטע קורץ געענטפערט.

— ער האָט זיך דערשראָקן. ער מיינט, ס׳וועט אים זיַין קאַרג?

— ווער הערט אים! — האָט דער טאטע געענטפערט.

אין א קורצער וויַילע ארום איז צוגעגאנגען צו אונדז כוועדער דיאָמטשיכעס, אויכעט א שאָכן אונדזערער. נאָר ס׳איז שוין ניט מיראָש. ער האָט א זון מיט אן איידעם, דינען זיי ביידע אין דער רויטער ארמיי, און אז מע קומט אַף א סכאָד, שעמט ער זיך ניט, כוועדער, און רעדט אַלץ, וואָס ער וויל, ער קוקט ניט, וואָס די ריַיכע בלאָזן זיך אַף אים.

— ד־אָ־ברע! — האָט ער זיך האָפּעדיק אָנגערופן צום טאטן און ארויסגענומען פון מויל דעם נאסן ציבעק.

— דאָברע זדאָראָוויע, סוסידע, — האָט אים דער טאטע געענטפערט.

דערביַי האָט ער זיך אויסגעגליַיכט אַף א וויַילע, האָט אוועקגעשטעלט דעם גראָב־איַיזן אָן א זיַיט און גענומען פארדרייען זיך א ציגאר פון מאכאָרקע.

— אז דו צוימסט שוין, — האָט כוועדער א וויַיז געטאָן מיט דער האנט ארויף צום וויהאָן־צו, — האָסטו דאָך געמעגט פארנעמען א ביסל ברייטער.

— איך דארף ניט קיין סאך, — האָט דער טאטע געענטפערט, — מיר איז גענוג, אבי קיין כאזיירים זאָלן ניט שטופּן די מאָרדעס אין פענצטער אריַין. — דער טאטע האָט צוגערייכערט בא כוועדערן דעם ציגאר זיַינעם, האָט אָנגעשפּיגן פריער אַף איין האנט, דערנאָך אַף דער צוויי־

טער און זיך אוועקגעשטעלט גראָבן. כוועדער איז געשטאַנען א ביסל און געפּיפּקעט די ליולקע. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן זײַן קוצאַק — די קורצע סוויטקע — און האָט אויכעט גענומען העלפן דעם טאַטן צוקלאַפּן די דרענגלעך.

— נישקאָשע, ס'איז ניט מיראָש, — האָט די מאַמע שפּעטער אי־בערגערעדט.

— נו, — האָט איר דער טאַטע געענטפערט, — מיראָשקע האָט דאָך אַזוי ליב די מעלוכע, מעג אים אַזוי ליב זײַן דאָס העמד אַפן לײַב.

— ער זאָל קאָנען, — זאָגט די מאַמע, — וואָלט ער איטלעכן דער־טרונקען אין א לעפל וואַסער.

מיר האָבן געקוקט אַף די עלטערן און זיך געוווּנדערט. — אבי מיר האָבן געטײַנעט, אַז אַלע, אָן אויסנאַם, זײַנען צופרידן מיט דער רעוואָ־ליוציע.

2. א ייִד צו א ייִדן איז ניט גלײַך

דאָס שטיקל אָפּגעצוימטע ערד פאַר די פענצטער האָט אויסגעזען זייער מאָדנע. ס'האָבן געשטאַרצט עטלעכע שיטערע גרעזעלעך, ווו־ניט־ווו האָבן זיך געוואַלגערט שטיינער, שטיקלעך גלאָז, קופּקעלעך אַש און מיסט.

וואָס איז עס? — א גערטל? ניט קיין גערטל... א הויפל? ניט קיין הויפל.

לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז טאַקע געווען א גערטל. דער טאַטע האָט צוגעסטראָיעט אהין א טירעלע, און אַלע פּאַרנאַכט, אַז ער קומט פון דער אַרבעט, קלײַבט ער אויס און גראָבט אויס פון דאָרטן די שטיינער. אַנדערע שטיינדלעך זײַנען דריבנינקע, ווי די קאַרטאָפּעלעך די גרייס, קלײַבט זיי דער טאַטע אין א קערבעלע, און אַנדערע זײַנען גרויסע און לאָזן זיך ניט אַרויסנעמען, פּונקט ווי מיראָשעס זין, וואָס לאָזן זיך ניט אײַנריידן, אַז די רעוואָליוציע איז א גוטע זאַך.

— טאָ צע טאָבי, לייבקאָ, ווזשע זעמלי זאַכאָטילאָסיאַ? (האָט זיך דיר שוין גאָר פאַרוואָלט, לייבקע, ערד, אײַנמיטנדרינען?) — טוען זיי א זאָג מיט א שטאָך.

איינמאָל איז דורכגעגאַנגען כאַיִם־יווינע דער שניטקרעמער. זײַן קאָזע בערדל האָט בא אים זייער מאָדנע ארויסגעקוקט פון אונטערן שאַליק, מיט וועלכן עס זײַנען בא אים געווען ארומגעבונדן די באקן — די ציין האָבן אים, ווײַזט אויס, ווי געטאָן. און א סאך פון די שטאָט־לײַט, אז זיי גייען אין שפּיטאָל ארײַן, קומט זיי אויס דורכגיין פארבײַ אונדזער שטוב.

— זע נאָר, לייבקע,—שטעלט זיך אָט דער כאַיִם־יווינע אומיסטן אָפּ פון יענער זײַט פּלויט, — דו ביסט דאָך עפּעס א ייִדיש קינד, טאָ צו וואָס זאָל זיך דיר גלוסטן אזעלכע זאכן?

דער טאטע האָט אָף אים א מאָדנעם קוק געטאָן. ווײַזט אויס, אז ער האָט אים פאר עפּעס ניט ליב געהאט, אָט דעם כאַיִם־יווינען, און ער זאָגט צו אים:

— רעב כאַיִם־יווינע, איך בין שוין ניט קיין קינד...

— הער נאָר, הער נאָר! — האָט זיך שוין יענער מיט פארדראָס אָנגערופן און זיך אזש צוגעהאלטן פאר דער אונטערגעבונדענער באק. — ווער זאָגט עס, כאָלילע, א קינד? אדעראבע, אָבער א ייִד ביסטו דאָך?!

דער טאטע האָט ווײַטער לאנג, לאנג אָנגעקוקט דעם רײַכן ייִדן. מיט איין פוס איז ער געשטאנען אָף דער ערד, און מיט דעם צווייטן האָט ער אָנגעשפּארט דעם גראָב־אײַזן.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, רעב כאַיִם־יווינע? — האָט זיך דער טאטע צו אים אָנגערופן. — א ייִד צו א ייִדן איז ניט גלײַך!..

אָט דאָס־אָ דערהערט, איז יענער אוועקגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער. פונדערווײַטנס האָבן מיר געהערט, ווי ער בורטשעט און רעדט צו זיך אליין די גאנצע צײַט:

— גלײַך!.. ניט גלײַך!.. האָסטו געהערט א ביסל? סע שטייט אים ניט אָן... איך האָב אים אָנגערירט דעם טאטנס ייִכעס. נו, נו! קיינער האָט צו דיר ניט! ווילסט ניט, דאַרף מען ניט... דאַרף מען ניט... דער־לעבט יאָרן מיט באלמעלאָשקעלעך. שוין די עמעסע באלמעלאָשקעלעך געוואָרן!..

אונדז האָט זיך אויסגעדאכט, אז עפּשער האָט אים דער טאטע ניט געדאַרפט אָפּענטפערן אזוי גראָב. אָבער אז מיר האָבן דערזען, מיט וואָס פאר א כיישעק דער טאטע האָט זיך צוריק געכאפּט צו דער ארבעט און וויִאזוי די גאנצע צײַט זינגט ער זיך מיט א שמייכל אין דער באָרד,

זײַנען מיר שוין אויך געוואָרן צופרידן מיט דער מײַסע. וואָרעם מינאַ־סטאַם ווייסט ער שוין, דער טאַטע, וואָס ער האָט צו טאָן. מיר האָבן נאָר אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מיר ווילן אים עפּעס בעטן אַ זאַך.

— פאַר די שטוב־פּענצטער וויל איך אָנזעצן קווייטן, — האָט זיך הינדע אײַנגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום טאַטן די ערשטע.

— קווייטן? — האָט זי דער טאַטע איבערגעפרעגט, — גוט, קענסט אָנזעצן קווייטן.

— און פאַרן אַלקער־פּענצטער וויל איך אײַנפלאַנצן אַ בוים, — האָט זיך שוין הערשל אויך ארויסגעכאַפּט.

— אַ בוים?... גוט, קאָנסט אײַנפלאַנצן אַ בוים, — האָט דער טאַטע אים געענטפערט מיט דער זעלבער פאַרטראַכטקײַט.

— בעסער צוויי, — האָט זיך הערשל גלײַך פאַרכאַפּט, — איינעם אַן עפּלבוים און איינעם אַ באַרנבוים.

— פונמײַנטוועגן קאָנסטו אפילע דרײַ...

— אויב דרײַ, וויל איך איין ביימל אַרײַנזעצן פון בעז, — האָט הינדע אויסגערופן מיט פרייד.

3. מירן שוין וויסן...

הינדע און הערשל האָבן זיך געלערנט אין דער אַלטער שול, וואָס האָט זיך שוין איצטער גערעכנט פאַר אַ נײַער.

דאָרט איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואַלטער זאַגרודאָוו, דער לערער מיטן פּירעקיכן צוגעשווירענעם בערדל, וואָס איז שוין געווען גראָוו אָרום און אָרום. דער זעלבער זאַגרודאָוו מיט די באַנקעוואַטע אויגן, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ גרויען קאָליר. שוין עפּשער פערציק יאָר, אַז ער וווינט אָט דאָ אין שול גופע, און ס'איז שוין עפּשער פערציק יאָר, אַז ער איז דאָ אין שול פאַרוואַלטער. נאָר איצט איז ער שוין אויך געוואָרן אַ נײַער. ער האָט נאָך איידער עפּעס אַראָפּגעכאַפּט דעם קייסערס בילד פון וואַנט און עס פאַרשטעקט אַפּן בוידעם ערגעץ. אַ בילד פון דער רעוואָליוציע האָט ער צוגעזאָגט אופהענגען דאָ, ווען ס'וועט זיך שוין אײַנשטעלן די נײַע מאַכט.

— ווען מע וועט שוין וויסן, — זאָגט ער, — אַז דאָס איז עס.

און אַף אונדזער שטעטל פֿלעגן טאָקע אין יענער צײַט אַלעמאָל אָנפֿאַלן באַנדעס מיט פּעטליוראָווצעס.

די באָלשעוויקעס, אָט־אָט קומען זיי — וועט אונדז פֿריילעך, און אָט־אָ גייען זיי אַוועק — ווערט צוריק אומעטיק.

האָט שוין אויך הינדע נאָכגעזאָגט זאַגרודאָווס ווערטער:

— מע זאָל שוין וויסן, — זאָגט זי, — אַז דאָס איז עס.

וואָס זי האָט געמיינט מיט די־אָ ווערטער, איז ניט יעדערן פֿאַר־שטענדלעך. אָבער מיר, קינדער אין שטוב, האָבן גוט געוווּסט, וואָס זי מיינט.

ס'זײַנען געווען עטלעכע פּויערים באַלעגופֿים אין שטעטל — זייער ביטערע און זייער שלעכטע. איז אַלע זונטיק פֿלעגן זיי זיך אָנשיקערן און נעמען אומגיין איבער די הײַזער צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעצאַמט א שטיקל ערד. זיי קומען צו גיין און שרײַען און קלאַפּן אין טיש, אַז ס'איז ניטאָ מאַכן אַליין קיין „סאַמאָפּראַווסטוועס", סע ניטאָ זיך צוימען אַליין ערד.

און שרײַען האָבן געשריִען אַזעלכע באַלעגופֿים, וואָס האָבן געהאַט ערד מערער פֿון איטלעכן, וואָס האָבן די ערד אי געיאַרשנט, אי אָנגע־גאַנוועט, אי אויסגענאַרט פֿאַר א קלייניקייט בא זייערע אָרעמע שכיינים.

און ווי די באָלשעוויקעס פֿלעגן אַרויסגיין פֿון שטאָט, אַזוי פֿלעגט אָט די קאָמפּאַניע אַלע זונטיק זיך אָנשיקערן און אָנטאָן איטלעכן צאָרעס, דערפֿאַר וואָס מע האָט ניט געפֿרעגט בא אַזעלכע „אָנגעזעענע שטאָט־באַלעבאַטים", ווי זיי זײַנען, צי מע מעג זיך צושטעלן א שטעלכל צום שטוב, צי ניין; צי מע מעג פֿאַראַקערן נאָך א בייט ערד אַף צו פֿאַרזייען קאַרטאָפֿל, צי ניין.

דאָס גערטל אונדזערס איז שוין געווען צעגראָבן, די אויסגעוואָרצלטע שטיינער זײַנען אַלע געלעגן פֿון יענער זײַט פּלויט באַרויגעזע און צעקאָ־עסטע, אַזוי ווי די צעקאָעסטע באַלעגופֿים, וואָס פֿלעגן זיך אופֿקלײַבן אין א רעדל און שווײַגן דענסטמאָל, ווען די באָלשעוויקעס זײַנען געווען אין שטאָט.

זיי שטייען אַלע אינמיטן מאַרק־פּלאַץ, גרויע, ווי די דאָזיקע שטיינער, וואָס בא אונדז פֿון יענער זײַט פּלויט, מע רייבערט, מע קאָעסט זיך און מע שווײַגט.

און אז דער טאטע טוט א פרעג בא אונדז:

— ווי זײַנען אײַערע ביימעלעך?.. אײַערע קווייטן?..

ענטפערט הינדע מיטן לערער זאגרודאָווס ווערטער:

— ווען מיר זאָלן שוין וויסן, — זאָגט זי, — אז דאָס איז עס...

הערשל איז ייִנגער פון איר. קוקט ער הינדען אין די אויגן און זאָגט איר אויך נאָך, קימאט דאָס זעלבע:

„מירן שוין וויסן, — זאָגט ער, — און דאָס איז עס".

וואָס זיי האָבן געמיינט מיט זייערע ווערטער, איז זייער קלאָר: הינדע האָט געמיינט, אז פארזעצן קווייטן וועט זי דענסטמאָל, ווען זי וועט שוין וויסן, אז „דאָס איז עס". דאָס הייסט, אז די באָלשעוויקעס וועלן שוין קיינמאָל ניט פארלאָזן אונדזער שטאָט, און דאן וועט זי ניט דארפן ציטערן. און הערשל האָט איבערגעכאַזערט די זעלבע ווערטער אירע, נאָר א ביסל אנדערש:

„מירן שוין וויסן — זאָגט ער — און דאָס איז עס!"

קענטיק, אז הערשל איז געווען אײַנגעגלייבט מער פון איטלעכן, אז ווען די באָלשעוויקעס וועלן זיך אײַנפאָרען מיט אלע סאָנים, וועלן זיי שוין בלײַבן בא אונדז די גאנצע צײַט. די באלעגופים מיט די באנדעס וועלן שוין מער קיין קאָפּ ניט הייבן. וואָרעם ער זאָגט עס טאָקע, ווי א געווויסע זאך:

— מירן שוין וויסן, — זאָגט ער, — און דאָס איז עס.

4. א כמארע מיט א טאנץ

בא אונדז איז געשטאנען א פיאטעריק בראנפן באהאלטן אין שאפע שוין עפשער דרײַ כאדאָשים צײַט, און אלע מאָל, ווען מיר האָבן זיך אין אים אָנגעשטויסן, האָבן מיר ניט געוווּסט, צו וואָס דאָס איז, וואָרעם דער טאטע אונדזערער איז ניט קיין שיקער, די מאמע ניט קיין שיקערטע, און מיר, קינדער, האָבן אוואדע ניט ליב געהאט קיין בראנפן — סע ביטער.

איינמאָל אין א ווינטער־נאכט, איך געדענק נאָך אזוי ווי הײַנט, אז יענעם אינדערפרי האָט אונדז די מאמע געגעבן געווייקטע סקאָרינקעס מיט זויערמילך אף אָנבײַסן.

געוויקטע סקאָרינקעס פלעגן מיר עסן דאַן, ווען ס'פלעגט בײַ אונדז אויסגיין ברויט, און בײַ די שכנים איז אויך ניט געווען קיין ברויט אַף צו לײַען, און דעם פרישן ברויט וועט מען ארויסנעמען פון אויוון ערשט שפּעטער, ארום איינס אָדער צוויי אזייגער באַטאָג. דאַן פלעגט זי אופ־קלײַבן באזונדער ווו ערגעץ א סקאָרינקע. די צוגעברענטע פלעגט זי אוועקלייגן באזונדער, און די גוטע פלעגט זי אָנווייקן אין וואסער און דערנאָך באגיסן מיט זויערמילך. האָבן מיר עס געגעסן אַף אָנבײַסן. ס'איז דאפקע געווען ניט אזוי געשמאַק, נאָר דערפאר, וואָס עס איז אנדערש, ווי אַלעמאָל, און דערפאר, וואָס עס איז ווינציק, פלעגן מיר אופעסן די „ווארעניקלעך" און בעטן נאָך.

איז עס געווען ווינטער און ס'געווען זונטיק, ווײַל ברויט פלעגן מיר מערסטנטייל באַקן זונטיק אַף א גאַנצער וואָך. געדענק איך, ווי איך גיי אין מײַן ברודערס פאַלטאָ מיט די לאַנגע ארבל און אינעם טאַטנס שטיוול, וואָס שנײַדן מיר אין בויך און אין די קנעכל. שלעפּ איך זיך איבערן טיפן שניי פון מאַלקע רינטשיקס הויף, — איך האָב געזען, ווי זיי קלײַבן זיך עסן ווארמעס, האָט זיך מיר אינמיטנדרינען אויך פארגלוסט עסן, און כאָטש ס'מיר געווען אומעטיק אוועקצוגיין, האָב איך דאָך פארמאכט מיטן לאַנגן ארבל ביידע טירן דער שכיינעס — די קיך־טיר מיט דער הויז־טיר, — און איך שלעפּ זיך אהיים.

אפן וועג באַגעגן איך בײַ א פינף פויערים, הויכע, גרויסע, בייזע. בײַ איינעם איז די באָרד א געלע, די אויגן געלע, די באָרד א שטעכיקע, די אויגן — שטעכיקע, דאָס מויל — א נעסט פון בייזע צעקאַסטע זידלערײַען, וואָס פליִען פון דאָרטן אינמיטן דער דרויסנדיקער קעלט. האָב איך שוין פאר זיי זייער מוירע. אָבער איך שלעפּ פון שניי די אראָפּפאלנדיקע שטיוול און רוק זיך פונדעסטוועגן נעענטער צו דער היים. די באַלעגופים ריידן הויך. און איך האָב מוירע: אָט־אָ גייען זיי טאַקע, די באַלעגופים, צו אונדז אין שטוב ארײַן. זיי לאָזן אָפן אינמיטן ווינ־טער — אלע טירן. שיקט די מאַמע א קינד אונדזערס אַף פארמאַכן גיכער די טיר. גיי איך שוין מיט זיי אינײַנעם ארײַן.

דער עלטסטער מיט דער געלער באָרד און מיט די געלע אויגן פרעגט:

— דע כאָזיאַיִן? — ווו איז דער באַלעבאָס? — כאָטש ער זעט דאפקע זייער גוט, אז דער טאַטע וואַשט לעבן מולטער די הענט — ער איז ערשט געקומען פון דער ארבעט ווארעמעס עסן.

— כטאָ דאוו יעוורעיאם פּראוואָ אָבטשעסטווענו זעמליו זאַניאטי? — ווער האָט עס געגעבן די ייִדן רעכט, זיי זאָלן פאַרנעמען די ערד, וואָס געהערט צו דער געמיינדע?

דער טאַטע האָט געשוויגן. די מאַמע און די קינדער זײַנען געווען בלייך ווי די וואַנט.

פון אָט די פינף הויכע און ברייטע, ווינטערדיק־אָנגעפּעלצטע באַלעגופים איז גאָר מיטאמאָל געוואָרן פינצטער אין שטוב. עס האָט זיך אָנגערוקט אַף דער שטוב אונדזערער אַ גאַנצע כמאַרע.

— די ערד איז געווען פּריצישע, — ענטפערט דער טאַטע אײַנגעהאַלטן.

— ניט פאַר די יעוורייעס אָנגעגרייט געוואָרן, — מאַכט סטאָהדאָט מיט דער שטעכיקער באָרד. ווי ער צעעפנט עס נאָר זײַן מויל, אַזוי נעמען פון דאָרט פליִען זידלערײַען, ווי די מיִעסע פייגל, איינס נאָך איינס, מיט אַ קראַקערײַ, און זיי מאַכן שטיקנדיק די לופט.

— יעוורעיאם, — מאַכט ווײַטער סטאָהדאָטקע, — פאַר זיי איז אַן אָרט אין פּאַלעסטינע. דאָ גיט אײַך קיינער קיין ערד ניט!

דער טאַטע איז געוואָרן אין קאַס און געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער די מאַמע האָט אים אָנגענומען פאַרן אַרבל און געזאָגט האַלב אַף ייִדיש און האַלב אַף אוקראַיִניש, קעדיי זיי, די באַלעגופים, זאָלן פאַרשטיין.

— טראָג אַרײַן, — זאָגט זי, — טשאַלאָוויטשע, אַן אוהאָשטשעניע פאַר די שאַנאָווע כאַזיאַיִנעם וועגן.

די באַלעגופים זײַנען גלײַך געוואָרן ווייך — כאָטש לייג זיי צו אַ מאַקע, כּוץ איין סטאָהדאָט. דער, אַפילע ווען ער לאַכט, שטשירעט ער אוים די ציין, ווי אַ וואָלף. און איצט לאַכט ער דאָך נאָך ניט, איצט זאָגט ער, אַז אַ ייִד האָט קיין רעכט ניט צוצובויען עפּעס צו דער שטוב, אַפילע קיין צוויאַק אין וואַנט טאָר ער ניט פאַרקלאַפּן פון דרויסן.

— און טאָמער איז ענג? — רופט זיך שוין איינער אָפּ מיט אַ שמייכל, ווײַל ס׳האָט אים אַ שמעק געטאָן פון דער מאַמעס ווערטער מיט אַ גוטן טרונק בראַנפן.

— אויב ס׳איז זיי ענג, וועלן זיי זיך אַ ביסל צוענגען, ייִדן האָבן רעכט בויען נאָר אַפן קוימען.

און סע זידט פון אים, פון סטאָהדאָטן, און ער קלאַפּט אַלעמאָל מיט די קולעקעס אין טיש, ציטערט דאָס גלעזל אַפן הענגלאָמפּ, ציטערן

די שויבן אין די פענצטער, און באַ אונדז, קינדער, קלאַפּן די ציין אין מויל.

דער טאַטע האָט ניט געוואָלט טראָגן די „אוהאָשטשעניע" פונזיינט־וועגן, איז די מאַמע אַליין אַוועק צו דער שאַפע און אַרויסגענומען דעם פּיאַטעריק בראַנפן.

אַ פּאָר באַלעגופים האָבן זיך גענומען ווישן די וואָנצעס און זיך אויסזעצן אַרום טיש.

סטאָהדאָט האָט נאָך ניט געענדיקט זיינע אַרויסזאָגעכצן וועגן ייִדן, פאַרוואָס מע דאַרף זיי יאָ געבן רעכט, און פאַרוואָס ניט, אָבער ער איז שוין אויך געוואָרן מילדער באַם אויסזעצן פונעם ביטערן און לויטערן געטראַנק, וואָס בויטעט זיך אין די ליכטיקע גלעזערנע װענטלעך.

און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט טרינקען און פאַרבייסן מיט געזייערטע אוגערקעס, מיט אָנגעשניטענע ציבעלעס און מיט פרישן ברויט, וואָס די מאַמע האָט נאָרוואָס אָפּגעבאַקן.

זיי טרינקען אויס דעם בראַנפן, טוען אַ קרעכץ מיט פאַרמאַכטע טרערנדיקע אויגן, און מעפאָדי דער לאַנגער זאָגט:

— נישקאָשע, לייבקע איז אַ גוטער „זשידאָק", זאָל ער זיך אַוועקשטעלן באַם שטוב אַ פּלויטל.

דעם טאַטן פאַרדריסן אָבער אַזעלכע גוטע רייד, און ער ענטפערט, אַז אַזוי ווי ס'זיינען דאָ קריסטן אַלערליי, אַזוי זיינען דאָ ייִדן אַלערליי:

— דעם רייכן, — זאָגט ער, — דאַרף מען אַוועקשטעלן צום רייכן און דעם אָרעמען — צום אָרעמען, ערשט דענסטמאָל וועט מען וויסן פון אַ כעזשבן.

אין שטוב האָט זיך איינגעשטילט אַף אַ ווײַלע, די באַלעגופים זיינען געוואָרן פרייליכער, זיי האָבן אָנגעהויבן ריידן פון וועלט־זאַכן. הינדע זאָגט שטילינקערהייט און מיט האַרץ.

— אָט דעם דאָזיקן, — זאָגט זי, — וואָלט איך דערשטאָכן, — און זי ווייזט אַף סטאָהדאָטן. אָבער סטאָהדאָט שטייט אויף מיט זיינע גרויסע פיס און גראָבע שטיוול. ער הייבט אָן זינגען מיט די צוגעמאַכטע אויגן אַ ליד זייער הויך, העלפן אים די באַלעגופים אונטער.

פון דער שכײנישער שטוב קומט מען אַרײַן קוקן... אין אַלקער אַף דער וואַנט איז געהאַנגען דער שכיינעס אַ גיטאַרע, האָט מעפאָדי זי אַראָפּגענומען מיט זיינע האַרטע הענט, וואָס ווילן זיך ניט בייגן, און

ער האָט גענומען טרומקען אַף איר. בא סטאָהדאָטן איז פון דעם ווילדן, שטעכיק־באוואקסענעם פּאָנעם געגאנגען א זידל־געזאנג. ער האָט געהויבן די געזונטע און גראָבע שטיוול — האָפּ־האָפּ — איבערן דיל. און מיר האָבן שוין אזוי געוואָלט, אז זיי זאָלן אוועקגיין, אז אפילו דאָס פלוי־טעלע לעבן שטוב איז אונדז ניט געווען ליב.

מעפּאָדי דער לאַנגער איז געקראָכן צום טאַטן זיך קושן.

— לייבקא, — זאָגט ער, — סטראַיע, זאָג איך דיר! שטעל א פּלויט. א רועך זאָל דעם טײַוול אין די קישקעס אריַין. ביז אָן־אָ העט־ארוף צו יענע סטאַניעס!

סטאָהדאָט העפּעט מיט זײַנע געזונטע שטיוואָלעס, די הענט אונטער דער סוויטע אונטערגעלייגט אַף הינטן, און ער זאָגט שוין הויך:

— פּאָזוואָליאיו — איך דערלויב, — לייבקא!

דאָס וואָרט „פּאָזוואָליאיו" איז עפּעס אזוי ברייט, אז אונדזער שטוב מיט דער נידעריקער סטעליע איז צו קליין. האָט די מאמע אופגעעפנט די טיר אַף אינדרויסן ארויס. די שכיינים, ווי זיי האָבן דערזען אָן אָפענע טיר, האָבן זיי זיך גענומען אהין שטופּן. סטאָהדאָט האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש. ער האָט אויסגעזױט דאָס לעצטע ביסל בראָנפן פונעם גרויסן גלעזערנעם בוטל און געגעבן א קלאַפּ מיטן פויסט איבערן טיש:

— ניע פּאָזוואָליו! — איך וועל ניט דערלויבן! — יעוורעיאַם ניע פּאָזוואָליו!

די געזונטע פּיסקײַלעס אין די שטיוואָלעס בייגן זיך, אזוי ווי זיי האַלטן קוים אוף אַף זיך דעם שיקערן סטאָהדאָטן. און ער אליין ווייסט דאָך שוין ניט, אַף וואָס פאר א וועלט ער איז. האָט א כאַוווער זײַנער אים גענומען אונטער דער האַנט, און זיי זײַנען די לעצטע ארויסגעגאַנגען פון שטוב.

מיר האָבן צוגעקליבן פון שטוב די נעץ מיט דער אומריינקײַט. מיר האָבן זיך אנידערגעזעצט עסן וואַרמעס בא אָן אָנגעצונדענעם לאָמפּ. די קינדער האָבן פונדערלײַכט א כיכיקע געטאָן, ווײַזוי מעפּאָדי דער לאַנ־גער האָט געשפּילט אַף דער גיטאַרע, נאָך גוט, וואָס ניט צעבראָכן, און סטאָהדאָט מיט די איידעלע פּיסעלעך האָט געטאַנצט...

דער טאַטע אָבער איז געווען אומעטיק און האָט אויסגעזען ווי פאַר־מאַטערט. צו דער ארבעט איז ער שוין ניט געגאַנגען, און די מאמע האָט אים געטרייסט:

— סע רעשאָים, — זאָגט זי, — מוז מען זיי איבערשוויַיגן. דיַינע ניט, ס'וועט אַף זיי קומען זייער ציַיט.

5. פונעם שיינעם יאָדער ארויס

מיר קענען א ליד, וואָס די מאַמע זינגט אונדז:

פונעם שיינעם יאָדער ארויס
איז א שייניגק בלעטל ארויס,
דאָס בלעטל פונעם יאָדער,
דער יאָדער פון דער ערד,
אזוי איז באשאפן הימל און ערד.

דערנאָך גייט, אז פונעם שיינעם בלעטל ארויס איז א שייניגק צוויַיגל ארויס, פונעם שיינעם צוויַיגל ארויס איז א שייניגק ביימל ארויס, פונעם שיינעם ביימל ארויס איז א שיינער עפּל ארויס. דער עפּל פונעם בוים, דער בוים פון דער צוויַיג, די צוויַיג פון דעם בלאַט, דער בלאַט פונעם יאָדער, דער יאָדער פון דער ערד... אזוי איז באשאפן הימל און ערד.

איז טאקע איינמאָל, ווען שלוימע, אונדזער האָרעניער פריַינט, פון דעם דאָרף האָרעניע, האָט אונדז געבראכט א פּאטשיילע מיט עפּל פאר א מאטאָנע, האָט דער טאטע אויסגעקליבן דעם ציַיטיקסטן עפּל, ווו די יאָדערן האָבן זיך איגווייניק געבאָמבלט, ווי די טרוקענע ניסלעך, האָט צעשניטן דעם עפּל אַף זיבן כאלאָקים, יעדערן אין שטוב זאָל זיך אָנעמען א ריפּטעלע פונעם עפּל, און די יאָדערן האָט ער צונויפגעקליבן, קעדיי זיי פארזעצן אין א טעפּעלע מיט ערד.

— אויב דער עפּל איז געווען אזא גוטער, — זאָגט ער, — וועט פון די יאָדערן אויסוואקסן א גוטער עפּלבוים.

אָבער הערשל מיט בראָשקען האָבן אים געזאָגט, אז דערויף וועט אויסקומען צו לאנגווארטן. מע קאָן פאָשעט קריגן בא א שאָכן א ביימעלע, אפילע א פּראָסטינקס, און עס איבערזעצן אהער. דערנאָך, אז דאָס ביימעלע וועט זיך צונעמען און ס'וועט א ביסעלע אונטערוואקסן, דארף מען אָפּשניַידן דאָס ביימל קימאט הארט בא דער ערד און אינעם

געבליבענעם שטיקל שטאם אײַנשטשעפּען א צװײַגל פון גאָר א גוטן בוים, און ס'װעט זײַן אי גיכער, אי בעסער.

דער טאטע אונדזערער האָט פון קינדװײַז אָן געהאָרעװעט, און קײן ביכער האָט ער ניט געלײענט. אָבער אויב די קינדער פלעגן אים עפּעס דערצײלן פון די ביכער א גלײַכע זאך, פלעגט עס בא אים זײַן אָנגענעם.

אָט דער־אָ געדאנק מיט צושטשעפּען בײמלעך איז אים אויך געפעלן געװאָרן, האָט ער אויסגעזוכט װײַט אין פעלד א פּאָר פּראָסטע עפּלבײמ־לעך, און אײנמאָל גאנצפרי איז ער אהין אװעק. ער האָט זײ פּאָרזיכטיק אויסגעגראָבן און געבראכט אהײם.

הערשעלען האָט באנק געטאָן, װאָס דער טאטע האָט אים ניט אופ־געװעקט און ניט גערופן מיט זיך. דערפאר באם אײַנפלאנצן די בײמלעך האָט ער שוין געהאָלפן אלצדינג דעם טאטן.

הערשל האָט געװאָלט, מע זאָל פארזעצן דאָס בײמעלע װאָס נעענטער צום פענצטער אָדער צו דער װאנט.

ער האָט דערבײַ געהאט א מײן:

אז ס'װעלן אויסװאקסן גוטע עפּל, זאָל ניט קומען פּאלטיִעל דער מומעס, אָדער ניקיפּאָר אוליטעם, אָדער גלאט ייִנגלעך, און זײ זאָלן ניט אראָפּטרײסלען. אָבער דער טאטע האָט געלאכט פון אים.

— דו מײנסט, — זאָגט ער, — אז דו װעסט אײביק זײַן א קלײן ייִנגל און דאָס בײמל װעט אײביק דארפן װינציק פּלאץ... ס'װעט דורכגײן א יאָר נאָך א יאָר, און דאָס בײמל װעט זיך צעװאקסן, טאָ װוּהין װעלן זיך אהינטאָן די צװײַגן?

און דער טאטע מיט הערשעלען האָבן אנידערגעשטעלט די בײמלעך דאפּקע לעבן סאמע פּלויטל און דאפּקע װײַט אײנס פונעם צװײטן.

— איבעראיאָר פרילינג, — האָט דער טאטע צוגעגעבן, — אז מירן איבערשיטן דאָס פּלויטל, װעלן מיר זען, אז דעם בײמעלע זאָל װערן א ביסל גראמער.

הערשל, אזוי װי ער איז שוין געשטאנען אָנגעבויגן און אריַינגעשארט מיט די הענט די דינע צעריבענע ערד צוריק אין גריבעלע אף די װאָרצ־לען, אזוי האָט ער אויסגעדרײט דעם האלדז מיטן פּאָנעם ארויף צום טאטן. ער האָט א קוק געטאָן דעם טאטן גלײַך אין די אויגן מיט א גוט געלעכטערל, װי אײנער מײנט:

— ע, ס'א קלוגער דו ביסט! דאָס ווילסטו אָפּרוקן דאָס פּלויטל אַף א פּאָר ארשין וויַטער?..

אָבער דער טאטע האָט אים געענטפערט אויך מיטן זעלביקן פריילעכן בליק, ווי איינער מיינט: „דײַגע ניט".

און גוט איז דעם טאטן געווען אפן הארצן סײַווי, וואָרעם ערשט נעכטן איז ער געקומען שפּעט פון א פארזאמלונג, מע האָט געקליבן א „סאָיוז" — ארבעטער־פאריין, — און דעם טאטן האָט מען אויך אויסגעקליבן.

6. דאָס גערטל

הינדע — די קווייטן אירע האָט זי אָנגעזייט צווישן טאָג און נאכט. מיר האָבן ניט געזען קימאט, ווען זי האָט עס אָפּגעטאָן. פאר ביידע פענצטער פון שטוב און פון אלקער. דערצו איז זי נאָך געגאנגען צו זאגרודאָוון, דעם לערער פון שול, און ער האָט איר דערלויבט אויסגראָבן א יונג ביימעלע בעז. ער האָט נאָך איר אליין געהאָלפן. א ביימעלע אגרעסן האָב איך אויסגעבעטן בא ניקיפאָרן אוליטעס.

מיר זײַנען געווען זייער פריילעך פון דעם אלעמען, אָבער די מאמע האָט אונדז אביסעלע קאליע געמאכט. צוויי מאָל האָט אונדז עפּעס די מאמע קאליע געמאכט אין גערטל, נאָר זי האָט אנערקענט איר פעלער. זי האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט מער אזוי ניט טאָן, האָבן מיר איר שוין מער גאָרנישט ניט געזאָגט.

די קווייטן פארן פענצטער האָבן זיך אזוי שיין צעוואקסן: געלינקע בלעטעלעך מיט שווארצינקע כיין־פּינטעלעך און בלויִנקע בלעטעלעך אַף פעסטע הויכע שטענגעלעך. אזעלכע שיינע קווייטן. זיי האָבן אזוי שיין געשמעקט און געשמייכלט צו אונדז, צו די נײַע באקאנטע צו זייערע, שיר וואָס זיי ריידן ניט אויס:

„אָטעמט, קינדערלעך, די פרײַע געשמאקע רייכעס. לערנט זיך וואקסן און אָטעמט מיט דער פולער ברוסט, וואָרעם ווער איז צו אײַך גלײַך?.."

אוןווירקלעך, ווער איז צו אונדז געווען גלײַך אין די יאָרן? יודע־ניטש איז צעשלאָגן, קאָלטשאק דערהארגעט. ניטאָ קיין פּעטליורע, ניטאָ קיין דעניקין. סטאָהדאָט מיט מיראָשן, כאִם־יוינע מיט מייער־אָשערן

זײַנען אויס! זיי האָבן שוין ניט קיין דייע אף אונדזער גערטל. כאָים־יוינע דער גוויר און סטאָהדאָט דער באַלעגוף האָבן שוין ביכלאַל קיין דייע ניט אף גאָרניט. א דייע האָבן די רויטארמייער, א דייע האָט דער „רעווקאָם", דער „סאָיוז", דער „קאָמנעזאָם". אוי, איז אונדז געווען גוט! די קווייטעלעך האָבן אונדז פארגונען אונדזער גוטסקייט, און מיר פלעגן זיך שפילן אין גערטל שאָענווייַז, אי שפילן, אי ארבעטן ארום דעם. מיר האָבן שוין געהאט אָנגעזייט א בייטעלע מיט קארטאָפל, א ווינקעלע מיט סטרוטשע, א פּאָר קירבעסן, א בינטל זונענרויזן.

אָבער די מאמע אונדזערע (איצט האָט זי שוין אוועקגעוואָרפן אָט די שלעכטע געווינהײַט אירע) פלעגט אָפט נעמען א טאָפּ מיט אומרייינער וואסער, די, וואָס דער בעהיימע אין צעבער ארײַן טאָר מען ניט גיסן און ארויסטראָגן ערגעץ ווײַט הינטער דער שטאַל האָט זי קיין צײַט ניט, — פלעגט זי עפענען דאָס פענצטער און א כליופּע טאָן אין דרויסן ארויס!..

דארף מען וויסן, אז אויב אפילע דער דרויסן איז א פּראָסטער, א געוויינלעכער, איז דאָס אויך ניט קיין שיינע זאך — גיסן אומרייניקייַט פאר די פענצטער. הײַנט ביפראט, אז פאר אונדזערע פענצטער איז שוין בא אונדז ניט קיין פּראָסטער דרויסן, נאָר א שיין גערטעלע, מיט אזעלכע שיינע, היימלעכע, פרײַנטלעכע בלומען, מיט אזעלכע ווילע פארזייטע בייטעלעך, און מיט אזעלכע שייניקע יונגע ביימעלעך, — איז ווי האָט מען עס א הארץ צו פּליוכען אהינצו שעפעלעך מיט אומריינער וואסער?..

האָבן מיר איין מאָל געזאָגט וועגן דעם דער מאמען, און א צווייט מאָל... דערנאָך, אז מיר האָבן ווײַטער דערזען, וויאזוי די בלומען שטייען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, בארויגעזע, באליידיקטע און עפּעס אזוי ווי זיי קערן זיך אָפּ פון אונדז, האָבן מיר שוין ווײַטער פארשטאנען, אז ס'ניט אומזיסט, און מיר האָבן פונסנײַ פירגעהאלטן דער מאמען. הינדע האָט זיך ניט איַינגעהאלטן און זיך אפילע צעוויינט, וואָרעם דאָס איז שוין טאקע ניט קיין שפּילכל...

ערשט דענסטמאָל האָט די מאמע צוגעזאָגט, אז זי נעמט אף זיך און זי וועט זיך אָפּגעווינען פון דער־אָ מיִעסער מידע.

דאָס הייסט שוין, אז זי אליין האָט אנערקענט, אז ס'איז א מיִעסע מידע און מע דארף זיך אָפּגעווינען. דערפאר האָבן מיר מיטן טאטן גענומען אף זיך אן אופגאבע און מיר האָבן באוואָרנט הינטער דער

שטאָל א קעסטל אַף מיסט אויסשיטן און א גריבעלע אַף אויסגיסן אומ־ריינע וואסער. אויב ריין, טאָ זאָל טאקע זײַן ריין ארום און ארום.

און אונדזער גערטל האָט זיך פאריכט. בא אונדז האָט אַלץ געבליט, און ס׳זײַנען געוואקסן יונגע קארטאָפּליעס, און די מאמע האָט קייעכעם — פּשעניטשקעס — אָנגעקאָכט פון די, וואָס מיר האָבן אליין געזייט. זונענרויזן פלעגן מיר אָפּשנײַדן, געלע, צײַטיקע קעפּ, און שיילן צוזאמען מיט די כאוויירים אונדזערע די שווארצע, זיסע יאָדערן. שפּעטער־צו, אין הארבסט, האָבן מיר אָנגעטריקנט ווײַסע יאָדערן פון די קירבעסן. און סע געווען פריילעך, א מעכײַע.

7. מיר שטשעפּען ביימער

אז ס׳זײַנען געוואָרן די ערשטע פּיאָנערן, האָבן הינדע מיט הער־שעלען דאָרטן געהאט א סאַך ארבעט.

הינדע מיט הערשעלען האָבן זיךביידע געלערנט גוט. ער — אין דער דריטער גרופּע, און זי — אין דער פערטער.

איינמאָל איז הערשל געקומען צו לויפן פון דער שול מיט א פרייד: איצט ווייסט ער שוין אקוראט, זאָגט ער, וויאזוי מע דארף שטשעפּען ביימער. בא זיי אין גרופּע זײַנען זיי עס אקוראט דורך. זיי זייען דאָרטן א גאָרטן, זיי פלאנצן א סאָד, און די עלטערע גרופּעס גייען אלע זומער אין געוויסע טעג ארבעטן אפן שטיקל פעלד, וואָס מע האָט אויסגעטיילט פאר דער שול ווענן.

נאָך צווײַגלעך איז הערשל אומיסטן געגאנגען אָנדערהאלבן קילאָ־מעטער צום „הויפל" — אזוי האָט בא אונדז געהייסן דער גוט, ווו ס׳האָט ניט לאנג צוריק געהערשט דער פּאָרעץ בארעניקאָוו און היינט איז דאָרט א ראטווירט. אין סאָד זײַנען געווען די בעסטע עפּל, די בעסטע בארן, און פערשקעס, און ווײַנשל אלערליי, סײַ ווײַסע, סײַ רויטע (ווײַסע ווײַנשל האָב איך דאפקע ניט אזוי ליב, רויטע זײַנען מיר בעסער געפעלן), און הערשל האָט געבראכט צוויי שטשעפּעס, וואָס דער פּאַרוואלטער פונעם ראטווירט האָט דערלויבט, מע זאָל אים ארויסגעבן.

אָוונטצײַט האָבן דער טאטע און הערשל געארבעט בא די ביימלעך, און מיר האָבן געקוקט און ס׳האָט אונדז ווי געטאָן פאר דער שווערער אָפּעראציע, וואָס מע מאכט די צוויי ביימלעך. אוי, א שווערע, אוי, אַן

ערנסטע! אָבער אַלץ איז פּאַרטיק. די ביימעלעך האָט מען אָפּגעשניטן אַף עטלעכע סאַנטימעטער פון דער ערד. דעם שטאַם האָט מען דורכגעשפּאַלטן, אַרײַנגעשטעלט אַהין די מעיוכעסדיקע צווײַגעלעך, פאַרשמאָלצן מיט וואַקס און מיט פעטער ליים אַרום און אַרום די ווונדן. די גראָבע וואַקסענע ליכט האָב איך אײַליק געבראַכט צו טראָגן פון שטוב, פון קיך־שאַפּקעלע. דערנאָך האָט מען פאַרבונדן מיט ווײַסע שמאַטקעלעך די שלאַפע ערטער אַזוי געטרײַ, מיט אַזאַ מיטגעפיל, אַז מיר זײַנען אַלע אַוועק פון גאָרטן שווײַגנדיקע, נאָר צופרידענע: ס'וועט זיך פאַרהײלן, די ווונדן וועלן גיך פאַרוואַקסן ווערן. איצט וועלן עס שוין זײַן ניט קיין ווילדע פעלד־ביימעלעך, נאָר עמעסע גוטע צוויי עפּלביימער.

א שאָד, וואָס מע האָט ניט אָנגעזעצט נאָך קיין ווײַנשל אויך...

8. ווידער איבער איר

זאַגרודאָוו איז נאָך איצטער אויך געווען א לערער אין שול, אָבער קיין פאַרוואַלטער איז ער שוין ניט געווען. און בילדער זײַנען געהאַנגען אין שול פון לענינען, פון מאַרקסן און פון ענגעלסן.

און בא אונדז אין גערטל וואַקסט שוין א נײַע זאַך — טריסקאַווקעס.

דער טאַטע האָט אָנגעזעצט א פערטל בייטל מיט טריסקאַווקעס. און ער האָט געזאָגט, אַז אַף ווײַטער צעזייען זיי זיך אַליין. וועט איבעראַיאָר ווערן מער, און איבער צוויי יאָר — נאָך מער.

— און איבער פיר יאָר? — זאָגט הינדע.

— און איבער צען יאָר? — זאָגט הערשל.

און מיר זײַנען אַלע פריילעך.

אײנמאָל האָבן מיר דערזען אין גראָז א קליין פּיצעלע ביימעלע, וואָס מע קאָן אפילע ניט דערקענען גוט, צי ס'איז א ביימעלע, צי ס'איז א קרײַטעכץ. אָבער מיר האָבן עס שוין דערקענט, און אונדזער כוועדער דיאָמטשיכעס, וואָס ווייסט זייער גוט אַף ביימער, איז אומיסטן אַרײַן א קוק טאָן. מיר האָבן אים געבעטן, און ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ס'איז א ווײַנשלביימעלע. ווי־אַזוי האָט זיך עס געקאָנט פאַרזייען אײנע אַליין? אָט דאָס איז שוין גאָר א כידעש. קיינער האָט ניט געזייט, און נא דיר גאָר א ווײַנשלביימעלע אינמיטנדרינען. עס איז פון רויטע ווײַנשל,

צי פון וויַיסע? און עפּשער זײַנען עס גאָר קאַרשן? קאַרשן האָבן מיר אויך ליב.

אָבער ס'האָט זיך געטראָפן א מײַסע, וואָס דאָ איז שוין ווידער די מאַמע שולדיק.

אין האַרבסט, אז מע האָט אַלץ אַרויסגענומען פון גערטל, און גראָז וואַקסט דאָך אױף די מעזשעס גוט, האָט די מאַמע געוואָלט, אז די בעהיימע זאָל דאָרט אַרומגיין א פּאָר שאָ און א הריזע טאָן די מעזשעס.

— אוי, איך זע שוין! דיר ווילט זיך זייער, זי זאָל פּאַטערן די טריס־קאַוקעס, — איז הינדע געוואָרן אין קאַס פאַר אַזא מין אופּטו.

אָבער די מאַמע האָט זי פאַרזיכערט, אז צו די טריסקאַווקעס וועט די בעהיימע אפילע ניט א שמעק טאָן.

גיי טו עפּעס מיט איר, מיט דער מאַמען, אז זי שפּאַרט זיך אײַן. בעסאַכאַקל איז גאָר דאָס טירל צו א שמאָלס. ווען די בעהיימע רוקט זיך דורך אין גערטל אַרײַן, רײַבן זיך אירע ביידע זײַטן באַ די בײַשטידלעך, ביז זי הייבט אונטער אירע הינטערשטע פיס אױף אַריבערטרעטן דאָס הויכע שוועלכל...

ס'איז דאָך געמאַכט געוואָרן פאַר מענטשנס וועגן און ניט פאַר קיין בעהיימעס וועגן, מעגן זיי זײַן אפילע אַזעלכע גוטע, אַזוי ווי אונדזער רויטע בעהיימע איז.

און די מאַמע האָט טאַקע געזאָגט אָן עמעס. די בעהיימע איז דורכ־געגאַנגען פאַרבײַ דעם בייטל טריסקאַווקעס און האָט אפילע קיין שמעק ניט געטאָן. דערפאַר האָט זי זיך צוגעכאַפּט צום זאַפּטיקן גראָז אױף די מעזשעס און האָט געגעסן מיט אַזא כיישעק, אז מיר זײַנען גאָר אַליין געוועזן צופרידן פון אַזא מין טײַער גערטל. אָבער איין זאַך האָבן מיר זיך ניט אַרומגעקוקט. די בעהיימע, אוי, אוי, אוי...

א בעהיימע, בלײַבט א בעהיימע. האָט זי דאָך אָפּגעסקובעט א שטשעפּע פון איין ביימעלע. שוין א גוטע, א צוגעוואַקסענע. די שטשעפּע האָט זיך האַלב אָפּגעבראָכן, און האַלב איז זי געבליבן שטעקן... וואָס נאָך? — זי האָט איינגעם מיטן גראָז אױף דער מעזשע אָפּגעגעסן דעם ווײַנשלבוים אונדזערן, וואָס מיר האָבן נאָך ניט געוווּסט אפילע, וועלכע ווײַנשל וועלן אױף אים וואַקסן. און שולדיק זײַנען מיר אַליין דאַפּקע אויכעט געוועזן.

וואָס איז? מיר האָבן דען ניט געוווּסט, וויאַזוי אין א סאַך סעדלעך

באַ אונדזערע שכיינים שטייט יעדעס ביימעלע אַרומגעצוימט מיט אַ שטעקלדיק פּלויטעלע אַ הויכס? באַ וועמען די שטעקעלעך זײַנען פּראָסטע, און באַ וועמען אויסגעפּאַרבטע. טאָ פאַרוואָס זשע האָבן מיר זיך ניט אָנגעשטויסן, אַף וואָס דאָס איז, און ניט געמאַכט באַ זיך אויך דאָס אייגענע? דערווײַל האָבן מיר אַרויסגעטריבן מיט קאַס די בעהיימע. מיר האָבן איר געגעבן אַ האַק מיטן שטעקן איבער די קריזשעס, און זי האָט זיך קוים אַרויסגעשפּאַרט דורכן שמאָלן טירל, ווײַל די זײַטן זײַנען באַ איר געווען זאַטע, אָנגעגעסענע. אָבער פאַרוואָס האָט זי געטשעפּעט די ביימעלעך? דער מאַמען האָבן מיר אויך אָפּגעגעבן דעם עמעסן גאָב.

— אויס! — האָבן מיר געזאָגט. — מערער די בעהיימע אין גאָרטן לאָזן מיר ניט! אויב דו ווילסט, זי זאָל זיך פּאַשען, טאָ שטיי און היט זי! די ביימעלעך זײַנען באַ אונדז טײַערער.

— פון וועמען? — האָט די מאַמע געפרעגט מיט אַ שמייכל.

האָבן מיר זיך פאַרשעמט דערפאַר, וואָס מיר האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי איר אָפּצוענטפערן.

ערשט אַף מאָרגן, אַז הינדע איז געקומען פון שול, האָט זי געזאָגט דער מאַמען:

— ...פון דעם, וואָס די בעהיימע האָט זיך אָנגעגעסן מיט גראָז!..

די מאַמע האָט שוין פאַרגעסן און ניט געוווּסט, פון וואָס הינדע רעדט צו איר.

— פון וואָסער בעהיימע? וואָסער גראָז? — פרעגט די מאַמע.

— זײַנען זיי באַ אונדז טײַערער, — ענטפערט הינדע איר.

— ווער איז באַ דיר טײַערער? — פרעגט ווײַטער די מאַמע.

— ווער, ווער! — ענטפערט שוין הינדע מיט אַ פאַרדראָס אין קאָל.

— די ביימעלעך זײַנען באַ אונדז טײַערער!.. ווייסטו שוין?..

— פון וואָס?

— אוי, וואָס טוט מען מיט איר, — האָט זיך שוין הינדע גענומען שטאַרקער יאַדען, — פון דעם, זאָג איך דיר, וואָס דײַן בעהיימע וועט זיך אָנעסן מיט גראָז...

— אהאָ?! טו נאָר אַ קוק, — זאָגט די מאַמע, — וואָס עס ליגט איר אין זינען... נו, גוט... מע דאַרף זיך ניט יאַדען פון דער שוואַרציאָר ווייסט וואָס. איך וועל שוין מער ניט...

9. אין וווקס

ס'זײַנען אוועקגעגאַנגען יאָרן. די ביימלעך אין גאָרטן זײַנען געוואקסן, און מיר, אַף זיי קוקנדיק, האָבן געטאָן דאָס זעלבע. צו זיי, צו די ביימלעך, האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט, און דאָס, וואָס מיר גופא ווערן אַלע מאָל גרעסער, — דאָס האָבן מיר אפילע ניט באַמערקט.

הינדע מיט הערשעלען זײַנען אוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט זיך לערנען אין טעכניקום. די מאַמע האָט געזאָגט:

— מע דאַרף ניט פאָרן... אָט־אָ, — זאָגט זי, — בין איך ניט קיין געלערנטע, און מיר זײַנען, כאָלילע, אויך ניט ערגער פון לײַטן...

דער טאַטע אָבער זאָגט:

— קינדער, הערט זי ניט. פאָרט, איך בין געוואקסן ניט אין אזעלכע צײַטן, און איך האָב זיך אויך געריסן לערנען.

דערנאָך בין איך שוין אויך געוועזן מיט הינדען און מיט הערשעלען צוזאַמען. אין איין צימער האָבן מיר געוווינט. און אַף זומער פלעגן מיר קומען — ווער אַף איין כוידעש, ווער אַף צוויי און אַף דריטהאַלבן — אַהיים.

די סטעליע האָט אונדז שוין אויסגעזען צו נידעריק אין דער היים. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי הענגט איבערן סאַמע קאָפּ, אָבער מיר האָבן זיך אַלע מאָל געפרייט מיט אונדזערע אַלטינקע טאַטע־מאַמע, און זיי — מיט אונדז.

די מאַמע עפנט אוף גלײַך דאָס פענצטערל אין גערטל אַרײַן. שטייען בלויע קווייטעלעך און הויכע שטענגלעך און קוקן אַרײַן צו אונדז מיט אזא אומגעריכטער פרישקײַט און שמייכלען צו אונדז.

— דאָס זײַנען נאָך אַלץ יענע קווייטן, — זאָגט די מאַמע, — וואָס הינדעלע, א געזונט אין אירע הענט, האָט נאָך דענסטמאָל פאַרזעצט.

— זע נאַר? וואקסן זיי, הייסט עס, אַליין, יאָר אין יאָר, און מע פאַרשפּאָרט זיי אפילע איבערזעצן?

— אָבער דו פּליוכעסט שוין ניט אַף זיי? — פרעגט הינדע מיט א געלעכטער.

די מאַמע האָט זיך אזש באַליידיקט...

— וואָס רעדסטו, וואָס, קינד? פאַר ווּעמען האַלטסטו מיך? איך וועל נעמען אזא אײדעלע זאַך, ווי קווייטן, און ליאַפּען אַף זיי דער רועך

װײסט װאָס? פֿאַרקערט. איך האָב ערשט יענעם כּוידעש אַ ביסעלע זײ אַרומגעשאַרט. איך האָב געקלערט — מײַנע קינדערלעך װעלן קומען געזונטערהייט, טאָ זאָלן זײ האָבן כּײַעס. מיר זאָל זײַן פֿאַר אײַך, טײַערע קינדער מײַנע! — און די מאַמע שעמט זיך ניט אונדז קושן, כאָטש מיר זײַנען שוין גרויסע, און ס׳איז זייער מאָדנע, װאָס זי טוט אַזוי.

פֿאַראַיאָרן קומען מיר צו פֿאָרן אַהיים, איך און הינדע. הערשל דאַרף ערשט קומען אין אַ פּאָר װאָכן אַרום.

הערשל לערנט זיך שוין פֿאַר אַן אַגראָנאָם. ער האָט זייער ליב די אַרבעט. נאָך אין דער היים, אין שול, פֿלעגט ער זיך זייער אויסצייכענען אױף שטשעפּען ביימער, אױף דערציילן װעגן בינשטאָקן, װעגן סילאָס. אַז מיר זײַנען געקומען פֿאַראַיאָרן זומער אַהיים, מיר זײַנען נאָר אַראָפּ פֿון פֿור, מיר האָבן זיך נאָך ניט באַװיזן אײַנצװואַשן פֿונעם זומערדיקן שטויב, װאָס מע נעמט אױף זיך אָן פֿאַר די דרײַסיק װערסט, װאָס פֿון דער באַן, ערשט די מאַמע, אָנשטאָט דעם, זי זאָל אונדז אָנגיסן און גיכער דערלאַנגען אַ גלאָז מילך, װי זי טוט עס קעסיידער, האָט זי אונדז גאָר אָנגענומען פֿאַר די אַקסלען, און זי שטופּט אונדז צו דער דרויסן־טיר...

— קומט, קינדער מײַנע, — זאָגט זי, — קומט, װעל איך אײַך עפּעס װײַזן...

מיר זאָלן כאָטש װיסן, װוּהין זי שטופּט אונדז, צי אין שטאַל, צי צו דער מומע לייען אין שטוב אַרײַן?..

מיר שטויסן זיך שוין אָן, אַז עפּעס װיל זי אונדז װײַזן אַ כּידושימדיקס, אָבער גיי טרעף אַפֿריִער, װאָס זי מיינט אַזעלכס... ערשט זי קערעװעט אונדז צום גערטל צו.

נו, גייען מיר אין גערטל.

דורכגעגאַנגען דאָס ביִיטעלע טריסקאַװוקעס. הינדעלע שטעלט זיך אָפּ. זי האָט דערזען, װי אַ רויטינק טריסקאַװוקעלע קוקט גנייװיש אַרויס פֿון אונטער די טונקל־גרינע קײַלעכדיקע בלעטער.

— ניין, ניין, — זאָגט די מאַמע, — װײַטער גייט.

גייען מיר װײַטער... דורכגעגאַנגען דאָס ביִיטל, װאָס די בעהיימע האָט דענסטמאָל געמאַכט קימאַט פֿאַר אַ קאַליקע (סע טוט אונדז נאָך

איצט אויך באַנק), דורכגעגאַנגען דורכן מעכײַעדיק אָפּפרישנדיקן ביימע־לע בעז, וואָס האָט שוין באַוויזן צוריק מיט עטלעכע וואָכן אָפּצובליִען, אָבער ס׳זעט נאָך איצט אויך אויס אַזוי שיין: די בלעטעלעך מיט די שפּיצן הענגען אַראָפּ, ווי די שײנע אויערינגלעך, און ס׳שמעקט אַזוי געשמאַק, אַז סע צעגייט זיך אַ כּיִעס אין האַרצן. נו, אַז מיר זײַנען צוגעקומען צום צווייטן עפּלביימעלע, שוין צום גאַנצינקן, האָט די מאַמע אָפּגעלאָזן אונדזערע אַקסלען. איר בליק איז געווען אַ קוואַל פון פאַר־געניגן. זי נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון אונדזערע פּענעמער.

— קוקט, — זאָגט זי, — קינדערלעך.

מיר הייבן אויף די אויגן.

— אוי, מאַמעלע טײַערע! — האָט הינדעלע אויסגעשריִען און אונ־טערגעטאַנצט. און זי האָט געכאַפּט קושן די מאַמע, און מיך, און דאָס ביימעלע.

אַזוי ווי אַ שײנע קאַלע אַ דאָרפישע, איז דאָס ביימעלע געשטאַנען. ניין, ניט ווי אַ קאַלע, ווי אַ מאַמע אַ יונגע, און אויף יעדער צווײַג — עטוואָס ליכטיקער פון די גרינע שמעקנדיקע בלעטער — הענגען עפּל. עמעסע, גרויסע, שײנע עפּל. שוין באַלד צײַטיקע!

— אוי, סאַראַ מינע עפּל! אוי, אויף אַלע צווײַגן!

און דאָס ביימעלע קוקט אויף אונדז אויך מיט אַזאַ מין שמייכלענדיקער צאַרטקײַט...

— טײַערע קינדערלעך, — זאָגט די מאַמע, — מיר זאָל זײַן פאַר אײַך! איר געדענקט כאָטש, וויִאַזוי מעפּאָדי האָט געשפּילט אויף ביילקעס גיטאַרע און סטאָהדאָט האָט געטאַנצט? און איצט האָט דער טאַטע ניט געלאָזט זיך צורירן צו די עפּל, ביז די קינדער וועלן קומען.

— ווען הערשל זעט עס! — שטיי איך מיט אַ צעעפנט מויל און קוק אויפן בוים.

— פּ־ס־ס, — מאַכט הינדע, — הערשל האָט פּראַקטיקירט אין אַ ראַטווירט. זײַנען דאָרט פאַראַן סעדער — עפּשער צו פופציק העקטאַר די גרייס!

דערנאָך איז געקומען דער טאַטע פון אַרטעל, און די ערשטע פראַגע זײַנע איז געווען:

— נו, זיי האָבן שוין געזען?

— גענוג, גענוג, — זאָגט הינדע, — איצט וועלן מיר נעמען און מיראָשן דעם קולאק אפצולאָכעס וועלן מיר אריינשלאָגן א פּאָר סטויפּעס, און מירן דאָרט מאכן א טיש מיט א באנק...

— אף מיראָשן ליגט שוין לאנג א בארג ערד, — זאָגט דער טאַטע, — און זיינע זין זיינען שוין אויך ניט פון די גרויסע מעיוכאָסים. ס'איז שוין ניט יענע צייטן, וואָס אמאָל. צוויי זיינען גאָר ערגעץ פאַרטראָגן געוואָרן דער רועך ווייסט ווו.

— און כוועדער? — טו איך א פרעג אזוי ווי אין דער וועלט אריין.

— כוועדער? — ענטפערט דער טאַטע מיט מערער אָפּשיי אין קאָל, — כוועדער איז שוין אויך ניטאָ. דערפאר אָבער זיינען די קינדער זיינע אוועקגעגאנגען זייער הויך. סידאָר דער איידעם איז ערגעץ אין קאָראָסטען אין „טשערוואָני סקאָטאר". איך האָב געהערט, אז מע האלט דאָרט פון אים שטארק, און אלעקסאנדער, אים וואָלסטו שוין ניט דערקענט...

— ער איז געוואָרן אן אינזשעניער.

— אָדער וואָס, — מישט זיך שוין די מאמע אריין אין די רייד, — אז ער איז דאָ געווען אינמיטן ווינטער, האָט ער זיך דאפקע געפרעגט אף אייך.

און אז ס'איז געקומען צום אופקלאָפּן דעם טיש, האָט דער טאַטע ערשט געזאָגט, אז עס איז א שאָד צו טאָפּטשען די בייטן:

— זאָל וואקסן, אז עס וואקסט, און אף איבערויאָר, אז מירן דערלעבן, אויב ס'ווילט זיך אייך אזוי שטארק א טיש, וועלן מיר עס באוואָרענען.

10. איצט

איצט איז זומער. איצט איז שוין דער „איבערויאָר", וואָס מיר האָבן דערלעבט.

נאָך א וואָך פאָרן מיר אין אורלויב, און דוכט זיך, אז טאקע ווידעראמאָל אהין צו יענעם גערטל, ווו דער רייכער סטאָהדאָט האָט געשריען „ניע פאָזוואָליו" און כאים־יוינע דער שניטקרעמער האָט מיט א זים קעלכל איינגעטיינעט:

„— לייבקע, דו ביסט דאָך א ייִדיש קינד, צו וואָס דארפסטו דאָס?".

אהין וועלן מיר פאָרן. זאָל עמעצער פון אייַך אויך פאָרן מיט אונדז אהין, צו יענעם טישל, וואָס דער טאטע האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט באוואָרענען. דאָרטן וועט ער אונדז מעכאבעד זייַן מיט טריסקאווקעס און מיט עפּל, מיט אייגענע אוגערקעס, מיט אייגענע קארטאָפליעלעך און מיט קייעכעס.

דאָרטן וועלן מיר פארנאכט בא א גלעזל טיי בעטן מייַנע אלטינקע פארהאָרעוועטע טאטע־מאמע, זיי זאָלן א ביסינקעלע דערציילן וועגן אמאָל און וועגן הייַנט.

1928

מײַן כאַווער לוקיאַן

1

פאָרגעקומען איז עס אינגאַנצן א פאָר יאָר פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

איך בין געוואַקסן אין שטוב איין קינד, פלעגט מיר זײַן אומעטיק. דער טאַטע פלעגט אַף גאַנצע האַלבע יאָרן אַוועקגיין אין דער בודע מאַכן טעפ, און אַהיים פלעגט ער קומען נאָר אַף די אַלטע יאָמטויווים: אַף פייסעך און אַף סוקעס.

איינמאָל איז בא אונדז אײַנגעשטאַנען אַף קוואַרטיר לאַוורין, א פויער פונעם דאָרף בעהוני. בעהוני איז פינף ווערסט פון אונדזער שטעטל.

ניט געקוקט, וואָס בעהוני איז א דאָרף פון וואָסערע פינף טויזנט אײַנוווינער, איז דאָרט פאַר דער צאַרישער רעגירונג קיין איין שול ניט געווען. די צאַרישע רעגירונג האָט נאָר געטראַכט, וויאַזוי בעסער צו פאַרקנעכטן דאָס פאָלק, צו באַוואַלדן עס און צו בויען פאַר דעם וואָס מערער קלויסטערס און טפיסעס.

א פויער, וואָס האָט, ניט געקוקט אַף אַלע שטערונגען, פאָרט געוואָלט לערנען דאָס קינד, האָט ער עס געדאַרפט שיקן קיין סלאָוועשנע אין דער שטעטלשער צווייקלאַסיקער שול.

די־אָ קינדער פלעגט אויסקומען גיין אַלע טאָג פינף ווערסט אין שול און פינף ווערסט פון שול בא אַלערלײי וועטערן. האַרבסט־צײַט — אין די

גרעסטע בלאָטעס און רעגנס, ווינטער — אין די פרעסט, אין די זאווע־רובעס און די מעטעליצעס, און פרילינג — אין די גרויסע בליופן און צעגיסונגען.

באלאָגים אף אזא לערנען זיינען, פארשטייט זיך, געווען ווינציק. דאָך פלעגן וואָסערע צען — פופצן קינדער פון אזא דאָרף גיין אלע טאָג אין דער שטעטלשער שול אריין, אויסער זונטיקס און קלויסטער־יאָמטויווים־טעג, ווען זיי פלעגן קענען א ביסל אָפּרוען.

לוקיאַן, לאַוורינס זון, איז געווען איינער פון אָט די געציילטע בעוורע, ער איז אלט געווען צוועלף יאָר, און ער פלעגט טאָג־איין־טאָג לויפן אין זיינע פּאַסטאַלעקלעך מיט די ווייסע אָנעטשעס, און די לייוונטענע טאָרבע ביכער איז אים געווען איבערגעוואָרפן איבערן אקסל.

לאַוורין האָט געקענט באַנדעריי, האָט ער געקראָגן א פּאַדריאַד מאַכן אין די שכיינישע הארבארניעס גרויסע קיילעכדיקע ביטן אזעלכע און זיי אָנציִען מיט אייזערנע רייפן. דאָס איז געווען אן ארבעט אף עטלעכע באַדאָשים. האָט ער זיך געדונגען בא אונדז נאכטלעגער, און עסן פלעגט מען אים געבן דאָרטן, ווו ער האָט געארבעט.

לאַוורין האָט זייער שטאָלצירט מיט זיין זון, וואָס וועט בא אים זיין, זאָגט ער, א געלערנטער.

— א, א! — מאכט ער, לוקיאַן, — אז ער וועט אויסוואקסן, וועט ער שוין אין קיין פּאַסטעלעס ניט גיין!..

און מיינען האָט ער געמיינט מיט דעם, אז ער וועט קענען זיך באַ־שטעלן פאר א שרייבער צום סטאַרשינא אין וואָלאָסט, אָדער ער וועט גאָר אוועק פאר א לערער אין א שול, און דאָס שטיקל ברויט וועט אים שוין אָנקומען א סאך גרינגער, ווי ווען ער זאָל בלייבן א פאראָרעמטער פּויער מיט זיין טאַטן באַגלייך.

די מאַמע האָט געוווּסט, אז ס'איז מיר אומעטיק, האָט זי איינמאָל א זאָג געטאָן צו לאַוורינען, אז טאָמער וואָלט געווען א זאך, לוקיאַן זאָל ניט לויפן אלע טאָג צו פינף ווערסט אהין און צו פינף ווערסט צוריק. זאָל מען אים אין דער היים מיטגעבן אף א גאנצער וואָך עסן, און נעכטיקן וועט ער בא אונדז. אלע שאבעס, נאָך דער שול, וועט ער אוועקגיין אפן זונטיקדיקן טאָג אהיים און מאָנטיק גאנצפרי צוריק אין שול.

לאווריִן האָט זיך שטארק דערפרייט פון אזא פּאָרשלאָג. ער האָט גענומען קראַצן מיט די פינגער זײַן געלע שיטערע באָרד אונטערן הויכן, גאָנערדיקן האלדז. אליין איז ער אויך געווען א הויכער, לאווריִן, מיט געזונטע, ברייטע קנאָכעס.

— אָט־אָט־אָ, דאָ־אָברע־ע, — האָט ער נאָך א לאנגן שמייכל און נאָך א לאנגן קראַצן די באָרד געענטפערט.

און מיר האָבן באקומען נאָך א קווארטיראנט — לוקיאנען, לאווריִנס זון, א באָכערל אין מײַנע יאָרן, נאָר אויך א בלייכינקער און מיט בלויע צוויי צעעפנטע אויגן, וועלכע באקוקן מיט ווונדער אלץ, וואָס זיי דערזען.

פּאמעלעכקע, פּאמעלעכקע האָבן מיר זיך מיט לוקיאנען באקענט. איך האָב געלערנט אין כיידער, און ער אין שול. ער פלעגט זיך באפרײַען נאָך מיטיק, און איך — אין אָוונט. אָבער דאָך פלעגן מיר האָבן שאָען, ווען מיר פלעגן צוזאמען פארברענגען, זיך שפּילן, דערציילן איינער דעם צווייטן מײַסעס, באוווּנדערן איינס דעם צווייטן. מיר פלעגן אויך דערציילן איינס דעם צווייטן, וואָס מיר האָבן געלערנט. ער האָט שוין בא מיר געקענט דעם גאנצן אלעפבייס אַף אויסווייניק, און איך פלעג מיט אים איניינעם ארויסשרײַבן זײַנע אריפמעטישע אופגאבעס (דעמלט האָט עס געהייסן — זיך לערנען כעזשבענען) און אויסלייענען פון זײַנע רוסישע כרעסטאָמאטיעס שיינע דערציילונגען און לידער.

ס'איז דעמלט אקוראט געגאנגען די גרויסע, די אימפּעריִאליסטישע וועלט־מילכאָמע.

לאָזט זיך אויס, אז לוקיאן האָט בעסער געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָרט אַף דער מילכאָמע, איידער איך. ריכטיקער געזאָגט, ער האָט זיך קלאָרער פאָרגעשטעלט די שוידערלעכע בילדער און די גאנצע קלאָלע, וואָס די מילכאָמע טראָגט מיט זיך פארן אָרעמען האָרעפּאשנעם פּאָלקסמענטשן.

זײַנע דערציילונגען פלעגן זײַן צוגעמישט מיט קינדערשער פאנטאזיע און מיט אָבערגלויבן, אָבער איך פלעג זיך אין זיי אזוי ארײַנטאָן, אז איך פלעג פארגעסן, וואָס פאר א טאָג ס'איז הײַנט. איך פלעג פארגעסן, אין וואָס פאר א שטאָט איך בין, און איך פלעג ניט געדענקען, וואָס איז איצט פון יענער זײַט פענצטער — זומער צי ווינטער, פעלד צי גאס.

אינגמיטן טאָג פֿלעגט זיך מיר אַלעמאָל אויסדוכטן, אַז אָן־אַ, פֿון יענער זייט גאַנעק, זײַנען די אָקאָפּעס, באַדעקט מיט אָנגעגראָבענער גראָזיקער ערד, מיט ביימלעך, אַז ווי איך וועל נאָר ארויסגיין פֿון טיר, וועל איך זיך פֿאַרטשעפּען פֿאַר די פּילפּאַכיקע באַפֿלעכטונגען פֿון שטעכיקן דראָט.

איינמאָל האָט ער מיר דערציילט, וויאַזוי אַף אַ ברייט פֿאַרלאָזט פֿעלד, פֿול מיט הארוגים, כאַפּט זיך אוף אַ געהאַרגעטער, וואָס בא אים האָט אָפּגעריסן אַ פֿוס אין שלאַכט, און ניט געקוקט, וואָס ער איז אַ געהאַרגעטער, שפּרינגט ער דאָך אוף אַף זײַן איינעם פֿוס, אַ באַנאָסענער מיט גרינער לעוואָנע־שײַן, און זוכט צווישן די הארוגים זײַן אָפּגעריסענעם צווייטן פֿוס.

— דאָס קער זײַן ניט עמעס, — פֿאַרענדיקט מיר לוקיאַן די מײַסע, — נאָר מענטשן דערציילן עס גלאַט אַזוי.

ווי ער רעדט מיר אויס, אַז דאָס קער זײַן ניט עמעס, און איך פֿיר איבער די אויגן צום פֿענצטער, ווערט מיר אַ כידעש, וואָס ס׳איז ניט באַנאַכט, נאָר ס׳איז גאָר באַטאָג. די שײַן שווינדלט מיר אַזוי פֿרעמד אין די אויגן, און די זאַכן אין שטוב זײַנען גאָר ניט פֿון קיין שטעכיקן דראָט און ניט פֿון קיין שלאַכטפֿעלד, נאָר אַ פּראָסטער טיש מיט פּראָסטע בענקלעך. זיי קומען אויס אַזוי פֿרעמד, אַז אַלץ איז מיר אַזוי, ווי איך וואָלט זיך אופגעכאַפּט פֿון שלאָף.

אַמאָל פֿלעגט מיר נאָך לוקיאַן געבן צו פֿאַרשטיין, אַז די מילכאָמע האָבן די פּריצים אויסגעקלערט. ניט נאָר אונדזערע פּריצים, די פּריצים פֿון אַלע לענדער און די קייסאָרים זייערע. וואָס איז? עס קאָסט זיי דען טײַער מענטשן? פֿאַרן אָרעמען מענטשן מאָנט בא זיי קיינער ניט אײַן. וואָס אַרט עס זיי? מ׳וועט אויסהאַרגענען די, וועלן קומען אַף זייער אָרט אַנדערע, אָרעמע מענטשן זײַנען דאָך דאָ אַף דער וועלט גענוג.

2

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען עפּעס אַזוי אין איין כוידעש צוגענומען ביידע טאַטעס אונדזערע און זיי אויך אוועקגעטריבן אַף דער מילכאָמע.

מײַן טאטע איז געקומען פון דער בודע, פון די טעפּ, זיך געזעגענען מיט אונדז. דאָס איז געװען דאָס ערשטע מאָל, זינט מיר געדענקען, ער זאָל קומען אהײם אזױ אינמיטן יאָר, אין א װאָכעדיקער צײַט. און לוק־יאנס טאטע, לאװרין, האָט אױך איבערגעלאָזן די ביטן, מיטן פּאָדריאַד, מיט דער קװארטיר, מיט דער הײם.

איך מיט לוקיאנען האָבן עפּעס א שטיקל צײַט אױסגעזען װי א פּאָר דערשראָקענע גאָנערלעך. מיר פלעגן אָנקוקן אײנס דאָס אנדערע מיט פארװוּנדערטע, איבערגעשראָקענע אױגן. לוקיאן האָט געזאָגט, אז איך האָב א טאָעס, װאָס איך מײן, אז אױב מע טרײַבט אױף דער מילכאָמע, מוז מען גײן. ס׳גאָרניט קײן מוז. פּריצים איז פאראן װײניק, און אזעל־כע מענטשן, װי מיר, זײַנען א סאך... אָט־אָ גײען מיר אלע אױף דער מילכאָמע, גאנץ בעהוני, גאנץ סלאָװעשנע, גאנץ טכאָרין — אלע דערפער ארום ביז אָװרוטש.

די אָרעמע מענטשן װילן דאָך ניט קײן מילכאָמע. די מילכאָמע װילן נאָר די פּריצים און די רײַכע. איז דען א גרױסער באטרעף זיך אױס־קערעװען מיט די ביקסן און מיט די שװערדן און צעהארגענען דאָס בינטל פּריצים מיט די פּריסטאװס, מיט די גאלאָכים און אלע איבעריקע?

— װאָס איז? — פרעג איך לוקיאנען. — די פּריצים שיקן דען אױף דער מילכאָמע? אױף דער מילכאָמע הײסט דאָך גײן דער קײסער!

— אז דו פארשטײסט ניט, — ענטפערט מיר לוקיאן, — װער איז דען דער קײסער? ניט קײן פּאָרעץ, ניט קײן גװיר? אז דער קײסער און די פּריצים און אלע רײַכע — דאָס איז דאָך אײנס און דאָס זעלבע.

— פארװאָס זשע טוט מען עס טאקע ניט אױף?

— װאָס?

— אָט דאָס, װאָס דו האָסט ערשט געזאָגט...

— א־א־א, פארדערפאר... ס׳זײַנען נאָך דאָ א סאך... אומפארשטענ־דיקע מענטשן, מענטשן, װאָס האָבן מוירע. נאָר ס׳גאָרניט, אין די גרױסע שטעט איז מען שױן פארשטענדיקער. אין די גרױסע שטעט זײַנען דאָ ארבעטער, אזױ װי דער מאמעס ברודער, אזױ װי לוקיאן. פאר די ארבעטער װעלן זײ זיך דערשרעקן א ביסל שטארקער, װי פאר אזױ מענטשן...

דאָס, װאָס מע האָט בײדע טאטעס אונדזערע צוגענומען אױף דער מילכאָמע, האָט מיך נאָך מערער פארבונדן מיט לוקיאנען. איך האָב זיך

מיט אים אזוי אופגעכאוועדט, אז די צוויי נעכט — פון שאבעס ביז איבער זונטיק, — וואָס ער פלעגט נעכטיקן אין דאָרף, פלעגן מיר זיך ציִען און ציִען. מאָנטיק גאנצפרי פלעג איך שוין שטיין אפן שוועל און ארויסקוקן אף לוקיאנען. ער פלעגט פריִער פארלויפן צו אונדז אין שטוב, אוועקלייגן דאָרט דאָס טאָרבעלע מיטן עסן און דערנאָך ערשט אוועקגיין אין „שקאָלע" ארײַן. איך פלעג שוין אויך צו יענער צײַט זײַן אָפּגעוואשן און אָפּגעגעסן און נאָר מיט די ביכער אונטערן האנט פלעג איך ווארטן פון יענער זײַט הויף. און אבי איך דערזע נאָר, ווי לוקיאן לויפט שוין א פארסאָפּעטער בארג־ארויף דורך דעם שכיינישן הויפל, בין איך שוין אין מיטרעס געסל, און אין פופצן מינוט ארום בין איך שוין אין כיידער, און ער — אין שול.

3

אף א סאך זאכן בין איך מעקאנע געווען לוקיאנען, און אנדערע זאכן זײַנען לוקיאנען געפעלן געווען בעסער בא אונדז.

אים איז געפעלן געווען, וואָס בא אונדז אין די שטעטלדיקע שטיבער פירט מען זיך א ביסל ריין, וואָס מע שלאָפט אף באזונדערע געלעגערס, און מע עסט פון באזונדערע קיילים. אין דאָרף, אינעם אמאָליקן אלטן דאָרף, האָט מען עס ניט געזען. דאָרטן פלעגן אלע שלאָפן אף איין פּול, עסן פון איין שיסל, די כאזיירים פלעגט מען ארײַנלאָזן אין שטוב צו דער קאָרעטע...

איך אים האָב מעקאנע געווען דערוף, וואָס בא זיי שטייען אין גאָרטן הינטערן סאמע שטוב צוויי ווײַנשלבײמער; וואָס לוקיאן מיטן טאטן מיט זײַנעם קאָסען אליין אָן היי פאר דער בעהיימע, און דערנאָך, ווען ס'ניטאָ קיין מילכאָמע, שלאָפט לוקיאן מיט זײַן טאטן אפן היי. זומער, ווען לוקיאן איז פרײַ פון שול, פאשעט ער אליין די בעהיימע זייערע.

אָט־אָט צעלאָזט מען די קינדער פון שול, וועט שוין לוקיאן זײַן א פרײַער פויגל. ער וועט ארומלויפן איבער די פעלדער, קלײַבן סטרוטשע, רײַסן צאצקעס, און איך וועל זיך נאָך דארפן טשאדען אינעם דושנעם כיידער מיט די איבעריקע יינגלעך באגלײַך.

לוקיאן האָט מיך געוואָלט טרייסטן, און ער האָט מיר געזאָגט, אז ווען ער וועט שוין זײַן פרײַ פון שול, וועט ער קומען זומער אין א פרײַ־

טיק נאָך מיטיק, ווען מע לאָזט אונדז אָפּ פון כיידער, און וועט מיך נעמען צו זיי אין דאָרף אַרײַן. דאָרטן, בא זיי אין דער היים, וועל איך זיך קענען אופשטעלן אפן לייטערל לעם זייערעביימער און רײַסן ווײַנשל גלײַך אין מויל אַרײַן, וויפל איך וועל אליין וועלן. מע דאַרף זיך נאָר היטן, מע זאָל ניט צעברעכן קיין צווײַגל.

איך האָב געוואָלט בא לוקיאנען אן אנדער זאך. ביז דענסטמאָל וועלן זיך שוין אויספּירן אלע פייגעלעך, און קיין נעסטן מיט פייגלשע אייעלעך וועט שוין ניט זײַן צו קריגן. און אין כיידער האָב איך געזען בא א יינגל צוויי פייגלשע אייעלעך, שיינינקע, ווי די גאנצע וועלט, און די יינגלעך האָבן אים אלע מעקאנע געווען. לוקיאן האָט א קלער געטאָן און איז געבליבן שווײַגן.

— נו? — פרעג איך אים שוין מיט אומגעדולד.

— ס'ניט גוט, — ענטפערט לוקיאן, — באראבעווען די „מאמע" און צונעמען פון איר קינדער... בא אונדז נעסטן זיך דאפקע צוויי פייגעלעך איבערן סאמע פענצטער, פון אויבן אינעם אייבערשטן בײַ־שטידל. דאָרטן איז אויסגעדויבעט אזא מין שיפּיקל. זאָלסטו אָבער זען, וויאזוי זיי היטן זיך פאר א פרעמד אויג און וויאזוי זיי ציטערן איבער די אייעלעך.

איך האָב עס דערהערט, האָב איך זיך מאמעש פארצאפּלט.

— בא אײַך אליין האָט פון אויבן איבערן פענצטער א פייגעלע גע־לייגט אייעלעך, פארוואָס ניט בא אונדז?

— דערפאר, — האָט לוקיאן געשמייכלט, — וואָס דו וואָלסט בא זיי אויסגעליידיקט די נעסט.

— יאָ, אויסגעליידיקט. אָט־אָ באלד צעיאָג איך זיך זי אויסליידיקן. נו, זאָג, וואָס פאר א פייגעלע איז עס? האָסט עס געזען? און די אייעלעך זײַנען דאָרט אוועלכע? דו האָסט די אייעלעך אויך געזען?

— נו, יאָ, — האָט לוקיאן געענטפערט, און זײַנע אויגן האָבן זיך שוין אויך אָנגעצונדן מיטן זעלבן פײַערל, וואָס מײַנע, — דאָס פייגעלע איז א לאַסטעווקע, מיט א לאנג ווידעלע און מיט שפּיציקע לענגלעכע פליגעלעך. דאָס הייסט, ניט איין פייגעלע זיצט בא אונדז, נאָר צוויי... די נעסט האָבן זיי אויסגעקלעפּט מיט הארטער בלאָטע, און אינווייניק איז זי אויסגעבעט מיט ווייכן פּוך. אייעלעך ליגן שוין דאָרט פיר, לענג־לעכע, ווײַסינקע, מיט א סאך שפּרענקעלעך באזעצט...

— אוי, ברענג...

— וויאזוי זשע קען מען?

איך האָב שוין אויך פאַרשטאַנען, אז ס'איז קרום און ס'וועט זײַן ניט גוט, אויב מירן זיך אזוי באַגיין מיט די פייגעלעכס נעסט...

— אָבער איינס... לוקיאַנטשיקל, טײַערער, כאָטש איינס!..

— אַף איינעם ווייניקער?..

— נו, יאָ, לוקיאַנטשיקל, אַף איינעם ווייניקער.

— גוט.

4

בא לוקיאַנען זײַנען געגאַנגען די עקזאַמענעס אין שול. ס'איז שוין בא אים געווען די סאַמע האַרבסטע וואָך פונעם גאַנצן יאָר לערנען. אז אין דרויסן איז שוין אזוי שיין און ס'גלוסט זיך אין פעלד אַרײַן! און דאָ דאַרף מען כאַזערן אַף אויסווייניק וועגן גאָטס מאַמע, וועגן קייסאָרים און קייסעריניעס און נאָך אַזעלכע זאַכן. אים אין דער אַמאָ־ליקער שול איז געווען שווער צו לערנען, און אונדז אינעם כיידער איז געווען נאָך שווערער. בא אים, אויב מע האָט געלערנט וועגן „גאָטס מאַמע”, האָט מען אָבער כויץ דעם אויך געלערנט אַריפמעטיק, געאָגראַפיע און נאַטורקענטעניש. מיר האָט מען פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכן, וואָס זײַנען גאָר אַף דער וועלט ניטאָ. אָט דערוף און מער אַף גאָרניט האָבן מיר די גאַנצע קינדהײַט אויסגעגעבן, צוליב אָט דעם האָט מען אונדז קײַלעכדיקע יאָרן פון פרי ביז נאַכט געשטיקט אין די כאַ־דאָרים.

שאַבעס פאַרנאַכט האָב איך אַרויסבאַגלייט לוקיאַנען און אים נאָכ־אַמאָל דערמאָנט, ער זאָל ניט פאַרגעסן יענע זאַך... און איך וואַרט שוין.

מיר ציט זיך יעדער שאָ, ווי א יאָר, און יעדער טאָג איז אַן אייביקײַט. איך ווייס שוין, אז איך וועל זונטיק אַנטקעגן מאָנטיק די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צומאַכן. דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן. אָבער אַנשלאָפן ווערן האָב איך ניט געקענט. מיר שטעלט זיך אַלץ פאָר, אז אָט־אָט גייט ער שוין, לוקיאַן, אָט האַלט ער אין טאָרבע צווישן די

ביכער דאָס אייעלע, און ס'קען זיך נאָך צעקוועטשן. ווידער דוכט זיך מיר, אז ער שטעלט מיך אנידער באם ווײַנשלבוים, און אָנשטאָט ווײַנשל וואקסן דאָרטן אייעלעך, פייגלשע אייעלעך, ווײַסינקע, רויטינקע, מיט שפּרענקעלעך, אָן שפּרענקעלעך, און זיי שײַנען אזוי שיין קעגן דער זון. דערנאָך שטעלט זיך מיר פאָר, אז ער טראָגט אין ביידע הענט צוויי פייגעלעך, און יעדער פייגעלע האלט אין שנאָבעלע אן אייעלע פונמיינט־וועגן, זיי פרייען זיך אלע אינדרײַען און ווײַזן מיר, ווי איינער מיינט: וויבאלד דו ווילסט זיך שוין יאָ שפּילן, ווי א קליין קינד, איז מיילע, טוען מיר דיר צוליב.

זומער הייבט אָן טאָגן פרי. ווי נאָר ס'געוואָרן ליכטיק, בין איך שוין אומגעקראָכן איבערן הויף. די שכיינע אינעם אונטערשטן קליידל האָט ארויסגעטריבן די בעהיימע אף דער פּאשע, פרעגט זי מיך:

— וואָס איז אזוי פרי, בונימל? עפּשער דער בויך?

די מאמע איז שוין אויך אופגעשטאנען, האָט זי מיך געטריבן, איך זאָל נאָך גיין שלאָפן. „ס'נאָך פרי, — זאָגט זי, — דער קאָפּ וועט דיר ווי טאָן". און זי וויל, איך זאָל נאָך גיין שלאָפן. זאָג איך איר, אז שלאָפן וויל איך ניט. פרעגט זי, טאָמער וויל איך עסן — איך דריי זיך שוין אזוי לאנג ארום. זאָג איך, אז קיין עסן וויל איך אויך ניט.

אזוי האָב איך קוים־קוים דערצוויגן די שאָ, ווען מע דאַרף שוין גיין אין כיידער. איך האָב אופגעפּאקט מײַנע ספאָרים, געגומען זיי אונטערן האנט און בין ארוים מיט א שמייכל אין הויף, ווײַל איך האָב געוווּסט, אז אין אָט דער־אָ מינוט, אזוי ווי אפן זייגער, באגעגן איך זיך אלע מאָנטיק אינדערפרי מיט לוקיאנען.

איך וואַרט צו לעם ברונעם, וואַרט צו א ביסעלע לעם פאָרטקעלע פון הויף, איך קוק דורכן פארקאן אין גאָרטן... ניין, ניטאָ! מ'זאָל כאָטש ערגעץ אָנהייבן זען לוקיאנען... אָן־אָ אפן שליאך פאָרט א פור אין פעלד ארײַן. אפן וואָגן זיצן א פויער מיט א פויערטע און צוויי פּיריאָריקע קינדער. א הינטל לויפט נאָך נאָכן וואָגן, א שווארצס, מיט אן איבער־געשלאָגן פיסל. מ'זאָל כאָטש ערגעץ אָנהייבן זען לוקיאנען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זע נאָר, ביסט נאָך ניט אוועק אין כיידער? — האָב איך דער־הערט דער מאמעס קאָל.

איך האָב זיך אופגעכאפּט און זיך אי פארשעמט, אי דערשראָקן.

— און לוקיאַן?.. נאָך ניטאָ? — פרעג איך, און דאָס האַרץ האָט
באַ מיר מיטאַמאָל אָנגעהויבן קלאַפּן, אַז אָט־אָט שפּרינגט עס, דאַכט
זיך, אַרויס.

— ניטאָ. ניט געקומען איבער עפּעס לוקיאַן...

ס'איז נאָך מיט אים קיינמאָל ניט געווען אַזוינס, ער זאָל מאָנטיק
ניט קומען אין שול.

איך בין אַוועק דורך מיטרעס געסל אין כיידער אַריַין. איך פיל, אַז
סע שפּעט, און איך ווייס, אַז דער רעבע וועט מיך נעמען איבערפרעגן,
פאַרוואָס איך האָב אַזוי פאַרשפּעטיקט. די יינגלעך וועלן זיך נעמען
איבערקוקן איינס מיטן צווייטן, וועל איך זיך צעוויינען. איך וועל ניט
אויסהאַלטן און וועל זיך צעוויינען אָפּן אָרט...

דערוויַיל קומט מיר אַנטקעגן סאָרע די פּאָטשטאַליאָניכע. באַ איר
איז אַ יאַדעשליוו קאָל, און זי איז שוין אַן אַלטע. איר מאַן, דער אַלטער
שמערע, איז שוין אויך געווען אַן אַלטער. נאָר פאַר אַ בריוועטרעגער האָט
ער נאָך געטויגט. פון וועלעדניק פלעגט איציע דער באַלעגאָלע ברענגען
צו פירן די פּאָטשט אין שטאָט אַריַין. די אַלגעמיינע בריוו פירט ער צו
אין וואָלאָסט אַריַין, און די יידישע — צו שמערען דעם אַלטן. נאָר אַז
שמערע איז געשטאָרבן פאַראַיאָרן זומער, איז שוין סאָרע געבליבן
פּאָטשטאַליאָניכע. זי איז שוין גאָר אַן אַלטע — אַ קליינינקע און אַ
יאַדעשליווע. צעטראָגט זי די בריוו נאָר אין די קליטן, און די איבעריקע,
צו וועמען ס'איז דאָ אַ בריוו, וואַרטן, ביז זי וועט זיי ערגעץ באַגעגענען.

איך בין געגאַנגען אַזאַ אומעטיקער מיטן פּאַק ספאָרים אונטער דער
האַנט. ס'איז פּונקט געווען אַזאַ שאָ, וואָס גיין פון כיידער איז נאָך צו
פרי און גיין אין כיידער איז שוין צו שפּעט.

— הער נאָר, — רופט זי זיך אָן מיט איר יאַדעשליוו קאָל, —
ייִנגעלע, וויאַזוי רופט מען דיך?

— בונים.

— ביסט ניט דער ווערפּאָווקעס?

— יאָ.

— טאָ לויף צו, מיַין טיַיערינקער, אַהיים צו מיר, וועסטו אָפּנעמען
איַיערע בריוו... זיי ליגן שוין און ליגן. איך האָב, ניט פאַר דיר געדאַכט,
קיין קויעך ניט צו גיין אַזוי וויַיט.

פון דער־אָ אומגעריכטער ניַיס איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן פריילע־

כער, און איך בין אוועק מיט שמערעליכען צו איר אהיים. פון דרויסן איז די שטוב א גרויסע, און אז מע גייט אריַין, איז דאָרטן נאָר איין ביידער מיט א גרויסער טונקעלער הויז פון פאָרנט.

— גיי נאָר, מיכליע, וויַיז, ווו ליגן דאָרט זיַינע בריוו.

מיכליע איז בא זיי א דינע טאָכטער מיט א שיינער וויַיסער הויט אפן פּאָנעם. איר מאַן איז אַף מילכאָמע נאָך פון סאמע אָנהייב אָן. זי האָט נאָך אפילע ניט קיין איין קינד, און זי כאפּט גיך דעם אָטעם, וויַיל זי איז א שלאפע. אז מיר זיַינען אריַין, איז מיכליע אראָפּגעקראָכן פון דעם צעוואָרפענעם בעט מיט בעטגעוואנט.

— ס'איז דער ווערפּאָווקעס? — טוט זי א פרעג איר מאמען מיט א פארסאָפּעט קאָל.

זי איז דאפקע א שיינע, א הויכע, ווי דער טאטע אירער, נאָר דאָס קאָל איז בא איר קעסיידער א פארסאָפּעטס. און זי נעמט אראָפּ פון ווינקל־שאפע (א שיינע ווינקל־שאפע בא זיי, זי איז ארומגעהאנגען מיט אויסגעשניטענע פּאפּירן, דאָרטן שטייען די שאבעסדיקע לײַכטער, א פּאָר גלעזער מיט שאָלן) א גראָבן סידער. אינעם סידער זיַינען געלעגן עטלעכע בריוו, פּאָוועסטקעס, פּערעוואָדן און קארטעס פון אמעריקע.

— אָט דאָס זיַינען, דאכט זיך, דיַינע, קענסט איבערלייענען? — און זי האָט מיר געגעבן צוויי בריוו און א קארטל, באשטעמפּלט מיט א סאך שטעמפּלען.

איך האָב איבערגעלייענט. ס'זיַינען געווען דעם טאטנס בריוו פון דער מילכאָמע:

„מיסטעטשקאָ סלאָוועשניע, וואָלינסקאיא גובערניא, אָורוטשעסקוי אויעזד, גאָספּאָדינו רוווינו קאָסאָגאָר".

— אכט קאָפּעקעס, — האָט זיך שמערעליכע אָנגערופן. זי איז בייסמיַיסע געזעסן בא דער זיַיט אַף א באנק, מיט איין האנט אָנגעשפּארט, אזוי ווי זי וואָלט געווען ניט בא זיך אין שטוב, — אכט קאָפּעקעס, — מאכט זי, — א בריוו — דריַי קאָפּעקעס, א קארטל — צוויי.

איך האָב איבערגעלאָזן מיַינע ספּאָרים און בין אוועקגעלאָפן צו דער מאמען נאָך די אכט קאָפּעקעס.

זינט איך געדענק, איז עס עפּשער דאָס ערשטע מאָל, אז מיר באַ־קומען בריוו. אז מע האָט צוגענומען דעם טאטן אַף דער מילכאָמע, איז שוין דאָ ווער ס'זאָל אונדז שריַיבן בריוו. נאָר א מין נאר איז ער, דער

טאַטע! ער שיקט די בריוו צו אונדז און שרײַבט זײַן אייגענעם נאָמען — רוּוון קאָסאָגאָר! ער וואָלט באַדאַרפֿט שרײַבן „ליבע אי בוניִמו קאָסאָגאָר״. נאָר באַ אים קומט אויס, אַז וויבאַלד די בריוו גייען צו אים אַהיים, איז ער דער באַלעבאָס.

צוויי בריוו מיט אַ קאַרטל... אַכט קאָפּעקעס...

פֿאַרוואָס האָבן זיך עס עפּעס אָנגעקליבן צוויי בריוו מיט אַ קאַרטל? די מאַמע איז געוואָרן בייז אויף דער אַלטער שמערעליכע. אויף די בריוו האָט זי זיך אַרופֿגעוואָרפֿן, די מאַמע, אַזוי ווי אַ דאָרשטיקער אויף אַ טרונק וואַסער. זי זאָגט:

— דאָ קריכן מיר אַרויס די אויגן פֿונעם קאָפּ, טאָמער עפּעס אַ ידיעה, ער איז, נעבעך, אַזוי ווײַט פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון אונדז, און דאָ ליגן באַ איר די קאַרטלעך מיט די בריוו וואָכנווײַז און רוען זיך אויס... נישקאָשע, ווען דער זעלבער בריוו איז צו אַ גוויר, וואָלט ער באַ איר קיין איבעריקע רגע ניט געלעגן... און די כריפּליווע טאָכטער זייערע, איז דאָס אַזוי די גוטסקייט אירע? וואָס מע קוקט זיך דאָ אויס די אויגן, און זי דערמאָנט זיך אין אַ יאָר אַרום!

— מאַמע, — ענטפֿער איך און שטעל זיך שוין אײַן פֿאַר מיכליען, וואָס רעדט קעסיידער, ווי אַ פֿאַרסאָפּעטע, וואָס באַ איר איז אַזאַ שיינע, ווײַסע הויט אויפֿן פּאָנעם, — מאַמע, — זאָג איך, — זיי קערן ניט וויסן אונדזער פֿאַמיליע. אַז מע רופֿט אונדז גאָר איבער דער שטאָט די ווערפּאָוצעס. מיר האָבן דען אַמאָל באַקומען פֿון עמעצן בריוו?

דערנאָך דערמאָן איך זיך, אַז מענטשן, וואָס באַ זיי איז עמעצער אויף דער מילכאָמע, סײַ די היגע, סײַ די דאָרפֿישע, גייען אַליין אַלע טאָג אין וואָלאָסט אַרײַן פֿרעגן, אַזוי ווי לוקיאַן, וואָס נעמט אָפּ זײַן טאַטנס בריוו.

כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם נאָמען לוקיאַן, האָט עס מיר געגעבן אַ זעץ ווי מיט אַ בולעווע איבערן קאָפּ...

— מאַמע, ניט געווען נאָך לוקיאַן? — פֿרעג איך איבעראַנײַס.

— יאָ, — ענטפֿערט מיר די מאַמע אַ פֿאַרטראָגענע, — איך ווייס טאַקע ניט, וואָס איז די מײַסע, וואָס ער איז נאָך ניטאָ.

א טאָג — אַ יאָר, איינער,

א טאָג — אַ יאָר, דער צווייטער,

א טאָג — אַ יאָר, דער דריטער, —

און ניטאָ לוקיאַן. עפשער איז ער, קריכנדיק צו דער נעסט, אַראָפּגעפאלן און זיך דערהארגעט? עפשער האָט אים די „מאמע“ — דאָס פּיגעלע — א פּיק געטאָן אין אויג? עפשער... וואָס עפשער? וואָס הייסט, ער קומט ניט אזוי לאנג, אז אין שול איז די לעצטע וואָך און ס'גייען שוין די עקזאמענעס?

אפן פערטן טאָג איז לוקיאַן געקומען א צעהארגעטער, א פארענדערטער, אונטערן רעכטן אויג — א שווארצער סימען, פון דער אייבערשטער ליפּ איבער דער באק, ביזן סאמע האלדז־און־נאקן — א רויט־פּארלאָפּענער שלאנג פון אן אראַפּניק אָדער פון וואָס. ער איז סײַווי ניט געווען קיין געזונטער, לוקיאַן, און איצט איז ער שוין גאָר הויט און ביין. זײַנע בלויע אויגן, וואָס זײַנען שטענדיק געווען גוט, ווי די גאנצע וועלט, קוקן איצט ניט אף קיין מענטשן, און ווען ער הייבט זיי אוף, זײַנען זיי פול מיט שטעכיקער בייזקײַט. ברענגען האָט ער מיט זיך גאָרנישט ניט געבראכט, אויסער די ביכער און זײַן קעסיידערדיק טאָרבעלע, וואָס איז געווען אויסגעשמירט און פארייכערט. עפשער א סרייפע? עפשער האָט בא זיי געברענט די שטוב?

— לוקיאַן, וואָס איז די מײַסע? — האָב איך זיך אײַנגעשטעלט און א פרעג געטאָן.

אָבער לוקיאַן האָט פארדראָסיק א מאך געטאָן מיט דער האנט. און מיר זײַנען זיך ווידער צעגאנגען: איך — אין כיידער ארײַן, ער — אין שול.

5

וואָס זשע איז טאקע פּאָרט פאָרגעקומען מיט לוקיאַנען?

ס'איז פאָרגעקומען מיט אים, און ניט נאָר מיט אים אליין, זייער א שרעקלעכע זאך, וואָס נאָר די קייסערשע רעגירונג איז פייִק געווען אָפּצוטאָן.

דער גוטבאַזיצער זעלענסקי האָט געהאט צו שאפן איבער אָן א שיר מאיאָנטקעס. זײַן הערשאפט האָט זיך בייסן אלטן רעזשים צעשפּרייט איבער אָן א שיר ערד, איבער שטעטלעך און דערפער. דער זעלבער זעלענסקי האָט אויך געהאט צו שאפן איבער סלאָוועשנע מיט עטלעכע דערפער ארום. אין פּריצישן הויף אין סלאָוועשנע איז געזעסן אלס

„אופּראַוולײַאושטשי" פֿון זעלענסקיס האַנט אײנער זײער אַ ביטערער מענטש מיט אַ גאַנץ פּאַסיקן נאָמען — סווינטעצקי.

איצט ווײַטער.

אין בעהוני איז פֿאַר דעם עק דאָרף, ווו לאַווריִנס שטוב איז געשטאַנען, געגאַנגען אַ לאָדעניש. דער פּאָרעץ האָט געהאַלטן, אַז די ערד אַף דעם אָרט איז זײַנע, און די פּויערים, וואָס וווינען דאָרטן, דאַרפֿן אים אַלץ צאָלן ראַטע. די פּויערים האָבן געטײַנעט, אַז נאָך דאַן, בעשאַס מע האָט זײערע זײדעס „באַפֿרײַט" פֿון לײַב־אײגנטום, האָבן זײ באַם אַלטן פּאָרעץ, באַם דידיטש, אָפּגעקויפֿט אָט דאָס שטיקל ערד, קײן פּאַפּירן האָבן זײ ניט אַרויסגענומען, ווײַל ער איז געווען אַ מעשוגענער, דער דידיטש, אַ האָנאָריסטער, און די טאַטעס מיט די זײדעס האָבן אים דאַן געמוזט גלייבן אַפֿן וואָרט. באַ לוקיאַנען לעבט נאָך אַ בלינדער זײדע, אַן אַלטער פֿון אַכט און נײַנציק יאָר. דערצײלט ער, וואָרט באַ וואָרט, וויאַזוי זײ האָבן זיך די ערשטע אויסגעבויט אַף אָט דעם־אָ ווינקל. פֿינף ברידער זײַנען זײ געווען: ניקיפֿאָר, סטעפּאַן, סידאָר, פּאַנקראַט און ער. האָראָבײ איז געווען די פֿאַמיליע זײערע. איצט איז דאָס גאַנצע ווינקל פֿאַרזעצט מיט האָראָבײען. דערפֿאַר הײסט טאַקע אָט דאָס דאָרף־ווינקל „די האָראָבצעס". איצט שטײען שוין דאָ זיבעציק הויפֿן: שטיבער, שטאַלן און טויקן. די לאָדעניש ציט זיך שוין פֿון צענדליקער יאָרן. אָט די אַלטע לײַט, וואָס מע פֿלעגט שלעפּן יאָר אין יאָר פֿאַר אײדעס צום קרײַז־געריכט, זײַנען שוין אַלע אויסגעשטאָרבן. אָט לעבט נאָר אײן מיקאָלע האָראָבײ, איז ער שוין טויב און בלינד און טויג שוין צו גאָרניט.

אַלע מאָל פֿלעגט דער געריכט אָפּזאָגן דעם פּאָרעץ, ווײַל אַפֿילע דער קײסערשער געריכט האָט ניט געקענט אײַנגײן אַף אַזאַ אומרעכט. שוין זעכציק יאָר, אַז מענטשן וווינען אַף ערד, און מיט אַזויפֿיל אײדעס און באַווײַזן, אַז די ערד איז זײערע, — זאָל מען זײ איצט אומקערן צוריק דעם פּאָרעץ? אָבער דער פּאָרעץ האָט מיט זײַן געלט און מיט זײַנע באַקאַנטשאַפֿטן סאָפּקאָלסאָף געפּויעלט באַם געריכט, וואָס ער האָט געוואָלט. די אײדעס זײַנען אַלע אויסגעשטאָרבן, און פּונקט איצט, ווען מע האָט אַ סאַך פּויערים, די באַלעבאַטים פֿון די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן, אָוועקגעטריבן אַף דער מילכאָמע, זײ זאָלן אומזיסט און אומנישט פֿאַרגיסן זײער בלוט, פּונקט איצט האָט סווינטעצקי — זעלענסקיס רעכטע האַנט — אַרויסגעקריגן אַ פּאַפּיר מיט אַ דערלויבעניש אָראָפּצוּוואַרפֿן

אָט די זעכציק — זיבעציק הײַזער מיט די טויקן, מיט די שטאַלן, כאָרעוו מאַכן אַזויפֿיל האָרעוואַניע, און די פֿויערשע פֿאַמיליעס זאָלן זיך גיין מיט זייער כודאָבע און מיט זייער ביסל זליבערע, וווּהין די אויגן וועלן זיי טראָגן.

אָט דאָס איז אינגאַנצן די מײַסע.

אין יענעם שאַבעס פֿאַרנאַכט אײַלט זיך לוקיאַן מיט נאָך אַ פּאָר דאָרפֿישע שילער אַהיים. ער פֿרייט זיך מיט די פֿעלדער, וואָס גייען אויף, מיט די ביימער, וואָס זײַנען גרין און יונג באַבלעטערט, מיט די פֿייגעלעך, וואָס זינגען, מיט די צאַצקעס, וואָס בליִען.

פּלוצעם דערהערן די קינדער הינטער זיך אַ טופּערײַ פֿון פֿערדישע טלאָען. זיי קוקן זיך אום און דערזעען, אַז ס׳פּאָרט באַ אַ מייע רײַטער אויף געזונטע, אויסגעפּאַשעטע פֿערד. טכילעס האָבן זיי אַ קלער געטאָן, אַז טאָמער פֿון דער מילכאָמע פּאָרט ערגעץ אַן אָטריאַד. אָבער די מילכאָמע איז דאָך צו ווײַט, אַז מע זאָל זיך אַהער קענען דערלאַנגען. זיי קוקן זיך בעסער צו, דערזעען זיי, אַז פֿון פֿאָרנט פּאָרט סווינטעצקי אויף אַ ווײַס פֿערד, אַליין אָנגעטאָן אין ווײַסן, מיט אַ שטרויענעם צווידאַשקענעם היטל אַפֿן קאָפּ. באַ די קינדער האָט זיך באַלד אָפּגעריסן אין האַרצן. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט.

די מאַכנע רײַטער האָט גיך אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט די קינדער.

די קינדער האָבן שוין מער ניט געזען, ווי נאָר דעם וואָלקן שטויב, וואָס די פֿערד האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן. דערנאָך האָבן זיי שוין דאָס אויך ניט געזען, אויסער דאָס געוויינלעכע בילד פֿון די פֿרילינגדיקע גרינע פֿעלדער איבער ביידע זײַטן שליאַך. אָבער אויך אָט דאָס שיינע בילד איז פֿאַר לוקיאַנען פֿינצטער געוואָרן איבערן קייסערס מעשאָרסים, וואָס זײַנען נאָרוואָס דורכגעפֿאָרן. זינט ער קען זיי, האָט ער זיי פֿײַנט געהאַט ביז צום טויט. באַזונדערס איצט, ווען דאָס האַרץ האָט אים אָנגעזאָגט זייער טרויעריקע זאַכן.

די קינדער האָבן פֿאַרגיכערט דעם גאַנג. זיי זײַנען געלאָפֿן פֿאַרסאָפּעטע און פֿאַר אַ האַלבער שאָ אַן ערעך דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס געווערט באַ זיי קעסיידער מער ווי אַ שאָ. אָבער שוין אין עק דאָרף האָבן זיך צו זיי דערטראָגן ווײַבערשע און קינדערשע געוויינען. געוויינען און געשרייען, ווי אַמאָל, ווען ס׳ברעכט אויס אינמיטן דער נאַכט אַ סרייפֿע.

אז לוקיאַן איז געקומען צו לויפֿן אױף די האָראָבצעס, האָט ער דער־הערט, אויסער די געשרייען, א קלאַפּעריי מיט א האקעריי און האָט דערזען א גרויסן אופגעלויף מיט א גרויסן בייזוואונדער. די סטראַזשני־קעס האָבן זיך צעשאָטן גרופּעסווײַז איבער די הויפֿן. זיי האקן די דע־כער, די ווענט, צעוואָרפֿן די שטאַלן, טאָפּטשען און ברעכן די געוויקסן ארום די שטיבער.

אין א סאך הײַזער זײַנען די באַלעבאַטים ניטאָ אין דער היים. אין שטוב האָבן די סטראַזשניקעס געטראָפֿן נאָר קליינע קינדער און אַלטע לײַט.

אויך בא לוקיאַנען האָבן זיי געטראָפֿן נאָר די קליינע קינדער און דעם בלינדן זיידן. דער טאַטע איז געווען דאָרט, ווו נאָך א סאך טאַטעס זײַנען געווען אין דער צײַט, — אױף דער מילכאָמע. די מאַמע איז נאָך ניט געקומען פֿון פֿעלד.

און די „געטרײַע באַלעבאַטים" האָבן ארויסגעפירט פֿון שטוב די ווײַנענדיקע קינדער מיטן בלינדן זיידן. זיי האָבן זיי אָפּגעלאָזט אפֿן שליאַך צווישן די פֿערד. די זאכן פֿון שטוב האָבן זיי אפגיך ארויס־געוואָרפֿן און גענומען האקן און בראָקן אַלץ, ס'זאָל ניט זײַן קיין שטוב, ס'זאָל ניט זײַן קיין שטאַל, ס'זאָל ניט זײַן קיין בוים און קיין גאָרטן... גאָרנישט זאָל ניט זײַן...

די מאַמע לוקיאַנס איז געקומען צו לויפֿן פֿון פֿעלד מיטן קאָרב קרײַטעכצער אױף דער פּלייצע און מיטן לײדיקן הלעטשיקל אין האנט. זי האָט דערזען אָט די בעהאָלע, האָט זי גענומען פאַלן זיי צו די פֿיס, קושן זיי און וויינען. נאָר אומעטום כאַפּט זי א קלאַפּ, אומעטום — א שטופּ. די אויערן בא די סטראַזשניקעס זײַנען פאַרלייגט מיט טעמפּער אכזאָריעס. קיינער זעט זי ניט, קיינער הערט זי ניט, קיינער דאַרף זי ניט. דערווײַל האָט זי דערזען דעם אָדן, דעם סווינטעצקין אליין, אינעם ווײַסן קאָסטיום, אינעם שטרויענעם הוט מיט די צוויי דאַשעקעס, ווי־אזוי ער איז געזעסן אפֿן פֿערד און אָפּגעגעבן באַפֿעלן.

ארום אים זײַנען שוין געלעגן בא די פֿערדס פֿיס עטלעכע הייזעריקע פּויערטעס, וואָס האָבן געוויינט, האָבן געפּליקט אױף זיך די לײַבער. לו־קיאַנס מאַמע האָט זיך אויך אהין א וואָרף געטאָן, האָט אָנגעכאַפּט סווינטעצקיס שטיוול און אים גענומען באוואשן מיט געשרייען און געוויינען.

— האָב ראַכמאָנעס, — שרײַט זי, — האַר געטרײַער, אף מײַנע קלײנע קינדער!.. דעם מאַן האָט איר דאָך שױן אװעקגעטריבן אף דער שכיטע, און מיך לאָזט איר דאָ הי...

זי האָט ניט באַװיזן אױסרײדן, און דער פּאָרעץ האָט איר דערלאַנגט א זעץ מיטן שטיװל איבערן מױל.

זי איז טײקעף אומגעפאַלן, און אירע ליפּן זײַנען געװאָרן באַגלײזט מיט רױטער פײַכטקײַט.

לוקיאַן, װאָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען װי א געפּלעפּטער, האָט זיך פּלוצעם דורכגעריסן דורכן אױלעם. איבער די געבױגענע װײנענדיקע פּלײצעם איז ער פלינק, װי דורך טרעפּ, אַרופגעפלױגן אפן פערדס רוקן און — גלײַך צום פּאָרעץ אף די הענט. ער האָט אים פלינק אַרומגענו־מען, אַזױ װי מע נעמט אַרום א געטרײַען מענטשן, און זיך אײַנגעביסן מיט זײַנע שאַרפע צײנדלעך יענעם גלײַך אין האַלדז אַרײַן. דער פּאָרעץ האָט מיט אימפּעט געגעבן א ריס פון זיך דאָס יִנגל, אָבער פּײַל־אױסן־בױגן האָט זיך דאָס יִנגל אים אײַנגעביסן אין האַנט אַרײַן און איז געבליבן הענגען.

דער צעיושעטער פּאָרעץ איז צעטומלט געװאָרן. פאַר שרעק האָט ער אַפילע שרײַען ניט געקאָנט. ער האָט נאָר גענומען מאַכן מיט דער פרײַער האַנט און אַרױסגעלאָזט א מעשונעדיקן קװיטש. א פּאָר סטראַזשניקעס זײַנען טײקעף אָנגעלאָפן אף די פערד און מיט די קאַנטשיקעס גענומען שלאָגן דאָס קינד, װוּהין נאָר זײ האָבן געטראָפן. דאָס קינד האָט זיך געדרײט, װי א װיון, נאָר אָפּלאָזן האָט ער עפּעס אַזױ װי אַלײן ניט געקענט, ביז אַן אַראָפּניק האָט אים דערלאַנגט, לוקיאַנען, איבערן האַלדז־און־נאַקן און פאַרכאַפּט א שטיק באַק מיט דער אײבערשטער ליפּ. דאָ האָט לוקיאַן פאַרלאָרן דאָס רעשטל ביסל באַװוּסטזײַן און איז אַראָפּגע־פאַלן. ער איז אַראָפּגעפאַלן, װי א טױטע בין, װאָס מע רײַסט דערשראָקן אָפּ פון דעם אָרט אפן לײַב, װוּ זי האָט זיך אײַנגעביסן.

די פּױערים מיט די פּױערטעס, אָנגעשטרענגטע ביז גאָר, אַז זײ האָבן דערזען, װאָס מע טוט מיטן קינד, האָבן מער ניט אױסגעהאַלטן, און ס'האָבן גענומען פליִען שטײנער אפן פּאָרעץ מיט די סטראַזשניקעס. דער פּאָרעץ האָט אַפּגיך אָפּגעטראָגן די בײנער און זיך באַהאַלטן הינטער א שטאַל. די סטראַזשניקעס זײַנען אַרױסגעשפּרונגען פון די טױקן מיט די שטאַלן, האָבן געכאַפּט די ביקסן און גענומען שיסן אינעם אױלעם.

דאָס געשלעג האָט געדויערט לאַנג. בלוט האָט זיך געגאָסן פון פּענע־מער, פון מאָרדעס, אויגן זײַנען געווען צעיושעט. אָבער געזיגט האָבן דעם קייסערס מעשאָרסים. זיי האָבן אַלע געהאַט ביקסן אין די הענט.

די זיבעציק הויפן האָט מען כאָרעוו געמאַכט. די זיבעציק מישפּאָ־כעס, וואָס באַ א סאַך זײַנען די מאַנצבלען געווען אַף דער מילכאָמע, זײַנען געבליבן אַף דער גאַס. די גערטענער צעטראָטן, די כודאָבע ארוים־געטריבן, די שטוב־זאַכן צעבראָכן, צעטראַשטשעט.

לוקיאַן איז צוויי טעג געלעגן א פּאַרטראָגענער. אַז ער איז עטוואָס געקומען צו־זיך, האָט שוין די מאַמע אין צווייטן עק דאָרף געהאַט אָפּגעשטעלט א קורין.

דערנאָך...

דערנאָך האָט זיך לוקיאַן אויפגעהויבן א צעהאַרגעטער, א צעווייטעק־טער, מיט פולע אויגן גאַל, און האָט פונדעסטוועגן געהאָלפן איבערשלעפּן די געבליבענע זאַכן. ער האָט ניט געקענט אָפּזוכן זייער הויף אַף די האָראָבצעס. נאַקעטע אויוונס, אומעטום צעבראָכענע טויערן. א סרייפע, און גאָר. פון דער שטאָל פון זייערער איז געבליבן שטיין א הויכער זשוראַ־וועל, א דאַרער איז ער, און אַזוי ווי ער ציט זיך אין זײַן נאַקעטקײַט צום הימל.

6

זומער בין איך געקומען צו לוקיאַנען אין דאָרף אַרײַן. איך האָב געזען זײַן מאַמען, זײַן קורין... געזען דאָרט דעם זיידן און די קליינע קינדער. לוקיאַן האָט שוין אויסגעזען, אַזוי ווי די ווייטעקן וואָלטן אים אָפּגעגאַנגען, נאָר ער איז געווען זייער מאָגער און האָט געכריפּעט. נאָכן עסן האָט מיך לוקיאַן אוועקגעפירט צו די כורוועס. דאָס געהילץ איז צעוואָרפן איבערן גאַנצן הויף. אַלץ איז צעטראָטן, צעמאָלן. די ווײַנשל־ביימער — ביז האַלב־צעבראָכענע. יעדער אָפּגעבראָכענער גליד, יעדער דראַפּ אַף די ביימער האָבן מיר געריסן באַם האַרצן. ס'איז זייער מאָדנע געווען צו קוקן, וויאַזוי איין צווײַג הענגט אַראָפּ א פּאַרטריקנטע, ווי א טויטער ביין, און אַף דער אַנדערער צווײַג גרינען בלעטער און ס'גלאַנצן ווײַנשל, ווי טרערן אַף קינדערשע אויגן. ער האָט מיר געוויזן צווישן די צעוואָרפענע קלעצער, וואָס זײַנען פון דער אינווייניקסטער זײַט גע־

קאלכט, דאָס בײַשטידל, ווו די לאַסטעווקעס האָבן געהאַט זייער נעסט. די נעסט איז פּונקט געווען גאַנץ און אויסגעבעט מיט פּעדערלעך. נאָר די פייגעלעך זײַנען שוין דאָרט ניט געווען, און די אייעלעך אויך ניט.

דערנאָך האָט לוקיאַן ארויסגענומען א ביכל פון א באַהאַלטן אָרט און מיר עפּעס געוויזן. ער האָט אופגעמישט דעם קייסערס בילד און געוויזן, אז ער האָט אָנגעשריבן פון אונטן „קראָוואָפּיִעץ” און האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן.

— דאָס האָסטו?... — פרעג איך אים.

— יאָ!... דערפאַר, — זאָגט ער, — וואָס ער האָט אונדז צעוואָרפן די שטוב. דו מיינסט, — זאָגט ער, — אז די סטראַזשניקעס האָבן אונדז צעוואָרפן די שטוב? ס'איז ער! די סטראַזשניקעס זײַנען פּראָסטע הינט. וואָס מע הייסט זיי, דאָס פאָלגן זיי. אָט וועסטו זען, אז מע וועט גיין צוריק פון דער מילכאָמע און אלע סאָלדאַטן וועלן נעמען די ביקסן און אָנשטעלן אף די, וואָס האָבן די סטראַזשניקעס אהער געשיקט... זיי וועלן שיסן אים... אָ, זעסט? אים וועלן זיי שיסן! זײַנע פיר מיידלעך און אלעקסייקען וועלן זיי שיסן, דעם איין־און־איינציקן בעניאָכיד זײַנעם, זײַן ווײַב און אלע בלוטזויגער וועלן זיי שיסן, מיט די גראָבע גענעראַלן און אלע הינט...

בא לוקיאַנען האָבן זיך צעבליט זײַנע אויגן, זײַן בלייך געזיכט מיט דער דינער און צעבײַלטער הויט האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן.

— דו מיינסט, — זאָגט ער, — אז מיך אַרט פאַר אונדזער שטוב? ערשט בעסער, וואָס זיי האָבן אונדז צעוואָרפן די שטוב, ערשט בעסער, וואָס זיי האָבן געשלאָגן די מאַמע. איצט וועל איך זיי ערשט פײַנט האָבן. איצט וועל איך זיי שוין פײַנט האָבן ווי ס'געהער צו זײַן, מיט אלע „הויכע לײַט”, און זייער טאַטן דעם גלן הונט צוזאַמען.

און בא לוקיאַנען האָבן געציטערט די ליפּן פון אופגעבראַכטקײַט.

לוקיאַן האָט .געהאַט א פעטער, דער מאַמעס א ברודער, וואָס האָט אויך געהייסן לוקיאַן. האָט ער ניט געוואָלט גיין אף דער מילכאָמע. ער האָט ניט געוואָלט, זאָגט ער, שיסן אין אזעלכע אַרבעטער, ווי ער איז, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען אָנגעטאָן אין דײַטשישע שינעלן, אָדער אין עסטרײַכישע. האָט מען אָט דעם לוקיאַנען (ער איז געווען אַן אַרבעטער

אין א גרויסער שטאָט) אַרײַנגעזעצט אין טורמע. פון טורמע איז ער אנטלאָפן געוואָרן, און צוויי וואָכן איז ער איבערגעווען אין בעהוני בא לוקיאַנען און זײַן מאַמען, בעשאַס ס'איז נאָך געווען זייער שטוב. דערנאָכמאָל האָט ער זיך, לוקיאַן, פון אים אָנגעהערט א סאַך זאַכן. און איצט פאַרשטיי איך ערשט, פונוואַנען ער ווייסט אַלץ וועגן דעם קייסער, וועגן די פּריצים און וועגן די אַרבעטער, וואָס וועלן אויסקערעווען די ביקסן אפן קייסער און אף זײַנע מעשאָרסים מיט די גווירים און אַלע בלוטזויגערס.

— דו מיינסט, — האָט ער זיך צו מיר דאַן אָנגערופן, — אַז מ ײַ ן טאַטע אָדער ד ײַ ן טאַטע וועלן עס אופטאָן? זיי וועלן עפּשער אויך גיין קעגן די בלוטזויגערס, נאָר אופטאָן וועלן עס אַרבעטער פון די גרויסע שטעט. זיי פאַרשטייען עס ווי ס'געהער צו זײַן. און דערנאָך, נישקאָשע, וועט שוין קיינער ניט קומען צעוואַרפן אונדזער שטוב. א שטוב וועלן מיר האָבן. אַלע, וואָס האָרעווען אליין אף זייער ברויט, וועלן האָבן שטיבער...

איך בין מעקאַנע געווען לוקיאַנען, וואָס ער רעדט אַזוי דרייסט. אבי איך האָב פריִער געמיינט, אַז ער וועט וויינען, ער וועט זיך קלאָגן. אָבער צו קיין דאָקטער האָט נאָך אים די מאַמע זײַנע ניט געפירט, וואָס ער איז אַזוי מאָגער און די אויגן גלאַנצן בא אים אַזוי, בעשאַס ער כריפּעט.

אהיים גייענדיק פון בעהוני קיין סלאָוועשנע, בין איך געגאַנגען און געקלערט, געגאַנגען און געקלערט. מיר האָט זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט, וויִאַזוי דער טאַטע גייט אהיים פון דער מילכאָמע, דערנאָך קערעוועט ער זיך אויס און גייט אַוועק מילכאָמע האַלטן מיטן קייסער אַליין.

און מיר שטעלט זיך פאָר, וויִאַזוי איך גיי צו מיכליען, צו דער כריפּלעווער, אָפּנעמען א בריוו פונעם טאַטן, און אינעם בריוו שרײַבט זיך... סע שרײַבט זיך דאָרטן, אינעם בריוו, אַזוי:

„טײַער ווײַב מײַנס ליבע און מײַן טײַערער זון בונימקע, לעבן זאָלט איר און זײַן געזונט. איך קאָן אײַך שרײַבן, אַז דעם קייסער האָבן מיר שוין צעהאַקט אף דרײַ פערטל. נאָך א פערטל דאַרפן מיר צעבראָקן. זאָרגט זיך ניט, ס'איז גאָלע טרוך. א האַק — און ס'קרישעט זיך אָפּ, א האַק — און ס'פּאַלט אָפּ. מירן ניט שאַנעווען אויך דאָס ווײַב זײַנס מיטן „נאַסליעדניק". מיט די מיניסטאָרן און מיט דער גאַנצער סוויטע.

דערנאָך וועלן מיר קומען אהיים און זיך נעמען צו סווינטעצקין מיט זײַנע לײַט, אויב זיי זײַנען זיך נאָך ניט צעלאָפן. אין שטאָט וועלן מיר מאכן אַן אָרדענונג, נישקאָשע, א ביסל לײַטישער, ווי ס'איז געווען ביז איצט. לאַוורין וועט אויכעט קומען מיט מיר צוזאמען..."

אז איך בין אַרײַן אין שטוב, איז שוין געווען נאכט אין דרויסן. די מאמע האָט געווישט באַם טיש דאָס גלעזל פון לאָמפּ. די ערשטע פראגע מײַנע איז געווען:

— מאמע, פאראן פונעם טאטן א בריוו?.. נו, וואָס שרײַבט ער?

זינט יענעם פארנאכט איז שוין אוועק זעכצן יאָר. איך בין שוין ניט אין סלאָוועשנע, נאָר אין א גרויסער סאָוועטישער שטאָט מיטן נאָמען קיִעוו.

אונדזערע טרוימען, ווי קינדעריש־קליינשטעטלדיק מיר האָבן זיי זיך ניט פאָרגעשטעלט, זײַנען דאָך מעקוּיעם געוואָרן.

און איצט, איצט האָט א בלעטל פונעם קאַלענדאר מיך ארויסגעפירט און מיטאמאָל פאר מיר לעבעדיק געמאכט אָט די אַלע זיכרוינעס. דעם 16 יול האָיאָר רײַס איך אראָפּ א בלעטל פונעם קאַלענדאר, קער איבער אויף דער לינקער זײַט און לייען:

„וויִאזוי מע האָט געשאָסן דעם בלוטיקן צאר ניקאָלײַ דעם צווייטן".

פאר מיר איז עס ניט קיין נײַס. נאָר איך לייען עס גערן א היפּש ביסל מאָל:

„אין יעקאַטערינבורג, איצט סווערדלאָווסק... דער אוראַלער געגנט־קאָמיטעט איבער די און די סיבעס... געמאָלדן זיי די באַשטימונג... אין דער זעלבער נאכט צעשאָסן... ניקאָלײַ ראָמאנאָוו, זײַן ווײַב, זײַן זון, פיר טעכטער און פינף נאָענטע קרויווים".

דער זון מיט די פיר טעכטער האָבן זיך מיר אײַנגעשניטן אין זיכּאָרן מער ווי אַלע איבעריקע. וועלכע זײַנען זיי געווען ביכלאַל, און וויִאזוי האָבן זיי אויסגעזען אין דער לעצטער שאָ. צי האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין זייער געדאַנק אויף איינעם א יאַטל מיטן נאָמען לוקיאַן האָראָביי, וואָס האָט אין עלטער פון צען־צוועלף יאָר זיי ארויסגעטראָגן א טויט־אורטייל? ער איז געווען איך־ווייס־ווו. זיי — איך־ווייס־ווו. ער — א קינד, זיי — קינדער, און ער האָט זיי ארויסגעטראָגן אן אורטייל.

— „אים“, — זאָגט ער און ווײַזט אויף דעם בילד מיטן געלן בערדל און מיט די אויסגעשטאָכענע אויגן, — אָ, דו זעסט? „אים“ וועלן זיי שיסן. זײַנע פיר מיידלעך און אלעקסייקען, דעם איין־און־איינציקן זון, זײַן ווײַב וועלן זיי שיסן, און אלע בלוטזויגערס וועלן זיי שיסן.

ליבער לוקיאַן, איך וואָלט צו אים געשריבן א בריוו, איך וואָלט גע־פאָרן זיך זען מיט אים. נאָר איך וועל אים אין ערגעץ ניט טרעפן. לוקיאַן האָט אפילו קיין יאָר ניט אויסגעלעבט נאָך די נאהײַקעס מיט די פויסטן, וואָס דערוואקסענע טאַליאַנישע הענט האָבן געהאָגלט אויף זײַן קינדערשן שוואכן גוף.

לוקיאַן האָט ניט דערלעבט צו זען מיט זײַנע אויגן אָט די ענדערונ־גען, וועלכע ער האָט מיט זײַן אויפגעוואכטער קינדערשער פאנטאַזיע פאר מיר דאַן אזוי דרייסט געמאָלט.

ליבער לוקיאַן, איך האָב דאָ בלויז געוואָלט פארצייכענען אויף עטלעכע בלעטלעך דײַן ליכטיקן אָנדענק.

1932

אונדזער קליינינק דינסטמיידעלע לאַנע

1. איך וואַרט אַף אונדזער דינסט

באַ אונדז אין האַרבאַרניע אַרבעט מען אויס פעלן אַף יוכטן. יוכטן, וואָס מע קען פון זיי נייען עמעסע שטיוול. מײַן טאַטע קען זייער גוט די מעלאָכע, אַלע אַרבעטער זײַנען אים מעקאַנע און קומען צו אים זיך לערנען.

אַז ס'שטעלט זיך באַ אונדז אין שטאָט אַ יאַריד, האָט דער טאַטע קיין צײַט ניט צו אַרבעטן, די מאַמע טרײַבט אים, ער זאָל גיין האַנדלען, אַלע האַר־באַרעס האַנדלען, דאַרף ער אויך גיין. פאַרשליסט ער די האַרבאַרניע אין הויף, עסט אָפּ אַ גוטן אָנבײַסן און גייט אַוועק אַפן יאַריד אַלצדינג אופקויפן.

ער קויפט וואָס ס'מאַכט זיך: אַ קרענצל ציבעלעס, אַ פּאָר מאַקוכעס, און אַ פעלכל, און האָבער פאַרן פערד. אַלע זאַכן ברענגט מען אַהיים און מע שיט אויס אין קיך אַפן סאַמע דורכ־גאַנג, און מע לויפט ווײַטער אַפן יאַריד, ווײַל ווינטער, — זאָגט די מאַמע, — איז דער טאָג אַ קליינער. איידער מ'קוקט זיך נאָר אַרום, דאַרף מען זיך שוין לייגן שלאָפן. דערנאָך קומען נאָך צו אונדז צו פאָרן שוסטער פון אַלע דער־פער. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי קיין צײַט ניט עסן קיין וואַרמעס, ווײַל אין אַ יאַריד עסט מען ניט, און נאָר אַפדער־נאַכט קלײַבט מען זיך אַלע צונויף און מע עסט וועטשערע.

באַם טיש איז אַן ענגשאַפט. די שוסטער פון די ווײַטע דערפער בלײַבן באַ אונדז קעסיידער נעכטיקן.

זיצן מיר: די שוסטער די דאָרפישע, זייערעביידע פורמאַנעס און דער טאַטע מיט מיר (די מאַמע האָט קיין צײַט ניט זיצן באַם טיש, זי דאַרף דערלאַנגען אַלעמען דאָס עסן). איינער פון די פורמאַנעס, אַז ער קומט צו פאָרן, ברענגט ער קעסיידער זײַן ווײַס הינטל. דאָס הינטל איז אַ ווײַס׳ און אַ לאַנגס, פון אַ פרעמדן דאָרף איז עס. און אַז ס׳זיצט אַפן וואָגן, וועט שוין קיינער גאָרניט צונעמען פון וואָגן. אַפילע מיר, וואָס ס׳איז אונדזער אייגענער הויף, האָבן מיר אויך מוירע אַרײַנטראָגן האָלץ פון שטאַל, ווײַל דאָס הינטל זיצט אַפן וואָגן און גיט אַף איטלעכן זייער אַכטונג.

באַם טיש שיילט מען געקאָכטע קאַרטאָפל, באַם טיש לויבן די שוסטער אונדזער קרויט און אַלע מאָל צעבינדן זיי זייערע פעקלעך, וואָס זיי האָבן געקויפט אַפן יאַריד, און זיי ציילן און שאַצן זייערע סכוירעס. און אַז איך זיץ און שרײַב מײַן פאַפיר, זאָגן די שוסטער, אַז איך שרײַב זייער שיין. איינער זאָגט, אַז ער האָט אין דאָרף זייער אַ שיין מיידעלע, וועט ער זי מיר בּרענגען פאַר אַ קאַלע. איך קוק אי אַף אים, אי אַף מײַן מאַמען. אַף דער מאַמעס פּאָנעם קאָן איך דערקענען, צי ס׳איז עמעס, וואָס ער וויל מיר ברענגען פון דאָרף זײַן מיידעלע פאַר אַ קאַלע, צי דאָס רייצט ער זיך נאָר מיט מיר.

רופט זיך אָן די מאַמע צו די שוסטער און זי זאָגט:

— איר וואָלט מיר בעסער גאָר נאַרײַעט עפּעס אַ מיידעלע אין שטוב אַרײַן, זי זאָל מיר העלפן טאָן.

אַז די מאַמע האָט אַזוי געזאָגט, האָט שימען מיט דער שוואַרצער באָרד אַ קוק געטאָן אַף קאַלמענען, וואָס מיט דער געלער באָרד. דערנאָך האָט קאַלמען מיט דער געלער באָרד אַ קוק געטאָן אַף שימענען מיט דער שוואַרצער באָרד, און זיי זאָגן, אַז יאָ. זיי קענען ברענגען נאָסן דעם קאַוואַנקערס מיידעלע, לאַנען, צו אונדז אין שטוב אַרײַן פאַר אַ דינסט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער מאַמען זאָגן די שוסטער געוויס ניט קיין ליגן, ס׳וועט מיר טאַקע זײַן גוט, וואָס באַ אונדז אין שטוב וועט זײַן נאָך אַ מיידעלע. איך האָב געוווּסט, אַז באַ איר, באַ דעם מיידעלע, איז געוויס דאָ אַ מאַטראָסנע בלוזקעלע מיט רויטע סטענגעס אין די צעפּעלעך, אַזוי ווי איך האָב געזען איינמאָל אַ מיידעלע, וואָס מע האָט געבראַכט צוגאַסט צו אונדז אין שטאָט, פון ערגעץ אַן אָרט, איך האָב פאַרגעסן ווו.

אױף מאָרגן זײַנען די שוסטער גאַנצפֿרי אװעקגעפֿאָרן, האָב איך שױן געגומען װאַרטן אױף דעם מײדעלע.

איך האָב געװאַרט א װאָך, איז זי ניט געקומען, און איך האָב נאָך געװאַרט צװײ פֿרײַטיקס, און זי איז נאָך אַלץ ניט געקומען. איז געװאָרן טיף װינטער, מ׳האָט שױן אָנגעהױבן גײן אין „שקאָלע״ צום צװײטן טרימעסטער, און איך האָב זיך שױן פֿאַרגעסן פֿונעם מײדעלע.

אײנמאָל װינטער איז װײַטער א יאַריד אין שטאָט. אױף א יאַריד לערנט מען בײַ אונדז ביז האַלבן טאָג. און דער יאַריד צעברענט זיך אױף ערשט פֿון האַלבן טאָג. דער גאַנצער מאַרק איז אָנגעשטעלט מיט א סאַך דאָרפֿישע פֿורן. פֿאַר די קלײטן הענגען ברײטע ברענענדיקע טוכן, און ס׳איז א שטופּעניש. דער פֿראָסט סקריפּעט אונטער די פֿיס, דער שנײ — אונטער די שטיװל. גײ איך מיט אַלע ײִנגלעך פֿון שול אַהײם, מיר טראָגן די ביכלעך אױף די פּלײצעס, און מיר שטעלן זיך אָפּ לעם א בײַדל, פֿאַרקױפֿט מען דאָרט „אַבראַזן״ און אַלערלײ „קאַרטינעס״.

גײ איך א ביסעלע װײַטער, פֿאַרקױפֿט מען דאָרט אױף טישלעך צוקערקעס, מיט ביכלעך און מיט צאַצקעס. אַנדערע צאַצקעס זײַנען אַלײן פֿון הױלער צוקערקע. פֿאַראַן קאַטשקעלעך אַזעלכע, װאָס אי די פֿיסעלעך, אי דאָס קעפּעלע, אי דאָס בײַכעלע מיט אַלצדינג זײַנען פֿון הױלער צוקערקע. און בלעכער שטײען נאָך מיט װײַסן בלעכענעם געפּעס. קלער איך שױן מער פֿון גאָרניט, נאָר איך קלער, אז װען איך האָב געלט, קױף איך פֿינף ביכלעך און פֿינף קאַטשקעלעך פֿון צוקערקעס מיט אײנעם א גרױס בלעכערן מעלקשעפֿל. בײַ אונדז איז די בעהײמע א רױטע מיט א װײַסן שטערן, דאַרף מען צו איר האָבן א בלעכערן מעלקשעפֿל מיט א זײַערל, אַזױ װי בײַ די דײַטשן.

די שליטנס װילן מיך איבערפֿאָרן, און מענטשן װילן מיך צעטרעטן. אַזױ געדיכט איז דער יאַריד. אָבער איך בין א קלײנער נאָך, גײ אומעטום דורך צװישן, און איך קום אַרױס א גאַנצער. א פֿרעמד לאָשעקל האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין סאַמע עק מאַרק און האָט ניט געקענט געפֿינען זײַן שליטן. האָט זיך מיר זײער געגלוסט פֿאַרקערעװען דאָס לאָשעקל און פֿאַרטרײַבן צו זיך אַהײם. איך האָב פֿאַרגעסן פֿון די קאַטשקע-צוקערקעס און גענומען קלערן, אז איך קאָן געבן דעם לאָשעקל אַלע טאָג עסן, װעט בײַ מיר אױסװאַקסן א פֿערד, שױן אײנמאָל א פֿערד...

דערווײַל האָב איך דערזען צווישן די מענטשן די מאַמע מײַנע. און די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי מיך גענומען רופן:

— פּערטשיק! — האָט זי גענומען רופן. — גיכער, נעם פיר אָפּ אָט דעם־אָ, מיט דער פּעל, אהיים, זאָג דעם טאַטן, אַז איך האָב זיך אויסגעדונגען צען גילדן ארבעט־געלט.

— גוט! — זאָג איך. און איך גיי שוין אוועק מיטן פויער און מיט דער פּעל, וואָס בא אים אף די פּלייצעס, גלײַך צו אונדז אהיים.

בא אונדז אין דער היים זײַנען אין הויף שוין ווײַטער געשטאַנען שוסטערשע פורן און ווײַטער ס׳ווײַסע הינטל אפן שליטן, און אונדזער בעהיימע איז געשטאַנען אפן הויף און געקײַט די זשוּיקע, האָט זי אפילע ניט געוואָלט צוגיין צו די שליטנס מיט היי. דאָס היי איז, ווײַזט אויס, געווען פּערדישס.

און אין קיך איז בא אונדז ווײַטער אָנגעוואָרפן אזוי ווי אף א יאריד. ס׳ליגן זעק מיט קאַרטאָפל, זעק מיט פּאָלעווע און מאַקוכע און א זעקס געבונדענע ראַבע גענדזלעך.

אזוי קיין מענטשן זײַנען קיינער ניטאָ. נאָר איך גיב א קוק אין סאַ־מע ווינקעלע, ווּהין ס׳האָט זיך פאַרוקט איינע פון די גענדז, זיצט עפּעס אזוי ווי א מיידעלע. בין איך אנטלאָפן אין שטוב אריין, און פון טיר האָב איך גענומען קוקן אף איר מיט איין אויג, זי זאָל מיך ניט זען... קוקט זי אָבער צו מיר אויך.

אין שטוב, אַז עמעצער קומט אריין, לייגט ער עפּעס אוועק, אָדער מע נעמט עפּעס צו און מע גייט זיך באלד צוריק אוועק. און דאָס מיידע־לע איז עפּעס אזא מאָדנע. זי גייט אין א צעלעכערט פּעלצעלע און אין צוויי אָפּגעריסענע שטיוול פאַרבונדן מיט שטריקעלעך. איך האָב געוואָלט, זי זאָל זען, אַז מײַן טאַטע האָט טאַקע א פידל. אונדזער פידל ליגט אפן שאַפע אין א לײַוונטענער טאָרבע. האָב איך זי אראָפּגענומען און גענומען דרייען די פּלעקעלעך פון די סטרונעס. איין סטרונע האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און זי איז גלײַך אפן אָרט צעלאָפּעט געוואָרן. האָב איך גיכער געכאַפּט און באַהאַלטן צוריק דעם פידל און פרעג עס שוין דאָס מיידל אפן קיך מיט א קאַס:

— וואָס טוסטו דאָ?

שווײַגט זי.

— וויאַזוי רופט מען דיך?

זאָגט זי שטילערהייט:

— לאַנע.

אז איך האָב דערהערט „לאַנע", האָב איך שוין געוווּסט, אז דאָס איז דאָס קאַוואַנקער מיידעלע.

פרעג איך בא איר:

— און וועמענס זײַנען עס די גענדז? דײַנע?

זאָגט זי:

— ניין.

— טאָ וועמענס זשע, די שוסטערס?

זאָגט זי:

— יאָ, ס'איז די שוסטערס.

— און דײַן טאַטע איז אויך א שוסטער? — פרעג איך.

זאָגט זי:

— פונוואַנען ווייסטו?

זאָג איך, אז איך ווייס ניט. איך פרעג נאָר אזוי.

זאָגט זי:

— מײַן טאַטע איז טאַקע א שוסטער, נאָר ער האָט ניט וואָס צו נייען, מאַכט ער אויוונס אפן דאָרף.

— און וויפל ביסטו אַלט?

זאָגט זי:

— צען יאָר.

— און מיר איז שוין אכט יאָר, — זאָג איך, — גיי איך שוין אין דער ערשטער גרופּע.

זאָגט זי:

— דאָס ביסטו דער באַלעבאָסטעס ייִנגעלע?

— זאָג איך:

— וועלכער באַלעבאָסטעס?

זאָגט זי:

— דײַן מאַמעס?

זאָג איך:

— אוואדע בין איך מײַן מאַמעס! — און איך שלעפּ ארויס פון אויוון פּאַמפּושקעס. אז סע איז א יאריד, קאָן מען בא אונדז שלעפּן

פון אויוון וואָס מע וויל. קיינער מישט זיך בא אונדז ניט, כאָטש נעם און טראָג ארויס די גאנצע שטוב.

די פּאמפּושקעס זײַנען מיט מאָן. וויל איך אליין ניט עסן. איך וויל, עס זאָל אויך עסן לאנע. גיב איך איר. זאָגט זי א דאנק, און זי עסט. און איך רוף זי אין דרויסן. איך פארפיר זי אין הויף און ווײַז איר, וויאזוי די הילצערנע ראָד פון דער מאשין דרייט זיך בא אונדז אין שאָפּע, און איך ווײַז איר, וויאזוי מע קען פאָרן אף דער ראָד. דערווײַל דערהער איך א געשריי. די מאמע שרײַט, אז ס׳זײַנען אָפן אלע טירן, ס׳איז א פולע שטוב מיט הינט און זיי שלעפּן די פעל.

— ווער האָט עס געלאָזט אָפן די טירן? — פרעגט זי מיך, די מאמע, — ס׳דו צי לאנע?

קוק איך אף דער מאמען און שווײַג.

— איך ווייס ניט, — זאָג איך, — ווער ס׳האָט געלאָזן אָפן די טירן, ס׳ניט איך און ניט לאנע...

2. וויאזוי לאנע איז ניט פארבלאָנדזשעט געוואָרן

אונדזערע שכיינים זאָגן, אז די מאמע האָט מאזל, וואָס לאנע איז בא אונדז א גוטע דינסט. איר ארבעט, זאָגן זיי, איז גאָלד מיט זילבער. און די מאמע זאָגט, אז איינעם דאכט זיך, אז באם צווייטן לאכט זיך.

פרײַטיק זומער, אז מע באקט בא אונדז קנישעס, לייגט זיך לאנע אנידער אָפן גאנעק און טראסקעט מיט די פיס אין דער ערד, זי שרײַט, אז זי וויל נאָך קנישעס.

די מאמע זאָגט, אז ס׳שוין אזא דינסט האָבן אונדז די שוסטער נארײַעט, אז מע דארף צו איר אליין דינגען א ניאנקע.

אז די מאמע זאָגט, זי וועט צו איר דינגען א ניאנקע, צו לאנען, קרימט זי זיך נאָך איר, לאנע, אזוי ווי מײַן מאמע וואָלט קענען זאָגן א ליגן. און איך ווייס, אז מײַן מאמע זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגן, און לאנע קען אויך ניט זאָגן קיין ליגנס. זי זאָגט, אז א מענטש, וואָס זאָגט ליגנס, קען ער נאָך דעם זעלבן טאָג אוועקשטארבן.

איז טאקע פארנאכט, שאבעס, אז די מאמע שלאָפט און אלע שלאָפן, דערציילט זי מיר, לאנע, דעם גאנצן עמעס, וויאַזוי זי איז אוועקגעפאָרן צו אונדז אין שטאָט אריַין פאר א דינסט.

איר טאטע, דערציילט זי, האָט זייער א סאך קינדער. פון אנדערע האָט ער זיך אפילע פארגעסן, וויאַזוי מע רופט זיי. דאָס זיַינען די גרעסערע שוועסטער אירע, כאשקע און יענטע, און דאָרטן נאָך שוועסטער. די שוועסטער אירע דינען שוין אזוי לאנג אינדערפרעמד, אז זיי האָבן שוין געקערט לאנג כאסענע האָבן.

— בא איַיך איז א גרויסע שטוב? — פרעג איך זי, לאנען.

זאָגט זי:

— אָהאָ! בא אונדז איז די שטוב אזא גרויסע, אזוי ווי גאָרניט. אונדזער שטוב שטייט מיטן גאלעכס שטוב איינס אנטקעגן ס'אנדערע. און אז מיַין טאטע האָט געקערט דעם קוימען באם גאלעך אפן דאך, איז ער איינמאָל אראָפּגעפאלן און זיך שיר ניט געהארגעט איַינגאנצן אף טויט.

דער גאלעך האָט זיך דערשראָקן, דערציילט זי, לאנע, און ער האָט זיי אריַינגעטראָגן א גאנצן פוד מעל אין שטוב אריַין. און אלע ייִדן פון זייער דאָרף האָבן זיך אויך דערשראָקן, האָבן זיי זיך אָנגעקליבן אלע, מע האָט אים געלייגט נאסע שמאטקעס צום קאָפּ און מע האָט געסמאָטשקעט מיט די ליפּן.

— און די מאמע וואָס האָט געטאָן? — פרעג איך זי.

— די מאמע? — זאָגט זי, לאנע, — ס'דענסטמאָל געווען אזוי. דער טאטע איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן אפן קאסטן און געקרעכצט שטילינקערהייט, און די מאמע האָט געוויינט און פארקנאָטן פונעם גאלעכס מעל פלעצלעך. האָבן מיר אלע געגעסן.

דערנאָך, דערציילט לאנע, איז איר טאטע שוין געווען שלאָף א גאנצן זומער. זיַינען זיי א גאנצן זומער געזעסן הונגעריקע, און זי פלעגט מיט נינען דער גאלעכטעס באקן ברויטעלעך.

— דו מיינסט, — זאָגט זי, — אז טאקע עמעסע ברויטעלעך? ניין! ס'פון בלאָטע פלעגן מיר מאכן קאָרענע און פון ליים — ווייצענע. דערנאָך פלעגן מיר זיי אָפּבאקן אף דער זון, האָט מען זיי ניט געקאָנט עסן, וואָרעם זיי האָבן געטרישטשעט אונטער די ציין. דערנאָך זיַינען געקומען קאלמען דער גאלער מיט שימענען דעם שווארצן פונעם יאריד,

האָבן זיי געזאָגט מײַן טאַטן, אַז זיי האָבן מיך שוין באַשטעלט אין שטאָט אַרײַן צו אײַך אין האַרבאַרניע פאַר א דינסט.

— נו, איז וואָס געווען?

— איז וואָס געווען, פרעגסטו? דער טאַטע האָט זיי אָנגעדאַנקט א פולן קאָפּ, און איך מיט דער מאַמען האָבן מיר זייער שטאַרק געוויינט.

— פאַרוואָס זשע, — פרעג איך, — האָט איר עס געוויינט?

זאָגט זי:

— אַז מע דאַרף אַוועקפאָרן פון דער היים, וויינט יעדערער. באַשקע מיט יענטען האָבן אויך געוויינט, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן.

דערנאָך, דערציילט זי, לאַנע, אַז זי האָט זיך טאַקע באַרימט פאַר ניַנען דער גאַלעכטעס, וואָס זי פאָרט אַוועק אין שטאָט אַרײַן אין האַר־באַרניע פאַר א דינסט, האָט איר ניַנע מעקאַנע געוועזן און ווייַנען האָט זי געוויינט הינטערן שטאַל באַ זיי אַפן בערגעלע.

— דערנאָך, — זאָגט זי, — האָב איך זיך צעטיילט מיט ניַנען מיט די ברויטעלעך, האַלב איר און האַלב מיר, מײַנע האָב איך צעבראָכן אַף פּיץ־פּיצלעך, און איך בין אַוועקגעפאָרן צו אײַך.

איך ווייס, אַז לאַנע דערציילט אַלצדינג עמעס, וואָרעם מײַן מאַמע זאָגט אויך, אַז לאַנעס טאַטע איז זייער אַן אָרעמער.

אַז לאַנעס טאַטע קומט אַראָפּ צו אונדז צוגאַסט, פּיפּקעט ער די ליולקע. באַ אים זײַנען גרויסע ברעמען אַריבער די אויגן און א גרויסע דאָרפּישע באָרד. אַז ער קומט, זעצט ער זיך אַנידער אינמיטן שטוב אַף א בענקל, די טאָרבע לייגט ער אַנידער אַף דער ערד, דעם שטעקן אויך, און ער טרײַבט אָן לאַנען, זי זאָל טאָן איר אַרבעט.

— טו, טו, — זאָגט ער צו איר, — פויל זיך ניט.

— האָרכסטו, — זאָגט ער, — האָרעווע, מיידעלע, וועסטו האָבן א קליידעלע, — און ער פּיפּקעט די ליולקע.

איבער זײַנע גרויסע ברעמען זעט מען ניט, צי ס'איז באַ אים דאָ ערגעץ אויגן אין פּאָנעם, צי ניין.

אַז איך בין איינמאָל געגאַנגען פון שול, איז לאַנע צו מיר אַרויסגע־לאָפן אַפן גאַנעק און זי זאָגט:

— פּערטשאַ, הא, פּערטשאַ! דו ווייסט, ווער ס'איז געקומען?

— ווער? — זאָג איך.
זאָגט זי:
— מײַן טאַטע איז געקומען.
— מיט א פור? — זאָג איך.
זאָגט זי:
— ניין, מײַן טאַטע גייט קעסיידער צופוס.
איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין קיך און זיך שוין געשעמט גיין אין שטוב אַרײַן. דערנאָך בין איך אַרײַן, האָב איך אים געגעבן מיט דער רעכטער האַנט שאָלעם, און ער האָט מיר צוגעהאַלטן די האַנט און ניט געוואָלט אָפּלאָזן.
אַז לאַנעס טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען נאָך וואַרמעס מיט זײַן שטעקן און מיט דער טאָרבע פאָרן צוריק צופוס אַהיים, האָט באַ מיר לאַנע גענומען אַ פּערטל פּאַפּיר און אָפּגעגעבן אים פאַר איר ברודערס וועגן. ער זאָל זיך דאָרט לערנען שרײַבן. און מיר האָט זי געזאָגט, אַז איר טאַטן איז בעסער, ער גייט צופוס.
— פאַרוואָס, — פרעג איך, — איז אים בעסער, וואָס ער גייט צופוס?
זאָגט זי, אַז דערפאַר איז בעסער, ווײַל זי איז געזעסן אויפן שליטן, בעשאַס זי איז געפאָרן צו אונדז פאַר אַ דינסט, איז זי אַנשלאָפן געוואָרן און איז אַראָפּגעפאַלן פונעם שליטן.
— טאַקע אַף אַן עמעס? — פרעג איך זי.
זאָגט זי:
— זאָל איך ניט דערלעבן מאָרגן.

וויפל די מאַמע האָט ניט געלערנט לאַנען, זי זאָל זיך ניט שווערן מיט קיין שוועס, קען זי זיך אַלץ ניט אָפּגעוווינען. באַ זיי אין דער היים, זאָגט זי, פלעגט זי זיך פאַר יעדער פּיצעלע שווערן מיט שוועס.
— איז וואָס זשע איז געווען, — פרעג איך זי, — אַז דו ביסט אַראָפּגעפאַלן?
זאָגט זי, אַז ס'איז גאָרניט געווען. זי איז געלעגן אויפן שניי און איז געשלאָפן, ביזוואַנען ס'זײַנען געפאָרן נאָך פורן אויפן יאַריד, פאָרן זיי, די פורן, און זיי פאָרן, פלוצעם דערשרעקן זיך די פערד, און זיי טוען אַ שפּרונג אין אַ זײַט. איז דער פויער אַראָפּגעקראָכן פונעם שליטן,

און ער האָט דערזען, אַז עפּעס אַ מיידעלע שלאָפט אויפן שניי. האָט ער מיך אויפגעוועקט און דערזען, אַז ס'איז איך. זאָגט ער:

— „טשי טי ניסיעלעוונאַ דיוואָטשקאַ?" (ביסט ניסלס מיידעלע?).

זאָג איך:

— „עהע" (יאָ).

זאָגט ער:

— „שאָ טי טוט ראָביש?" (וואָס טוסטו דאָ?).

— זאָג איך, אַז איך פֿאָר אין האַרבאַרניע אַרײַן פֿאַר אַ דינסט.

— נו, איז וואָס געווען ווײַטער?

— נו, איז ווײַטער אַזוי געווען: אַז איך בין שוין אוועקגעפֿאָרן מיט אים, באַ אים איז געווען אַ פֿולער שליטן גענדז, בין איך געזעסן צווישן די גענדז, איז מיר געווען וואַרעם. און דערנאָך זײַנען מיר פֿאַרפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן. אוי־וויי, מאַמעלע, ס'אַ סאַך פֿורן ס'האָבן זיך דערנסטמאָל געטאָן אין שטאָט, אַז מע האָט אין ערגעץ ניט געקענט קיין שפּילקע דורכשפּאַרן.

— האָסטו מוירע געהאַט? — פֿרעג איך.

זאָגט זי:

— אוואַדע האָב איך מוירע געהאַט. מיר האָבן זיך פֿאַרוקט ערגעץ אינמיטן מאַרק באַם סאַמע עק, צווישן די פֿורן, און איך האָב שוין גאָרניט געוווּסט, וווּ איך בין. אַלע רעגע זײַנען געקומען ווײַבער טאַפּן די גענדז, האָט ער זיי געזאָגט, דער „כאַזיאַין", אַז ס'ניט זײַנע — ער פֿירט אין האַרבאַרניע אַרײַן! דערנאָך האָט ער מיך פֿאַרפֿירט אינײַנעם מיט די גענדז און מיט דער פֿעל צו איײַך.

— דאָרטן איז געווען אַ וואַלד, — פֿרעג איך, — וווּ דו ביסט אַראָפּגעפֿאַלן?

— אָהאָ, — זאָגט זי, — נאָך אַ מין וואַלד. דאַכט זיך, אַז אונטער יעדער בוים האָט דאָרט געקענט זיצן אַ וואָלף.

— נו, ביסטו ניט פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן?

— ניין, — זאָגט זי, — איך האָב אַפֿילע אַף קיין קאַפּ ניט פֿאַרבלאָנדזשעט. אַז מע האָט מיך פֿאַרפֿירט צו איײַך, האָט מען פֿריִער אַראָפּגעטראָגן די גענדז, דערנאָך האָט מען מיך אַרײַנגעפֿירט אין קיך אַרײַן, איך זאָל זיך אָנוואַרעמען, האָב איך זיך אוועקגעזעצט אין קיך אין אַ ווינקעלע און בין געזעסן.

3. וויאַזוי ס'איז ווינטער א מוירע צו גיין אין מיל אַרײַן

לאַנע האָט געקענט זייער שיינע מײַסעס דערציילן. איין מײַסע קען זי פונעם זומער מיטן ווינטער. וויאַזוי דער ווינטער זאָגט צום זומער:
— זומער, זומער, וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע היצן? די אָרעמעלײַט וועלן דאָך דיר דײַנע ביינער פאַרשמיצן.
זאָגט דער זומער צוריק צום ווינטער:
— ווינטער, ווינטער, וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע קעלטן? די אָרע־מעלײַט וועלן דאָך דיר דײַנע ביינער פאַרשעלטן.
ווינטער באַנאַכט פליקט זי, לאַנע, פעדערן לעם דער הרובע און זי דערציילט קעסיידער די מײַסע וועגן דעם זומער מיטן ווינטער און פון דער זאַווערוכע מיט דער מעטעליצע.
און די מאַמע זאָגט טאַקע, אַז הײַנט איז אַזאַ ווינטער, אַז זינט זי געדענקט, איז נאָך אַזאַ ווינטער ניט געווען. איין מאָל נאָר, אַז זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, האָט געשאָטן אַזאַ שניי, אַז די פּלויטן האָבן זיך שוין ניט ארויסגעזען.
— איז מען געפאָרן איבער די פּלויטן? — פרעג איך.
זאָגט לאַנע, אַז בעשאַס ס'איז אַ גרויסער שניי, קען מען פאָרן אַפּילע איבער די הויכע ביימער און איבער די דעכער פון די הײַזער און מ'זאָל ניט אַראָפּפאַלן. און בא זיי אין דאָרף, דערציילט זי נאָך, לאַנע, איז געפאָרן אַ שליטן מיט „כאַזיאַיִנעס" צוגאַסט אינעם צווייטן דאָרף און ס'האָט געשאָטן אַ גרויסער שניי, זײַנען זיי אַרײַנגעפאָרן מיט די פערד אין אַ גרויסן יאַר, און דער שניי האָט זיי פאַרשאָטן מיט די פערד איניינעם, איז שוין דאָ אַזויפיל יאָר דערינען, האָט מען זיי נאָך הײַנט אויך ניט אָפּגעזוכט.
אַז לאַנע דערציילט אַזעלכע מײַסעס, האָב איך מוירע ווינטער באַ־נאַכט אַרויסגיין צו אונדז אין הויף אַרײַן. נאָר באַטאָג איז גאָרניט, באַטאָג האָב איך קיין מוירע ניט.
בא לאַנען זײַנען נאָך ניט געווען קיין שיך, איז זי געווען געגאַנגען אין מײַן טאַטנס אַלטע שטיוולעטן. אַז זי פלעגט גיין אינדערפרי צו דער מילנערן נאָך מילך און אָנעמען פולע שיך מיט שניי, פלעגט זי דערנאָך וויינען און צעשמיצן ביידע שיך איבערן פּאָל.

איינמאָל אינדערפרי שטייען מיר אויף, שיט א גרויסער שניי אין דרויסן און ס'בלאָזט א גרויסער ווינט אין דרויסן. האָט זיך לאַנע אײַנ־געוויקלט אין דער מאמעס זשאקעט, האָט זיך ארומגעבונדן מיט א האַנ־טעך, דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן דעם טאטנס הענטשקעס און איז אוועק אין מיל אַרײַן נאָך מילך. בא דעם מילנער זײַנען גוטע בעהיימעס; ווען מע קומט צו אים, האָט ער מילך. און אונדזער בעהיימע, אז זי פאַרלאָזט זיך אַף ווינטער, וויל זי שוין גאָרניט געבן קיין מילך.

אז איך האָב זיך אָנגעטאָן מיט אַלע זאכן שוין גיין אין שול אַרײַן, האָט מיר די מאמע געהייסן, איך זאָל זיך אויסטאָן צוריק און ניט גיין הײַנט אין ערגעץ, דערפאַר, זאָגט זי, וואָס מע האָט הײַנט געפונען אין דרויסן פאַרפרוירענע בערן.

— טאָ פאַרוואָס זשע איז לאַנע אוועק אין מיל אַרײַן? — פרעג איך זי.

האָט מיר די מאמע געזאָגט, אז דער מילנער האָט א ביקס, וועלן אהין די בערן ניט קריכן.

נו, גוט, בין איך געבליבן אין שטוב און בין געלאָפן אַלע רגע צום פענצטער, קוקן, צי לאַנע גייט שוין.

אין דרויסן איז געגאַנגען אזא שניי, געווען אזא זאווערוכע, אז מע האָט גאָרניט געקענט זען. וואָרעם דער שניי האָט זיך געדרייט איינס איבערן אַנדערן, אזוי ווי מע גייט מיט עמעצן א טאַנץ.

די מאמע האָט אַרײַנגעטראָגן א בערעמאָק האָלץ פון שטאַל, האָט אָנגעטראָגן א פולע שטוב מיט קאַלטן שניי אַף די שיך, אַף דער שאַל און אומעטום. זי האָט געטופעט מיט די פיס, געבוקעט אַף די הענט און האָט געזאָגט, אז אין דרויסן טוט זיך: הימל־עפן־זיך! כאָטש לאַנע זאָל גיכער קומען.

און צום מילנער דאַרף מען גיין מיט א גאָרטן און פון דעם גאָרטן קריכט מען איבער נאָך א גאָרטן. און קיין הײַזער זײַנען דאָרט ניטאָ, קיין מענטשן זײַנען אויך ניטאָ. נאָר א סטעזשקע איז דאָרט א שמאָלע, איז זי איצט געווים פאַרשאָטן מיט שניי.

אַלע טאָג, אז איך גיי אין שול, עס איך נאָר איין מאָל אָנבײַסן, און א טאָג, וואָס איך גיי ניט אין שול אַרײַן, וויל איך אַלע מאָל עסן.

גיט מיר די מאמע לאַטקעס מיט שמאַלץ — וויל איך ניט. גיט זי מיר האָניק — וויל איך אויך ניט. און איך וויל, זי זאָל מיר געבן א

הויפן מאָן מיט א ציגעלע צוקער. וועל איך אופקלאפּן אין שטייסל, וועל צעפּירן מיט וואסער און אָנבראָקן אהין ברויט, וועט זייַן וואַרעניקעס.

די מאמע האָט מיר פריִער ניט געוואָלט געבן אזויפיל מאָן. זי זאָגט, אז מע טאָר א קינד ניט נאָכגעבן אזוי דעם האלדז. אָבער אז ס'איז געקומען א ייִד, וואָס מע רופט אים בא אונדז שמערל דער לאנגער מיטן פּארדרייטן קאָלטן (אינגאנצן איז ער געווען אן אָפּגעשאָטענער מיט שנייִ), און האָט גערופן דעם טאטן מיט דער מאמען, זיי זאָלן גיין צו אים קויפן געפרוירענע פעל, האָט שוין די מאמע מיר אָפּגעגעבן דעם מאָן מיט צוקער (דאָס שטייסל האָב איך אליין אראָפּגענומען), און די מאמע האָט אָנגעטאָן איר קעצענעם בורנעס, דער טאטע — זייַן לייַב־פּוטער, איז רעב שמערל מיטן פּארדרייטן קאָלטן אוועק אפריִער, זיי — נאָך אים, און לאנג איז נאָך אלץ ניט געקומען.

דער מאָן איז פעטער, אז מע קלאפּט אים אוף, דאן ווערט ער שווארץ, אזוי ווי די שווארצע ערד, און קלעפּט זיך אין הרודקעלעך. און אז מע צעפּירט אים מיט צוקער און מיט וואסער, ווערט די וואסער צוריק ווייַס, אזוי ווי מילך.

איך האָב א קוק געטאָן אין פענצטער, טאָמער גייט שוין לאנג, איז זי נאָך ניטאָ. און דער שנייִ שיט אלץ.

פּאר יעסיפּס שטוב האָבן זיך אָנגעמויערט גאנצע בערג מיט קייַלע־כיקע גרויסע דענעקס אזוי ווי בא היטלען. אין פענצטער זע איך, אז די בעהיימעס יעסיפּס ווילן ניט גיין צום ברונעם. האנא טרייַבט זיי מיט א שטעקן, דרייען זיי מיט די קעפּ און זיי קריכן ביזן בויך אין שנייִ אריַין.

מיר האָט זיך עפּעס ניט געגלוסט עסן מייַן מאָן. און ס'איז געווען קאלט צו זיצן איינער אליין אין שטוב, האָב איך גענומען און בין ארופּ־געקראָכן צו אונדז אפן אויוון.

אפן אויוון זייַנען דאָ זייער א סאך שפּענדלעך גלייַכע, האָב איך זיך געשפּילט אין ברונעמס און אין שטאלן. איך האָב אויסגעבויט א סאך שטאלן מיט א סאך ברונעמס. דערנאָך בין איך אנשלאָפן געוואָרן אפן אויוון, און לאנג איז נאָך אלץ ניט געקומען.

דערנאָכדעם האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז איך בין אראָפּגעפאלן פון אונדזער קליינעם סאָפּקעלע אף דער ערד. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, נאָר צום סאָף האָב איך זיך גאָרניט אָפּגעשלאָגן. דערנאָך האָט מיך

דער טאַטע מיט דער מאַמען אופּגעוועקט און זיי פרעגן מיך, ווו איז לאַנע.

— לאַנע? — זאָג איך צו דער מאַמען, — איך ווייס ניט, ווו זי איז. זי איז, דאַכט זיך, אוועק צום מילנער נאָך מילך.

האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט, האָט זיך אַ קרים געטאָן און איז אוועקגעלאָפן צו דער טיר.

— זי גייט, — זאָגט זי, — שוין אין מיל אַרײַן.

האָב איך אָנגעטאָן אינדערגיך מײַנע שטיוול מיט דער פּאַלטאָ און בין אוועקגעלאָפן נאָך דער מאַמען.

דער טאַטע האָט דערזען, אַז מיר זײַנען ביידע אוועק, האָט ער אויך אוועקגעוואָרפן זײַן ביסן פון דער האַנט, האָט פאַרלייגט אַף דער טיר די קליאַמקע און איז אוועק נאָך אונדז. און מיר גייען אַלע אין מיל אַרײַן. דער ווינט האָט געשאָטן דעם שניי גלײַך אונדז אין פּאָנעם אַרײַן און אין דרויסן איז געווען אַזוי ווײַס און אַזוי ראַב, אַז מע האָט ניט געקענט האַלטן אָפן די אויגן.

אַז מיר זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין ערשטן גאָרטן, איז דאָרט קיין סטעזשקע ניטאָ, גייען מיר ביז די קני אין שניי און אַלע רעגע שטעלן מיר זיך אָפּ, און מיר קוקן, וויאַזוי זאָלן מיר דורכגיין די אָנגעשאָטענע בערג מיט שניי.

מיר איז געווען דער שניי ביזן בויך, האָט דער טאַטע מיך גענומען אַף די פּלייצעס און האָט געשריִען אַף מיר, וואָס איך פּלאָנטער זיך אומעטום פאַר די פיס. און אַז מיר זײַנען געקומען אין מיל, האָט די מילנערן געבאַקט לאַטקעס און דער מילנער מיט די זין זײַנען געזעסן און האָבן געגעסן.

די מילנערן האָט אונדז דערזען, האָט זי אונדז אָנגעקוקט און זי זאָגט, אַז לאַנע איז באַ איר געווען נאָך ווייס־איך־ווען און זי האָט איר אָנגעגאָסן אַ קוואָרט מיט מילך.

און דערנאָך זאָגט זי, די מילנערן:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, איך ווייס טאַקע ניט, וויאַזוי שיקט מען עס אַ קינד באַ אַזאַ מעטעליצע אין עק וועלט אַרײַן.

אַז די מאַמע האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן זייער בלייך און האָט איר גאָרניט געענטפערט.

דער טאַטע איז אויך געוואָרן בלייך, האָט ער אָנגערוקט דאָס היטל

איבער די אויערן, אים האָבן זיך, דאכט זיך, געשטעלט טרערן אין האַלדז, און ער האָט א זאָג געטאָן צו דער מאמען:

— ריסל, לאָמיר דאָ ניט שטיין. מע דאַרף גיכער גיין ראטעווען א נעפעש.

איך האָב דערהערט דעם טאַטנס קאָל, האָב איך געמאכט א געוויין און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— מאמע, גיכער! — האָב איך גענומען זי שלעפּן פאַר דער שאַל. — גיכער!

דער טאַטע האָט א כאַפּ געטאָן בא דער מילנערקע אין הויז א לאָמפּ און איז אוועקגעלאָפן אפּריִער.

דער מילנער, אף אונדז קוקנדיק, האָט א שמיץ געטאָן די הייסע לאַטקעס, און ער האָט אויך געמאכט א גוואַלד:

— יִידן, — שרײַט ער, — קומט ראטעווען א נעפעש!

דער מילנער האָט אוועקגעשיקט די זין איבערן שליאַך, האָבן זיי אָנגעטריבן א סאַך מענטשן מיט לאַנגע שמויסענע פּעלצן און מיט לאָפּעטעס און אַלע שרײַען איינער צום אַנדערן:

— יִידן, שטייט ניט, יִידן, לאָמיר גיין ראטעווען א נעפעש!

און דער מילנער האָט נאָך אָראָפּגענומען בײַדע הינט פון די קייטן און איז אָנגעקומען צו אונדז אפן גאָרטן. מיר גייען אום מיט די לאָפּעטעס און ווייסן ניט, וווּ צו אָנהייבן פריִער שאַרן.

די ניוווקעס זײַנען אומעטום פאַרשאָטן מיט בערג שניי. וווּ מע גיט א קוק מיטן אויג, איז אומעטום זייער ווײַס. און איך וויל ניט גלייבן, אַז לאַנע האָט זיך ערגעץ אַנידערגעזעצט אין שניי און זיצט. וואָס וועט זי עפּעס זיצן אין שניי?..

דער שניי קערט זיך; די מאמע וויינט, און די מילנערקע ברעכט די הענט. און די יִידן מיט די לאַנגע פּאָלעס שרײַען און זיי פרעגן:

— עפּעס א גרויס מיידעלע?

— וועמענס איז מיידעלע? האַ?

— וויפל איז זי אַלט?

— אײַ, אײַ, אײַ!

און זיי וואַרפן מיט די לאָפּעטעס דעם שניי, דער מילנער מיט זײַנע גרויסע שטיוול לויפט אום מיט די הינט, און זיי שאַרן און שמעקן נאָר, האַוקען ווילן זיי ניט, זיי ריידן נאָר אינעווייניק אין זיך.

באַ מיר זײַנען זייער דערפֿרוירן געוואָרן די הענט מיט די פֿיס, און די ייִדן שלעפּן די לאַנגע פּאָלעס פֿון שנײ און שאַרן ווײַטער.

דער מילנער זאָגט צו מײַן טאַטן:

— פֿאָלגט מיך, ייִד, — זאָגט ער, — איך זאָג אײַך, אַז זי איז אַראָפּ פֿון דער סטעזשקע. זי קער ליגן אין ערגעץ אין כוואָסטע אַ פּאַר־שאָטענע מיט שנײ.

דערמאָן איך זיך, אַז זומער איז טאַקע דאָ באַ דער זײַט, לעם די פּלויטן, פֿאַראַן אַ גרויסע כוואָסטע, און איצט איז ניטאָ קיין כוואָסטע. ס׳זײַנען נאָר דאָ בערג.

די ייִדן יאַדען די מאַמע, און זיי פֿרעגן זי אויס:

— זי האָט כאָטש געהאַט באַ דיר שטיוועלעך, האָט זי כאָטש געהאַט?

— דו האָסט איר כאָטש אופֿגעניײט אַ בורנעסל, האָסטו איר אופֿ־געניײט?

די מאַמע שעמט זיך זייער פֿאַר די ייִדן, וויינט זי, און די מילנערקע ברעכט מיט די הענט:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, — זאָגט זי, די מילנערקע, — ווער וואָלט זיך טאַקע ריכטן אױף אַזאַ גוט האַרץ (דאָס מיינט זי מײַן מאַמען), אַז זי זאָל שיקן אַ קינד אין עק וועלט אַ נאַקעטע און אַ באָרוועסע.

— אַ שלאַק האָט מיך אַ גרויסער אײַנגעשלאָגן, — זאָגט שוין די מאַמע, — זי איז ניט געגאַנגען קיין באָרוועסע, זי איז געגאַנגען אין מײַן מאַנס שטיוולעטן. אַ צאָרע האָט מיך געטראָפֿן, — זאָגט ווײַטער די מאַמע, — ס׳נייען איר זיך דאָך שטיוועלעך באַ הערשלען דעם געלן, שטיוועלעך שיינע, אַזוי ווי גאָלד.

דערווײַל האָבן דעם מילנערס הינט גענומען בילן לעם סאַמע פּלויט אונטעקעגן וואָסקאָבאָינע. האָבן די זין דעם מילנערס זיך אַ וואָרף געטאָן אַהין שאַרן, און די ייִדן האָבן אַלע גענומען לויפֿן אַהינצו. מע לויפֿט און מע פֿאַלט, מע לויפֿט און מע פֿאַלט. דערווײַל האָט דער טאַטע אויס־געשאַרט אַ שקראַפּאַטש אַן אײַנגעקאַטשעטן אין שנײ, קוקט ער אױף אים און קוקט און דערקענט, אַז ס׳איז טאַקע זײַנער אַן אַלטער שטיוולעט. האָבן שוין די ייִדן אוועקגעוואָרפֿן די לאָפּעטעס און גענומען שאַרן מיט די הענט.

— ס'איז זי, ס'איז זי! — שרײַט דער מילנער. און די ייִדן פרעגן נאָך:

— טאקע? ווײַז נאָר א קוק טאָן!

דער מילנער האָט ארופגעכאפּט לאנען צו זיך אױף די הענט (מיט איין שטיוולעט איז זי געגאנגען, דאָס קריגל מיט דער מילך האָט זיך אראָפּגעגליטשט איר אין שניי ארײַן), און מע איז אוועק.

ער לויפט מיט לאנען צו אונדז אהיים, און אלע ייִדן לויפן אים נאָך מיט די לאָפּעטעס.

— אין שטוב ניט! אין שטוב ניט! — שרײַען די ייִדן. — אױף דער קעלט דארף מען.

און מע האָט אויסגעטאָן פון לאנען אלע זאכן, מע האָט זי אני־דערגעלייגט אין הויז אפן טיש און זי גענומען רײַבן מיט שניי.

די גאנצע שטאָט איז זיך אָנגעלאָפן צו אונדז אין שטוב ארײַן. הערשל דער געלער איז אומיסטן געקומען צו לויפן מיט לאנעס נײַע צוויי שטיוולעטיקלעך, וואָס זײַנען שוין בײדע פארטיק און אפילע אויסגעשמירט מיט דזעגעכץ. און די טירן זײַנען בא אונדז אָפן, ווי אין א שטאַל. אלע שטופּן זיך און קוקן אױף לאנען, וויאזוי מע האלט זי א נאקעטע אין אזא קעלט און מע רײַבט זי מיט שניי. א סאך ווײַבער פּאָרען זיך דאָרט, און דער מילנער סטארעט זיך מער פון איטלעכן.

— נאָך שניי! — שרײַען די ווײַבער.

און דער מילנער שרײַט:

— נאָך שניי גיט אהער! גאזלאָנים, וואָס שטייט איר?!

— זי דערוואַרעמט זיך! — שרײַען די ווײַבער.

און דער מילנער שרײַט:

— ווי דען האָט איר געמיינט!

— ס'זײַנען שוין בא איר לעבעדיקע הענט, — שרײַען די ווײַבער, — גיט נאָך שניי.

און דער מילנער שרײַט:

— ווײַבער, רעדט ווינציקער, דערלאנגט אהער שניי!

מײַן טאטע שלעפּט מיט אן עמער שניי, און די מאמע שטייט מיט אלעמען און מינטערט לאנען.

— מע לייגט צו א ביסל א האנט! — שרײַט דער מילנער. — אָט אזוי!

— ס'לעבעדיקע בלוט, — שרײַען די װײַבער, — זי זאָל שוין טאָקע מער פון קיין שלעכטס ניט װיסן. זי איז שוין אינגאַנצן אַ לעבעדיקע, זי זאָל שוין נאָר עפענען די אויגן.

האָבן זיך אַלע, די גאַנצע שטאָט, זיך אַ שפּאַר געטאָן צום טיש, אַ קוק טאָן, װי‌אַזוי לאַנע װעט באַלד עפענען די אויגן. איך האָב אויך געװאָלט זען, האָט מען מיך צוגעשטופּט צו דער סאַמע װאַנט, אַז איך זאָל ניט קענען אַרויס. האָב איך געמאַכט זייער אַ גרויס געװיין.

פּלוצעם האָט לאַנע זיך אַ דריי געטאָן אויף זיך אַנידערזעצן, און זי זאָגט:

— װוּ װיינט ער עס, פּערטשאַ? — און זי האָט צוריק פֿאַרמאַכט די אויגן.

האָבן זיך אַלע זייער דערפֿרייט.

— פֿון טויט לעבן געבליבן, — שרײַען זיי.

און דער מילנער האָט צענומען זײַנע לאַנגע הענט און אָפּגעשטופּט אַלע ייִדן אויף צוריק.

— גענוג אײַך גראַגערן דאָ, — און ער האָט אויסגעטאָן זײַן פּעלץ און אַרײַנגענומען לאַנען אין פּעלץ אַרײַן און איז אַװעק מיט איר אין שטוב.

— ריסל! — האָט דער מילנער אויסגעשריִען צו מײַן מאַמען פֿאַרן אַװעקגאַנג. — נאָר אַ קוגל זאָלט איר מאַכן הײַנטיקן שאַבעס, אַז ס'זאָל טרישטשען.

— אַװאַדע װעל איך אַנידערשטעלן, אַװאַדע! — האָט די מאַמע באַדאַנקט די ייִדן.

און אָפּדערנאַכט איז לאַנע געלעגן אין דער מאַמעס בעט אַזוי װי אַ פּריצטע. מיר האָבן צוגערוקט דעם טיש נענטער און געגעסן לעם איר װעטשערע. און זי האָט אונדז דערציילט, אַז בעסאַכאַקל האָט איר אַפילו גאָרנישט ניט װיי געטאָן.

— איר מיינט, — זאָגט זי, — ס'האָט מיר עפּעס װיי געטאָן? ס'האָט מיר גאָרניט װיי געטאָן. איך האָב געהאַלטן דאָס קריגעלע שטאַרק, איך זאָל ניט צעגיסן די מילך... ניין, — זאָגט זי, — פֿריִער האָב איך אײַנגעלאָזן אין שניי דעם באַלעבאָס' שטיװולעט, און דערנאָך האָב איך זיך אַרײַנגענורעט אין כװאָסטע אַרײַן... ניין, ניין, ס'ניט אַזוי, — זאָגט זי שוין װײַטער, — פֿריִער איז מיר געװען זייער קאַלט און איך האָב

ניט געזען איבערן ווינט די וועלט. ס'זײַנען מיר זייער פארגאנגען שפּא־רעם אין די הענט און אין די פּיס, האָב איך געוויינט. דערנאָך בין איך פארקראָכן זייער טיף אין שניי און ניט געקענט ארויסשלעפּן דעם באַ־לעבאָס' שטיוולעט, האָב איך זיך צוגעזעצט און בין א ביסעלע געזעסן. דערנאָך איז מיר געוואָרן גרינגער און גרינגער. ס'האָט זיך מיר אויס־געדאכט, אז נינע דעם גאַלעכס שפּילט זיך מיט מיר, און ס'שטעכט מיר אין די פּיס און אין די זײַטן, און מײַנע שוועסטער יענטע מיט כאשקען זײַנען געקומען צו אונדז אהיים אף כאנעקע. ס'הייצט זיך בא אונדז אין אויוון, און ס'ברענען דעם גאַלעכס לאָמפּן אזוי ליכטיק, אז ס'איז א מעכײַע...

און אז לאנע איז געזונט געוואָרן, האָט זי שוין די מאמע ניט געשיקט קיין ווײַטע גענג. די מאמע האָט געזאָגט, אז זי איז שוין אונ־דזער מיידעלע. איך זאָל זי אויסלערנען שרײַבן, וועט לאנע גיין מיט מיר איבעראיאָר אין „שקאָלע". פלעגט זי נאָר טאָן אין שטוב אלצדינג, און איך פלעג איר קויפן אלעמאָל פאר מײַן געלט אליוואר[1] און זי לערנען שרײַבן.

איינמאָל, אז איך בין געקומען פון שול, ווײַזט מיר לאנע, אז זי האָט שוין אליין פארשריבן א גאנץ פערטל פאפיר. לאנע האָט געוואָלט, איך זאָל איבערלייענען אין דער הייך יעדעס וואָרט, וועט זי הערן. האָב איך געלייענט:

„וויִאזוי דער זומער מיטן ווינטער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך זאָגט דער ווינטער צום זומער זומער זומער וואָס טוסטו מאכן אזעלכע היצן די יאראָמעלײַט וועלן דיר דײַנע ביינער פארשמיצן.

מאכט דער זומער צוריק צום ווינטער ווינטער וואָס טוסטו מאכן אזעלכע קעלטן די יארעמעלײַט וועלן דיר דײַנע ביינער פארשעלטן".

און אן עק.

1924

---

[1] כאלווא.

אײגענע קינדער

שוין א לענגערע צײַט, אז זיי האָבן זיך עוואקויִרט צוזאמען מיטן זאוואָד פונעם דניעפּער אהער צו דער וואָלגע.

הערשל מעכאניק איז פון טאָמיד אָן געווען א מענטש מיט גאָלדענע הענט. אומעטום דערקענט מען אים גלײַך און מע הייבט זיך אָן אײַן אים צו נייטיקן. אזוי איז עס איצט, און אזוי איז עס געווען אויך שטענדיק.

אלע טאָג, אז הערשל קומט אהיים פונעם זאוואָד, ווארט שוין אף אים, ווי שטענדיק, א נאָענטער און ליבער מענטש, א ריין צוגעקליבענע שטוב, א פארטיקער מיטיק און נייטיקע רו. אידע, דאָס ווײַב זײַנס, האָט ליב, באלד ווי זי דערזעט אים, זיך נאָכפרעגן, וואָס הערט זיך. זי איז אלעמאָל נײַגעריק זיך דערוויסן עפּעס נײַס, און ער דערציילט גערן.

אנומלטן איז ער געקומען פונעם זאוואָד זייער אופגעלייגט.

עפּשער א זײַטיקן וואָלט געווען שווער צו דערקענען, וואָס עס קאָכט זיך בא אים אינווייניק. נאָר אידע לייענט אין אים אלץ, ווי אין אָן אופגעשניטענעם בוך. זי האָט באלד דערזען, אז עפּעס ברויזט אין אים הײַנט. זי איז, פארשטייט זיך, נײַגעריק צו וויסן, וואָס מיט אים קומט פאָר. אָבער זיי קענען זיך דאָך איינס דאָס צווייטע ניט דאָס ערשטע יאָר... א ביסעלע געדולד... זאָל ער זיך אײַנוואשן. זאָל ער

אָפּעסן רויִק. קיין סוידעס זײַנען בא זיי, בא איינס פאַרן צווייטן ניטאָ.

דער מאַן האָט אָנגעזייפט די נאַקעטע, פאַרהאַרטעוועטע הענט ביז די עלנבויגנס. אידע גיסט אים אויף. און אינמיטן וואַשן זיך קערעוועט ער אויס צום ווײַב דאָס פּאָנעם מיטן שפּיציק־געשווירענעם בערדל:

— דו ווייסט, אידע, איך הער שוין דאָס צווייטע מאָל אַפּן זאַוואָד בא אונדז, אַז מענטשן נעמען אין קינדערהיים יאַטעלעך פון אומגעקו־מענע עלטערן...

ער קוקט אויף איר און וואַרט, וואָס וועט זי אים דערויף ענטפערן. אין זײַן פּאָנעם און אין די קנייטשן אַרום די אויגן איז ווי מיט גרויסע ליכטיקע אויסיִעס אָנגעשריבן, אַז אַ סאַך פאָטערס שלאַכטלײַט האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד, ס׳זײַנען געבליבן קינדער, די מעלוכע וועט זיי טאַקע ניט לאָזן פאַלן. אָבער ווו זײַנען מיר?.. מיר זײַנען ווײַטע, קאַלטע קרויווים?..

אידע איז מאַמעש ניספּאָעל געוואָרן פון זײַן יוִנגלשער פאַרפלאַמט־קײַט. נאָר זי ווייסט, אַז ניט אַלץ מעג מען אים נאָכגעבן. דער אינסטינקט אָדער די פּראַקטישקײַט פאָדערן פון איר, זי זאָל אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן אים אַ ביסעלע אָפּקילן, אָפּלעשן. און ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילע אויף קיין רעגע, ענטפערט זי אים:

— אַז סע גייט זיי אַזוי אָפּ נעמען קינדער פון קינדערהיים, קאָן מען זיי פאַרגינען...

הערשל איז געוואָרן כמורנע. ער האָט אָפּגעוואַשן די זייף פון די הענט, אָפּגעוואַשן דאָס פּאָנעם און שוין מיט זײַן שטענדיקער אופגע־האַלטנקײַט געענטפערט קימאַט מיטן זעלבן ניגן:

— זיי וועלן, מיינסטו, אַ סאַך צו דעם דערלייגן?

זי האָט שווײַגנדיק דערלאַנגט צום טיש.

ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מיטיק־עסן וועט שוין אַזוי דורכגיין שטום און אָן איין וואָרט. אָבער ס׳איז אַזוי ניט געווען. הערשל האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און זיך אָנגערופן דער ערשטער:

— איך מיין, — זאָגט ער, — אַז ווען סע לויפט אום אַ יוִנגעלע איבערן שטוב, וואָלט דער גאַנצער צימער בא אונדז געזוּנגען.

— פאַרוואָס עפּעס אַ יוִנגעלע, פאַרוואָס ניט קיין מיידעלע? איך בענק טאַקע זייער, ער זאָל מיר איבערקערן די שטוב האַרע־קאַרע?!

— א מיידעלע איז אויך ניט שלעכט, — האָט ער אָנגענומען א פולן לעפל זופ פונעם טעלער און האָט עס לענגער ווי געוויינלעך געהאלטן אין דער האנט.

אָבער אידע? אף איר פּאָנעם איז נאָך ניטאָ די נייטיקע ליכטיקײַט. ס'קאָן זײַן, אז זי איז אף זיך בארויגעז, און עפשער אי אף זיך, אי אף אים: פארוואָס איז עס אזוי, אז אויב עפּעס א וויכטיקער געדאנק, א נייטיקער שריט אין לעבן, ספּיעט עס בא אים גיכער אויס אין מויעך, ווי בא איר...

— בא דיר איז שוין געפּויעלט, — האָט זי א זאָג געטאָן, — און איך וויל נאָך א קלער טאָן.

— אומבאדינגט באקלערן! — איז הערשל געוואָרן ערנסט, נאָר אין דער זעלבער ווײַלע האָט א געוויסע הערלעכקײַט געשפּילט אף זײַן פּאָנעם און ארום זײַן שפּיציק געשוירן בערדל, וואָס איז שוין קיין גראָווע האָר ניט זשעדנע געווען.

נאָך א לענגערן שטילשווײַגן האָט הערשל ווידער אָנגעהויבן:

— הערסט, אידע, אנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט א מיידעלע און איך — א יינגעלע...

— אהא! איך האָב שוין מיט דיר געטראָפן! — האָט אים אידע ניט געלאָזט ענדיקן. — דיך, אז איך פלעג אין טעטיעוו שיקן נאָך איין קילאָ עפּל, — האָסטו געבראכט א האלבן פּוד.

— אידע־לעבן, — האָט ער זיך געשמייכלט, — דו קענסט מיך, פּונקט ווי דו וואָלסט זיך דורכגעגאנגען מיט א לאמטערן בא מיר אינעם הארצן.

— וואָסי? איך וויים דען ניט? א יינגעלע מיט א מיידעלע? איאָ?

— נו, יאָ. די זעלבע גווירים!

— נו, גוט, גוט, אָט צעיאָג איך זיך און פיר דיר אָן א פולע שטוב מיט יינגעלעך און מיט מיידעלעך. עפּשער צודינגען נאָך אן אלקער פאר־זייערטוועגן?! גיי שוין שלאָפן, גיי, דו וועסט מאָרגן ניט קענען אופשטיין צו דער צײַט.

זונטיק, אינעם ארויסגאנג־טאָג, ווען זיי זײַנען ביידע געקומען אין קינדערהיים, איז אידע אינגאנצן איבערגעגאנגען אף הערשלס זײַט. זי איזווירקלעך גרייט געווען אוועקפירן צו זיך וואָס מער יינגעלעך און

וואָס מער מיידעלעך, אבי מע זאָל זיי איר נאָר געבן. זי האָט אָבער געהאלטן איבער זיך א פעסטן פראקטישן קאָנטראָל — א מיידעלע, נאָר א מיידעלע, איינע, און שוין.

און דאָס מיידעלע איז גלײַך ארויסגעשווומען — זאָיע, דרײַ א האלב יאָר. אזא קינד האָט זי, דוכט זיך, קעסיידער זיך געמאָלט אין די בעסטע באלוימעס אין אירע. א קורץ, געטאָקט נעזעלע, א קליין מײַלעכל, ווי א גרעשעלע, ליכטיקע, ווייכע האָר און א פּאָר גרויסע, לויטערע אויגן מיט לאנגע, פארבויגענע וויִעס... זי האָט פאר פרעמדע מענטשן זיך פּאָשעט געשעמט, אניט וואָלט זי דאָס מיידעלע געכאפּט אף די הענט און גלײַך אפּן אָרט עם אָנגעהויבן קושן, וויפל ס'וואָלט אין דעם ארײַן.

אנא אנטאָנאָוונא, די אופזעערן פונעם קינדערהיים, האָט אָנגענומען זאָיען פארן הענטל און בא איר שטיל געפרעגט:

— דו ווילסט גיין צו דער מאמען אהיים?.. אָט־אָ איז די מאמע געקומען דיך אָפּנעמען.

זאָיע האָט אָנגעבויגן דאָס קעפּל אין א זײַט, צעעפנט דאָס קליינע פּיסקעלע, אזוי לאנג, לאנג געקוקט אין אידעס זײַט און פונקט אזוי שווײַגנדיק און שעמעוודיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אף „יאָ".

אידע האָט עס אָנגענומען פאר א גוטן סימען, און ס'האָט זי נאָך מער געצויגן צום קינד, טאקע ווי צו אן אייגנס. ס'האָט שוין איר אפילע באנק געטאָן, וואָס זיי מוזן דערווײַל אוועקגיין אָן דער טאָכטער, ווײַל מע דארף נאָך דורכפירן א גאנצע ריי פאָרמאליטעטן, וואָרעם ניט יעדן איינעם גיט מען קינדער בא אונדז אף דערציִען. מע וועט פריִער שיקן אהיים א מיטארבעטערן זען, אין וואָס פארא באדינגונגען עס וווינען די „עלטערן". מע דארף ברענגען א רעקאָמענדאציע־בריוו פון דער ארבעט, און ס'איז א סוואָרע, אז מע דארף זיך אפילע ווײַזן צו א דאָקטער, ער זאָל ארויסגעבן א צעטל וועגן דעם געזונט־צושטאנד פון די עלטערן.

הערשל האָט צוגעזאָגט אלץ אופטאָן, און מע דארף שוין גיין. דער־ווײַל איז די שײַן פונעם גרויסן ליכטיקן פענצטער געפאלן אף א יִינגע־לע. דאָס יאטעלע האָט אקוראט געוואָלט ארופקלעטערן צו א פינפיאָריקן בעוורעמאן אף די אקסלען, אז יענער זאָל אים טראָגן. און ס'האָט אף אידען א ווייע געטאָן מיט אזא קענטלעך, היימיש געזיכט, אז זי האָט

זיך ניט געפּוילט אומקערן און א פרעג טאָן בא אנא אנטאָנאָוונען, ווער איז אָט דאָס יאטעלע.

— ער האָט אָנגעוואָרן די עלטערן נאָך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע, — האָט אנא אנטאָנאָוונא געענטפערט. — ס'איז א קײַלעכ־דיקער יאָסעם... קאָנסטאנטין פּאוולאָוויטש נעטשיפּאָרוק, פון א קליין שטעטל, — עפשער האָט איר געהערט אזא — טעטיִעוו?

— אוי, אוי, אוי! — האָט אידע דרײַ מאָל אויסגעשריִען ניט מיט איר קאָל. זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער קאנאפּע, פארוואָרפן דעם קאָפּ, ווי מע וואָלט איר מיט א טעמפּער זאך א זעץ געטאָן גלײַך איבערן מויעך.

— ס'איז נאטאלקעס! — האָט זי, מיט א פּאָנעם, צעקרימט פון ווייטעק, א קוק געטאָן אפן מאן. — ער איז נאָך אפילע קיין יאָר ניט אלט געווען, ווען נאטאלקע איז מיט אים געקומען צוגאסט קיין קיִעוו. קאָסטיא... קאָסטינקא...

— ס'איז אונדזער ייִנגעלע. דאָס ייִנגעלע איז אויך אונדזערס, — האָט זי א זאָג געטאָן אין אָנמאכט צו אנא אנטאָנאָוונען, ווען יענע איז צוגעלאָפן צו איר א דערשראָקענע שוין מיט א גרייטער גלאָז קאלטער וואסער, — איך בעט אײַך, שיקט צו וואָס גיכער וועמען מע דארף און טוט אוף אלץ, וואָס מע דארף, איך וויל האָבן בא זיך אין שטובביידע קינדער!

און קעדיי זיך ניט צעוויינען אף א קאָל פאר פרעמדע מענטשן אין די אויגן, איז זי גיכער, ווי ס'איז אָנגענומען, אוועק צו דער דרויסן־טיר.

אידע איז די גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. נאטאלקע איז איר ניט ארויס פון קאָפּ. קאָן זײַן, אז זי וואָלט עפשער פאר קיין אייגענער שוועסטער אזויפיל ניט געליטן, וויפל זי האָט איצט איבערגעווייטעקט פאר נאטאלקען, ווײַל אן אייגענע שוועסטער וואָלט עפשער פאר־אירטוועגן ניט געטאָן דאָס, וואָס איר יונגע שכיינע נאטאלקע האָט פאר איר געטאָן. זי איז איר פּאָשעט געשטאנען אין די גרעסטע נויטן...

זיי האָבן געוווינט א שטוב לעם א שטוב, ריכטיקער געזאָגט, איבער א נידעריק, שיטער פּלויטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייערע הייפעלעך איינס פונעם צווייטן.

גיין פלעגן זיי איינער צום צווייטן, פארשטייט זיך, ניט דורכן טויער, נאָר זיי האָבן געמאכט אן איבערגאנג טאקע איבערן זעלבן פּלויטל.

און אין יענעם „אנומלטן", בעשאס דער גרויסער שלאפקייט, ווען אידע איז, ניט היינט געדאכט, אַפּגעלעגן זעקס כאדאָשים אזוי ווי איין טאָג, איז נאטאלקע בא איר פון שטוב ניט ארוים.

נאטאלקע, נאטאלקע! א שוועסטער איז עס? א מוטער וועט ניט זיין אזוי נאָענט!

לאנגע צוויי טעג האָט אידע ניט גערוט. הערשל האָט אויך אלץ געטאָן און געהאָלפן, ביז מע האָט פּארטיק געמאכט אלע פּאפּירן, און זי האָט, ענדלעך, אוועקגעפירט ביידע קינדער אהיים.

די דערציִערנס פון קינדערהיים האָבן בייסן באגלייטן צוגעזאָגט קו־מען געוווירע ווערן.

זי האָט זיי עפּעס געענטפערט פון העפלעכקייט וועגן, נאָר אין הארצן האָט זיך בא איר געטאָן אזעלכס, וואָס זי איז אַף דעם אליין קיין באלע־באָס ניט געווען.

זי איז געגאנגען איבער דער גאס, מיטפירנדיק די קינדער פאר די הענטלעך. און ס'האָט זיך איר געדאכט, אז זי וואָלט דארפן פאָרן, זיי פירן אַף א פור... אַף א וועגל... און עפּשער זיי גאָר טראָגן אַף די הענט. פארוואָס טאקע ניט אַף די הענט?

פונדעסטוועגן איז אן אוולע פון איר זייט, וואָס זי האָט זיך אזוי געאיילט. געקאָנט געווען אויסמערקירן אזוי, אז זי זאָל גיין צוזאמען מיט הערשלען בייסן איבערייס, אָדער ווען ער וועט גיין פון דער ארבעט.

„הער נאָר א מעשוגענע, איך האָב דאָך געקאָנט פאָרן אין טראמ־וויי! אריינגיין מיט די קינדער פון דער פאָדערשטער פּלאטפאָרמע!" — האָט זי ווי צעטומלט זיך דערמאָנט פונקט דאן, ווען זי האָט זיך שוין אין דעם ניט געניייטיקט.

ווי די מייסע זאָל ניט זיין, איז זי דאָך שוין געווען לעם שטוב... זי האָט גאָרניט געוווסט, וואָס זי וויל בעסער, — צי די שכיינים זאָלן אלע זיין דערביי, ווען זי טרעט איבער די שוועל מיט איר נייער אשירעס, צי, פארקערט, ס'זאָל גראדע קיין לעבעדיקער נעפעש ניט זיין אין דער רעגע און זי זאָל קאָנען בלייבן אליין מיט אירע רוישיקע געפילן.

אַ הון אַ קוואָקע, אַז מע שיט איר אונטער אַ פּאָר פּרעמדע פּאַריאָסעמ־טע אויפעלעך, מאַכט זי זיך דאָך אויך ניט ווייסנדיק...

„מיר האָבן זיך נאָר מיט דער טאָכטער ניט געייצעט. זי איז מיט אַ הארבן כאַראַקטער. נאָר נישקאָשע, זי האָט שוין איר אייגן לעבן... זי, אַז זי לאָזט דורך אַ כוידעש אָן איין בריוו, איז איר אויך ניכע. נישקאָ־שע, זי וועט זיך אהער ניט מישן".

...כאָטש אידע האָט נאָך געהאַט אין די שלאָפלאָזע באַנאַכטיקע שאָען גאַנץ אָפּטע שמועסן מיט דער יונגער אומגעקומענער נאַטאַלקען, ווי אויך מיט דער צווייטער יונגער מוטער (וואָס זי האָט זי ניט געקענט און וועט זי שוין ניט קענען), דאָך איז זי, וואָס ווײַטער און ווײַטער, וואָס מער מיט אַ טאָג — אַליין געוואָרן פונסנײַ אַ מאַמע און מוטער. נישקאָשע, אַמאָל האָט זי געניאַנטשעט איינע, איצט וועט זי ניאַנטשען צוויי.

הערשל מעכאַניק האָט פאַר קיינעם ניט אויסגעזאָגט, אַז זײַן רו איז אַ ביסל געוואָרן געמינערט און די ווירקלעכקײַט האָט זיך אַ סאַך אונ־טערשיידט פונעם טרוים. ער האָט, פאַרשטייט זיך, קיין כאַראָטע ניט געהאַט און עס ניט געהאַלטן פאַר צו שווער. ער האָט בעפּירעש געפילט אַ וואַרעמקײַט, ווען זאָיע פלעגט פאַרקריכן איבער דער הילצערנער קאַנאַ־פּע צו זײַן פּלייצע, אים אַרומנעמען דעם האַלדז, און האַסטיק, אַף איר קוקנדיק, פלעגט גלײַך קומען צו טאַנצן קאָסטיע און אים כאָטש אַרומנע־מען מיטביידע אָרעמס די רעכטע קני. ער האָט געפילט אי אַ וואַרעמ־קײַט, אי אַן אַכרײַעס. נאָר דאָס איז אַלץ אפילע ניט קיין טראָפּן אין יאַם אַנטקעגן אידעס אַרײַנגעטאָנענקײַט און פאַרנומענקײַט, בעשאַס זי האָט געבאָדן די כעוורע, בעשאַס זי האָט זיי געגעבן עסן, בעשאַס זי האָט זיי געפירט שפּאַצירן.

באַטאָג, ווען זי פלעגט זיי לייגן שלאָפן, אַז זי איז געווען איינע אַליין אין צימער, פלעגט זי, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, אונטערזינגען דאָס לידעלע, וואָס זי האָט גאָר־גאָר אַמאָל נאָך געהערט פון איר באָבען:

אופּאַוו טשומאַק, אופּאַוו טשומאַק,
אופּאַוו טײַ לעזשיט...
ניכטאָ יעהאָ נע פּיטײַע,
שטאָ יעמו באָליט...

וואָס איר טוט איצט ווײ, ווייסט זי גראָדע גוט. די מילכאָמע טוט ווײ. נאָר די פאַשיסטן דאַרפן און וועלן דאָך אײַנעמען די מאַפּאָלע... א מיסע־מעשונע! זי האָט געזען, ווי די קינדער האָבן זיך בא איר פאַר די אויגן צעבליט, ווי זיי זײַנען אין איר אָנגעהאנגען, נאָר זי האָט זיך ווי ווײַט מעגלעך ניט געוואָלט נאָכגעבן און זיך מער געמאַכט ניט ווייסנדיק.

אויבנוף איז זי, געווײנלעך, געווען אי פאַרטאָן, אי פאַרזאָרגט, אָבער אינווייניק, טיף אין האַרצן, האָט זי געפילט, ווי דאָס לעבן איז בא איר פולער און גאַנצער געוואָרן: קינדער... איר כוויוו איז ניט נאָר זיי געבן עסן, אַרויספירן רײַן, נאָר אויך דערציִען און אופציִען. זי ווייסט, זי האָט א טיפע באַהאַלטענע זאָרג אין האַרצן. ערשט דאָ הייבט זיך אָן דאָס לעבן פונדאָסנײַ...

1942

דאָס לעבן לעשט זיך ניט אויס

פון אומגעהייערער מידקייַט האָט טאָליע ניט געוווּסט, צי ס'איז א שיין דאָרף, וווּהין ער איז פארגאנגען מיט דער מאמען, צי נישט; צי ס'איז א הייסער טאָג אין דרויסן, צי ניין. אגעוו, איז עס אינגאנצן ניט געווען קיין דאָרף, ס'איז געווען א שטעטל. א פאבריק־שטעטל. און ס'איז געווען סאמע יונגער זומער.

זינאַידא פאוולאָוונא, אזוי האָט זי בא פרעמדע געהייסן, די איידעלע בלאָנדע מאמע זייַנע, איז פארגאנגען מיט טאָליען אין א לײדיקער שטוב. צו יענער צייַט זייַנען, קענטיק, אין שטעטל געשטאנען א סאך לײדיקע הײַזער... זי האָט זיך א וואלגער געטאָן אינײנעם מיטן רוקזאק אפן בענקל. דאָס טשעמאָדאנדל האָט זיך ניט גלייַך אָפּגעלאָזן, ווייַל ניט גרינג איז געווען פאנאנדערעפענען די פינגער פון דער פארכאַלעשטער האנט.

בא טאָליען זייַנען שוין ניט נאָר די פיס געווען צעקלאפּט פון אזויפיל טעג גיין, ס'האָבן אים ווײ געטאָן אלע ביינדעלעך. קיין לעבעדיקן אייוועווער וואָלט ער, דאכט זיך, ניט געקאָנט אָנטאפּן אף זיך. אזוי אין די זאכן איז ער אנשלאָפן געוואָרן דאָרט, ווו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אנידערגעזעצט.

די מוטער האָט אים פּאָרזיכטיק אויסגעטאָן און אריַינגעלייגט אין איינעם פון די בעטן.

וויפל ער איז דאָרט אָפּגעלעגן, ווייסט ער אליין ניט. ער האָט זיך אופגעכאפּט פארנאכט און געמיינט, אז ס'איז שוין אינדערפרי. דערנאָך האָט ער זיך אופגעכאפּט באטאָג און געמיינט, אז ס'איז פארטאָג.

די מאמע האָט אים אלע מאָל געגעבן עפּעס אָפּעסן און געלאָזט ווײַטער שלאָפן. פארשלאָסן אים איינעם אליין אין שטוב, איז זי ערגעץ אוועקגעגאנגען. דערנאָך, אז טאָליע האָט זיך שוין, ענדלעך, א ביסל דורכגעשלאָפן, האָט ער געקוקט אף דער מאמען און זי ניט דערקענט. זי האָט זיך צוגעקעמט און צוגעפּוצט, זיך געסטארעט האלטן פריילעך, פּונקט ווי ניט זי האָט זיך געקלאפּט מיט די הענט אין קאָפּ, ווען זיי האָבן אָנגעוווירן די מאשין און שוין ניט באוויזן צו אנטלויפן. איצט זיצן זיי אין א גרויסער ליידיקער שטוב. טאָליע ווייסט ניט, צי די בעטן זײַנען זייערע אָדער פרעמדע, צי די שטוב איז זייערע אָדער א פרעמדע.

אין שטוב האָט ער געפונען ביכלעך, מערער צום בלעטערן, ווי צום לייענען. ער האָט געפונען זאכן, מיט וועלכע מע קאָן און מע מעג זיך שפּילן. אָט איז א גלעזערנע קויל, א גרויסע און א שווערע... קוים וואָס ער האלט זי אוף, זי זאָל זיך ניט ארויסגליטשן פון ביידע הענט. אינ־וויניק שווימט דאָרט ארום א פישעלע, צי דען איז עס א לעבעדיקס? ווי זשע וועט עס וואקסן, אויב ס'איז דאָ אלץ קײַלעכדיק און פארמאכט?

צום דרויסן האָט אים ניט געצויגן. אים האָט זיך געדאכט, אז קוים גייען זיי ארויס, וועט מען ווײַטער דארפן גיין, זיך שלעפּן דורך זומפּן און דורך וואסערן און שלאָפן באנאכט אונטער א בוים.

די מאמע איז געקומען מיט עפּעס א פרוי. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אין א צווייטן צימער און דאָרט לאנג און שטיל גערעדט. די מאמע איז ניט פריילעך, נאָר אויך ניט פארזאָרגט, זי איז פּאָשעט שטארק פארטאָן. זי האָט אינדערגיך געמאכט עפּעס עסן, אליין שטייענדיק און גייענדיק א ביס געטאָן, דאָס איבעריקע האָט זי איבערגעלאָזט טאָליען. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן א געארבעט לײַבעלע, פארשלאָסן די טיר. אומגעקערט האָט זי זיך, ווען ס'איז שוין געווען פינצטער. זי האָט עפּעס געוואָלט דערציילן טאָליען, נאָר זי איז, ווײַזט אויס, פאר מידקײַט, אנשלאָפן געוואָרן. ערשט גאנצפרי, ווען זיי זײַנען נאָך געלעגן אין די בעטן, האָט זי צו אים געזאָגט:

— דו ווייסט, טאָלינקע, מיר זײַנען ניט קיין ייִדן, מיר טאָרן ניט זײַן קיין ייִדן. אז ס'וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע און מירן געפינען

אונדזער טאַטן, דעמלט... מיך רופט מען זינאַידאַ פּאַוולאָוונאַ, ווי געווען, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום פאַרגעזעצט, — אונדזער פאַמיליע איז זשוק, אויך ווי געווען, און אָט דאָ שרײַבט זיך, אַז מיר זײַנען אוקראַינער... — זי האָט אויפגעעפנט דאָס פּאַספּאָרט־ביכעלע מיט איר פּאָטאָ, אָנגעוויזן אויף אַ מיט שורע און איבערגעלייענט: — אוק־ראַ־ינ־קאַ... פאַרשטייסט?

טאָליע האָט געוואָלט נעמען דעם פּאַספּאָרט צו זיך אין די הענט, אָבער די מאַמע האָט אים געגעבן צוהאַלטן פאַרן טאָוועלע און בייסמײַסע ניט אַרויסגעלאָזט דאָס צווייטע טאָוועלע פון איר האַנט. זי האָט אָבער געוואַרט, ביז טאָליע האָט אַליין איבערגעלייענט, האַלב אַרײַנקוקנדיק און האַלב אויסווייניק: „אוק־ראַ־ינ־קאַ".

— ווײַל מיר וווינען אויף אוקראַינע, — האָט ער באַקלערטערהייט צוגעגעבן.

טאָליע פלעגט זעלטן ווען זיך שפּילן אין דרויסן. ער האָט פאַר קיינעם ניט אויסגעזאָגט, נאָר ער האָט עפּעס מוירע געהאַט. די מאַמע פלעגט אים אָפּט פאַרפירן צו די שכיינים. דאָרטן בײַ די שכיינים, אַז ער האָט זיך אײַנגעוווינט, איז אים אויך געווען גוט.

יוליאַ פּיאָדראָוונאַ פלעגט אים זעצן צום טיש צוגלײַך מיט די גרויסע און אים שטעלן אַ גלײַכן כיילעק.

זי, די מומע יוליע אַליין, — ניט קיין הויכע, אַ צוגעקעמטע, מיט שיינע ליפּן, אַז זי פלעגט ריידן, פלעגט ער איר ליב האָבן קוקן אין מויל אַרײַן. איר טאָכטער קאַטיע האָט געאַרבעט אויפן זעלבן זאַוואָד, וווּ ס'אַרבעט טאָליעס מאַמע. זייער עלטסטער איז געווען דער דײַטש שמעלצע, נאָר טאָליע האָט אים נאָך ניט געזען. טאָליע האָט נאָך בכלל קיין איין דײַטש ניט געזען, נאָר עפּעס האָט אים געשטערט, פּונקט ווי זיי, די דײַטשן, וואָלטן געווען אומעטום, אַפילו אינעם געקעכץ, וואָס ער עסט.

מער איז בײַ דער מומע יוליען קיינער ניט געווען. אַמאָל פלעגט נאָר אַהער אַרײַנקומען אַן עלטערער מענטש — דער פעטער קאָליע — ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש, אַ הויכלעכער, מיט אַ שמאָל גראָוו בערדל, ער פלעגט דאָ שטענדיק זיצן, ווי אַ היימישער, און טרינקען טיי. אַלע אָוונט פלעגט ער דערציילן נײַעס. טאָליע האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין די רייד פון די עלטערע, נאָר הערן פלעגט ער מיט גרויס נײַגעריקייט.

איינמאָל האָט ער דערציילט, דער פעטער קאָליע, וויאַזוי די דײַטשן

האָבן אויסגעהאַרגעט אַלע ייִדן אין פּראָסקוראָוו. בײַ דער מומע יוליע זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. די מומע האָט ניט געזאָגט גאָר־ניט. זי איז געזעסן און געשוויגן. טאָליען האָט געשטאָכן אין די אויערן און אין קאָפּ פֿון דעם דערציילן, ער האָט מוירע געהאַט, אַז ער קאָן נאָך אַזוי שטאַרבן אויך, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט און איז, קענטיק, דאָ בײַם טיש זיצנדיק, אַנשלאָפֿן געוואָרן.

די שכיינים האָבן ניט געלאָזט, די מאַמע זאָל אים וועקן, און ער איז די נאַכט איבערגעשלאָפֿן בײַ זיי.

פֿון דעמלט אָן איז דער מומע יוליעס שטוב פֿאַר אים געוואָרן אַזוי ווי זײַנע.

ער פֿלעגט אַמאָל אַליין ניט באַמערקן, ווי ער גייט נאָך יוליִאַ פּיאָדאָ־ראָוונעס פֿון צימער אין קיך, פֿון קיך אין הויף. זי פּאָרעט זיך, רעדט צו אים, דערציילט אים אַלערליי זאַכן, און ער גייט איר נאָך.

אַז זי צערעדט זיך פֿון איר ייִנגל, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַרגעט, וויינט זי. זי וויינט שטיל און שיין, נאָר דאָס פּנים איז אינגאַנצן באַוואַשן מיט טרערן.

טאָליע זשאַלעוועט זי זייער. און ער זאָגט איר צו, אַז ער וועט אויס־וואַקסן אַ גרויסער, וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט די דײַטשן פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלץ, נישקאָשע, ער וועט זיי קיין זאַך ניט שענקען.

בײַ טאָליען איז אויסגעקומען, אַז אַ פּאָליציַי איז ניט קיין מענטש, ווײַל ער איז אַ פּאָליציַי. אין בלויען אָנטאָן, אין גלאַנציקע קנעפּ, מיט פּאַרדרייטע וואָנצעס אויפֿן דיקן פּאָנעם, פֿלעגט ער אַלעמאָל קומען רופֿן די מאַמע אין צירקל אַרײַן. פּינקטלעך צו צען אַזייגער זאָל זי קומען מיט אַלע דאָקומענטן.

אַז די מאַמע גייט אַוועק אויף דער אַרבעט, אַרט אים ניט, טאָליען, כאָטש ער בלײַבט אויף אַ גאַנצן טאָג אַליין. נאָר אַז זי גייט אַוועק מיט די דאָקומענטן, ציט זיך אים אויס אַ שעה פֿאַר אַ יאָר.

ער זעצט זיך אַוועק לעבן פֿענצטער און קאָן זיך פֿון דאָרט ניט אָפּ־רײַסן.

עס קלאַפּט אים ווי מיט אַ פּרוזשינקע אינווייניק אין פּאָטיליצע, אין מויל איז אים טרוקן, ער איז גרייט אויפֿציטערן, ווען ער זעט, אַז אין

גאס גייען דורך צוויי מענטשן נאָכאנאנד. ס׳פּלעגט זיך אים דאכטן, אז איינער גייט און דער צווייטער פירט אים.

ער האָט בא יוליִא פּיאָדאָראָווּנען זיך אָנגעהערט, ווי מע פירט מענטשן, ווי מע האָט דעמלט אוועקגעפירט איר זון...

אין פּראָסקוראָוו האָט מען ווינטער באנאכט אין א גרויסן ברענענ־דיקן פראָסט געפירט יידן נאקעטע און מע האָט זיי געקוילעט. אים דאכט זיך, טאָליען, אז ער אליין זיצט א נאקעטער, א הוילער אף דער קעלט און עס קלאפּט אים א צאָן אין א צאָן. ער באמערקט ניט, אז ס׳איז זומער אין דרויסן.

די טיר האָט זיך געעפנט. טאָליע האָט אופגעציטערט. נאָר אפן פּאָנעם האָט זיך בא אים גלייַך באוויזן א שמייכל: ס׳איז געקומען די מאמע.

פארוואָס זשע האָט ער זי ניט געזען אין פענצטער?

ער איז אראָפּ פון דער באנק און איז אוועק דער מאמען אנטקעגן.

— נו, וואָס? — האָט ער קוים ארויסגעבראכט פונעם איבערגע־טריקנטן מויל.

— גאָרניט, — האָט די מוטער צוגעטוליעט זייַן קאָפּ צו דער ווייכ־קייט פון איר ברוסט. זי איז ניט געווען קיין אומעטיקע. זי האָט גיך־גיך עפּעס אופגעטאָן אין שטוב, געמאכט אן איבערבייַס פאר טאָליען. אליין האָט זי אויך לעם אים עפּעס איבערגעכאפּט און איז ווייַטער אוועק, ווי אלעמאָל, מינאסטאם אף דער ארבעט.

בא יוליִא פּיאָדאָראָווּנען האָט מען זיך איינמאָל צערעדט און שוין עפּעס צו אָפן, אז זינאַידא פּאוולאָוונא וועט שלעכט אָפּשנייַדן: דער פּאָ־ליציַי האָט זיך אף איר אָנגעזעצט און וועט זי שוין ניט ארויסלאָזן קיין לעבעדיקע.

זי וואָלט אים עפּשער דארפן באצאָלן, אים שטעלן „בראנפן אלע מאָל, ווען ער קומט...

ניקאָלייַ וואסיליעוויטש מיינט, אז טאָליעס מאמע טוט גראדע קלוג, וואָס זי האָט אים פאר קיין מוירע ניט. אזא כאזער דארף מען געבן איבערן ליטש און שוין... ארייַנפאלן צו אזא פּיאווקע אין די הענט, וועט ער בא דיר אויסזויגן דאָס כייַעס אזוי, אז דאָס לעבן וועט דיר שוין סייַוווי ניט אייַנגיין.

טאָליע האָט ניט געהאט קיין נאטור זיך מישן אין די רייד פון עלטערע, נאָר אז ער האָט געהערט בא יוליַא פידאָראָוונען אין יענעם פארנאכט, וויַאזוי מע רעדט פון זיַין אייגענער מאמען, איז אים געווען אזוי, ווי מע וואָלט געסווישטשעט מיט א בייַטש איבער זיַין נאקעטן לייַב. קאָן זיַין, אז ער האָט זיך אפילע פארקרימט בעשאס־מייַסע פאר ווייטעק.

„וויַאזוי באשטאט מען אים, אָט דעם ווערעמדיקן הונט, — האָט טאָליע געטראכט, — אָט די פּיאווקע מיט וואָנצעס, ער זאָל מער ניט גראָבן אף דער מאמען?"

...טאָליע האָט זיך א סאך מאָל פאָרגעשטעלט, ווי ער שטייט מיט א האק ארום דעם פּאָפנדיקן פּאָליציַי און בראָקט אים אף שטיקלעך.

אָט דער דיקער און צעוואקסענער שווארצער פּאָליציַי האָט זיך באזעצט אף לאנג און אף פעסט אינעם יונגן קינדערשן מויעכל. ער האָט פארנומען זיַינע אלע געדאנקען.

איינמאָל זיצט טאָליע באם טיש און קוקט אין א ביכל. נאָר ער האָט, ווייַזט אויס, נישט געזען פאר זיך ניט קיין ביכל, ניט קיין טיש. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער זיצט הינטערן דאָרף און היט דעם טויטן פּאָליציַי... ער, מיט אים נאָך א כאווערל א באגלייטער, וואָס וועט שטארבן און יענעם סאָד נישט אויסגעבן. זיי האָבן די דאָזיקע קלאָץ די שווערע פארשלעפּט אהער אין וואלד, און ביז מע וועט אים באגראָבן אָדער פארשיטן, ליגט ער און עס קריכן אף אים ארום מורעשקעס, זשוקעלעך, פליגעלעך אלערליי. עס פּינטלט אזש אין די אויגן. זיי האָבן אים באדעקט, ווי די געדיכטע אויסיַעס אף די בלעטער פון דעם דאָזיקן בוך.

קאָן זיַין, אז זיי ווען אים פּאמעלעכן צעטאָטשען און צעפרעסן, אז פאר איין נאכט וועט פון אים גאָרניט בלייַבן — בלויז ביינער, און מע וועט אפילע ניט דערקענען, צי ס'זיַינען מענטשישע, צי ס'זיַינען פערדישע... די ביינער וועלן זיי אזוי איבערלאָזן און וועלן אלעמאָל קומען, זיי זאָלן אפילע נאָכן טויט קיין רו נישט האָבן.

דערשראָקן און דערשטוינט איז טאָליע געוואָרן, ווען ס'האָט זיך געעפנט די טיר און דער פּאָליציַי אליין, א געזונטער און א גלאטער, האָט, ווי א גייענדיקער בארג, זיך ארייַנגעשטעלט אין שטוב, און מייַסעבאלעבאָס זיך געלאָזט גיין אין דער זומערדיקער, נאָכמיטיקדיקער שטילקייַט גלייַך אפן יינגל.

טאָליע איז שיר ניט אומגעפאלן פון שרעק. פון אָנפאנג האָט זיך

אים געדאכט, אַז דער דאָזיקער האָט זיך דערוווּסט פון אַלצדינג, וואָס ער, טאָליע, קלערט. עמעצער האָט אים אויסגעזאָגט, אַז ער, טאָליע, וויל אים באַגראָבן, ער וויל אים פאַרשיטן און אַלע טאָג צעשאַרן די ביינער זײַנע מיטן שטעקן.

טאָליעס מאַמע האָט ווידער געקראָגן אַ פּאָוועסטקע אין געסטאַפּאָ אַרײַן. דאָס האָט ער, דער זעלבער בלוט־אָנגעזויגענער פּאָליצײַ, איר זי געבראַכט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די מאַמע געוואַשן, געטריקנט, געפּרעסט און צוגעפּאַריכט. גאַנצפרי האָט זי אויסגעצוואָגן טאָליען דעם קאָפּ, אים ריין איבערגעטאָן.

פאַרן אַוועקגיין האָט זי אַרײַנגעטראָגן צו יוליאַ פּיאָדאָראָוונען אַ פּאָר ווינטערדיקע זאַכן. זי האָט עפּעס געבעטן די שכיינים פאַרן קינדס־וועגן... זי האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָס האַרץ זאָגט איר שלעכטס.

— עפּשער אַוועקגיין פונדאַנען? — האָט איר יוליאַ פּיאָדאָראָוונאַ אַ זאָג געטאָן, און עס האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— אויב מע וועט מיך נאָך הײַנטיקס מאָל אָפּלאָזן... — האָט איר זינאַידאַ פּאַוולאָוונאַ, די מאַמע טאָליעס, געענטפערט, — ווײַל מיר דאַכט זיך, אַז דער שלייף אַרום האַלדז הייבט זיך שוין אָן פאַרציִען.

אַ פּולבלעכע טונקעלע פרוי פון אַ יאָר צוויי און פערציק האָט אַרומגענומען אַ בלאָנדע, אַן איידעלע פרוי פון אַ יאָר צוויי און דרײַסיק.

— איך בין ניט קיין פרומע, — האָט יענע געזאָגט, — נאָר איך בין אײַך גרייט צוילעמען און זיך אַליין איבערצוילעמען, עפּשער וועל איך פאַר אײַך עפּעס אויסבעטן... איר האָט נאָך הײַנט גאָרניט געגעסן?

— עס גייט מיר ניט קיין עסן.

— נעמט טרינקט אויס אַ גלאָז מילך, איר טאָרט ניט אויסזען בלייך.

טאָליע איז געזעסן באַם פענצטער און אַלעמאָל אופגעציטערט. די צײַט האָט זיך געצויגן, ס'האָט אים ווי געטאָן דער קין פון לאַנגן זײַן אָנגעשפּאַרט אין דער האַרטער פענצטער־ברעט. ס'האָט אים ווי געטאָן דער אונטערגעהויבענער אַקסל, ס'האָבן אים געטרערט די אויגן פון לאַנגן קוקן אין איין ריכטונג.

איבער דער גאַס איז דורכגעגאַנגען אַ האָן מיט אַ גרויסן אויסגעבוי־

גענעם האלדז פעדערן און מיט דארע רויטלעכע ראָסנע פעדערן פונעם עק און די שפּיצן פליגל. נאָך אים איז שטיל און מעיושעוודיק נאָכגע־גאַנגען אַ גאַנצע טשערעדע הינער. זיי האָבן איבערגעשפּאַנט די ברייטע גאַס, קעדיי, וויַיזט אויס, טרעפן פון איין הויף אינעם צווייטן — דעם אַנטקעגנאיבערדיקן.

טאָליעס בליק האָט זיך אָפּגערוט אַף די שטילע און שיינע אויפעס. ער האָט אַפילע געקלערט, אַז אין דער נייטיקער שאָ וועלן זיי אויך צו־שטיין צו אים אין קאָמפּאַניע. זיי וועלן פּיקן די דיַיטשן, די פּאָליציַייען און געסטאַפּאָ־לײַט. מיט אים וועט גיין אַ גאַנץ כאַיל: די פערד וועלן זיי בריקען, טרעטן מיט די קאָפּעטעס, בײַסן מיט די ציין, די בעהיימעס און די אָקסן וועלן זיי שטעכן מיט די הערנער. אַלע־אַלע וועלן מיט אים גיין אין טאָג פון נעקאָמע.

און... אַז דער טאַטע וועט קומען, וועט ער אים ניט דערקענען.

— עך, — וועט ער זאָגן, — דו ביסט דאָך טאַקע ניט געזעסן לייַ־דיק, דו האָסט אונדז זייער שיין געהאָלפן...

נאָר דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און יוליאַ פּיאָדאָראָוונאַ איז מיט שטילע טריט אַרײַנגעקומען.

טאָליע האָט אופגעציטערט ווי געווײַנלעך. נאָר ס'איז אים גלײַך גע־וואָרן אַ כידעש, וואָס יוליאַ פּיאָדאָראָוונאַ רעדט אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט זיך אין טיפן מיטן זומער צוגעקילט. און דער גאַנג אירער איז אויך מאָדנע, ווי זי וואָלט זיך פון עמעצן געגאַנווועט.

זי האָט אים פון דער גרינג אַרומגענומען, טאָליען, ער האָט זיך ניט אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט, ווי ער וואָלט דאָס געטאָן אין אַנדערש־מאָל. ער האָט געהערט, וואָס זי רעדט צו אים, ער זאָל ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט. עפּעס האָט אין אים אינווייניק געברומט: „די מאַמע דאַרף עס, די מאַמע דאַרף עס האָבן".

— טאָלינקע, — האָט אים יוליאַ פּיאָדאָראָוונאַ געזאָגט און זיך אַזוי ווי אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, — אָט דאָ אין טיכעלע האָסטו עסן און נעם נאָך מיט אַ שטיקל ברויט פון שטוב, דאָס ברויט קאָנסטו נעמען אין בוזעם... דו הער אופמערקזאַם, וואָס איך זאָג דיר... אַז איך וועל אוועקגיין, וועסטו אויסוואַרטן אַ צוויי־דרײַ מינוט און אַרויסגיין שטיל פון שטוב. גיין זאָלסטו צו אונדז אַפן גאָרטן צווישן די פּאַסאָליעס און זיצן דאָרטן ביז נאַכט. זאָלסט נאָר קיין מוירע ניט האָבן. אויב די מאַמע

וועט קומען פריִער, וועלן מיר דיך א רוף טאָן פריִער, אויב ניט, וועלן מיר צו דיר קומען און זאָגן, וואָס מע דאַרף ווײַטער טאָן.

טאָליע האָט זיך ניט געקענט אָפּרײַסן פונעם נאָענטן מענטשן. ער האָט זיך נאָך אַזוי ווי אָנגעהאַלטן אין איר אַקסל, זײַן רעכטע האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון דער טיר, כאָטש אין שטוב איז שוין קיינער ניט געווען.

אַף דער בײַט מיט די פּאַסאַליעס איז צווישן די טיטשקעס אינמיטן וואַרעמען זומערדיקן טאָג געזעסן א קינד, א יִינגעלע פון זיבן־אַכט יאָר, א הויכינקס און איידעלינקס, מיט עטוואָס פאַרעלטערטער שרעק אַפן פּאָנעם. ס'זאָל אים ניט זײַן אַזוי אומעטיק און שווער צו זיצן אָן קיין שום טועכץ, האָט ער צעבונדן די פּאַטשיילקע, וואָס די מומע יוליע האָט אים געגעבן אין די סאַמע הענט אַרײַן. ער האָט פאַר זיך דערזען אייער, א גרינעם אוגערעק, א פּאָר פּײַכטע פּשעניטשקעס און א ביסל זאַלץ אין א פּאַפּירל. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אז יוליִא פּיאָדאָראָוונא האָט אים דאָך אָנגעזאָגט, ער זאָל מיטנעמען ברויט. פאַרוואָס זשע האָט ער עס ניט געטאָן? ער האָט דאָך געקלערט, אז ער וועט אויספּילן און פאַרגעדענקען יעדעס וואָרט, וואָס די דאָזיקע ליבע פרוי וועט אים זאָגן?!..

קעדיי ניט קלאַפּן, האָט ער לאַנג געקוועטשט דאָס איי, ביז די שאָ־לעכץ האָט א טרעשטשע געטאָן. ער האָט געשיילט, געשיילט און פּלוצעם דערפילט, אז עמעצער שטייט לעבן אים... מיט פאַרשטומט געוואָרענע אייוורים האָט ער פּאַמעלעך אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און דערזען, אז לעם זײַן סאַמע אַקסל שטייט א גרויסער גרויער הונט מיט א צעעפנטן פּיסק און אַרויסגעלאָזטער צונג. טכילעס האָט זיך אים שטאַרק אָפּגעריסן דאָס געזונט: ער איז געווען זיכער, אז דער פּאָליצײַ שטייט דאָ באַנאַנד און קוועלט אָן פון פאַרגעניגן. ס'האָט געמוזט דורכגיין א היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט געפּויעלט בא זיך, אז ס'איז א פּאָשעטער פאַרבלאָנדזשע־טער הונט און פאַר אים איז נישטאָ וואָס מוירע צו האָבן.

טאָליע האָט אים אָפּגעבראָכן א שטיקל געקאָכט איי. דער הונט האָט נאָכגעדרייט דעם קאָפּ און מיט זשעדנע אויגן געקוקט צו אים אין האַנט אַרײַן. טאָליע האָט אָבער מוירע געהאַט, יענער זאָל בא אים ניט א כאַפּ טאָן דאָס עסן מיט דער האַנט אײַנײנעם, האָט ער עס א וואָרף געטאָן אין א זײַט.

דער הונט האָט ניט דערזען ווו, נאָר ער האָט עס דאָך אויסגעשמעקט און מיט איין מאָל געגעבן א שלונג ארײַן. איצט שטייט ער שוין ווײַטער לעם אים און ווארט אף זײַן צווייטער גאָב.

טאָליע האָט אָבער איצט ניט געוואָלט זען דעם הונט. האָט ער אראָפּגעשלונגען א שטיקל הארט שיטיק געלכל אָן זאלץ. דאָס איבעריקע האָט ער צוריק פארבונדן אין טיכעלע און האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, פארמאכט די אויגן. דאָס האָט ער אזוי געוואָלט, דער הונט זאָל אוועקגיין.

טאָליע איז אזוי אײַנדרעמלט געוואָרן. אים האָט זיך געכאָלעמט, אז דער טאטע שטייט אָנגעטאָן אין א שינעל מיט ברייטע פּאָלעס, וואָס מאכן א ווינט. אין האנט האלט ער א פּאָזשארנע קישקע און שווענקט מיט איר די ערד, סע זאָלן זיך אראָפּשווענקען די דײַטשן, מיט די פּאָליצײַען, מיט די געסטאפּאָס, מיט אלצדינג, פון וואָס ס׳ווערט שלעכט אפן הארצן... טאָליע האָט מוירע, סע זאָל אלפּי־טאָעס אויך אים ניט אראָפּשווענקען איניינעם מיט יענע, האלט ער זיך אָן פאר עפּעס א צווײַג, שטארק־שטארק...

דערווײַל האָט עפּעס א פּלאַץ געטאָן. טאָליע האָט זיך אופגעכאפּט און דערפילט, אז ס׳איז אים קאלט. יאָ, אין דרויסן האָט זיך אָנגעכמארעט און ס׳האָט געשפּריצט א רעגן.

טאָליען איז געוואָרן זייער ביטער אפן הארצן, וואָס קיינער קומט אים ניט רופן. טרערן האָבן אים גענומען לויפן פון די אויגן. ער וויל צו דער מאמען. נאָר דאָ האָט ער דערזען, אז פונעם צווייטן עק גאָרטן גייט אהער קאטיע.

אין לײדיקן שײַער, וואָס אף יוליאַ פּיאָדאָראָוונעס גאָרטן, האָבן די מײַזעלעך געגעבן צו וויסן איינס דעם צווייטן, אז עמעצער איז דאָ און גייט ניט אוועק פונדאנען.

דער עמעצער איז געווען דער זיבן־אכטיאָריקער טאָליע, וואָס האָט שוין געדארפט מיט געדאנק פון א גרויסן טײַער האלטן זײַן באהעלטעניש און אָנווענדן דערבײַ אלערליי קלוגשאפטן און געניטקײַטן.

פונוואנען האָט זיך עס געקאָנט צו אים נעמען? פאר זײַנע זיבן ווינטערס און אכטהאלבן זומערס, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אף דער וועלט, האָט ער נאָך ניט באוויזן אופטאָן נישט קיין גוטס און נישט קיין

שלעכטס. זײַן אופגאבע איז געווען וואקסן, אײַנזאפּן אין זיך פארשײ־
דענערליי געניטקײַטן, קענטענישן.

די אופגאבע פון דער געזעלשאפט (אין פּערזאָן פון טאטע־מאמע) איז געווען אים אופּציִען, אים ניט אויסטיילן מיט קיין זאך פון מיליאָנען קינדער זײַנע גלײַכנס.

נאָר... דאָס ייִנגעלע טאָליע זשוק איז א ייִדיש ייִנגעלע, וואָס איז מיט די אנטלאָפענע ניט אנטלאָפן און מיט די געשאָכטענע ניט געשאָכטן געוואָרן. א ייִדיש קינד איין־אליין.

אלע טכילעס אָוונט פלעגט טאָליע ארויסקריכן פון שײַער דורך אן אָפּגעשטאַנענער קלאָץ מיט דער לײדיקער פלאַש און נעמען אף צוריק א פריש פלעשל וואסער און א פריש טאָרבעלע מיט עסנווארג, וואָס איז געלעגן פאר אים אָנגעגרייט אף אן אָפּגערעדט אָרט, — א שטיקל ברויט, א שטיקעלע קעז, אן אָפּגעקאָכט איי. אמאָל איז דאָס ברויט אפילע געווען באשמירט מיט פּוטער. אלס צוגאָב פלעגט ער דאָרט צומאָל געפינען א פּאָר יונגע טריסקאווקעס, אן עפּל, א פלוים. מיטן עפּל האָט זיך טאָליע לאנג געשפּילט, איידער ער האָט אים אופגעגעסן.

קומענדיק מיט דער פרישער פּאָרציע עסן, האָט ער שוין געקאָנט גיין שלאָפן. דאָס איז געווען פאר אים א מין זייגער.

אויך מיט א געלעגער האָבן אים די גוטע מענטשן באזאָרגט. טאקע דאָ, אין גרויסן היי־קאסטן, האָבן זיי פאר אים אוועקגעלייגט א מאטראַץ, א קישעלע און א קאָפּע אף צוצודעקן זיך.

שווער איז אים געווען זיך צוגעוווינען צום געדאנק, אז ער לייגט זיך שלאָפן איינער אליין און קיינער איז לעם אים ניטאָ.

ער פלעגט זיך וועלן פארשפּילן מיטן עפּל אָדער מיט דער פלוים, קעדיי ניט וויינען, נאָר די טרערן פלעגן אים ארויסשפּרודלען פון איינ־וויניק, פון זיך אליין... פארוואָס?.. פארוואָס איז די מאמע דאן ערגעץ אוועקגעגאנגען? מע האָט דאָך שוין געווען אײַנגעבעטן די עלטסטע... ער איז דאָך שוין דאן געזעסן אף דער מאשין צווישן פרעמדע פּעק און מענטשן...

איינמאָל האָט טאָליע פּארקלערטערהייט ארײַנגעשטופּט א פינגער צווישן צוויי ברעטער פון דער דרויסן־וואנט און מיטאמאָל זיך ארומגע־קוקט, אז ער קאָן אים ניט ארויסשלעפּן אף צוריק. ער האָט זיך זייער דערשראָקן. אים האָט ניט געארט דער פינגער, אים האָט ניט געארט,

טאָמער וועט ווי טאָן, ער האָט זיך דערשראָקן, וואָס ער איז צוגענאָגלט צו דער שטאָל אין דער צײַט, ווען ער מוז זײַן פרײַ (ער זאָל זיך קאָנען אין אַן ענגער שאָ גענבן א גליטש ארוים און ניט סטײַען). בלײַבן שטעקן מיט א פינגער אין אזא לאגע, ווי ער איז, איז געפערלעך. מיט דער שטאָל איניינעם וועסטו אין ערגעץ ניט אנטלויפן.

ער האָט זיך גענוג אָנגעמאטערט, ביז ער האָט ארויסגעשלעפּט דעם פינגער, אַן אָנגעמאָרדעוועטן, מיט אַן אָפּגעריבן שטיקל הויט ביז בלוט. ער האָט געהאלטן דעם פינגער אין מויל, אים געווארעמט. דאָס הארץ האָט אים נאָך געקלאפּט. ער איז געווען אינגאנצן פארשוויצט, נאָר עס האָט אים האנאָע געטאָן: „פונדעסטוועגן זיך ארויסגעריסן!”

קאטיע איז געפאָרן אין שטאָט ארײַן.

צו דער קאָמאנדירונג, וואָס מע האָט איר אויסגעשריבן, האָט זי אליין צוגעשריבן:

„מיט קנאבע”.

דאָס הייסט, אז זי מעג פירן א יינגעלע מיט זיך.

זיי האָבן געהאט קרויװים אין פאָרשטאָט פון פראָסקוראָוו, און ס'איז בא זיי געבליבן, אז טאָליען וועלן זיי ווי־עס־איז איבערפּעקלען אהין.

ס'איז געווען א כמארנער קויטיקער אָוונט.

דאָס מיידל איז געשטאנען אפן קויטיקן פּוסטלעכן וואָקזאלכל און זיך אָפּגעגעסן די גאל:

מע האָט אָפּגערעדט מיט טאָליען, ער זאָל קומען צום אכטן וואגאָן, זי וועט אף אים ווארטן... ערשט איצט זעט זי, ווי נאריש סע האָט זיך באקומען. אזוי רעדט מען אָפּ מיט א קינד?

מע האָט דאָך געקענט באצײַטנס מאכן אזוי, אז דער פעטער ני־קאָלײַ וואסיליעוויטש זאָל שטיין מיט אים פונדערווײַטנס ביזן צווייטן קלונג. און איצט... וואָס קומט ארויס פון דעם, וואָס זי פאָרט, אז דאָס גאנצע פאָרן איז געווען אויסגערעכנט נאָר צוליבן קינדס־וועגן.

דער צווייטער קלונג... יעדער רעגע איז א ריס פונעם הארצן. אָט שטעלט זי שוין א פוס אפן טרעפּל... און דאָ האָט זי פּלוצעם דערפילט א קיל קינדערש הענטל לעבן איר פרײַער האנט.

זי האָט זיך אפילע אזוי ווי דערשראָקן פאר אומגעריכטקײַט, זי האָט

זיך אָבער גלײַך באַדאַכט און אַ דריק געטאָן די באַקאַנטע צאַרטע פֿינ־גערלעך.

וואָס אַ קלוג קינד איז!..

ס'האָבן זיך איר אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— אָ, — האָט ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווען ער האָט אין אַ רעגע אַרום דערפֿילט אינדערפֿינצטער, אַז דער, אויף וועמען זיי האָבן אַזוי געוואַרט, איז שוין דאָ. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער גאָרגל איז געוואָרן פֿאַרקוועטשט.

צוויי הערצער האָבן אין אײַלעניש און אין אײַנשטעלעניש מיט גע־צאַמטער מוירע זיך געהויבן אויפֿן צווייטן טרעפּל צום וואַגאָן־שוועל, און די באַן האָט גערירט.

„פֿאָרט געזונט, — האָט דער באַיאָרטער מענטש אין הארצן נאָכגע־רופֿן דעם אָפּגייענדיקן צוג, — פֿאָרט געזונט!"

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און מיט אַ ציטערדיקער האַנט אויסגעווישט די נאַסע פּאָטיליצע.

ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויפֿן לײדיקן פֿינצטערן פּעראָן. אין אַ געדיכטן געמיש פֿון שווערע געדאַנקען האָט זיך איין ליכטיקער גע־דאַנק אויסגעשיילט דײַטלעכער פֿון די איבעריקע: צום שלעכטן וועט דאָך אַמאָל קומען אַ סאָף.

און ער האָט מיט באַפֿרידיקונג אַזוי ווי אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— נישקאָשע, דאָס לעבן לעשט זיך ניט אויס... דאָ און דאָרט וועט זיך נאָך פֿאַרהיטן אַ פֿונק אויף צעבלאָזן פֿײַער.

1945

דער ייִנגסטער פון די קינדער



ער עלטערער לייטענאנט גארבער איז נאָך א יונגער מענטש — עפשער דרײַסיק, עפשער צוויי און דרײַסיק יאָר. אַן איידעלער, עטוואָס העכער פון מיטעלן ווּקס, שווארצע בלישטשענדיקע אויגן, ווײַסע אויסגעשײַערטע ציין, א צארטער שמייכל.

ער האלט מילכאָמע, דער יונגער פרײַנט אונדזערער, שוין קנאפּע פיר יאָר.

אין א שליכעס, וואָס ער האָט גע־דארפט אויספירן פאר זײַן קאָמאנדשאפט, איז דעם כאווער גארבער אויסגעקומען דורכפאָרן פארבײַ זײַן אייגן שטעטל.

פון די צײַטונגען האָט ער זיך דערווּסט, אז דאָס שטעטעלע איז פארברענט. ס'האָט אים געגעבן א גוטן סמיקע באם הארצן, נאָר זיך פאָרשטעלן דאָס שטעטל, ווי עס האָט אויסגעזען גאנצערהייט און ווי עס זעט אויס איצט, האָט ער, דעם עמעס געזאָגט, ניט געהאט ווען. ניט געווען די פרײַע מינוט.

ביים זײַן קאנט האָט זיך באפרײַט, האָט ער אָנגעשריבן א בריוו אפן נאָמען פון דאָרפראט. זיך נאָכגעפרעגט אפן טאטן.

דער ענטפער איז געווען דערשיטערנדיק:

„אײַער פאָטער, כאווער עלטערער לייטענאנט, איז אומגעבראכט געוואָרן אפן שרעקלעכסטן אויפן. אונדזער

שטעטל עקזיסטירט נאָר אין די ביכער. דער סוינע האָט עס פאַרברענט".

גארבער האָט געזוכט אין געדאַנק זיך פאָרצושטעלן זײַן טאַטן, מיט דער שײנער גראָװער באָרד; זײַן געמיטלעכן אַלטן טאַטן, דעם גוטמוטיקן האָרעפּאַשניק פון שטעטל. ער האָט אים אָבער ניט געקענט אױסשטעלן באַזונדער פון די אָנגעהױפטע קאָרבאָנעס, װאָס ער האָט זיך אָנגעזען אױף זײַן װעג.

איז אָט דעם־אָ שטילן האָרעפּאַשנעם ייִדן האָבן דײַטשישע, זיך פּרײַלעך מאַכנדיקע מערדער געשלעפּט פון געלעגער, פון זײַן אַלטן אײַנגעזעסענעם הױז, קעדײ אים איבערענטפערן מיט זײערע אײגענע הענט צום בײזאַיענדיקן טױט.

אָט אַזױ־אָ פירן זײ מילכאָמע: אױסער דער מעכטיקער טעכניק, אױסער דעם װילדן ראָצכישן געיעג נאָך פרעמדע לענדער, נאָך פרעמדן האָב־און־גוטס, האָבן זיך נאָך גענומען אױפלעבן די מיטלאַלטערלעכע שכיטעס. קױלען אַלטע לײַט און קלײנע קינדער איז בא זײ געװאָרן א שטײגער־זאַך.

און װידעראַמאָל דער טאַטע צװישן נאָך א פּאָר מיניאָנים עלטערע מענטשן, אַזעלכע װי ער. די יוגנט איז דאָך פון שטעטל אַװעקגעפאָרן. װער ס'איז אַװעק אױף דער מילכאָמע, און װער עס האָט זיך עװאַקויִרט. אָט קומען דאָך צו אים אָן בריװ פון יערעװאַן, פון ביִיסק, פון אורגענטש און טשימקענט.

ער דערזעט פאַר זיך פלוצעם דעם אַלטן טאַטן זײַנעם. ער װײסט ניט, דער אַלטינקער, צי דאַרף ער נאָך עפּעס זאָגן דעם גאָזלען אין דער שאָ פון װידע.

אין די עלטערע ייִדישע שריפטן זײַנען דאָפּקע געװען אָנגעװיזן געװיסע רעצעפּטן, געװיסע מיטלען פאַר אַן ענגער שאָ, בעשאַס דיר קומט אױס זיך טרעפן מיט אַזעלכע, װאָס װילן דײַן בלוט. שטײט דאָרט געשריבן, אַז מע דאַרף טפילע טאָן צו גאָט. אױב עס העלפט ניט, דאַרף מען זיך אױסקױפן מיט מאַטאָנעס. אױב אָבער דאָס גילט אױך ניט, דאַרף מען גײן מיט קױעך, דאָס הײסט מילכאָמע האַלטן.

און אים האָט זיך גראָדע גערדאַכט... א כאָלעם האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז זײַן האָרעפּאַשנער טאַטע איז ערגעץ צװישן די פּאַרטיזאַנער: מיט די שכײנים זיך דורכגעריסן אין װאַלד אַרײַן. ער װאָלט עפּשער ניט געקענט דורכקומען מיט דער ביקס, מיטן אױטאָמאַט, נאָר ער האָט גע־

קענט האלטן א האק אין דער האנט, א קאָסע, א האמער... ער האָט געקענט גלאט צוניץ קומען אין דער מאכנע אפֿ פארשיידענע ארבעטן, אפילע לעם דער קיך, די פערד, לעם וואָס־ס'ניט־איז. אך, וואָלט דאָס געווען פאר אים א קאָוועד און א געפינס, ווען ער טרעפט ערגעץ דעם טאטן זײַנעם זיך אומקערנדיק פון דער מילכאָמע. ער וואָלט גאָר אנדערש וויסן, ווי אים ערלעך צו האלטן.

נאָר נײַן, איצט ווייסט מען שוין אלץ אפֿ געוויס.

איצט, ווען זײַנע קריגער ציילן צו די צעשאָסענע פאשיסטן, וואָס זײַנען געבליבן אפֿן שלאכטפעלד, קוקט ער זיך שטארקער אײַן אין די געפייגערטע צורעס אין זייערע. איצט איז צוגעקומען נאָך א פונקט צו דעם באשולדיקונגס־אקט, און ניט פון די קלענסטע: אן אלטער טאטע, וואָס האָט קײנעם ניט געטשעפעט, ניט אָנגערירט קיין פליג אפֿ דער וואנט.

אָט דאָ, ווען גארבער האָט געדארפט דורכפאָרן וואָסערע צען קילאָמעטער פארבײַ זײַן היים, האָט ער אָפגערעדט מיט דער יונגער מיליטערישער דאָקטערן, וואָס אין איר רעשוס איז געווען די מאשין, אז זיי וועלן אָנלייגן א קלייניקײַט וועג און פאָרן דורך סירניצע.

דאָס מיידל איז, פארשטייט זיך, אײַנגעגאנגען דערופֿ.

אינעם נאָענטסטן דאָרפֿ האָט דער שאָפער אָפגעקערעוועט רעכטס, און די מאשין איז אוועק מיט באקאנטע וועגן.

ווען ער גייט צופוס אָדער ווען ער פאָרט מיט א פור, וואָלט ער געהאט מערער מעגלעכקײַט זיך אײַנצוקוקן אין די פעלדער, פארבײַ וועלכע זײַן יוגנט האָט אמאָל געשוועבט. נאָר דער „ווילים” טראָגט זיך מעשוגענערווײַז, בארג־ארופן און בארג־אראָפן טאנצן אוועק פון אונטער זײַנע רעדער, ווי אויסגעדוכטע און צופעליקע. דאָ שווינדלט דורך א יאר, דאָ א ווינטמיל. אָט איז א בריקל, און מע פליט דורך פאר איין מינוט א גרויס לאנג דאָרפֿ.

ווינציקער ווי אין א שאָ ארום וואָלט דארפן זײַן סירניצע, נאָר דאָס שטעטל ניט מע הערט, ניט מע זעט, און דאָ איז נאָך דער פארנאכט ארײַן אינמיטן. עמעס, דער דרויסן איז א כמארנער און דערום זעט אויס דער פארנאכט שוין צו נאָענט. מע קאָן דאָך אָבער אזוויארום דורכלויפן דאָס אָפגעברענטע שטעטל און עס ניט באמערקן אויך.

— פאָר פאמעלעכער! — האָט ער אומגעריכט אויסגערופן צום

שאָפער. און א מאָדנער אומרו האָט אים ארומגעכאפּט. אָט דאָ מוז דאָך שוין זײַן דאָס וועלדל, ווּ זיי האָבן זיך קינדווײַז געשפּילט (כאָטש קארג וועלדלעך און קארג ביימלעך זײַנען דאָ פאראן בא יעדן דאָרף, לעם יעדן באשטאַן?). אנומלטן, ווען די פּיאָנערן האָבן דאָ געהאט דורכגעפירט א מיליטער־שפּיל, איז ער, דוכט זיך, אין די דאָזיקע ביימלעך געלעגן מיט פרידמאנען און מיט שאדורן (ווּ זײַנען זיי איצט?) — זיי האָבן געדארפט טשאטעווען און פארהאלטן יעדן „פארדעכטיקן" דורכגייער...

נאָר ווּ זשע זײַנען זיי פּאָרט? מע זעט ניט קיין סימאָנים, ניט פון קיין יישעוו, ניט פון קיין כורוועס.

זיי פאָרן שוין לאנגזאם... וואָס זאָל עס באטײַטן? דאָס מוזן דאָך שוין זײַן די אלייען, וואָס געפינען זיך פון יענער זײַט שטעטל אנטקעגן דעם נאָענטסטן דאָרף!

ס'איז אים ניט שיין פאר דער כאווערטע, מיט וועמען ער פאָרט. פּאָ־שעט ניט שיין. עמעס, ער איז שוין א צוועלף — פופצן יאָר פונדאנען, נאָר ער פלעגט דאָך אָנפאָרן אהער פון מאָל צו מאָל (דאָס לעצטע מאָל איז ער דאָ געווען, ווען ער האָט באגלייט די מאמע אין איר לעצטן וועג, דאָס איז געווען צוריק מיט פינף יאָר). ער האָט אָפּגעשטעלט די מאשין און איז אראָפּ.

— מיר זײַנען דורכגעפאָרן, — האָט ער אומדרייסט און מיט א פארקלעמט הארץ א זאָג געטאָן.

ער האָט, אגעוו, נאָך איצט אויך ניט געוווּסט אף זיכער, צי זײַנען זיי טאקע דורכגעפאָרן, נאָר די קאָרטשעס פון די גראָבע הונדערטיאָריקע ביימער בא די זײַטן שליאך זײַנען פּאָרט געווען א זייכער פון דער שיי־נער לינדן־אלייע, וואָס דער סוינע האָט אויסגעראָטן צוזאמען מיט אל־דאָס לעבעדיקע, אלדאָס נוצלעכע.

די דאָקטערן איז אויך אראָפּ. זי האָט אים אָנגענומען בא דער האנט:

— כאווער עלטערער לייטענאנט, דוכט זיך, אז אָן־אָ גייט עמעצער, מירן באלד קענען א פרעג טאָן.

און ווירקלעך, פונדערווײַטן איז געגאנגען אן עלטערע דאָרפישע פרוי באָרוועס, אין א לאנגן ניט קיין זומערדיקן בעגעד מיט א קאָרב אף די פּלייצעס.

— באָבינקע... זײַט אזוי גוט... זאָגט אונדז... ווּ איז דאָס שטעטל? מיר זײַנען עס ניט דורכגעפאָרן?

— דורכגעפֿאָרן, קאָטעקלעך, דורכגעפֿאָרן... דאָס זײַנען די לינדן, איר וועט זיך אומקערן באַ אַ האַלב ווערסט, וועלן זײַן דער בעסויִלעם, די דאָלינע און דער קלויסטער... נאָר ס׳איז פֿון דעם אַלעמען שוין גאָר־נישט ניטאָ, זאָל ער טרעפֿן באַ זיך, דער טרייפֿענער, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלאָזן...

— באָבינקע, ער וועט שוין דאָס אויך ניט טרעפֿן, ער פֿוילט שוין, ווי אַ הונט.

— זאָל ער, זאָל ער פֿוילן, מײַנע טײַערינקע.

די פֿויערטע מיט די באָרוועסע פֿיס אונטער דער לאַנגער סוויטע איז אַוועק מיט אַ זײַטיק וועגעלע, ווי אין אַן ערגעץ־לאַנד, און די מאַשין האָט זיך ווי־עס־איז אויסגעקערעוועט אַפֿן ניט גאָר ברייטן שליאַך.

גאַרבער מיט דער יונגער דאָקטערן זײַנען געגאַנגען איבערן וועג, איבער וועלכן ער פֿלעגט אַמאָל שפּאַצירן אין יאָמטעוו־טעג און אין פֿרײַע פּאַרנאַכטן מערער מיט כאַווײרים, זעלטן־ווען — אַליין.

קעדיי טרעפֿן צו זײַן היימישער גאַס, צום ווינקל, ווּ ער איז אויס־געוואַקסן, דאַרפֿן זיי זיך לאָזן אַהין, צום צווייטן עק שטעטל, דאָרטן, ווּ דער שפּיטאָל איז געווען (אַף אַלץ דאַרף מען שוין זאָגן „געווען”). ניין, ער האָט זיך אַזוינס ניט פֿאָרגעשטעלט. געמיינט, אַז ער וועט כאָטש טרעפֿן קוימענס, אַזוינס געבליבענע נאָך די הײַזער, און דאָ איז הוילער בוריאַן און קראָפּעווע, גאַנצע בערג! פֿונוואַנען האָבן זיי זיך אַהער אַזויפֿיל אָנגעקליבן?

ווען ער האָט מער צײַט, בלײַבט ער דאָ נעכטיקן. ער וואָלט צעלייגט אַ פֿײַער. ער וואָלט מינאַסטאַמע אַרויסגערופֿן אַ פֿוקס פֿון דער נאָרע אָדער אַ האָז אַ דערשראָקענעם, וואָס האָט זיך באַזעצט אַף די כורוועס פֿון זײַן היים. נאָר ווּ האָט ער צײַט אַף אַזעלכע זאַכן?! די מילכאָמע איז נאָך ניט געענדיקט. און ער איז אַ סאָלדאַט.

ער ציטערט איבער יעדער מינוט. ס׳איז אים נאָך עפּשער קיינמאָל ניט געווען אַזוי טײַער די ליכט פֿון טאָג, ווי איצט, אָט־אָט דאַרף שוין נאַכט ווערן. און וויִאַזוי קאָן מען עס דען... פּאַקן אינמיטן אַזאַ מילכאָמע דאָס אייגענע שטעטל און ניט דורכגיין דורכן אָרט, ווּ ער איז געוואַקסן, ווּ די מאַמע האָט אים געלערנט גיין?!

די יונגע דאָקטערן האָט זיך מילד געטוליעט צו אים...

א שוועסטער, א קאלע, א כאווער א ליבער — איך ווייס ניט, ווער עס קאָן זײַן אזוי נאָענט אין א שאָ, ווען דאָס מויל איז בא דיר גע־שלאָסן, די ציין צונויפגעקלעמט, ווען דאָס הארץ יאָמערט אין דיר און די אויגן דארפן זײַן טרוקן.

זיי זײַנען געגאנגען דורך די פײַכטע בערג קראָפּעווע און בוריאַן. קענטיק, אז דאָ איז טאקע דורכגעגאנגען א קליין רעגנדל. די זון האָט פארן אונטערגיין א גויסעסדיקן שײַן אוף געטאָן.

„שײַן, שײַן, זונעלע, פארגיי ניט אזוי גיך, לאָמיר זיך אָנקוקן אף מײַן געבורט־שטאָט, אפן אָרט, וווּ מײַן וויג איז געשטאנען".

אָט האָבן זיי דערזען א שטוב. א שטוב ניט קיין שטוב — א שטאל א צונויפגעקלאפּטע, מיט א הויף, אפילע א ברונעם פארן הויף, און די באלעבאָסטע דרייט זיך דאָרט אום...

...ווארט נאָר, ס'איז דאָך א שכיינע! ס'איז דאָך פּעטראָס ווײַב.

— מאָטריא, זע, דו לעבסט?.. פּעטראָ לעבט אויך?.. ער איז אין דער ארמיי?..

מאָטריא האָט זיך, קענטיק, דערשראָקן פאר אומגעריכטקײַט.

— אין דער היים... — האָט זי אומדרייסט א שטאמל געטאָן.

פּעטראָ איז ארויס אין זײַן לײַנענעם העמד, א באוואקסענער און אף א סאך געעלטערט.

— הערשקאָ! — האָט ער גלײַך אים דערקענט און זיך שיר ניט געוואָרפן קושן. — דאָס איז עפּשער דײַן ווײַב? ניין? און איך האָב גע־מיינט... קום! קומט אין שטוב ארײַן... קומט, איך בעט אײַך!

— פּעטראָ, איך קען ניט טרעפן צו אונדזער שטוב...

— וואָרעם ס'איז ניט גרינג אהינצו טרעפן. קום, איך וועל דיך פירן.

און זיי זײַנען אינדרײַען אוועק.

— פּעטראָ, זע, ס'איז ניט דאָס קליינע ברונעמל, וווּ מיר פלעגן נע־מען וואסער אפן סאמאָוואר — די סראָוועטקע? (דאָס וואסער איז דאָ געווען גרוי, ווי סראָוועטקע, נאָר זייער זיס און געשמאק צום טרינקען).

— יאָ, ס'איז די סראָוועטקע.

— און דאָס איז דײַן טאטנס הויף, פּעטראָ?

— אונדזער הויף.

— און דאָס זײַנען מיר?

און ווי א קאלטער זאמד וואָלט אים אוועק איבער די באקנביינער...

א כמארע האָט זיך פארצויגן פארן אויג, און א ציטער האָט ארומגע־נומען דאָס גאנצע לייַב.

די יונגע דאָקטערן האָט שטיל א פרעג געטאָן:

— מירן ווארטן אף אייַך בא פעטראָן?..

און צו פעטראָן האָט זי געזאָגט:

— קומט — — —

אונדזער יונגער פרייַנט, דער עלטערער לייטענאנט גארבער, איז גע־בליבן שטיין אנטקעגן זייַן אָפּגעברענטער היים. ער האָט גענומען מאָנען באַם זיקאָרן, ער זאָל אים גיכער באווייַזן, ווו וואָס ס׳איז דאָ אמאָל גע־ווען.

...דאָ — די טיר, דאָ — די לאָדן, דאָ — דער לייטער צום בוידעם, דאָ — דאָס גערטנדל... און אינווייניק אין שטוב — גאָלע ליבע, גאָלע נאָענטע...

...געטרייַע הענט נעמען אראָפּ פון דיר ס׳פארשטויבטע רעקל. דו ביסט דאָך נאָרוואָס פון דער פור... — א קוואָרט וואסער אף אָפּוואשן דעם הייסן שטערן, א גלאָז מילך אף שטילן דעם דאָרשט... ווו זייַט איר אלע? ווו זייַנען זיי? — — —

ער איז ארייַנגעקראָכן צווישן דעם ווילדוואלד פון קראָפּעווע און בוריאַן, זיך געגעבן א לאָז אראָפּ אף די קני און גענומען טאפּן מיט די הוילע הענט די ערד.

— פארמאך, הערשל, די אויגן. צינד אָן דייַנע אלע אינווייניקסטע פייַערן, זאָלן זיי דיר באלייַכטן דייַנע בלוטיק־נאָענטע פארסארפּעטע, צעטראָטענע וועלטן...

און ער האָט אזוי געטאָן.

פּלוצעם האָט ער דערפילט א קילן ווייכן ריר אין שטערן. ער האָט האלב אופגעעפנט די אויגן און וואָס... וואָס האָט ער דערזען פאר זיך? — א שורע געדיכטע שמעקנדיקע קווייטן. די העל־בלויע צארטע פלאָקסן. יאָ־יאָ, די אלטע און שטענדיק יונגע לייַבלעכע פלאָקסן פון פארן אלקער־פענצטער. אָט שטייען זיי, ווי געווען, אף די פעסטע גרינע שטענגלעך מיט לענגלעכע בלעטער באהילט.

איז אָט ווער ס׳איז געבליבן היטן די היים?! די קווייטן, וואָס מיר האָבן געפלאנצט אין דער קינדהייַט?

נו, פאָל זשע צו צו זיי, הערשל, טוליע אייַן דייַן היים פּאָנעם אין

זייער שמעקנדיקער פרישקייט און ווער צעגאנגען אין געוויין. דו מעגסט. קיינער זעט דיך איצט ניט, קיינער איז לעם דיר ניטאָ.

אַט די־אָ קווייטן האָט ער מיט דער יינגסטער פון די שוועסטער פארפלאנצט מיט א סאך יאָרן צוריק.

אז די קינדער זיינען זיך צעפאָרן אין די גרויסע שטעט, האָבן אלע פרילינג די קווייטן זיך אויסגעשטעלט פארן פענצטער און געשמועסט מיט דער בענקענדיקער מאמען (איר בענקען האָט דאָך קיין שיר און קיין מאָס ניט געהאט).

— זיי וועלן קומען, זיי וועלן קומען, — האָבן די בלומען זיך גע־וויגט און זיינען מאמעש געקראָכן אין פענצטער אריין.

און די קינדער פלעגן טאקע קומען. זומער אין זומער פלעגן זיי קומען צו טאטע־מאמע, צום גאָרטן, צו דער היים. — — —

...און ...אז די מאמע איז געשטאָרבן, וואָס האָבן די בלומען געהאט צו טאָן?

און אז דער טאטע איז געקוילעט, די שטוב פארברענט, דאָס שטעטל כאָרעוו, וואָס האָבן דאָ איצטער די בלומען צו טאָן? אזעלכע ראָסנע, אזעלכע פרישע און מיט גאָרנישט ניט געענדערט צווישן די בערג מיט צעשמאָלצענעם גלאָז און ווילדער קראָפּעווע?

קאָן זיין, אז זיי ריידן איצט צו אים, צום יינגסטן פון די קינדער. זיי מיידן אוים דאָס וויטעקסדיקע און גייען גלייך צו צום טאָך.

— אַט וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע. האָב כאסענע, בוי אוים לעבן אונדז דיין שטוב. אלע דריי כאסענע געהאטע שוועסטער און דער ברודער מיט דער פרוי וועלן קומען צוגאסט, און זאָל די נאכלע ניט פארדאָרבן ווערן...

פּעטראָ האָט געשטעלט צום טיש בראנפן, ברויט און האָניק.
דער שאָפער און די דאָקטוירן האָבן צוגעביסן.
אונדזער יונגער פריינט האָט געזאָגט:
— עסט, עסט... איך וועל באלד...

ער האָט זיך נאָכאמאָל דערפרעגט בא פּעטראָן וועגן טאטן.
— דאָ, לעם די שקאָלעס, — דערציילט פּעטראָ, — האָט מען ארוים־

געפירט אלע ייִדן מיט לאָפּעטעס אין די הענט... דאָס ווײַב דעם טאַטנס (די שטיפמוטער אײַערע) האָט זיך נאָך געפּרוּווט אַנטלויפן... זי איז געווען איבערגעטאָן אין אונדזערן, אין פּויערשן אָנטאָן...

... שווער. זייער שווער פּילן אונטער די פיס אַן ערד, וווּ דײַן טאַטנס אומשולדיק בלוט האָט זיך געגאָסן. און... זיך שיידן מיט דער דאָזיקער ערד איז נאָך שווערער...

... אויסקאָרטשעווען זיי, פאַרניכטן די קלאָלע, באַצאָלן פאַרן בלוט פון די נאָענטע און באַפרײַען די ערד פון אירע שענדער!

דער עלטערער לייטענאַנט גאַרבער איז געזעסן אין דער מאַשין.

דער קילער אָוונט האָט אים ניט דערוווּטערט, נאָר, פאַרקערט, גע־נעענטערט צו דער יונגער באַקאַנטער.

ריידן האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט, נאָר עפּשער האָבן זיך די געדאַנקען איבערגעגעבן.

צוויי הונדערט אַכט און פערציק הויפן רעכענען זיך איצט אינעם שטעטל. עמעס, דאָס זײַנען צומיינסטנס קעלערס און ערד־שטיבלעך. אָבער פאַרמורזעטע קינדערלעך לויפן דאָרט אַרום, קלעטערן זיך צום פּאָטער אַפן שוים און בעטן „פּאַפּו".

דאָס לעבן ווערט געבוירן פונסנײַ.

פאַרניכטן דעם סוינע, אַרומהאַקן די קראָפּעווע אַרום די קווייטן און אויסבויען אַ שטוב. דעם טאַטנס שטוב. און זאָל די סטעזשקע ניט פאַרוואַקסן ווערן.

די יונגע מיליטערישע באַוווּרטע קלערט, דוכט זיך, אויך דאָס זעלבע:

„אין דעם דאָזיקן שיינעם ווינקל — אויסבויען אַ שיין לעבן..."

די מאַשין פאָרט פּאַמעלעכן. אינעם מויעך זײַנען אײַנגעוועבט ביל־דער פון דרײַ יאָר קאָרבאָנעס. קאָרבאָנעס צעוואָרפענע אַף ווײַטע שטרע־קעס, נאָר פאַרן פּאָכען פּאָנעם קילע, פרישע קווייטן אַף הויכע פעסטע שטענגלעך — די קווייטן פון דער היים.

1945

באבי יאר

נייַן־און־צוואַנציקסטער סענטיאבער. א פאַרכטיקע דאטע. אף פּראָסט ייִדיש — א יאָרצייַט. דער דריטער יאָרצייַט פון באבי יאר.

אף א יאָרצייַט פלעגט מען בא ייִדן צינדן ליכט, זאָגן קאדעש. נאָר ס'איז נאָך עפשער ניט אויסגעבויט געוואָרן דער זאַל, דער ריזיקער טעמפּל, וואָס זאָל אריינעמען אין זיך אזויפיל פייַערן, אזא צאָל אָנגעצונדענע ליכט....

אָבער דאָ רוקט זיך אונטער א זייַטיקער געדאנק, וואָס רוימט אונדז איין:

— נארעלע, עס ברענען דאָך פייַערן אף גרויסע שעטעכן און אף ווייַטע שטרעקעס. עס ברענען ליכטיק און פּעכיק, עס פלאמען און עס פלאקערן דעם סוינעס אויסגעפּוצטע שטעט! בארעכן עס!.. נעם עס אָן אפן כעזשבן פונעם הייליקן גרויסן יאָרצייַט.

ס'איז הייַנט דער 29־טער סענטיאבער.

מענטשן גייען פון אלע עקן שטאָט צום באבי יאר.

איך האָב טאקע טיף אין הארצן זיך פון אָנהייב אָן געבעטן:

מייַנע פרייַנט, לאָמיר ניט פאָרן אין די טראמווייַען. לאָמיר גיין צופוס! לאָמיר בעסער גיין מיט דעם וועג, מיט די גאסן, וואָס זייַנען געווען פול איבער די ברעגן מיט די נאָך לעבעדיקע לייַבער פון אונדזערע ברידער. זיי זייַנען געגאנגען פון פאָדאָל און פון דעמיִעווקע, פון קורעניאָווקע און פון שוליאווו־

קע. גרויס־ און קליין־וואסילקאָווסקע האָבן פארעטעריש ארויסגעלאָזן פון זייערע הויפן גאַנצע און האַלבע מישפּאָכעס, יונגע און באַיאָרטע, קליינע קינדער און אַלטע לײַט, אף דער לוואָווסקע האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן ווי אין א טײַך פון פארשנײַדונג און פון אומקום.

זיי זײַנען געגאַנגען אָפּגעגאַרטע און באַנומענע, געדיכט און צונויפגעטוליעט און האָבן אָנגעוואָרפן א פּאַכעד אף די, וואָס האָבן זיי צוגעזען, כאָטש אייניקע פון זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אינעם בעסטן, וואָס מע האָט פארמאָגט.

עפשער קענט איר עמעצער די שוועסטער דאַלין? אַלטע, אַלטע קיִעווער אײַנוווינערנס זײַנען זיי געווען. די באַיאָרטע צוויי פרויען, עמאַ מאַרקאָוונאַ און יעוואַ מאַרקאָוונאַ?

דערשראָקן און פארוווּנדערט קוקן זיי זיך אָן איינע די צווייטע... עפשער איז עס נאָך גאָרניט? עפשער איז דער אומגליק פון בלײַבן אָן דער היים, אָן דעם אײַנגעזעסענעם ווינקל אפן פערטן שטאָק, ווו יעדער שטיקל מעבל האָט דערציילט דעם אויג פון פרישן ארײַנגייער, אז דאָ וווינען עלטערע צוויי פרויען פון לאַנג, פון לאַנג וווינען זיי שוין דאָ, — עפשער וועט דער דאָזיקער אומרעכט דערגיין ביז געוויסע ברעגן, נאָר צום נעפּעש האָט דאָס ניט? עס ווערן דאָך געפירט אַזויפיל מענטשן — א גאַנץ פאָלק.

אָן־אָ זײַנען אפילע דאָ באַקאַנטע כאָשעווע מענטשן און אַלערליי. דער דר. ריבאַק מיטן ווײַב, דער ראָוו פון נײַשטאָט. און אָן־אָ גייט דאָך אפילע די אַלטע וואַרשאַווסקיכע... וואָס קומט ארויס, אז זי האָט שוין יאָ געהאַט קינדער און אפילע פײַנע קינדער? אָט איז זי דאָך אויך איינע אַליין. ס׳וואָלט געווען גוט זיך אָנרופן צו וועמען פון זיי, נאָר ס׳איז דאָ נישט דער פּלאַץ.

עמאַ מאַרקאָוונאַ און יעוואַ מאַרקאָוונאַ האָבן קיין גרויסע פּעק ניט געקאָנט ארויסטראָגן מיט זיך. שוואַכע, עלטערע פרויען. ווייכע קלומקעס האָבן זיי פארוויקלט צוויי. דעם אַלבאָם מיט די קאַרטעס נישט פארגעסן ארײַנלייגן אהין, און די בעכערלעך, די געלע פארעלטערטע יערושע־בעכערלעך. דער מוטערס לײַכטער זײַנען זיי שווער. עפשער איז ניט גוט, וואָס זיי זײַנען אַזוי געבליבן שטיין אפן פענצטער אונטערן פאָרהאַנג. וואָס? געדאַרפט געווען עפשער ארײַנטראָגן זיי צו די קריסטלעכע שכיינים, צי בעסער געווען פארשטעלן טיף אין שאַפע פון אונטן, טאַקע

געדאַרפֿט... און דאָ, אין איין שורע איז נאָכגעגאַנגען די קלײנע צעניאַ־ריקע פּערעלע פֿון פֿינפֿטן שטאָק. א גוט מײדעלע — דאָס בעסטע קינד אין הויף. נאָר זי האָט זיך געטוליעט און געהאַלטן אין איין צופֿאַלן צו דער מאַמעס פֿיס און זײַטן, ווי קײנמאָל, און שטאַרק געשטערט מיט דעם דעם גאַנג, אַזוי געשטערט, אַז כאָטש נעם און שרײַ אָן אַף איר.

און די מוטער פּערעלעס, וואָס איז אַלע יאָרן געווען אַ שעמעוודיקע און אַ שטילע, איז גאָר געווען פֿריטשמעליעט פֿון דעם, וואָס זי איז אין דער סאַמע מיט, צווישן אַזויפֿיל פֿאַרנעמע מענטשן, מיט איר נאַטור האָט זי זיך שטענדיק געהאַלטן אָן אַ זײַט אַפֿילע אין שטוב בא זיך.

טאָ ווו זײַנען געווען אײַערע הערצער אין דער־אָ שאָ, שוועסטער מײַנע, אין די טויזנטער, קינדער מײַנע, די קאַפּאָרע זאָל איך זײַן פֿאַר אײַך!

... איז אָט פֿאַרוואָס מיר ווילט זיך עס, אַז מיר זאָלן איצטער, אין דרײַ יאָר אַרום, גײן אַהין צופֿוס...

אין די טראַמווײַען, ווי ליכטיק עס זאָל ניט זײַן, איז עפּעס די לופֿט צו וואָכעדיק און... אַ פֿרעמד אויג קאָן אַמאָל אומגערן זיך גראָב אָנרירן אָן מײַן וווּנד. יאָ, גראָב, און עס טוט שרעקלעך ווײ, די וווּנד איז נאָך ניט קײן פֿאַרהײלטע.

קאַרגע פֿיר יאָר, אַז מע איז ניט געווען אין דער הײם. און איצט האָט מען זיך באַגעגנט אַלע אינעם טרויער־טאָג בא דעם טרויעריקן גאַנג. מע איז זיך צונויפֿגעפֿאָרן און צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן לאַנד צו דער באַפֿרײַטער הײם, און די מאַמע־שטאָט דאַרף אונדז צוטוליען, אָטכאַיען און דערמונטערן, דער וועג איז געווען אַ שווערער און דערנערדיקער, און די צײַט פֿון צעשײדט זײַן — פֿול מיט ביטערניש און פֿאַרלוסטן.

ערגעץ טיף אין געדאַנק טוט זיך אַ דאַכט, אַז יעדערער פֿון אונדז האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט צו זיך אין זײַן פֿאַרלאָזענער נעסט, שטיל, אָן איבעריקן פּאַראַד און אָן פֿרײדיקן געפֿילדער. מע פֿאַרשטײט עס, אַז פּעק מיט צאָרעס און קלעמענישן דאַרפֿן בעהאַדראָגעדיק אויסגעלאָדן ווערן. ס׳זײַנען דאָ געוויסע אוולעס פֿון אײגענע, וואָס דאַרפֿן ניט צע־קלונגען ווערן, וואָס דאַרפֿן געלײזט ווערן אָן ראַש, ווי אַזעלכס, וואָס צווישן אײגענע דאַרף עס בלײַבן. אָבער כאָץ אַלע זאַכן איז דאָך די

מאַמע־היים אַזוי כּיינעוודיק און ליב (עפּעס אַ קלייניקייט פאַר די קיִעווער אײַנוווינער — קיִעוו!). דער מין ריינער הימל, די וואַרעמקייט און די שעפע פון האַרבסטיקע קאָלירן, די גאָלדענע בלעטער אַף די ביימער און אַף דער ערד, וואָס זײַנען ווי אַ בענקענדיקע, גאָלדענע געזעגענונג, אַ לײַדנשאַפטלעכער גרוס, אַ פלאַמיקער קוש אין די פּלייצעס דעם אַוועק־געגאַנגענעם זומער! צי דען האָט אויך פאַר די דײַטשן די שטאָט אַזוי געשײַנט? ס'קאָן ניט זײַן! און דער וועג צום באַבי יאַר מיט דרײַ אָסיענס צוריק? צי דען איז די זון ניט געל געוואָרן דאָס אַלץ צוזעענדיק?

מיר גייען צום הינטערן שטאָט.

הײַפלעך מענטשן קומען צו פון פאַרשיידענע עקשטאָטישע געסלעך, און מיר דערקענען איינס דאָס צווייטע. די, וואָס ווייסן ניט דעם וועג, פרעגן ניט, ווײַל זיי זעען שוין, אַז אַלע גייען אַהין.

אַפן זון־באַגאָסענעם שליאַך ווערט דער באַשטאַנד אונדזערער קלאָר: אַ סאַך פרויען, ווייניק — מאַנצבלען.

און ס'איז קיין וווּנדער ניט — די מילכאָמע איז נאָך ניט געענדיקט. כאָטש זי גייט צו ענדע. און פאַר אונדז איז דאָס ניט קיין קליינער שטאָלץ, וואָס אונדזערע יונגעלײַט און באָכערים אין די סאָוועטישע שינעלן שלאָגן דעם סוינע, יאָגן אים אָן אָן אָפּשטעל...

מענטשן האַלטן זיך צוזאַמען, רעדן ווייניק, און דו קוקסט אַף די גערונצלטע פּנעמער, און אַז דו זעסט, מיט וויפל יעסורים מענטשן זײַנען אָנגעזאַפּט, וויפל פּײַן היטלער האָט יעדן פון אונדז געבראַכט, פאַרשטייסטו, אַז בײַ יעדערן, ווי נאָר דאָס קניפּל וועט זיך אופבינדן, וועט זיך אַ שאָט געבן פּײַן אָן אַ שיר.

וואַרעמע געוויינען דערטראָגן זיך שוין פון גוטן אָרט. דערום ווערן פּנעמער פינצטער און אָנגעשטרענגט. מער שוואַכע קאָנען זיך ניט גווי־ווער זײַן און ברעכן אויס מיט אַ קוויטש, מיט אַ שלוכצנדיקן אויסגעשריי.

די זאַמדיקע אָפּריסן שיטן זיך פון אונטער אונדזערע פיס און רײַסן אונדז מיט אַראָפּ, אַראָפּ.

גרויסע אַרומגעפלאָכטענע ריוועס, זאַמדיקע גריבער, קוסטן.

ווּ זײַנען מיר?

אָט דאָ איז עס שוין?!

די קני ברעכן זיך אונטער.

מענטשן זייַנען שוין דאָ פאַראַן. פריִער פון אונדז געקומענע. נאָר קיין גוט־מאָרגן זאָגט מען דאָ ניט. און ווען איינער טוט א זאָג, אַלפּי־טאָעם, קריגט ער קיין ענטפער ניט...

אונדזערע הערצער האָבן זיך אָנגעסיליעט איבער א היפּשן פאַר־וואַקסענעם שטיקל פּלאַץ, וואָס זעט אויס, ווי א פירעקיקער בעכער. אכוץ, וואָס אף זייַן דעק איז ניט קיין אויסגעטרונקענער ווייַן, נאָר בלוט, וואָס האָט אונטער רעגנס און שניי אָנגעוואָרן זייַן קאָליר. אָט ליגט אופגעקנייטשט און פאַרברודיקט א שטיקל וויַיס צייַג, דאָס איז אמאָל געווען א העמד... אָן־אָ ליגן האָר, וואָס האָבן איבערגעלעבט די, וואָס זיי האָבן אמאָל באַצירט. דאָ זייַנען זיי עפּעס מוירעדיקער פונעם טויט אַליין... אָפּגעריסענע בערד מיט דער הויט אינײינעם... אַן אַלט היטל...

קימאַט אין דער סאַמע מיט, אין צענטער, שטייט א ווייכער אויסגע־ריבענער שוך, וואָס איז אראָפּגעפאַלן אין דער לעצטער אומבאַשרייַבלע־כער רעגע, א רעגע, וואָס מיר מיט אייַך זייַנען ניט אויסגעשטאַנען, און דערום וועט קיין וואָרט אונדזערס ניט זייַן אימשטאַנד אויסצומאָלן דעם אויסזען זייַנעם, א שוך, וואָס א געשטרויכלטער פוס האָט זיך מיט אים געשיידט אין דער זעלבער רעגע, ווען דער גוף האָט זיך אין קעסל פון מאָרד און געשרייען געזעגנט מיטן לעבן. קיינער נעמט אים ניט פונדאַנען, קיינער רירט אים ניט פון אָרט צוזאַמען מיט א שטיקל שאַרבן אין צווייטן עק גרוב, א שטיק ביין, וואָס איז פון איין זייַט הויל און פון דער צווייטער באַדעקט מיט הויט און ווילדהאָר. ער שטשירעט זיך ווילד צום הימל און מוסערט, דער דאָזיקער טייל פון געבענטשטן מענטשן־קערפּער, דער דאָזיקער שאָליִעך פון באַבי יאַר, פון א גאַנצער פאַרפּייַ־ניקטער אידע, פון א גאַנצער אין הונדערטער געקייפּלטער וועלט. ער מוסערט און מאָנט, ער דערלאָזט ניט קיין פּשאָרעס, ער וויל ניט קיין ראַכמים. אויב ניט, בייַסט ער זיך אייַן מיט זייַן נאַקעטער אויסגעשטשי־רעטקייַט דיר אַליין אין האַרצן. דיר אַליין, כאָטש דו ביסט אַן אייגענער, באָטש דו ביסט לייַב פון זייַן לייַב און בלוט פון זייַן בלוט.

עס שטייען נאָך א פּאָר לעבעדיקע אידעס. האָלאָוועשקעס, געראַטע־וועטע פון פייַער. זיי דערציילן אַלץ אַזעלכעס, וואָס דער מענטשלעכער מויעך איז דאָ ניט פייִק אַרייַנצונעמען און דאָס מויל איז ניט אימשטאַנד

איבערצוגעבן. נאָר מענטשן שטייען ארום זיי פון אינדערפרי אָן. אנדערע קלערן, אז זיי וועלן כאָטש עפּעס באגרײַפן.

אלע אויגן זײַנען רויט פון טרערן, די הערצער — אָנגעהיצט פון געוויין.

און מע ווארט. מע וויל נאָך נישט אוועקגיין. עפּשער וועט עמעצער קומען זיך אָנרופן צו זיי מיט א וואָרט.

מײַן הארץ וויינט אין אלע צעלעכלעך, נאָר עפּעס ווייס איך אף גע־ וויס, איך קאָן עס מעלדן אָפן:

מײַנע ברידער און פרײַנט, מיר פאלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, מיר קאטשען זיך אין אש, מיר שלאָגן זיך קאָפּ אין דער וואנט, מיר ווערן צעגאנגען אין טרערן. און צי קאָן עס דען אנדערש זײַן, צי קאָן עמעצער קומען און זאָגן, אז ס׳איז צופיל אזוי זיך קלאפּן מיטן קאָפּ אין דער וואנט, אפן גרויסן בראָך, זיך צעקראצן דאָס געזיכט מיט די דערנער און שטעכלקעס, וואָס וואקסן דאָ בא די זײַטן גרוב, ביז בלוט, ביז ווייטעק, ביז גרוים געשריי?..

און דאָך, מײַנע לײַבלעכסטע פרײַנט, ווילט זיך מיר אײַנרוימען יעדן פון אונדז:

טײַערע ברידער, לאָמיר זיך אופהייבן פון דער ערד, לאָמיר זיך ארומ־ טרייסלען פון אש און אופשײַנען מיט דער גאנצער ליכטיקײַט, וואָס יעדער איינער פארמאָגט אין זיך... א מענטש, בא וועלכן מע האָט אָפּגע־ ריסן א פוס אָדער א האנט און אפילע א פינגער איינעם, ווערט מיט עפּעס געמינערט און ווינציקער, ווי ער איז געווען. נאָר א פאָלק, א פאָלק, ווען ס׳רײַסט זיך אויס אף אים א קלאָג, ווי ס׳איז צו אונדז פארגאנגען, א פאָלק, אז מע פארטיליקט אים אף האלב, און דרײַ פערטל, איז ווי א טראָפּן וואסער, ווי א קײַלעכל קוועקזילבער. דו שטשיפּעסט אָפּ פון אים א העלפט, נאָר די צווייטע העלפט פארקײַלעכיקט זיך, פילט זיך אָן און ווערט צוריק גאנץ.

לאָמיר זשע אופשטיין פון דער ערד, לאָמיר זיך אויסגלײַכן!

1944

ווען-ניט-ווען



דאָס זײַנען געווען די ערשטע וואָכן נאָכן אומקערן זיך פֿון דער עוואַקואַציע. פֿיל האָבן שוין ניט געגלייבט, אַז דער פֿינצטערער אומגליק קאָן זיך אַמאָל ענדיקן, און אויב אַפֿילע יאָ — איז צי וועלן מיר עס דערלעבן?!

האָבן זיך טאַקע די צאָרעס געענדיקט און דאַפֿקע מיט אונדזער ניצאָכן. מיטן סייכל וועסטו עס קיינמאָל ניט באַגרײַפֿן, סײַדן זיך פֿאַרטיפֿן אין טאָלסטאָיס גרויס ווערק. עפּשער וועסטו דאָרט געפֿינען אַ באַשייד, וויִאַזוי ס׳איז מעגלעך, אַז אַ פֿאָלק זאָל זיך דערוווערבן ניצאָכן נאָך אַ שלאַל טיפֿע און גרינטלעכע מאַפּאָלעס, פֿון וועלכע ס׳איז גאָר אַן אומעגלעכע זאַך זיך אַרויסצוקריגן און קומען צו אַוועלכן־ניט־איז שטאַנד...

דער קריג איז שוין פֿאַרענדיקט. דער זיג איז אונדזערער. מיר האָבן זיך אַפֿילע אומגעקערט אַהיים צו אונדזערע אויסגעקילטע, אויסגעליידיקטע הײַזער מיט די אויסגעזעצטע שויבן און איבערגעדרייטע שלעסער פֿון די טירן. ס׳זײַנען נאָך דאָ אַ סאַך בײַלן אינערלעכע און אויסערלעכע, און דאָך איז די פֿרייד פֿון זײַן צוריק אין דער היים, בא זיך אין שטאָט, די פֿרייד, וואָס איז איבערגעקנאָטן מיט גוטער האָפֿענונג, גאָר ניט צו באַשרײַבן.

אַף קרעשטשאַטיק — אַ קליינע שפּײַז־קראָם, נאָר אַ ליכטיקע, עס שײַנט פֿון די ווענט, פֿון דער סטעליע, ס׳שײַנט פֿון די שיינע און שמייכלענדיקע פֿאַר־

קויפערנס אין די וויַיסע ברינזלדיקע כאלאטן. זיי גיבן אונדז עפּעס אָפּ קאָוועד. שפּיַיז, ניט פון ערגסטן מין, איז דאָ געַנוג אין די זעק, אין די שופלאָדן און אַף די פּאָליצעס. דאָס איז אויך פון אונדזער קאָוועד וועגן. צו אָט דעם־אָ געשמאקן קרעמל זיַינען מיר גֶעווען צוגעפּעסטיקט מיט אונדזערע שפּיַיז־קארטן.

אויב דו האָסט נאָר מינץ אין טאש און די נייטיקע נומערן אַף די קארטן זיַינען נאָך ניט ארומגעשניטן, טאָ נעם מיט זיך א רענצעלע, א זעקעלע, א קוישעלע און גיי, וועט מען דיר גאַנץ ליבלעך דערלאַנגען אַלץ, צו וואָס דו האָסט כיישעק.

איך בין דאָ, פארשטייט זיך, ניט איינער. איך טרעף דאָ מענטשן פון מיַין גליַיכן — באקאנטע און ווינציק־באקאנטע. מע איז אַלע מיט עפּעס באַניַיט. פריילעך איבעראַשט. יעדער באגעגעניש איז א ניַיס פאַר זיך. דאָ האָב איך זיך אין איינעם א פארמיטיק געטראָפן מיט מיַין יונגער איבערזעצערן דאָבע לאַזעבניק. איצט איז זי שוין א ביסל פארהאַרטע־וועט געוואָרן, מענערישער, פעסטער — א מיידל מיט געזונטע פּיסקעס, גראָבע באקן, פעסטע הענט און לעבעדיקע, ליכטיקע אויגן. די גרויסע אויגן שפּריצן מיט לעבן, וואָס באהאלטן ניט פון דער וועלט, אַז זי, דאָס האַמעטנע, אָבער שטיַיף מיידל, איז ניט קעגן צו נעמען באַם ארום, וואָס איר קומט און וואָס איר ווילט זיך. און ניט אָפּציִען אין דער לאַנגער באַנק אריַין און אפילע ניט אָפּלייגן אַף אין א וואָך ארום.

— זע נאָר?!

— אהאַ?! — האָט זי זיך אויך דערפרייט, וואָרעם אונדזער טרעפן זיך דאָ איז אויך איינע פון די סאַך פריידיקע אומגעריכטקיַיטן. זי האָט מיט אימפעט אויסגעשטרעקט א גוטע, פעסטע האַנט:

— סקאָלקאָ ליעט?! שוין לאַנג זיך ניט געזען!

איך האָב מיט דער צווייטער, פריַיער האַנט זי ארומגענומען פאַר דער פּלייצע און שטיַיף צוגעדריקט צו זיך.

זי האָט זיך אומפּאָרזיכטיק ארומגעקוקט.

איך זאָג „אומפּאָרזיכטיק”, וויַיל זיך דערפרייען איינס מיטן צווייטן מיט אזא אימפעט מעגן נאָר גאָר נאָענטע, אייגענע. איז ווען זי קוקט זיך ניט ארום אזוי „דערשראָקן”, וואָלט עס געווען טאַקע גוט, עפּשער זיַינען מיר טאַקע אייגענע, וואָס האָבן זיך באגעגנט אינגאַנצן אומגעריכט.

— ווען זשע זעען מיר זיך? — פרעג איך.

— אפילע הײַנט.

— ווו?

— פּאָרט מיט מיר אפן הייליקן אָרט... איך בין נאָך ניט געווען בא דער מאמען.... איאָ, ס'איז א כאזערײַ פון מײַן זײַט?!

— יאָ... וויפל אזייגער?

— זעקס...

— ווו וועלן מיר זיך טרעפן?..

— איר ווױנט אין אײַער אלטער דירע?

— יאָ.

זי האָט א ווײַלע א רעכן געטאָן:

— גוט. זעקס, צען מינוט אף זיבן וואַרט איר אף מיר לעם טראַמוויַי־אָפּשטעל. ראָג וואָראָווסקע און טשעכאָווער, מיטן פערטן פּאָרן מיר גלײַך אהין!..

דאָס מיידל איז ניט פון די שייניקע און ניט פון די איידעלינקע. נאָר ס'ציט מיך צו איר. זי איז מיר ליב מיט איר אימפעט, מיט איר פעסטקײַט, וואָס מאכט זי ניט צו שווער. קורץ גערעדט, א פעסטע מיידל, נאָר שטרענגט זיך ניט אָן אין שפּאַן.

... דעם גאַנצן פּאַרמיטיק זײַנען מײַנע געדאַנקען שוין געווען פאַר־טאָן מיטן קומענדיקן שפּאַציר... כאָטש אפן פעלד בין איך שוין גראָדע געווען, נאָר דאָבע שטעלט מיך ניט אָפּ. אהין צו גיין איז בא מיר ניט קיין באַטרעף, בא וועלכער געלעגנהײַט ס'זאָל זיך ניט טרעפן. עמעס, ווען איך בין דאָרטן, איז ערגעץ טיף לאָזט זיך פילן די ווייטעקלעכע אָנצוהערעניש פון נאָכאַלעמען. אָבער אונדזערע בעסוילעמס זײַנען פאַר־קוטעט אין גרינער פּראַכט, און מאָדנע, קום איך נאָר אהין, פיל איך אין מײַן באַזוך מער לעבן, מער גאַרנדיקײַט, ווי אמאָל אין טעאַטער צווישן אָן אויסגעפּוצטן אוילעם.

ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך שוין געווען באַם טראַמוויַי־אָפּ־שטעל מיט א שאָ פריִער. אָבער איך האָב מיט אלע מיטלען אָפּגעשטופּט און אָפּגעצויגן דעם אומגעדולד, איך האָב זיך אָפּגעזוכט זײַטיקע און ניט קיין נייטיקע טועכצן, ווײַל פּרוּוו איך עפּעס לייענען, קריכט עס מיר ניט אין קאָפּ.

מײַנע שטוב־לײַט האָב איך מיט פאַרשיידענע אומדרייסטע אויסריידן

געמאָלדן, אַז פאַרנאַכט וועל איך הײַנט זײַן פאַרנומען, אָבער ניט אױף לאַנג, נאָר איך וועל זײַן פאַרנומען...

און אָן צען מינוט זעקס האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און בין שוין אַוועק צום טראַמוױַ... זיך אַ ביסל צוגעטשעפּורעט, פאַרשטייט זיך, זיך צוגעקעמט לענגער, דעם קראַוואַט אויסגעבונדן מיט מער אַכט...

... איך האָב ליב מענטשן, מענטשיכעס און קינדער, נאָר איצטיקס מאָל האָט מיר אין דעם זינען וויניציק וואָס געגאָלטן, מענטשן גייען צו צום טראַמוױַ־אָפּשטעל, ווער מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם, ווער מיט אַ געפלאָכטן קוישיקל, מיט אַ פּאָרטפעל. מע שטייט ניט לאַנג, ווער ס'טוט עפּעס אַ פרעג, ווער ס'פרעגט אפילע ניט, טוט נאָר איבערדריסיק אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזט זיך גיין מיט פאַרגיכערטע שפּאַן אַראָפּ איבער וואָראָווסקע.

סאָפּקאָלסאָף האָב איך זיך אי אָנגעשטויסן, אי איבערגעהערט, אַז שוין פון אַ פּאָר שאָ צוריק גייען ניט קיין טראַמוױַען. די סיבע? — סיבעס זײַנען דאָ גענוג... אָדער ס'פעלט טאָק... (מע זאָגט שוין ניט טאָק, נאָר „טאָלק"), און עפּשער ריכטעוועט מען ערגעץ די קאָליע.

געקומען מײַנע, זיך צוגעשטעלט פעסט און אין דער זעלבער צײַט גרינג, מיך אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט נישט ווי מע גיט זיך אָפּ שאָלעם, נאָר ווי זי דריקט מיר אויס באַגיטיקונג, וואָס איך קען האַלטן וואָרט... אָבער זי האָט איבערגעלייענט אױף מײַן פּאָנעם, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַלץ אין אָרדענונג. האָט זי קורץ אַ פרעג געטאָן:

— נו? וואָס קומט פאָר?

איך האָב איר דערציילט, אַז מענטשן גייען דורך און שטעלן זיך אפילע נישט אָפּ. מאַשמאָעס, אַז ס'איז שוין באַוווּסט, אַז קיין טראַמוױַ גייט ניט.

זי האָט מיך ווײַטער גענומען פאַר דער האַנט, ווי אַ היימישן און אפילע אַ ביסל אַ נאָענטן, יינגער איז זי פון מיר בעסאַכאַקל מיט אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. איאָ, ס'איז ניט אַזאַ סאַך?.. איז מיר טאַקע טײַער, וואָס זי האַלט זיך מיט מיר היימיש.

— נו?.. — האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי ס'שטייט זיך איר ניט אױף קיין איין אָרט.

מײַנע איבעריקע זיבעצן־אַכצן יאָר (און טיילווײַז האָבן זיי שוין אַ מישפּאָכע אױף די פּלייצעס) בעטן זיך אינדערשטיל: „לאָמיר נישט פיר־

נעמען קיין צו ענערגישע שריט, מיר קענען עם אָפּלייגן אַף א צווייט מאָל"... אָבער איך מעג דען ארויסזאָגן, וואָס מיך קאָרטעט?.. איך קוק איר אין די אויגן און איך שווייַג, דאָס זאָל הייסן, אז איך בין די געהאָרכזאמקייַט אליין.

— פּאָשלי? גייען מיר? — טוט זי מיך א נעם העכער דעם עלנבויגן, און כאָטש זי קוקט מיר אין די אויגן האלב פרעגנדיק, איז אָבער דאָ אינעם זעלבן בליק — אי נאָענטקייַט, אי אָנגעשלאָסנקייַט. און... מיר לאָזן זיך גיין לענגוויס דער טויט־שטומער קאָליע.

— טאָמער וועט אונדז אָניאָגן א טראַמווייַ, — זאָגט זי אין א שפּאַס, — וועט נאָך דאָרט אויך בלייַבן גענוג וועג צו פאָרן... ריכטיק? — טוט זי מיר ווייַטער א קוק אין די אויגן, און איר קוק איז אזא, ווי זי וואָלט זיך איינגאנצן אָנגערירט אין מיר. פון אזא קוק מוז מיר ווערן ווארעם און גרינג אפן הארצן... זאָל כאָטש זייַן אַף א ווייַלע...

פארוואָס עפּעס אַף א ווייַלע? וואָרעם כוץ דעם, וואָס דער טאָג איז שוין קימאט אוועק, האָט זיך נאָך גענומען כמארען דער דרויסן.

אז מע וויל ניט, נאָר מע דארף עפּעס טאָן, קען איך זיך אונטערגעבן ביישעק...

איצט האָב איך זיך געזאָגט: עלעהיי ס'איז א נייטיקער גאנג... און אין עוואקואציע, אז מע איז אָפּגעשטאנען פון א צוג און מע האָט גע־דארפט גיין אין א פרעמדן קאנט עטלעכע קילאָמעטער צופוס... און נאָך נישט זייַן זיכער, צי דער צוג וועט דאָרטן ווארטן?.. קורץ — אז מע דארף, דארף מען! איך זאָל נאָר ניט דארפן די גאנצע צייַט זיך האלטן מייַסע־קאוואליער, איך זאָל מעגן א ביסעלע דערפילן מייַנע יאָרן, ניט אזוי גרינג שטעלן דעם שפּאַן...

זי איז אָבער א גוט קינד. זי קען מיר נאָך מאכן גרינגער. זי האָט זיך צו מיר א טוליע געטאָן מיט אן אקסל און מיר מאמזעריש א זאָג געטאָן:

— איר וועט מיר דערציילן, ווו איר זייַט געוועז די יאָרן. איך וועל אייַך דערציילן, ווו איך בין געוועזן, און מיר וועלן אפילע ניט באמערקן, ווי דער וועג וועט אונדז דורכגיין.

איך וואָלט וועלן, זי זאָל שוין זייַן א ביסל מייַנע, מיר זאָלן זייַן פרייַ אין אונדזערע באגערן... נאָך וואָלט איך וועלן, איך זאָל זייַן מער

מאנצבל... איך וועל איר באלד זאָגן: אָנקומען צו זונען־פארגאנג אפן פעלד... פאר די מייסים שרעק איך זיך ניט, מירן זײַן אינצווייען, און דאָס איז פאר מיר גרינג. אָבער פאר לעבעדיקע אין איצטערדיקער צײַט קען מען מוירע האָבן — אין דער פינצטער... ווײַט פון שטאָט... מע קען דיך אויסטאָן און דיך איבערלאָזן הויל, ווי די מאמע האָט דיך געהאט און דו זאָלסט אפילע קיין פּיפּס נישט טאָן...

— דאָבעלע, וויִאזוי האָט מען דיך גערופן קינדווײַז?

— דאָבע.

— אָבער דײַן עמעסער נאָמען איז מיסטאמע דווירעלע?..

לאָזט זיך אויס, אז מע האָט זי אזוי פארשריבן. און אזוי רופט מען זי פון קליינווײַז אָן — דאָבע! בא איר זײַנען דיקע באקן, געזונטע פּיס־קעס, לעבעדיקע, רייצנדיקע אויגן...

דערווײַל ווערט נאכט.

מיר האָבן שוין איבערגעלאָזן הינטער זיך די שטאָטישע גאסן. אין די נאָכמילכאָמע־טעג איז מען ניט אזוי זיכער, ביים מע געפינט זיך אין א ליידיק ניט־באוווינט ווינקל. יאָ, אין קאָפּ ליגט עס מיר, אָבער דאָס לעבן גייט זיך. אָט באגעגענען זיך הינטערשטאָטישע הײַזלעך. איך פיל, ווי עס טוט זיך דאָרט אלץ געמיטלעך. דער טאָג איז שוין צו ענדע מיט זײַנע זאָרגן. אין אויוון הייצט זיך, ווערט זײַן א ביסל ווארעם געקעכץ אָף אָוונט־ברויט. אָן־אָ זע איך לעם נידעריקן קליינעם פענצטער פון אינווייניק אן עמעסע ניי־מאשין, דאָס הייסט, אז די מאמע אָדער די שוועסטער קענען נייען, מע נייט אָדער צוליב פארדינען, אָדער פאר די שטוביקע נויטן.

איך האָב ליב א שטוב. איך האָב ליב קינדער. איך האָב ליב די אינווייניקסטע ווארעמקײַט, וואָס גיט זיך איבער פון מענטשן צו זאכן, פון זאכן צו מענטשן, פון קינד צום דערוואקסענעם, פון מאן צום ווײַב און פון קינדער צו זיי בײדן.

אָט־אָ גייען שוין איבערןברייטן שליאך געציילטע בעהיימעס פון דער פּאשע... טיף־בײַכיקע בעהיימעס מיט רײַכע אײַטערס. גרויסע הער־נער, שטאלטנע אזעלכע. מע הייבט דעם שטויב פון שליאך מיט די שפּרײַזן פון די קאָפּיטעס. זיי זײַנען שוין באלד יעדערער לעם איר שטוב. זיי האָבן זיך שוין ניט וואָס צו זאָרגן פארן רעגן, וואָס קלײַבט זיך, ער

וועט עפּשער יאָ גיין אָדער ניט גיין... טײַערע בעהיימעס! וויפֿל זעט, וויפֿל באַדאַכטקײַט אין אײַער פּאַמעלעכן, רויִקן גאַנג! אײַערע באַלעבאַטים האָבן אײַך ליב, איך ווייס, זיי היטן אײַך אָפּ מיט פּיטער, מיט אַ וואַרעמען טרונק, מיט אַ ריינער שטאַל. זיי וועלן אײַך פֿאַרגרינגערן די שווערע אײַטערס אַף נאַכט, ס'זאָל זײַן ווי אָנצוזאַמלען פֿרישע מילך ביז גאַנצפֿרי...

און אָט הייבט זיך שוין אָן דער האַמעטנער לאַנגער פּלויט פֿונעם באַקאַנטן לוקיאַנאָווער בעסוילעם.

איך בין דאָ ניט קיין זעלטענער גאַסט...

וואָס עמעס איז עמעס — אין אַזאַ שפּעט־פֿאַרנאַכטיקער שאָ איז מיר נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט אויסגעקומען אָנצוהייבן דאָ מײַן שפּאַציר. איצט זעט מיר דאָ אויס אַלצדינג ניט אַזוי ווי שטענדיק, אַפֿילע די שרײַב־שטוב מיט אירע אײַנוווינער אַפֿן צווייטן שטאָק, אַ ייִדישע פֿאַמיליע, וואָס זעט אויס האַלב דאָרפֿיש, אַ יונג ווײַבל, וואָס איז אי אַ מוטער, אי אַ באַלעבאָסטע. אָט צעהאַקט זי אַ ביסל גראָבע צונויפֿגעטראָגענע צווײַגן. מיסטאַמע וועט זי קאָכן עפּעס צום אָוונט־ברויט. איך האָב זיך צו איר אָנגערופֿן, זאָגט זי, אַז דער מאַן דאַרף באַלד קומען פֿון דער אַרבעט. די ייִנגלעך גרייטן די לעקציעס. דאָס קלענסטע דרייט זיך אַרום דאָ לעם איר.

— נו, און וואַסער האָט איר אין שטוב?

— ניין, אָט־אָ איז נאָענט דער קראַן, — און זי ווײַזט אונדז, קימאַט צווישן די מאַצייוועס, לינקס פֿון דער שרײַב־שטוב, איז אָפּגעצוימט אַ קליין ווירטשאַפֿט־הויפֿל, און דאָ איז טאַקע אויך אַ טרויב פֿון דער וואַסערלייטונג און אַ קראַן אַף צו נעמען וואַסער. ערשט דאָ דערפֿיל איך, וויאַזוי אַף אַ גאַנצער נאַכט פֿאַרבלײַבן די היגע אײַנוווינער מיט אַ גאַנצער שטאָט מייסים אַלערליי: יונגע און אַלטע, כאַסאַנים, קאַלעס, קינדער, רײַכע און אָרעמע, צוגעזעענע און פֿאַרלאָזענע... מיט עפּעס בין איך פֿריווילעגירט פֿון אָט דער ווילער האַלב־דאָרפֿישער פֿאַמיליע. אָבער דאָס ווײַבל איז פֿאָרט, קיין אײַנהאָרע, געזונט און פֿולבלוטיק. זי האָט שוין געגעבן דעם מאַן אירן זיבן קינדערלעך. צו גאָט אַ האָפֿענונג, אַז ס'וועלן זײַן נאָך און נאָך... מײַן דאָבע שלעפּט מיך פֿאַרן אַרבל, איך זאָל זיך איבעריקס ניט פֿאַרהאַלטן.

— דו ווייסט, וווּהין צו גיין?

צי איך ווייס?.. מע קען שוין באַלד פאַרגעסן. די דײַטשן האָבן דאָ נישקאָשעדיק־וויל געבאַלעבאַטעוועט. א סאַך מאַציייוועס צעבראָכן, אומגעוואַלגערט. אייניקע זײַנען דאָ... איך וויל זי פרעגן וועגן איר יונגפאַרשטאָרבענער מוטער, נאָר איך שטעל זיך ניט אײַן. אַז ס׳וועט אויסקומען, וועט זי אַליין דערציילן... ס׳שטויבט א גרינגער און גאַנץ ניט קיין דערקוטשלעווער רעגן. עפשער איז עס נאָר א סימען פון א רעגן, אָבער ער איז גענוג שפּאָרעוודיק. אונדזער אָנטאָן איז שוין פּײַכט. דער אָוונט רוקט זיך. אַז מע וויל, איז עס נאָך ניט אָוונט, ס׳איז שפּעט פּאַרנאַכט, און אַז מע וויל, איז עס שוין טכילעס אָוונט. און מיר האָבן אומבאַטראַכט פירגענומען א רײַזע צום טויטן לאַנד.

באַטאָג זײַנען עס צוימען, פאַרשיידענע דענקמעלער, וואָס זײַנען א מין צירונג. אין אָוונט איז עס א מייסים־לאַנד. איך דאַרף ניט מוירע האָבן, איך האָב בא דער זײַט א קרעפּטיק יונג מיידל, וואָס איז גאָלע לעבן. זי געהערט צום לעבעדיקן פרויען־קיניגרײַך, וואָס נעמט בא מיר אַלע יאָרן שטאַרק אויס. דאָך — נאָגט עפּעס באַם האַרצן. מיר פאַרקערעוועז אין א זײַטיקער אַלייע. יאָ, די צוימען און די דענקמעלער זײַנען אַלע פון איין שטיק, און דאָך איז יעדער — א „פאַר זיך באַזונדער״. אין אַלגעמיין איז עס א רעשוס־האָראַבים, און דאָך איז יעדער צוים אינווייניק בא זיך — א רעשוס־האיאָכיד: מײַן נאַטור, מײַנע מידעס, מײַנע גענג, מײַן געמיט...

דאָבע איז אַוועק א ביסל אַפריִער. א סאַך אָנגעפאַלענע נאָך פאַראַיאָריקע נישט קיין צוגעקליבענע בלעטער, א סאַך צווײַגעלעך וואַלגערן זיך און טשעפּען זיך פאַר די פיס. דאָס רעגנדל שטויבט. די ביינהאַשמאָשעס־דעמערונג ווערט געדיכטער... דאָבע האָט גרינג זיך א בייג געטאָן צו איינעם א שטיין, צו א צווייטן און, ענדלעך, מיט א מין באַפרידיקונג פון זוכן און געפינען, געבליבן שטיין. איך בין אָנגעגאַנגען צו איר און אויך איבערגעלייענט: „לאַזעבניק פייגע, די טאָכטער פון רעב זאַלמען־הירש״.

געפונען דעם אַדרעס, געפונען די דירע, נאָר די טיר איז פאַרמויערט און קיין שום שליסל גייט אַהער ניט צו. אין נייטיקסטן פאַל גילטן דאָ א קירקע מיִט א רידל... איך האָב געוואָלט אָפּגיין אין א זײַט, לאָזן דאָבען א רעגעלע אַליין מיט אירע דערינערונגען. אָבער זי האָט מיך ענערגיש א שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל, זיך א צי געטאָן צו מיר, ווי צו גאָר

א נאָענטן מענטשן. איך האָב א קוש געטאָן איר נאַסע גוטע באַק. זי האָט איַינגעטוליעט דעם קאָפּ צו מיר אין דער ברוסט. אויך מיר האָט ניט געשטערט די פּיַיכטקיַיט פון מיַין אָנטאָן... איך פאַרזיכער, אַז אונדזער נאָענטקיַיט האָט מיט קיין זאַך ניט פאַרשוועכט און ניט אָנגערירט די שטילע, הייליקע רו, וואָס איז דאָ־אָ שוטעף פון אייביקיַיט.

דאָבע האָט מיט א צוויַיגל א שאַר געטאָן די בלעטער אַרום קייווער. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן פאַר דער איַיזערנער צוים, וואָס האָט נאָך ניט פאַרלוירן איר נאַטירלעכן גלאַנץ. דאָס צוויַיגעלע האָט זי ניט אוועקגעוואָרפן. מיך האָט זי פעסט גענומען אונטער מיַין נאַסלעכן אָרעם, און מיר האָבן זיך געלאָזן גיין. נישט געזעגנטערהייט פון דער טויטן־היים צוריק צו דער וועלט, מיט וועלכער מיר זיַינען געווינט. דאָס צווישטאָקיקע קאָנטאָר־מויערל זיַינען מיר פאַרביַיגעגאַנגען, ווי מיר וואָלטן געזאָגט: מירן בא איַיך ניט בעטן קיין געלעגער, נישט קיין איבערביַיס, אונדז איז געבליבן א שאָ אָנדערהאַלבן ביז צו אונדזערע היימען און עפּשער נאָך ווינציקער...

ווו־ניט־ווו באַגעגנט זיך א דורכגייער אָדער א דורכגייערן, ניט מיר דאַרפן מוירע האָבן פאַר זיי, נישט זיי — פאַר אונדז. דאָבע האָט צוגענומען מיַין קוש, זיך ניט אָפּגעשלאָגן פון מיר. זי האָט מיר אפילע געענטפערט — גרינג און שטיל אָנגערירט מיט אירע ליפּן מיַין געזיכט, און מיר איז געווען גוט פון דעם... נישט אַזוי ווי שטענדיק, ס׳איז געווען א באַזונדערס גרינגע גוטסקיַיט, כאָטש א גרינגע, נאָר אין דער זעלבער ציַיט א טיפע.

דערוויַיל דערזעען מיר פונדערוויַיטנס באַלויכטענע פענצטערלעך, וואָס באַוועגן זיך און נעענטערן זיך צו אונדז.

— זע! די טראַמוויַיען גייען שוין!.. ביטע זייער, ס׳שטערט ניט. באַוועגונג און ליכט, ליכט און לעבן...

אָט איז די „דוהע”, ווו דער טראַמוויַי וועט זיך אויסקערעווען מיט זיַין באַלעבטן אייגענעם קלאַנג אַף זיך אָפּצושטעלן, שטיין א וויַילע און צוריק זיך לאָזן אין שטאָט אריַין.

מענטשן, אי יינגערע, אי עלטערע, אי איינזאַמע, אי האַלב־עלנטע, אי באַגליקטע מיט א פאַמיליען־היים, אַנדערע אפילע אינצווייען, האָבן באַפריַיט פאַר אונדז דעם וואַגאָן. איצט קענען מיר פאַרנעמען פּלאַץ

צווישן נאָך אזעלכע, ווי מיר זײַנען. אייניקע שטופּן זיך, קעדיי צו פאַר־נעמען גיכער א בעסערן פּלאַץ, אנדערע פארנעמען זייער פּלאַץ רויִק. מיר האָבן פארנומען ביידע איין באנק. די קליינע האָט זיך אין מיר אָנגעשפּארט, פארמאכט די אויגן. זי קוקט זיך נישט אום, ווי יענץ מאָל אין שפּײַז־קראָם, ווען מיר האָבן זיך פּלוצעם דערזען.
זאָל אונדז זײַן גוט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —,

דער האלב־לײדיקער טראַמוויי האָט גערירט פון אָרט.

1946—1945

איינער, איינער און נאָך איינער

(פון די בריוו צו יִסראָליקן)



טײַערער יִסראָליק מיט מאַרימען, מיט פּייגעלען!

אלע יאָרן שרײַב איך צו דיר און כאַסמע זיך מיטן געוויינלעכן נאָמען. איצט איז מיר ארײַן א דור אין קאָפּ זיך אונטערשרײַבן מיטן נאָמען „יִיצכאָק זאָג".

אינעמעסן וואָלט איך גאָר דאַרפן שרײַבן „יִסראָליק זאָג".

זאָג מיר, טײַערער יִסראָליק, צי מעג איך שרײַבן אזעלכס, וואָס איך וויים נאָך אליין נים, צי ס'וועט זיך בא מיר אויסקנעטן ווי ס'געהער צו זײַן (איך זאָל בא אײַך נים צונעמען קיין צופיל צײַט אומזיסט), כאָטש פארן איניען אליין קען איך דיר קאַווירן, אז ער האָט בעפּירעש די ווערט, מע זאָל זיך מיט אים פארנעמען.

שוין א צײַט, אז מיר ווינען בא מײַן שוועסטער און שוואָגער אין באָיארקע. דאָ איז ווויל. גאָטס וועלט איז אומעטום שיין. דאָס איז דאָך אלץ באַקאנט, נאָר איך האָב פארדראָס אף זיך זעלבסט.

סטײַטש! שאָלעם־אלייכעם אליין האָט דאָ א סאך זומערס געוווינט (מיט זײַן הויזגעזינד). מע זאָגט, אז ארקע קושניראָוו איז א היגער, א געבוירענער. אן אוקראַיִנישער גאנץ וויכטיקער שרײַבער וולאדימיר סאמילענקאָ איז דאָ באהאלטן ארום קלויסטער (געשטאָרבן אין 1925 יאָר), ס'שטייט אפילע איבער

אים אַ פֿונדאַמענטאַלע מאַציייווע, און טו מיך אַ פֿרעג — ווייס איך ניט אַ וואָרט צו דערציילן.

וואָס זשע איז עס? צי דען בין איך אַזוי פֿאַרברעכעריש גלײַכגילטיק צו זאַכן, וואָס זײַנען מיר אַליין ניט ווינציק נעגייע?.. אָדער מײַן שטענדיקע פּאַסיווקײַט איז גוירעם צו דעם?..

אַנומלטן זאָג איך צו מײַן ייִדענע:

— סאָרל, ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר זיך דורכגיין קיין זאַביריע (אַ דאָרף זיבן ווערסט פֿונדאַנען).

— וואָס איז?

— דאָרט, — זאָג איך, — האָט געוווינט טעוויע דער מילכיקער!

— טאַקע? — זאָגט סאָרל. — איך גיי מיט אַלע קאָוועדן!..

און מיר זײַנען אין כמאַרנעם גאַנצפֿרי אַוועק צופֿוס קיין זאַביריע.

באַ באַגעגנטע דורכגייער פֿרעגן מיר דעם וועג. מיר פֿרעגן אַפֿילע אַן איבעריק מאָל, „כטאָ פּיטאַיע — טאָי נע בלודיט"[1], און מיר ווייסן אַפֿילע צו וועמען מיר פֿאַרגייען. דאָרט וווינט וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש גאַרינאָוויטש, דער געוועזענער דירעקטאָר פֿון דער דאָרפֿס־שול. אַ מענטש מיט אַ סאַך מײַלעס, אַ סאַך שיינע מידעס און ווייסט אַ סאַך, איין קלייניקײַט — ער קען סאַנסקריט!.. וועגן דער באַדײַטונג פֿון אונדזער ייִדישן אַלעפֿבייס, פֿון יעדער אויסיע באַזונדער, קאָן ער נאָך מיר עפּעס דערציילן; ווייסט גוט געשיכטע פֿון פֿעלקער און פֿון לענדער, שוין אַפֿילע לאַנג פֿאַרשוווּנדענע.

כוץ דעם, וועט ער אונדז אויך עפּעס קענען דערציילן וועגן דעם, וואָס ס'אינטערעסירט אונדז איצינד.

מיר גייען דורך אַ וואַלד פֿון דורכויסיקע הויכע טענענביימער.

פֿאַרגעניגן פֿון גיין האָבן מיר שוין. מיר גייען, מיר לאַכן, מיר באַטראַכטן די וועלט... באַ איינעם נאָך אַ לעבעדיקן בוים איז אַרומגעריסן פֿון אַ מענטשלעכער האַנט די קאָרע ביז זײַן צופֿוסנס. אַ בייזוויליקע מערדערישע האַנט האָט עס געטאָן! מיט גרויס שווערקײַט קען זיך נאָך די ווונד עפּשער באַ אים פֿאַרציִען. נאָר גיכער איז עס אַ זיכערער טויט פֿאַרן שטאַלטנעם הויכן בוים, וואָס איז נאָך איבערפֿולט מיט לעבעדיקע זאַפֿטן. אָט דאָס טוט וויי.

---

[1] ווער עס פֿרעגט — יענער בלאָנדזשעט ניט.

א ביסל ווײַטער טרעפֿן מיר, לינקס פֿון וועג, א גאַנץ געזינדל מיט פֿריש אָפּגעזעגענע פּעניעס. זיי זעען אויס מיט זייער נאַקעטקייט און נײַקייט פֿיל געדיכטער, ווי די לעבעדיקע ביימער ארום.

אַף אונדזער כידעשן זיך האָבן מיר גלײַך געפֿונען א פֿאַרענטפֿערונג:

— די ביימער זײַנען מיט זייער נאַטירלעכקייט אַף זייער פּלאַץ. פֿילט מען ניט, צי זיי שטייען געדיכט.

א סימען פֿון א רעגנדל האָט לײַכט און איבערגעהיפּערט געשפּריצט, און ווײַל עס האָט אַף קיין קאַפּ ניט פֿאַרשטעלט די ליבע זונענשײַן, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אז עס שפּילט זיך מיט אונדז מער צוליב אונ־דזער פֿאַרגעניגן וועגן, אַזוי אז מיר פֿאַרשפּאָרן זיך פֿאַר דעם שרעקן.

אָט־אָ צעגייען זיך צוויי געראַמע שטעגן לעם די צופֿוסנס פֿון ברייט־צעצווײַגטע אַלטע קרעפּטיקע וואָרצלען. און מיר האָבן דאָס רעכט זיך אָפּשטעלן און א טראַכט געבן, אַף וועלכן וועג קענען מיר אויצרעס און דימענטן געפֿינען, און אַף וועלכן, כאָלילע, זיך רוק־און־לענד צעברעכן.

מיר לאַכן פֿון אונדזערע אײַגענע אײַנפֿאַלן, אָבער וועלכער פֿון די צוויי וועגן איז אונדזערער, ווייסן מיר טאַקע ניט. שטייען מיר געאָרעמט און וואַרטן, עפּשער וועט זיך באַווײַזן א נײַער דורכגייער.

„זיבן ווערסט" — אויסריידן איז עס גרינג, ווי א גענעץ טאָן. אָבער זיבן ווערסט אָפּמעסטן טראָט בא טראָט ציט זיך טאַקע אויס... עפּשער גייען מיר גאָר ניט אַהין, וווּ מיר דאַרפֿן? אינעמעסן! פֿאַרוואָס זעען מיר ניט אַזוי לאַנג קיין איין שטוב?.. פֿאַרוואָס הערט מען ניט קיין הינט האַווקען?..

אָבער אָט איז אָנגעפֿאָרן א יונגערמאַן אַף זײַן וועלאָסיפּעד און זאָגט, אז מיר גייען גוט:

— באַלד וועט איר צוקומען צו דער הרעבליע, לינקס — די סאַזשל־קע, און פֿון דאָרטן צו דער שול וועט שוין זײַן ניט ווײַט.

מיר קווען שוין ווײַטער. פֿון אַזא שפּאַציר קומט צו געזונט... פֿאַר־וואָס זאָלן מיר זיך ניט אויסקלײַבן יעדן טאָג אַן ענלעכן דורכגיין זיך? אומבאַדינגט!..

אָבער וווּ זשע איז פֿאָרט די סאַזשלקע? און ווען וועט שוין אַמאָל זײַן די הרעבליע?..

— וועסט כאָטש אַמאָל אופֿהערן, — זאָגט סאָרל, — די סאַזשלקע וועט פֿון אונדז ניט אַנטלויפֿן.

— גערעכט, — גיב איך שוין אויך צו און ענטפער מיט א גאנצער כקירע, — כאָטש זי קוקט אַף אונדז ווינציק אוים, נאָר דאָס אָרט, וואָס זי האָט ליב באקומען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, וועט זי אָפּהיטן נאָך הונדערטער יאָרן און פונדאנען אין ערגעץ ניט אוועקגיין. ביסט טאקע זייער גערעכט...

נאָר אין א רעגע ארום פרעג איך שוין ווײַטער:

— פּאָרט! ווען וועלן מיר אמאָל זיך טרעפן מיט דער סאזשלקע? דו זעסט? אָט־אָ זײַנען גאָר אוועק בערעזעס!

— בערעזעס זײַנען זיך בערעזעס, — ווערט שוין סאָרל בעסער און טוליעט זיך צו מײַן אָרעם. — נאָר אָט־אָ לינקס לאָזן מיר זיך באלד אראָפּ צו דער סאזשלקע.

— וואָס? דו זעסט שוין אין ערגעץ א סאזשלקע?..

— און דו זעסט זי נאָך ניט?

— אוי, יאָ! איך זע, איך זע! איך זע שוין אפילע פּלויטן!..

און אליין די סאזשלקע האָט אַף אונדז אָנגעשטעלט בלויז א ברעג פון איר שיין, רײַך אויג! און ס'איז מיר ארײַן א כּיעס אין הארצן... די זון באקט שוין דאָ צו צוביסלעך, אונדזערע פּיס מעסטן שוין די הרעב־ליע, זי איז נײַ און פריש אויסגערוט... אָט־אָ פּאשען מיידעלעך גענדז. יִנגלעך — שוין גרויסע שול־קינדער — באָדן זיך און שטיפן אין דער וואסער. זיי זײַנען איבערגליקלעך, ווי די גאנצע וועלט וואָלט געווען זייערע. אַף זיי קוקנדיק, גלוסט זיך אונדז קושן די וואסער, די לופט, די שפּילנדיקע קינדער. ס'איז אונדז שטארק גוט פון זיי.

אן עלטערע פּויערטע וועט אונדז באלד אריבעריאָגן. זי דארף אין קלייטל ארײַן, אהין, לינקס, און מיר, — זאָגט זי, — זאָלן זיך גיין אזוי גלײַך, גלײַך, וועלן מיר פון רעכטס האָבן די שול. איך וואָלט וועלן זען די זאביריער לײַט און נאָך ניט אוועקגיין פון דער עלטערער פּויערטע, זען, וויאזוי וועט זי זיך דאָרטן אײַנפּאָרען מיט איר געברויך. נאָר מיר דארפן דאָך גיין גלײַך, גלײַך...

צוויי דאָרפישע מיידעלעך, טײַערע בארדאסן מיט רוסיאווע צעפּלעך, האלב־נאקעטע, געצערטלטע פון דער זון, שפּילן אין א גרין הויפל לעם זייער לײַדיקער שטוב. זיי שטעלן אָפּ די שפּיל. באטראכטן אונדז א רעגע. פרעגן איבער אונדזער פראגע און ענטפערן אונדז גענוי, ערנסט און

באדאכט, אז די שול איז „אָן טאם־טאמיטשקי, נא האָרבאָטשקו"[1]. מיר זאָלן גיין, און גיין, דאָרטן זאָלן מיר איבערשפאנען דעם „פערעלאז", אָט דאָרטן לעם דעם ברונעם, און ס'וועט שוין זײַן די שול.

ס'ווילט זיך נעמען די בארדאסן אף די הענט, האָלובען זיי און אויסקושן די פאריסענע באכיינטע נעזעלעך. אפילע דער כילעק פון „שטאָט" מיט „דאָרף" האָט זיך ערגעץ אָפגערוקט, הײַנט דער באגריף פון „ייִד" מיט „ניט־ייִד" איז אזוי ווי גאָר אף דער וועלט ניט געווען!

און מיינסט, אז דער „האָרבאָק" איז שוין דאָ? דער „פערעלאז" מיט דער שול זײַנען שוין דאָ? ס'הייבט זיך גאָר ניט אָן!..

א יונגער האלב־שטאָטיש־געקליידטער מענטש (זעט אויס צו זײַן א יונגער לערער אין דער צײַט פון זומער־וואקאציע) שטייט און רעדט מיט א היימישער פויערטע (א כידעש, וואָס זי איז איצט ניט אין פעלד), זי — באם פלויט פון אינווייניק, ער — באם פלויט פון דרויסן.

מיר צעפרעגן זיך שוין ווײַטער.

גייט ער צו צו אונדז. אים ווילט זיך שוין עפעס וויסן.

— איר דארפט עפעס אין שול?

— ניין, מיר דארפן צום דירעקטאָר.

— צו וועלכן דירעקטאָר?

— צו גארינאָוויטשן.

— צו גארינאָוויטשן? איז ער דאָך שוין אף פענסיע!

— יאָ, טאקע צו דעם, וואָס איז אף פענסיע.

— איז גוט. וועט איר אים טרעפן. ער שטייט דאָרטן אין הויף און מאָלט א גרויסן פלאקאט. אָט דאָ לעם ברונעם, ווו דער גרינער בלעכענער דאך איז.

און ער לאָזט אונדז אָפ.

מיר האָבן דורכגעלאָזן דעם ברונעם, פארזען דעם „פערעלאז", ווײַל ער פירט פאָשעט עפעס אין א פארצוימטן גאָרטן ארײַן.

— עך! — האָט דער יונגערמאן א מאך געטאָן צו אונדז פונדערווײַטנס, ווי איינער, וואָס מיינט — „בעספאָניאטקעלעך" — און האָט זיך נישט געפוילט אונדז אָניאָגן און אונדז אָנווײַזן, אז אָט האָבן מיר שוין דורכגעלאָזן דאָס, וואָס מיר באדארפן.

---

[1] דאָרט־דאָרטן, אפן בערגל.

מיר האָבן אים באַדאַנקט. זיך אומגעקערט עטלעכע שפּאַן.

— אָט דאָ, — זאָגט ער, — קריכט אַריבער איבערן „פּערעלאַז", און דורך דער דאָזיקער סטעזשקע וועט איר גלײַך פאַרגיין.

און... אַן אײדלקײַט פון אַ יונגערמאַן: ער איז מיט אונדז ווײַטער ניט געגאַנגען. צײַט, זעט מען, האָט ער. נײַגעריקײַט — אויך. נאָר מע דאַרף זי גוווּער זײַן און ניט קריכן אומגעבעטענערהייט אַהין, ווו מע רופט דיך ניט.

אומזיסט האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַ טויב שטעגל אין אַ פאַרשטאָפּטן גאָרטן אַרײַן. דאָס שטעגעלע האָט אונדז גראַדע פאַרפירט גלײַך צום דירעקטאָרס הויפל, וואָס גרענעצט זיך מיטן געראַמען שול־הויף. די שול איז אַן אײנשטאָקיקע. און אָט אין אַן אָפּגעצוימט אינ־ווייניקסט אַרבעטס־הויפל באַ אַ טיש שטייט אַן עלטערער מענטש פון קוים מיטעלן וווּקס — אַ יאָר עטלעכע און זעכציק. אַפן טיש ליגט האַלב־אָנגעשפּאַרט אַ פּירעקיק צוגעזעגט שטיק פאַניער אָפּגעפאַרבט אין שוואַרצן, און אַפן שוואַרצן מאָלט דער מאַן מיט ליכטיקע פאַרבן גרויסע פּירעקיקע אויסיִעס — אַ לאָזונג צום נײַעם שול־יאָר.

* * *

דער ווירקונגס־קרײַז פון אַ ליכטיקן גײַסט:

שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרייביקט טעוויען, מיט זײַנע „פּסוקים", מיט זײַן „גאָלדע־סערדצע", מיט זײַנע טעכטער.

„אײַ, טעוויעס טעכטער, ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן!".

טעוויע אַליין וואַרפט שוין אַ שײַן אַפן עטלעכע מאָל אָפּגעברענטן און צוריק אויסגעבויטן דאָרף זאַבירייע, וואָס געפינט זיך ווײַט — אין אַ זײַט פונעם באַרימטן בויבעריק. און אין זאַבירייע גופא איז נאָר באַ־הויכט און באַליבט דער קאָדעש רעב יאַנקל שרײַבער, וואָס איז אַ סאַך יאָרן געווען דאָ אַ געטרײַער אַרבעטער, אַן ערלעכער און גוטער שמיד.

גאַרינאָוויטש רעדט מיט אונדז, ווי מיט אַלטע גוטע באַקאַנטע. ער פאַרלאָזט די אַרבעט, טוט זיך איבער און גייט מיט אונדז אַפן דאָרף צו אַ שטוב, וואָס איצט וווינט דאָרט מיט זײַן געזינד אַ קריסטלעכער פויער. נאָר די שטוב אַליין שטייט נאָך אונטער איר אַלטער שטרויענער סטריכע. דאָרט איז צוגעבויט אַ שטעלכל צו דער סאַמע וואַנט. די פענצטער פונעם

גרעסערן צימער זײַנען נאָך טעוויעס, נאָר פונעם 23־טן יאָר האָט דאָ געוווינט יאנקל מענדעלעוויטש שרײַבער, וואָס איז אינעם 33־טן יאָר אין א שאבעס פארטאָג טאקע דאָ, בא זיך אין שטוב, געפאלן א באוואשענער מיט בלוט אונטערן מעסער פון א גאזלען. און דורך דעם זעלבן מעסער איז ער, דער רעצייעך, פארטיליקט געוואָרן פאר א גאָר קורצער צײַט, ווײַל ס'איז גאָרניט שײַעך איבערצוגעבן, וויאזוי דאָס גאנץ דאָרף האָט געהאלטן פון זײַן אלטן ערלעכן האָרעפּאשניק יאנקלען דעם שמיד, און בעשום־אויפן ניט געקענט פארגעסן אזא אומגעלומפּערט פארברעכן.

מיר פילן, ווי יעדער בוכשטאב פונעם נאָמען יאנקל מענדעלעוויטש שרײַבער ווערט ארויסגעבראכט מיט הייסער ליבשאפט פונעם אלטן גארינאָוויטשעם מויל.

— א זעלטענער מענטש, — דערציילט ער, — מײַנער א יאָרנלאנ־גער פרײַנט!.. און איר זאָלט זען, וויאזוי דאָס דאָרף שעצט אים און געדענקט אים... נאָך אין די פינצטערע פעטליורישע צײַטן האָבן אים די שכיינים איבערגעטאָן אין א בריל (אזא גרויסער שטרויענער הוט), אין לײַוונטענע הויזן, מע האָט אים געגעבן א קאָסע אין דער האנט מיט א שארפשטיין: נא, ארבעט לעם אונדז, וועלן זיי דיך ניט דערקענען! און דורך די נעכט האָט מען אים געגעבן א זיכער באהעלטעניש, אז דער שעד אליין וועט אים ניט געפינען. און אזוי איז ער געבליבן לעבן.

יאנקל פלעגט זיך פאר אים בארימען, אז אין דעם צימער, ווו טעוויע פלעגט שאבעס און יאָמטעוו דאווענען, האָט ער, יאנקל מענדעלעוויטש, איבערגעלאָזט אלץ ווי געווען און דאָרטן גאָרנישט ניט געענדערט. טעוויעס ווײַבס לײַכטער זײַנען געשטאנען אפן זעלבן אָרט. דער טיש אינמיטן צימער איז געשטאנען ניט גערירט... טעוויע איז געווען פאר אים עפּעס א מין גוטער־ייִד, א באלמויפּעס...

טײַערער ייִסראָליק, מיר טוט באנק, וואָס דו ביסט בעשאס־מײַסע נישט געשטאנען מיט אונדז. אָט, טו אומיסטן א קוק. שאָלעם־אלייכעם האָט אויסגעפורעמט פאר אונדז אן אייביק געשטאלט. ס'איז שוין דאָ אינדרינען א זעכציק — זיבעציק יאָר. און איצט איז געגוג, אז מיר זאָלן פונעם קריסטלעכן דאָרפישן אינטעליגענט כאפּן איין־און־איינציק וואָרט, ווי ס'שאפט זיך פאר אונדזערע אויגן א לעבעדיק בילד. אָט דאָ איז געשטאנען טעוויע מיטן ארויסגעלאָזענעם טאלעסקאָטן פון אונטערן קאמזויל און פארטײַטשט אונדז אף זײַן אויפן א פּאָסעק; אָט דאָ איז

געשטאנען טעוויעס בידנע פערדל; אָט דאָ אַף די שטאַכעטן זײַנען גע־
האנגען די אויסגעוואשענע קריגעלעך; און דאָ האָט ער — קימאט איין
ייִד אין דאָרף — פארבראכט זײַנע שאבאָסים און יאָמטויווים.

נישט אומזיסט האָט דער טיף־אײַנגעוואָרצלטער האָרעפּאשניק, אויך
קימאט איין ייִד אין דאָרף — יאנקל מענדעלעוויטש שרײַבער — פאר־
שטאַנען, וויִאזוי ערלעך צו האלטן די דאלעדאמעס, וווּ טעוויע האָט
געהאט אין די יאָמטעווודיקע שאָען א ביסל נעשאָמע־דאָפּלטע הארכאָ־
וועס־האדאס.

איצט, טײַערער ייִסראָליק, וועגן א דריט רינגעלע אין דער גאָלדענער
קייט. נאָר איין ביסעלע געדולד. איך וועל שוין דיך לאנג ניט פארהאלטן.

אַף צוריקוועגס פון טעוויעס גאס און טעוויעס שטוב האָט אונדז
וולאדימיר ניקאָלײַעוויטש באקאנט מיטן נײַעם שול־דירעקטאָר.

— אָט־אָ שטייט ער אקוראט, — ווײַזט ער אונדז אַף צוויי יונגע־
לײַט, וואָס האָבן עפּעס געשמועסט באם אָנהייב הרעבליע. — א פּייִקער
מענטש, אויך א ייִד, און זײַן פאמיליע־נאָמען, זאָל אײַך צו קיין וווּנדער
ניט זײַן, — האָט דער אלטער דירעקטאָר גוטמוטיק א שמייכל געטאָן, —
איז אויך קיפּנים... — ער האָט אונדז פאָרגעשטעלט און איז באלד אוועק.

באם אָפּשייד האָט ער נאָר געבעטן, מיר זאָלן אָפּטער אהער
קומען.

— די סאזשלקע איז אונדזער אײדעס, — האָבן מיר געענטפערט, —
אז דאָס איז אויך אונדזער באגער.

אז מיר האָבן זיך צערעדט מיט די צוויי כאווײרים (דער דירעקטאָר —
פון א יאָר פערציק, דער קאָלווירטלער — פון קנאפּע דרײַסיק), האָבן
זיי אונדז צום אלעמערשטן געמאָלדן, אז זיי האָבן עפּעס אַן איניען
אין בויערקע. אין א שאָ ארום פאָרן זיי, וועלן זיי אונדז אויך נעמען.

דער ייִנגערער איז אוועק, און קיפּנים האָט אונדז פארבעטן, מיר
זאָלן ארײַנגיין צו אים אין שול.

דער זעלבער שול־הויף, וווּ מיר זײַנען נאָרוואָס געווען, נאָר פון א
צווייטן ארײַנגאנג. די געבײַדע אזא ליכטיקע, נאָך ניט קיין אלטע. אין

אייניקע קלאסן זײַנען די טירן אָפן — מע פאַרבט דאָרט די פענצטער, מע סטאָליאַרעוועט. מע ריכטעוועט די טירן. ס'נעענטערט זיך שוין דאָס נײַע לערניאָר. איינגיכן וועט דאָ, אין די דאָזיקע ווענט, שטיין אַ זשום פון קינדער — ייִנגעלעך און מיידעלעך מער און ווינציקער פאַרשײַטע, מער און ווינציקער פּייִקע, מער און ווינציקער אַקוראַטנע, נאָר אַלע יונגע און גאַרנדיקע — דאָס איז דאָך דאָס לעבן אַליין און ס'רופט זיך אַזוי גוט אָפּ בא אונדז אין האַרצן.

פון אונדזער שטילן, ניט געכאַפּטן שמועס באַקומט זיך אַזאַ מין בילד: אָט דער־אָ קיפּנים געקליידט איינפאַך, ווי אַ דאָרפישער אינטעליגענט, — אַ טונקל געניצטער גאַרניטער, דאָס אייבערשטע העמד איז פאַרשפּיליעט ביזן סאַמע קאָלנער, נאָר אָן אַ שניפּס, — דערציילט אונדז וועגן זיך.

דערהערט, אַז ער איז אַליין אַ וואָלינער, פון שטעטעלע אושאָמיר, האָב איך אים שטײַף אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַקסל.

— הערט אַ מײַסע, אויסער דעם, וואָס אונדזערע שטעטלעך זײַנען שכייניש, קומט דאָך נאָך אַרויס פון אושאָמיר אַ גאַנצער קושטש מיט ליטעראַטן. לעווין קיפּנים איז אַן אושאָמירער, און מענאַכעם קיפּנים, וואָס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, דער ברייט באַוווּסטער און באַליבטער מענאַכעם קיפּנים, איז דאָך אַ יאָסעם, אַ מעשוירערל בא אַ כאַזן, נאָך קינדווײַז אַרויסגעפאָרן פון אושאָמיר, און נאָך און נאָך!..

מיר האָבן געפּויעלט באַם דירעקטאָר, אַז מירן בעסער גיין אַהיים צופּוס. מיר ווילן דעם שפּאַציר פאַרלענגערן... ער האָט אונדז צוגעפירט ביז די ערשטע ביימער, און מיר האָבן זיך פרײַנטלעך צעזעגנט.

סאָרל האָט אַרויסגענומען פון קוישל צוויי קליינע זעמל. מיר בײַסן פונעם שטיק, און מיר טיילן זיך מיט אונדזערע פרישע אײַנדרוקן: שאָלעם־אַליינעם, טעוויעס שטוב... די ליבשאַפט פון די דאָרפסלײַט צום ייִדישן שמיד, וואָס איז אַף דורך און געווען אָרנטלעך און האָרעפּאַשנע. די דאָזיקע ליבשאַפט פאַרגרינגערט אַפילע דעם טראַגישן סאָף זײַנעם. און... צום פאַרבײַסן — ווידעראַמאָל איין־און־איינציקער ייִד אין דאָרף, דער איצטיקער שול־דירעקטאָר. אַלס צוגאָב האָט ער נאָך צוויי געזעלשאַפטלעכע גרויסע, וויכטיקע אָנלאָדונגען. ניין, דאַפּקע דרײַ: פאָרזיצער פון דאָרפראַט, סעקרעטאַר פון דער דאָרפישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דער הויפּט פון דער פאָלקס־דרוזשינע...

וויפֿל באַגעגנטע דאָרפֿסלײַט גריסן זיך צו אים (און, מעמיילע, אויך צו אונדז)... יעדערער האָט עפּעס אַן איניען צו דערליידיקן. ביים קיפּנים רעדט מיט די דאָרפֿסלײַט, זעען מיר, וויפֿל פֿעדעם ס'פֿאַרבינדן אים מיטן לעבן פֿונעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן דאָרף.

מיט די מענטשן רעדט ער געשטעלט, אָן אימפּעט, נאָר ס'פֿילט זיך ערנסטקײַט, גלויבן און איבערצײַגעוודיקײַט.

מיר גייען ווײַטער מיטן וואַלד. אַלץ איז אונדז דאָ צום האַרצן. מיר לעבן נאָך מיט דער שטוב, וואָס אונטערן אַלטן שטרויענעם דאַך. מיר זײַנען נאָך ניט אַוועק פֿונעם אַלטן דאָרפֿישן אינטעליגענט, וואָס לעבט זיך אויס אין קולטור־אינטערעסן און זײַן ליבע צו פֿעלקער און צו מענטשן איז די לופֿט, מיט וועלכער ער אָטעמט.

דאָס געשטאַלט פֿונעם אויפֿגעלעבטן פֿאַר אונדז יאַנקל מענדעלעוויטש שרײַבער... מירן זיך נאָך עפּשער דערפֿרעגן צו זײַנע קינדער אין מאָסקווע און אין קיִעוו, שוין, קענטיק, אויך ניט קיין יונגעלײַט. איצט ווידער אַן איין־און־איינציקער ייִד אין זאַביריע — דער שול־דירעקטאָר קיפּנים. אַזוי איינפֿאַך זעט ער אויס און טוט אַזאַ נישט קיין גרינגע אַרבעט. ער טראָגט אויף זיך אַ שילער־קאָלעקטיוו, אַ לערער־קאָלעקטיוו, אַ ייִשעוו, אַ לאַנדווירטשאַפֿט און יעדער מענטש באַזונדער — אַבוץ פֿאַר זיך...

מיר דערקענען מיט סאָרלען געוויסע בײַוועג־צייכנס. מיר האָבן זיך דאָך געטראָפֿן מיט זיי אַהער גייענדיק.

מיר האָבן באַזוכט אַ וואַלד־ווינקל בײַ דער זײַט וועג. יעדערער פֿון אונדז האָט עפּעס בײַ זיך געדאַרפֿט ברענגען אין אָרדענונג. איצט גייען מיר שוין ווײַטער האַנט־בײַ־האַנט און מיר באַראַטן זיך וועגן אַ האַלבשאָדיקן אָפּרו. דאָ ערגעץ אינעם פּראַכט פֿון דער נאַטור.

אינמיטנדערינען רײַסט זיך טומלדיק אַרויס פֿון אַ זײַט און פֿאַרקעדרעוועט אַהער גלײַך אויף אונדז אַ ברייטע פֿור מיט דער פֿײַנער פּאָר פֿערד.

— טפּ־ר־ר־ר!!!

פֿאַר פּלוצעמקײַט האָבן מיר פֿון דער ערשטער רגע נישט געכאַפּט זיך, אַז ס'איז קיפּנים באַנאַנד מיטן אָנטרײַבער, דעם ייִנגערן באָכער, וואָס האָט דאַן מיט אים געשמועסט אויף דער הרעבליע.

דער וואָגן איז אויסגעשפּרייט מיט פֿרישער נאָך נישט גאָר אויסגעטריקנטער קאָנישינע, און בײדע באָכערים פֿאַרבעטן אונדז פֿונסיי:

— קומט אפן וואָגן!.. וואָס וועט איר גיין אזויפיל ווערסט צופוס? מיר פאָרן דאָך סײַווי אהין!.. מירן אײַך דערפירן איינס און צוויי! גלײַך ביזן שטוב...

טײַערער ייִסראָליק, דו פארשטייסט שוין אליין, ווי ס'איז אונדז פון א סאך קלייניקײַטן און גרויסקײַטן געווען גוט אפן הארצן. זאָל דיר אויך זײַן גוט, און זאָל זײַן שאָלעם אף דער וועלט.

נאָכאמאָל א גרוס מארימען און פייגעלען. שרײַב.

דײַן „ייִצכאָק זאָג".

1962

וואָס מע זאָגט — „גאָט האָט צוגעשיקט, גאָט האָט געפירט"



אויך אין דעם פרימאָרגן, ווי בא א סאך פרימאָרגנס פון לאנגע יאָרן, נישט אי־בערצוציילן, איז דער אלטער געזעסן אַף זײַן פײַערדיקן שטול, ארום אים האָבן געווימלט מאלאָכים. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט פאר אים וועגן אלע טועכצן, וואָס זיי האָבן נעכטן געזען אַף דער זינדיקער ערד. דער אלטער האָט מיט קיין אויג נישט קיין פּיר געטאָן, ווײַל יעדער נעכטן איז געווען געראָטן אינעם אייערנעכטן, ווי צוויי טראָפּנס וואסער. מעגלעך, אז ער האָט מער געדרעמלט, ווי געהערט. די זינד זײַנען קיין זינד ניט געווען. די רעזול־טאטן זײַנען ווײַט געווען פון ווויל, נאָר ס'גאָרניט, אזוי פירט זיך שוין פון קאדמוינים. און די מאלאָכים, צו זיי האָט עס ניט, זיי פירן זיך אוים זייער אוּוודע מיט דער בעסטער שטרענג־קײַט.

פלוצעם האָט זיך צעבליצט א יונג מאלעכל, די קויכעם זײַנען אים אויס־געגאנגען, אזוי האָט ער געצאפּלט, ס'זאָל שוין גיכער קומען זײַן ריי.

— שאדײַ! אלמעכטיקער גאָט! — האָט דאָס יונגע מאלעכל מיט ניט קיין געהערטער פרייד אויסגערופן, — אַף דער זינדיקער ערד האָב איך נעכטן געזען א גרוים וווּנדער. א פּראכט פון א זאך! אין יאנושפּאָל אַף דער אוק־ראִינע, דאָרט, ווו ס'איז מײַן כיילעק ערד, האָב איך אָנגעטראָפן אן אלט פּאָרפאָלק, א ייִד מיט א ייִדענע, און

זינט זיי לעבן, האָבן זיי זיך נאָך קיין איינמאָל ניט געקריגט!..

דער אייבערשטער האָט זיך א רודער געטאָן פון זײַן דרעמל, האָט אָנגעקוקט מיט זײַן געטלעכן בליק ס'מאלעכל.

— ס'קען נישט זײַן! — האָט ער זיך אָנגערופן. — זינט איך האָב די וועלט באשאפן און אויך אַף דער, וואָס איך קלײַב זיך ערשט באשאפן, איז נאָך אזעלכס ניט געהערט געוואָרן...

— כּיַ אדוינוי, — האָט דאָס מאלעכל געצאפּלט מיט זײַן יונגער פרייד. — נעכטן בין איך אליין דאָרט געווען. ער הייסט באָרעך־מייער דער שטריקלדרייער, און זײַן ליבע ייִדענע הייסט פריידע דעם שטריקל־דרייערס.

— ניין, — מאכט דער אלטער שוין מיט א שמייכל. — אַף אזעלכס בין איך שוין גראדע א באלן אליין א קוק טאָן.

געגנוג געווען איין פיר מיט דער מאכשאָווע, ווי די מאלאָכים, וואָס זײַנען צו אים צוגעשטעלט, האָבן שוין אויסגעפילט זײַן פארטראכט: דער אלטער איז גלײַך געווען אויסגעקליידט, ווי א געווייינלעכער באָסערווע־דאָס, אין א הוט און אין א גרויען רעגנמאנטל. אין קעשענע איז געווען פארגרייט א ביסל מינץ. איך גיב אײַך נאָך, אז דאָס מינץ איז געווען פון ריין גאָלד. און אין איין קעהערעף־אײַן איז ער שוין געווען אַף דעם שטיקל באצירק פונעם ערדקוגל, ווו ס'איז געשטאנען יאנושפאָל מיט זײַנע אײַנוווינער, קלייטן און שטיבער, פעלדער און שכיינישע דערפער. ער איז אָנגעגאנגען צו באָרעך־מייער דעם שטריקלדרייערס שטיבל. אויך אַף דער ערד איז נאָך געווען סאמע גאנצפרי. וואָס זשע האָט ער דאָרט געטראָפן? פריידע דעם שטריקלדרייערס שפּיליעט צו אפן מאן אירן, אַף באָרעך־מייערלען, דעם שטויב־מאנטל אַף אלע קנעפּ. זי פאריכט אים נאָכאמאָל דאָס היטל אפן קאָפּ. אירע אויגן שטראלן מיט ליבע, און זײַנע בליקן ענטפערן, אז ער נעמט צו די ליבע מיט נאָך גרעסערער ליבשאפט. נאָר איצט צעשיידן זיי זיך עפּשער אַף א גרויסן שטיק טאָג. אינעם צווייטן נאָענטן שטעטל באַידיבע פאלט הײַנט אוים א יאריד, האָט זיך באָרעך־מייערל אָנגעקלערט, ער זאָל צוגיין צו באַידיבע — איר שפּילט זיך מיט גאָט! — עפּשער וועט ער אים צושיקן עפּעס א מעציִע.

פריידע, אינעם ריינעם קלײדל, אין דער ריינער פאטשיילע, פון סאמע גאנצפרי האָט זאָרגזאם ארויסגעבאגלייט איר גוטן שטילן אלטינקן באָ־

רעד־מייערלען אפֿן יאריד, האָט אים צוגעוווּנטשן, אז זי זאָל אים אינגיכן דערלעבן זען צוריק א געזונטן, און האָט זיך צוגעשטעלט צום טאפּליע קוקן, ווי ער, באָרעד־מייערל אירער, האָט עם מונטער און, קיין אײַנהאָרע, בראוו אוועקגעשפּאנט.

דער ריבוינעשעלוילעם, פארשטעלט ווי א פארמעגלעכער דאָרפסמאן, האָט שוין גלײַך פון דער ערשטער רעגע דערזען, סארא שיין לעבן דאָס אלטע פּאָרפאָלק פירט צווישן זיך. נאָר סע ארט אים ניט זיך צוקוקן ווײַטער.

ווי זיי זײַנען ארויס פון די טויערלעך, ס׳שוין אויס שטאָט, ס׳הייבט זיך שוין אָן א פעלד און שליאך, דערזעט באָרעד־מייערל אין שטויב אפֿן סאמע וועג — ער האָט שוין שיר ניט ארופגעטראָטן אף איר — א נאָדל בלישטשעט! בייגט ער זיך פּאמעלעכקע אָן און הייבט זי אוף... יאָ, ס׳איז א נאָדל. נאָך אפילע מיט א בײַוועלע ארײַנגעצויגן.

— נו, יאָ, — האָט באָרעד־מייערל באטראכט די נאָדל און זיך געלאָזט גיין מיט איר.

— מײַן פרײדע, זאָל לעבן, וועט גאָרנישט האָבן קעגן, אין באלע־באטישקײַט קאָן אלץ צוניץ קומען!..

אָבער אזוי ווי ער שפּיגלט זיך אין זײַן געפינס, גייט דורך א צעל־ניקער מיט זײַן קאָרב צעלניק.

— זיידינקע, — מאכט ער צו באָרעד־מייערן, — איך דארף אזא נאָדל, איך קען דיר פאר איר געבן א טוץ העמדער־קנעפּ.

באָרעד־מייער האָט א קוק געטאָן אפֿן צעלניקער.

— אויב דו דארפסט אזוי נייטיק די נאָדל, — זאָגט ער, — נעם זי און זײַ מאצליִעך. — און ער איז זיך אוועקגעגאנגען ווײַטער מיטן טוץ העמדער־קנעפּ.

דער אלטער אינעם גרויען רעגנמאנטל נעמט פון אים קיין אויג ניט אראָפּ. ס׳איז אים אלץ פון דער ערשטער מינוט אָן זייער געפעלן.

אזוי ווי זיי גייען, גייט ארויס פון א זײַטיק פעלד־וועגל א יונגע פּויערטע און טראָגט אן אָף אונטערן אָרעם. דערזען די קנעפּ, האָט זי זיך זייער דערפרייט.

— זיידינקע, — מאכט זי, — אָט דאָס איז דאָך מײַן גאנצער יאריד! מער ווי די קנעפּ דארף איך ניט. מײַן עלטערן יִינגל אף צוויי העמדער. נא דיר דאָס הינדעלע, און גיב מיר די קנעפּ!

באָרעך־מייער האָט א קוק געטאָן אף דער יונגער פויערטע.

— אויב דו האָסט אזוי גערן די קנעפּ, — זאָגט ער, — נעם זיי דיר, מיַין פריידע וועט פונעם הינדעלע אויך זיַין גערן.

די פויערטע איז א פריילעכע אוועק מיט די קנעפּ צו זיך אהיים, און די צוויי אלטע גייען זיך וויַיטער. אזוי ווי זיי גייען, יאָגט זיי אָן א פור מיט געגנדז און מיט קאטשקעס. דערזעען בא באָרעך־מייערן דאָס הינדעלע, רופט זיך אָן דער פויער:

— זע נאָר, זיידינקע, איך זוך אָט דעם סאָרט הינער שוין א ציַיט און קען נישט געפינען. נעם דיר א גאנדז, וועלכע דו ווילסט, און גיב מיר אָפּ דאָס הינדעלע.

— אויב דיר איז אזוי געפעלן דאָס הינדעלע, — מאכט באָרעך־מייערל, — טאָ נעם זי. מיַין פריידע, זאָל לעבן, וועט אף מיר ניט זיַין בארויגעז.

— טאָ קליַיב זיך אוים א גאנדז.

— וואָס דארף איך עפּעס קליַיבן, אז וועסט וועלן, ועסטו מיר אליין געבן.

האָט אים דער פויער אויסגעקליבן די שענסטע גאנדז און איז א פריילעכער אוועקגעפאָרן וויַיטער.

באָרעך־מייערל האָט איַינגעמאָסטעט די גאנדז אונטערן אָרעם, ס׳איז טאקע א ביסל שווערלעך, נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל, נאָך א שווערן וואָגן איז גוט גיין צופוס.

נאָר אף די רייד קומט אָן א יונגער דאָרפסמאן און טריַיבט א פּאָר קעלבער אפן יאריד.

— זיידינקע, — מאכט ער, — ווּ האָסטו גענומען אזא שיינע גאנדז?! נעם דיר פאר איר א קעלבל. די גאנדז דארפסטו טראָגן, דאָס קעלבל גייט אליין.

— מע קען אזוי אויך, — האָט באָרעך־מייערל געענטפערט.

און מיטן קעלבל איז אים געוואָרן טאקע א סאך גרינגער.

פארן קעלבל האָט אים איינער אפן וועג אָפּגעגעבן א מוציקל. פירט ער דאָס מוציקל אפן יאריד. דער אלטער מיטן גרויען רעגנמאנטל גייט זיך מיט אים באנאנד און קלערט, אז ווען ער איז נישט אזוי געווינט מיטן הימל, וואָלט ער זיך אף א ציַיט באזעצט דאָ, ער זעט, אז אף דער ערד קען מען זיך אויך ווי־עס־איז דורכלעבן...

אזוי ווי זיי גייען, יאָגט זיי אָן א קארעטע מיט פיר פערד נאשפּיץ. דער פּאָרעץ האָט דערזען דאָס מוציקל, איז ער צו אים צוגעזאָטן געוואָרן.

— זיידינקע, — מאכט ער, — וויפל זאגראניצעס איך בין אויסגעפאָרן, האָב איך אזא מוציקל נישט געקענט געפינען. נעם בא מיר צו די קארעטע מיט אלע פיר פערד, איך האָב אין דער היים אנדערע, און דאָס מוציקל גיב אָפּ מיר.

באָרעך־מייער דער שטריקלדרייער האָט א קוק געטאָן אף אזא רײַכקײַט.

— איך ווייס גאָרניט, — זאָגט ער, — ווו וועל איך זיי אין דער היים אוועקשטעלן?..

— נעם, ס'איז ווערט!.. — האָט זיך שוין דער אלטער אינעם גרויען מאנטל נישט געקענט אײַנהאלטן.

און באָרעך־מייערל האָט פארענדיקט מיטן פּאָרעץ דאָס געשעפט ווי געוויינלעך:

— אויב דו דארפסט אזוי נייטיק דאָס מוציקל, — זאָגט ער, — נעם דיר אים...

אזוי ווי די צוויי אלטינקע פאָרן זיך אין דער קארעטע, אָט־אָט דארף מען שוין ארײַנפאָרן קיין באַידיבע, מע הערט שוין דעם יאריד פונדערווײַטנס, שפּרינגט ארויס פונוואנען פון ווו א באָכער, שיין ווי די וועלט, מיט ברענענדיקע אויגן און צעלאָזטע קוטשערן.

— זיידינקע! — שרײַט ער אויס מיט געבעט. — לײַ מיר אף איין טאָג די קארעטע דײַנע, איך האָב הײַנט כאסענע, מײַן קאלע איז שיין, ניטאָ צו איר די צווייטע! נאָר אין אזא קארעטע דארף איך זי באגעגענען!

דער אלטער אינעם גרויען רעגנמאנטל שלעפּט אים פארן ארבל, ווי איינער מיינט: אזא גוטס פארגלייבט מען דען?! אָבער באָרעך־מייערל האָט זיך פארקוקט אפן כאָסן, ער איז אים זייער געפעלן געוואָרן.

— נאָר מיט איין טנײַ, — זאָגט ער, — שענק איך דיר די קארעטע. אז ווען איר וועט אויסרופן דראָשע־געשאנק, זאָלט איר דערמאָנען מײַן פריידען, זאָל לעבן, אויך. אז זי און איך וואַרפן אײַך דעם דראָשע־געשאנק.

און זיי זײַנען אראָפּ פון דער קארעטע. דער באָכער מיט דער געטלעכער שיינקײַט האָט געגעבן א טאנץ ארײַן אין דער קארעטע, און די פערדלעך זײַנען בא אים אוועקגעפלויגן, ווי די פייגל.

באַרעך־מייערל האָט אים מיט פאַרגעניגן נאָכגעקוקט, און זיי זײַנען אַרײַן קיין באַידיבע אפֿן יאַריד.

צום ערשטן זײַנען זיי אַוועק אין בעסמעדרעש אָפּדאַוונען און זען, וואָס ייִדן טוען.

נאָכדעם האָט באַרעך־מייערל זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן יאַריד, איבערגעביסן א שטיקל קאָרזש, געגעבן דעם אַלטן אויך א האַלבן. און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אז פריידע, זאָל לעבן, קוקט שוין אַף אים אַרויס, האָט ער זיך אָן שיִעם אַוועקגעלאָזן אַהיים.

אַף צוריקוועגס זאָגט צו אים דער אַלטער:

— אין וויפל געוועט, אז דו וועסט אָפּכאַפּן הײַנט פון פריידען דעם עמעסן ביילעק?

— ע, ניין, — ענטפערט באַרעך־מייערל מיט א שמייכל... — מײַן פריידע, זאָל לעבן, וועט זיך נאָר דערפרייען, אז זי וועט מיך דערלעבן זען צוריק.

— ניין, — מאַכט דער אַלטער, — אין וואָס געוועט? איך לייג אײַן א בײַטל מיט געלט!

— און איך, — ענטפערט באַרעך־מייערל, — וועל דיך מעכאַבעד זײַן מיט א וועטשערע.

געקומען אַהיים, זאָגט דער אַלטער אינעם גרויען רעגנמאַנטל:

— דו גיי אין שטוב, און איך וועל בלײַבן דאָ אין פירהײַזל און וועל זיך צוהערן.

פריידע האָט שוין אַרויסגעקוקט אַף איר באַרעך־מייערלען, איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, אים אַרײַנגענומען אין שטוב און געהאָלפן זיך איבערטאָן. און בייסמײַסע פרעגט זי בא אים:

— מיט וואָס זשע האָט דיך דער אייבערשטער באַגליקט אפֿן יאַריד?

— איך האָב אים באַגליקט? — האָט דער אַלטער דאָרטן אין הויז א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— אוי, פרעג גאָרנישט, פריידע־לעבן! — ענטפערט באַרעך־מייערל. — מיר האָבן א גרויסן גאָט. ווי איך בין נאָר אַרויס פון די טויערלעך צום פעלד, אזוי דערזע איך א נאָדל בלישטשעט אין זאַמד, נאָך מיט א בײַוועלע אַרײַנגעצויגן.

— א נאָדל איז א גוטע זאַך, — זאָגט פריידע.

— אָבער וואַרט, פריידע־לעבן, ס׳איז נאָך נישט אינגאַנצן. איך גיי אַזוי מיט דער נאָדל, יאָגט מיך אָן א צעלניקער און גיט מיר פאַר דער נאָדל א טוץ קנעפּלעך.

— וואָס גאָט קען! — זאָגט פריידע מיט אַנציקונג.

„ווײַטער גאָט און נאָכאַמאָל גאָט", — קנייטשט דער אַלטער מיט די פּלייצעס.

— וואַרט, פריידע־לעבן, ס׳איז נאָך ניט אינגאַנצן.

און באָרעך־מייערל רעכנט איר אויס איין מעציִע נאָך דער צווייטער: פריִער א הינדעלע, דערנאָך א גאַנדז, דערנאָך א קעלבל, דערנאָך א מוציקל. אַז ס׳איז געקומען צו דער קאַרעטע מיט די פיר פערד נאַשפּיץ, האָט זיך פריידע פאַרכידעשט און געפרעגט:

— ווו זשע וועלן מיר זיי שטעלן, האַרץ מײַנס?

— האָב קיין זאָרג ניט, פריידע־לעבן, וועסט באַלד הערן, ווי גאָט האָט אונדז אויסגעפירט.

— יאָ, — האָט דער אַלטער אין פירהײַזל אים איבערגעקרימט, — וואָס נאָר איך אייצע אים, טוט ער פאַרקערט...

און באָרעך־מייערל דערציילט פונעם כאָסן מיט דער געטלעכער שיינ־קײַט, מיט די ברענענדיקע אויגן און צעלאָזטע קוטשערן, וויִאַזוי ער האָט זיך דערפרייט מיט דער קאַרעטע, — נאָר מיט אַזאַ קאַרעטע, זאָגט ער, קען ער פאָרן נאָך דער קאַלע נאָך זײַנער.

— געדענק זשע, — זאָג איך צו אים, — דער דראָשע־געשאַנק זאָל זײַן פון מיר און פון מײַן פריידען!..

— מיט מאַזל, — האָט פריידע געענטפערט, — איצט גיי וואַש זיך, וועלן מיר נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

— דו פאַרשטייסט? — זאָגט באָרעך־מייערל, — אין פירהײַזל וואַרט אַף אונדז אַן אוירעך, וואָלט מען אים אויך דאַרפן בעטן צום טיש.

— פאַרוואָס דען ניט? — ענטפערט פריידל. — ווו צוויי לעפל, וועט זײַן א דריטער.

זיי גייען אַרויס פאַרבעטן דעם אוירעך, איז שוין זײַן אָרט פאַרקילט געוואָרן, נאָר דער בײַטל מיטן געלט איז געלעגן אַפן קאַסטן און דער האַלבער קאָרזש אויך. (באָרעך־מייער האָט זיך דאָך ניט געקענט אָנ־שטויסן, אַז יענער עסט ניט.)

אינדערפרי, אף זײַן פֿײַערדיקן שטול, איז דער אלטער געזעסן, ווי יעדער פרימאָרגן. ער האָט צוליב געטאָן די פארליבטע מאלאָכים און זיי געגעבן צו פילן, אז אף דער ערד איז אים עפּעס־וואָס געפעלן געוואָרן. איין זאך איז נאָר ניט צו פארשטיין.

אז די מענטשן, אלץ טוען זיי אָפּ אליין, און ארופליינגן לייגן זיי ארוף אף אים: „גאָט האָט געהאָלפן", „גאָט האָט געשיקט"... און...

אינעם יונגן מאלעכל האָט מען אויך ניט פארגעסן, מע האָט באפוילן אים ארויסגעבן א נײַע פּאָר פליגל.

1957

אין גוטן מוט

אָט־אָ לעבט ער נאָך, דער אַלטער כוועדער. טוט אַ קוק, ווי ער גייט נאָך דער טשע־רעדע גענדז — אַ גאַנצער שטאָט־באַ־לעבאָס.

פרעגט אים — פאַר וועמען האָט ער מוירע? ער האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט. טאָמער וואָלט ער עפּשער אַן אַנדערשמאָל מוירע געהאַט פאַרן טויט, כ׳וויים, אַן אַלטער מאַן, שוין באַלד באַ די אַכציק, זאָגט ער אָבער, אַז דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט קיין פראַווע ניט קומען אין קאָלווירט אַרײַן אָן קיין דערלויבעניש. קיין זײַטיקע און קיין פרעמדע לאָזט מען אַהער ניט אַרײַן. כע־כע! אָט־אָ וועט אים עמעצער דער־לויבן קומען אַהער, און באַזונדערס, נאָך אים, נאָך כוועדערן!

נישקאָשע, אַלטע לײַט האַלט מען באַ אונדז טײַער.

עמעס, ס׳איז געווען אַמאָל אַ צײַט, דאָס האָט זיך געטראָפן טאַקע מיט אים, מיט כוועדערן אַליין, ווען ער האָט שיר ניט פאַרזינדיקט די נעשאָמע און האָט געוואָלט שוין אַליין קריכן צום טויט אין די נעגל אַרײַן. אַז ער דערמאָנט זיך, גייט אים נאָך אַפילע איצטער דורך אַ פראָסט איבערן לײַב. נאָר איצטער שוין ניט, איצטער קענען אַזעלכע זאַכן ניט געמאָלט זײַן.

ס׳איז געווען באַלד, ווי ער האָט זיך אויסגעבויט די נײַע שטוב. די אַלטע איז שוין געוואָרן אַזוי אין דער ערד מיט די ביינער, אַז קיינע פּידפּאָרקעס

און קײנע לאַטעס האָבן איר ניט געקענט העלפֿן. דער אביון צעוואַלגערט זיך, די ווענט קריכן אין דער ערד אַרײַן, קײן פֿענצטער זעט מען שוין ניט, דער דאַך — ווי אַן אַלט צעקראָכן היטל. נו, די שטוב האָט שוין, דעם עמעס געזאָגט, גענוג געדינט. ווען האָט דער זײדע נעטשיפּאָר אַמאָל געלעבט? ווען און פֿון וואָס האָבן זײ זי אַמאָל געבויט?

האָט כוועדער (שוין ניט אַזאַ יונגערמאַן) זיך לאַנג געײַשעוועט מיטן ווײַב, מיט בײדע זין, די טעכטער האָבן אױך צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, און ס'איז געבליבן, אַז מע מוז זיך אַלע אײַנשפּאַנען און ווי־עס־איז זיך צונויפּקלאַפּן אַ שטיבל. אויסגעבעטן באַם פּאָרעץ געהילץ, פּאָר גרייט געלט פֿאַרשטייט זיך, און מיט געלט איז עס גראָדע געווען אַמשווערסטן. אָבער מיטן פּאָרעץ ענדיקט זיך עס נאָך ניט. דאָס געהילץ דאַרף מען איבערפֿירן, און דאָס פֿערדל זײערס איז געווען קלײן — אַ קעצל מאַמעש. עמעס, ס'איז געווען זײער צוגעלאָזן. ס'איז נאָכגעגאַנגען נאָך כוועדערן, ווי אַ הון, אַז זי דערזעט די באַלעבאָסטע. די שכײנים פֿלעגן זיך צונויפֿלויפֿן, קוקן ווי אויף אַ טעאַטער. ער האָט עס אײנמאָל אין אַ געלעכטער אַזוי אַרײַנגעפֿירט צום גאַלעך אין שטוב אַרײַן. ער גײט, און דאָס פֿערדל גײט אים נאָך.

נו, אַרויספֿירן דאָס גאַנצע געהילץ מיטן אײגענעם פֿערדל איז גאָר ניט געווען שײַעך, האָט מען געמוזט צודינגען דעם קומענדיקן מעכוטן וואַסיל קריוואָפּאָלעץ מיט דער פֿור און נאָך עפּעס אַ שאָכן. באַ אײגענע מענטשן קאָסט עס אַפֿילע וועלוועלער, נאָר באַצאָלן דאַרף מען. שטעלן מאַהאַריטש — אָן דעם קאָן מען אויך ניט. הײַנט ווו איז גלאָז, ווו איז טשוועקעס, ווו איז דער דאַך, ווו איז אַן אביון? און כוועדער האָט זיך, נעבעך, אַזוי פֿאַרשולדיקט, אַז די האָר זײַנען ניט געווען זײַנע. ווען ער צאָלט פּראָצענט פֿאַרן געלט, ווען ער וועט דאַרפֿן אָפּגעבן מיט ברויט. אַ פּאָר מענטשן אײגענע האָבן אַפֿילע געזאָגט, אַז זײ וועלן צוּוואַרטן. זײ האָבן צײַט. אָבער כויוועס האָבן אַ שלעכטע נאַטור. זײ סמאָקען אויס דעם מאַרך פֿון די אײוורים. קריכסטו אַרײַן אין כויוועס, ביסטו באַ איטלעכן אַ קנעכט. ס'איז ניטאָ אויף דיר מער קײן פֿרײלעכקײַט, און ס'איז ניטאָ אויף דיר קײן שלאָף.

אײנמאָל אינדערפֿרי, ס'איז געווען ניט ווײַט צו קאָסאָוויצע, קומט צו אים צו גײן זײַן קומענדיקער מעכוטן, נו, טאַקע דער זעלבער וואַסיל קריוואָפּאָלעץ, און ער גיט אויף אַ טײַער געשעפֿט. אַזויווי ס'האָט זיך

געעפנט אין שטאָט א נײַע באנק, קאָן מען בא זיי פאַרזעצן די שטוב און ארויסנעמען אף איר פינף און זיבעציק קארבן.

פינף און זיבעציק רובל איז געלט. מע וועט קענען אָפּצאָלן אלע כויוועס און ס׳וועט נאָך בלײַבן אף קאָסאָוויצע אויך.

פאָרן אין שטאָט אריַין איז פאר כוועדערן ניט קיין נײַס. וויפל מאָל איז ער אהין געפאָרן אפן יאָר־יארי̇ד אָדער געפירט פון דאָרטן באקאליי פונעם קרעמערס וועגן? נאָר איצטער פאָרט ער לײדיק און לויז. וועגן אזא איידעלן איניען, ווי אליין מיט אייגענעם עלטער־קאָוועד זיך אריַינשטעלן אין באנק און נאָך ריידן מיט געבילדעטע מענטשן, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש, ס׳איז שוין א ביסל אפילע א מוירע אויך. אָבער פונדעסטוועגן איז דאָך כוועדער עפּעס נישט קיין יינגעלע, אז מע וויל, האָט ער גאָר א שעם אין דאָרף בא זיך פארן גרעסטן הוליאקע, וואָס קען כאפּן א טענצל און אָפּזינגען א לידל, אז א רויך זאָל גיין. פארשטייט זיך, אין א יאָמטעוו־טאָג, ווען מע טרינקט איניינעם, ווען מע פארברענגט איניינעם.

נאָר מיילע, — האָט ער בא זיך דאן געפּויעלט, — וועט מען זיך א ביסל מוזן שעמען. קיין מענטשן עסט מען דאָך דאָרטן ניט! און כוועדער האָט אָפּגעמאכט אלע פּאפּירן אין וואָלאָסט, מיטגענומען די סטראכאָווקע און איז אוועקגעפאָרן אף א גאנצער נאכט אין שטאָט אריַין.

זומער באנאכט, אז מע פאָרט דורכן וואלד, איז א מעכײַע. דער רייעך צעגייט זיך אין אלע אייוורים. אָט ווי ס׳איז גוט זומער — אין וואלד!

געקומען אין אײַנפאָר־הויז, האָט ער פארשאָטן דעם פערדל א ביסל סיטשקע, עס א גלעט געטאָן פארן אוועקגאנג און זיך געלאָזן אין באנק אריַין.

נו, ביז מע האָט דאָרט די באנק געעפנט, — אז דאָרט איז גאָר א מאָדע שלאָפן ביז האלבן טאָג! — און ביז ער האָט זיך דערפרעגט צום נייטיקן פענצטערל, אז דאָס מויל עפנט זיך בא אים ניט אוף אף אויסריידן א וואָרט, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל צווישן מענטשן ניט געוועזן. עמעס, דאָרט זײַנען קיין מענטשן קימאט ווי ניטאָ — לויטער פּריצים! מיט ליסינעס, מיט שפּאקולן, און אלע מיט קנעפּ. און אלע, אז זיי ריידן מיט דיר, זײַנען זיי בייז, ווי דו וואָלסט זיי אָפּגעטאָן א מיִעסע ארבעט.

דאָס העמד איז אף אים געוואָרן נאס, ביז ער האָט זיך דאָרט צו עפּעס דערשלאָגן. אז קיין אנדער וואָרט הערט ער ניט, ווי נאָר „באָלוואן״

אָדער „אידיאָט“, און זיי שרײַען צו אים, ווי ער וואָלט געווען טויב. און וואָס שטאַרקער מע הוקעט אַף אים, אַלץ ווייניקער ווייסט ער, וואָס מע וויל פון אים.

קוים אָפּגעכאַסמעט אַלע פּאַפּירן און לעם דעם לעצטן פענצטערל אָפּגעציילט דאָס געלט, האָט ער אויך געמיינט, אַז ס׳ניט אים גיט מען עס. די הענט ציטערן בײַ אים, שיר וואָס די פּאַטשיילע פאַלט בײַ אים ניט אַרויס. אָבער ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן און זעט, אַז סע קומט אויס, אַז דאָס געלט קומט טאַקע צו אים, האָט ער עס גיכער אַרײַנגעשטופּט אין בוזעם אַרײַן. ער ווייסט, אַז אין דער היים האָט מען נאָך אים פאַרן פאָרן אײַנגעניייט אַ קעשענע, אַ זײַטיקע און אַ באַהאַלטע־נע. איז ער אַוועק אין אײַנפאָר־הויז.

דאָס פערדל אין שטאַל האָט זיך דערפרייט און זיך צעהירזשעט, ווען ס׳האָט דערהערט כוועדערס טריט נאָך ווייסעך ווו.

זיך אַוועקגעזעצט אַפן וואָגן און זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע — קלערט כוועדער צו זיך אַליין: עפּשער לעקאָוועד אַזאַ וויכטיקער געשעעניש עפּעס איבערכאַפּן? אָדער זיך גאָר דורכגיין אַפן מאַרק, אַ הער טאָן, אַ קוק טאָן, וואָס סע טוט זיך אַף דער וועלט?

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען — ניין. ווע־דליק ער פאָרט מיט אַזוויפיל געלט, און דאָס געלט איז נאָך געליִענס, איז ניט קעדײַ אַרײַנציִען אין דער נאַכט אַרײַן.

— איך וועל שוין זיך בעסער, — קלערט ער, — נאָכגעבן מיט עפּעס אין דער היים. איך וועל שוין דאָרטן אײַנמאָנען, וואָס מיר קומט, און דערווײַל דאַרף מען פאָרן.

אַרײַנגעוואָרפן דאָס פערדל אין די האָלאָבליעס אַרײַן, זיך צעצאָלט מיטן אײַנפאָר און אַוועק צום טראַקט.

באַם אַרויספאָר פון שטאָט האָבן אים אָנגעיאָגט נאָך עטלעכע פור־לעך פון זייערע ערטער.

— אַ גוט־העלף, קומע!

— אַ גוט־יאָר זאָל אײַך זײַן!

— פאָרן מיר אינײנעם?

— אינײנעם איז אַפילע בײַ אַ שיסל קאַשע פריילעכער צו זיצן. — און אַזוי ווי בײַ כוועדערס פערדל איז דער טראָט אַ קורצער, פאָרט ער צום לעצטן, זינגט אונטער אַ לידל און איז אַפילע צופרידן מיט זיך

אליין, וואָס, נישקאָשע, אַז מע דאַרף פאָרן אין שטאָט אַרײַן און אָפּטאָן אַן איידעלע שליכעס, איז ער, כוועדער, אויך ניט פון די פאַרפאַלענע.

אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אין די גוטע מאַכשאָווע֨ס אַ דריטל וועג און טוט אַ קלער:

— איך האָב אַפילע קיין איין מאָל ניט אַ קוק געטאָן, ווו דאָס געלט ליגט. פינף און זיבעציק רובל, ס'איז דאָך אַ מאַיאָנטעק.

טוט ער אַ קוק אַהער, אַהין, קיינער שפּירט אים ניט נאָך, און ער נעמט זוכן די קעשענע, וואָס מע האָט אים אין דער היים אײַנגענייט.

זיי האָבן דיר אָבער קלוג צוגעטראַכט!..

יאָ, זי איז דאָ, די קעשענע, וואָס מע האָט אים אין דער היים אײַנגענייט, נאָר זי איז עפּעס אַזוי גלאַט און צוגעפּלעצט, ווי זי וואָלט צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער סוויטע.

נו, מיילע, דאָס איז טאַקע אַלץ ריכטיק, אָבער די פּאַטשיילע מיט אַזויפיל געלט זײַנען דאָך ניט פון לופט געמאַכט. ווו איז די פּאַטשיילע?

עפּעס הערט מען ניט קיין פּאַטשיילע.

ווו איז דאָס געלט?

ס'האָט זיך אים נישט אַף קאַטאָווע֨ס אָפּגעריסן אין האַרצן. נאָר ער טישעט זיך אליין, אַז סע קאָן ניט זײַן, ס'ניט מעגלעך, עס ווײַזט זיך אים פּאָשעט אויס, אָט־אָ וועט ער גוט אַ...

אַ וואָס?

נו יאָ... אָט־אָ וועט ער גוט אַ קוק טאָן.

דורנילאָ נאַרישער! אַזוי גיך דערשרעקט מען זיך.

— קומע! וואָס האָסטו זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט? — הוקען צו אים די פּויערים.

— פאָרט, פאָרט, — ענטפערט כוועדער און מאַכט זיך דערווײַל האַרץ. — איך וועל אײַך באַלד אָניאָגן.

און ער קריכט שוין אַראָפּ פון וואָגן. מינאַסטאַם אין די הויזן־קעשענעס.

אָבער אין די הויזן־קעשענעס איז דאָ די ליולקע, דער בײַטל טוטין, דאָס פײַער־געצײַג און זײַן טײַסטערל מיטן היימישן ביסל קופּער־געלט... וואָס זשע וועט זײַן?

ס'הייבן אים אָן כאַלעשן אַלע איווורים. נאָר ער וויל זיך ניט נאָכגעבן.

— גענצן אָן אָנשיקעניש? — מאַכט ער צו זיך אַליין.

ווען ער גייט אין שטיוול, וואָלט ער געזוכט אין די שטיוול, אָבער ער גייט דאָך באָרוועס. נו, אָט־אָ זײַנען זײַנע פּיס, זײַנען זיי באָרוועסע. אַ קלאָרע זאַך. ס'איז דאָך זומער... זומער?..

און וואָס מער ער קוקט זיך צו צו די פּיס זײַנע, אַלץ מער פּאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ, און ער ווייסט ניט, אַף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז.

דאָס פֿערדל רײַסט זיך, ס'וויל נאָכגיין נאָך די פֿורן.

— שטיי! — טוט ער אַף דעם אַ הוקע ניט מיט זײַן קאָל. — איך וועל דיר באַלד אַ פּאָר טאָן, וועסטו דײַנע נאַרישע ביינער ניט צונויפֿקלײַבן.

ער האָט איבערגעטרייסלט אין וואָגן ווי אַ שטרויעלע, ווי אַ שמאַטקע. אייסעך וואָס! אַזוי ווי מע האָט אים גאָר קיינמאָל קיין געלט ניט געגעבן.

קומט אויס, אַז מע דאַרף פֿאָרן צוריק. עפּשער וועט מען אים אין באַנק עפּעס זאָגן? צי זיי האָבן פֿאַרגעסן אים עס געבן, צי ער האָט פֿאַר צעטראָגנקייט אײַנגעלאָזן און עמעצער אַ לײַטישער מענטש האָט אופֿגעהויבן.

— נאַט אײַך, — מאַכט ער, יענער, דער דאָזיקער, — טאָמער וועט קומען כוועדער פֿון וועליקע זליִעווא, וועט איר אים אָפּגעבן. ס'איז אַף אים אַ ראַכמאָנעס. ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן.

— האַ? קאַרג לײַטישע מענטשן זײַנען דאָ אַף דער וועלט!.. — און ס'פֿאַרנעמט אים אַף זיך אַליין פֿאַרן האַרצן. אָט־אָט צעוויינט ער זיך.

כאָטש, אַז מע וויל, איז ער ניט ערגער פֿון לײַטן. אין דער היים האָט ער צוויי טעכטער, צוויי זין. איינער פֿון זיי דינט אינעם כאַיִל. צוויי דעסאַטין ערד, אַ ווײַב, אַ יאַלעווע בעהיימע און אַ טעלעטשקע. ס'איז שוין גלאַט צײַט ברענגען די קינדער צו לײַטן. נאָר ער קלײַבט זיך זיי דאָך ניט פֿאַרשעמען, אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט... די רעדער האָבן גענומען טראַסקען אינעם שטיין. יאָ, ס'איז שוין צוריק די שטאָט. אַ שטוב אַף אַ שטוב. איבער די גראָבע ווענט פּילט זיך עפּעס אָן ענגשאַפֿט, און מענטשן לויפֿן דאָ אַרום אויף און אָפּ. פֿון וואָס לעבן זיי, די מענטשן, אַז זיי האָבן ניט קיין ערד? ס'איז אַף זיי עפּעס אַ ראַכמאָנעס, זיי זײַנען דאָך אויך גאָטס באַשעפֿענישן!

און אזוי האָט ער זיך אין די אַלערליי נאַרישע מאַכשאָוועס דער־לאַנגט צו דער באַנק. ער איז שוין שיר ניט דורכגעפאָרן א פּאָר הײַזער ווײַטער.

ס'האָט אים א קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף צוריק אין באַנק אַרײַן. וואָס דאַרף ער אַהין? ווּעמען האָט ער דאָרט? און ווער וועט אַף אים וועלן קוקן?

פונדעסטוועגן איז ער אַרײַן.

אָט־אָט האָט זיך די באַנק שוין געדאַרפט פאַרמאַכן, נאָר ער האָט זיך אײַנגעבעטן באַם וועכטער, ער האָט פאַר אים געוויינט. ווער ווייסט? עפשער קאָן ער נאָך פאַר פינף מינוט געהאָלפן ווערן? און ער האָט זיך גענומען שלאָגן, ווי א פיש אין אײַז, זיך ווארפן פון פענצטערל צו פענצטערל, ביז ער רעדט אויס א וואָרט, צאַפּט זיך פון אים אויס אַן עמער בלוט: „טאָמער האָט עמעצער אופגעהויבן? טאָמער האָט מען מיר ניט דערגעבן?"

אָבער דאָרט באַ זיי האָט זיך גאָרניט געענדערט. די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט אינדערפרי געהערט.

— באַלוואַן! אידיאָט! שעפּסענער מויעך!

אייניקע קוועלן גאָר. א גדולע האָט זיי געטראָפן! א מוזשיק, זאָגן זיי, אַז מע באַווײַזט אים געלט, אזוי וואַקסט ער שוין אויס לעם שענק.

— געזען א שיקורניק? זיך אָנגעזשליאָקעט מיטן ביטערן בראַנפן, און ער קומט נאָך אהער פרעגן, ווו איז זײַן געלט!

וויאַזוי קערט זיך באַ זיי די צונג ריידן וועגן בראַנפן? ווען מע גיט אים כאָטש א ביסל וואַסער, פּראָסטע וואַסער א קוואָרט, וואָלט מען אין אים אויך געהאַט א מיצווע. ער כאַפּט דעם אָטעם, ווי א פיש אַף דעם טרוקענעם זאַמד. ער פילט, אַז די אויגן זײַנען אים אַרויסגעקראָכן אַפּן שטערן. ער וואָלט זיך וועלן ערגעץ צוזעצן. די פיס ברעכן זיך אים אונטער, אָבער מע טרײַבט אים שוין.

— נו, גיי! גיי דיר פונדאַנען!

דאָס איז אפילע ריכטיק. דער וועכטער קען נאָך איבער אים כאַפּן א פּסאַק. ער האַלט שוין די שליסלען אין די הענט. ווי דען? מע פאַר־שטייט עס ניט? אָט איז ער שוין א וועכטער אין באַנק אַליין און איז אויך א קאַפּצן.

א מענטש שטייט אינמיטן טײַך און בעט א טרונק. פולע שופלאָדן

מיט געלט, פולע שאפעס מיט געלט, און אים לאָזט מען דאָ כאַלעשן. צי דען איז דאָס געלט טייערער פון א מענטשן?

ער וואָלט וועלן צופאָרן אין אײַנפאָר־הויז און זיך אויסרוען א ביסל דאָרטן אין שטאַל, אין שאָטן, שעמט ער זיך באַווײַזן לײַטן פאר די אויגן.

איז ער ארופגעקראָכן צוריק אפן וואָגן, דאָס פערדל האָט זיך א ריר געטאָן און גענומען שלעפּן. איניינעם מיט די צאָרעס, איז ער, ווײַזט אויס, געוואָרן א סאך שווערער. נאָר די רעדער דרייען זיך, די גאסן רוקן זיך, ער טוט א קוק — ער איז שוין ווײַטער הינטער דער שטאָט. וואָס טוט ער דאָ ווײַטער? ער איז דאָך שוין דאָ איין מאָל געווען?

פּלוצעם ווערן אים מיטאמאָל אָפּגעפרישט די געדאנקען, און ער דערזעט פאר זיך אַלץ זייער קלאָר און זייער בוילעט: די אלטע כוווּעס ווערן נאָך שטארקער און גרעסער ווי געווען. פאר די נײַע וועט די באנק קומען און צונעמען די שטוב.

— וואָס איז? איך בין דען אזא גוילעם, אז איך זאָל אזא זאך ניט פארשטיין?

און כוועדער האָט באשלאָסן, אז אהיים האָט ער ניט וואָס צו פאָרן. וואָס איז ער זיי א סוינע, צי א באַטריבער? ער ווייסט דען ניט, אז ער וועט שוין זײַן א נאזאָלע אף זייערע קעפּ?

ניין, אָן אים וועלן זיי שוין בעסער אויסקומען, ווי מיט אים. אף יעסוימים, אף אן אלמאָנע וועט מען עפּשער בעסער ראכמאָנעס האָבן.

— נו, פרײַנט וואסיל, אז האָסט מיך ארײַנגעפירט ניט אין קיין קליינער בלאָטע.

און ער נעמט אראָפּ פון די פערד די ווישקעס — אין אן ענגער שאָ קאָן א פּראָסט שטריקל אויסלייזן דעם מענטשן פון אלע צאָרעס. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך צוגערירט צום פערדל, איז זיך בא אים צעגאנגען א גרויסע ליבשאפט אין הארצן. ער האָט עס ווי ניט ווילנדיק ארומגע־גומען און צארט ווי ארײַנגערוימט אפן אויער:

„גיי אהיים, מײַן קאָכאנער...״

ער האָט עס א טרײַב געטאָן פאָרויס, ווי דאן, ווען ער שטעלט זיך אָפּ אף א רעגע זיך פארדרייען א ציגאַר און אויסשלאָגן פײַער. ער שטעלט זיך אָפּ, און דאָס פערדל גייט זיך מיט זיכערקײַט, אז דער באַלעבאָס וועט עס אָניאָגן.

— און אויב קיינער וועט עס ניט איבערנעמען אפן וועג, — קלערט

כוועדער צו זיך אליין, — און ס'וועט קומען אהיים בעשאָלעם, וועלן זיי שוין אליין דאָרטן אלץ וויסן.

ער איז פארגאנגען אין א הויף. שטייט דאָרט עפּעס א גרויסע סטאניע מיט א צעבראָכענעם דאך. קיין מענטשן זעט מען ניט זיך ארומדרייען. לעם דער וואנט אינעם אָנגעוואקסענעם גראָז וואלגערט זיך א האלבע קאָרעטע, א פארזשאווערטע.

... האָבן דאָ אמאָל געלעבט, הייסט עס, מענטשן, און אפילו רײַכע מענטשן, און איצט זײַנען זיי ניטאָ...

איין העלפט טויער איז צוגעמאכט, דער צווייטער איז אינגאנצן ניטאָ. דער דאך איז געלאטעט מיט הימל און לײַכט זיך, ווי א לאמטערן... מע דערקענט גלײַך, אז ס'איז ניטאָ קיין באלעבאָס.

כוועדער האָט זיך געוואָלט איבערציילעמען, נאָר ער האָט זיך דער־שראָקן, עפשער פאסט ניט אין אזא שאָ, ווען מע איז באם רועך אין די הענט, זיך באדעקן מיטן הייליקן צייכן. און ער דערזעט זיך פּלוצעם, ווי ער איז יינגלווייז פארנאכטלעך געשטאנען לעם זײַן שווערס שטוב און געוואַרט, אז טעקליע — דעמלט נאָך א יונג מיידל — זאָל צו אים ארויסגיין.

ער האָט ליב געהאט הערן איר געלעכטער. בא איר איז געווען זייער א פריילעכער געלעכטער. אז ער פלעגט אים הערן, פלעגט ער זיך דער־פילן רײַכער פונעם קייסער אליין.

אזעלכע מאָדנע געדאנקען קריכן אים איצטער אין קאָפּ ארײַן, נאָר מיט זיי איז אים פונדעסטוועגן היימלעכער.

אָפּגעזוכט א פאסיקן באלקן, פארוואָרפט ער אף אים די שטריק, און א צעפּוזשעטע הון טוט דיר ניט א שפּרונג פון דאָרטן מיט גוואלד און מיט צעלאָזענע פליגל, פונקט ווי מע קוילעט זי.

— טפו, צו אלדי רוכעס, — האָט זיך כוועדער אויסגעשאָלטן און דערפילט, ווי א שוויים האָט אים באשלאָגן.

ער האָט אמאָל — אין די יונגע יאָרן איז עס געווען — זיך אָנגע־טראָפן מיט צוויי הונגעריקע וועלף אינעם זליעווער וואלד אינמיטן א ווינטערדיקער נאכט. האָט ער זיך דאַן אויך ניט ווינציק דערשראָקן, נאָר ניט אזוי ווי איצט, פאר אָט דער פארשיוועער הון.

— ציץ! פאסקודע! — האָט ער צו איר בארוגקנדיק א מאך געטאָן

מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט געוועזן ניט קיין הון, נאָר אַ שעלעכיק פֿונעם טײַוול אַליין.

ער האָט זיך ווידעראַמאָל אומגעקוקט אַהער, אַהין. נו, דאַנקען גאָט! נישטאָ דערווײַל קיינער. האָט ער פֿונסנײַ גענומען צומעסטן די שטריק.

קיין אַרבעט איז עס ניט קיין זיסע, דאַרף מען זען וואָס גיכער פֿאַר־טער ווערן.

סע גלאַט, ווער ווייסט אים דאָ אָפּזוכן און ווער ווייסט אים פֿון דאָרטן אַראָפּנעמען? סײַדן וואָרקאַהאַנעס, וואָס דרייען זיך אַרום אין די פּוסט־קעס, וועלן זיי זיך אויך פֿאַר אים דערשרעקן.

פֿאַרוואָרפֿן די ווישקעס, פֿאַרדרייט אַ שלייף און גענומען זוכן מיט די אויגן עפּעס אַ לייטער אָדער אַ דראַבינקע. פּלוצעם טוט הינטער אים עפּעס אַ סקריפּע, און עמעצנס אַ פֿערדל... פֿאַרוואָס עמעצנס?.. טאַקע זײַן אייגן פֿערדל צעהירזשעט זיך בײַ אים לעם סאַמע אויער:

— הע־הי־הי־הי־הי.

דאָ האָט זיך כוועדער נאָך ערגער דערשראָקן.

מע האָט אים געכאַפּט, ווי מע כאַפּט אַ גאַנעוו.

ווי־אַזוי האָט עס זיך געבראַכט צו שלעפּן אַהער? ער האָט שוין דעם, עמעס, לאַנג ניט געגעבן קיין טרונק, נאָר ס'ניט דאָס. אַ סקאָטינע פֿילט. סע פֿילט, ווײַזט אויס, בעסער פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן.

כוועדער האָט זייער צעקראָכן און ווי מיט פֿרעמדע הענט אָפּגעבונדן צוריק די ווישקעס. ער האָט בײַ אַ צווייטן הויף אָנגעפּאַיעט דאָס פֿערדל און זיך אַליין אָנגעטרונקען מיט קאַלטער וואַסער. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעלייגט אין וואָגן און פֿאַרמאַכט די אויגן. האָט ער נאָר געהערט, ווי דאָס פֿערדל טרוכקעט און פֿירט אים אַזוי, אַז דער וואָגן פֿאַרטשע־פּעט זיך ניט אין ערגעץ, אַפֿילו פֿאַר קיין שטרויעלע.

אַהיים איז ער געקומען באַנאַכט. ער האָט געטראָפֿן די אַקאַציע פֿאַרן טויער, וואָס האָט געבליט און געשמעקט מיט אַ געדיכטן זיסן רייעך, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז אַ פֿרעמדע אַקאַציע, ס'ניט זײַנע. דאָס הינטל, וואָס איז אים אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן און זיך גענומען לאַשטשען, האָט ער געמיינט, אַז ס'איז אַ פֿרעמדס. נאָר אין דער היים האָט מען אים קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט. פֿאַרקערט, זיי האָבן דאָ מוירע גע־האַט, טאָמער האָט מען אים געהאַרגעט אין וואַלד און צוגענומען דאָס

געלט מיט דער פור איינינעם. מיילע, איצט איז כאָטש גוט, וואָס ער איז אַליין דאָ א לעבעדיקער, וואָס דאָס פערדל איז דאָ.

די אַלטע האָט אים מוידע געווען, אַז זי איז אפילע אומגעגאנגען צו דער זנאכארקע. ס'האָט איר נעכטן באַטאָגלעך זייער געזאָגט דאָס הארץ, האָט איר די זנאכארקע דאפקע אַלץ געטראָפן, אַז אי ער, אי דאָס פערדל וועלן זיך אָפּזוכן, נאָר זי ווייסט ניט, צי לעבעדיקע, צי טויטע.

זיך א ביסל ארומגעקוקט פון וועג, שיקט כוועדער דעם זעלבן פרי־מאָרגן דאָס קלענערע מיידל, מע זאָל א רוף טאָן לעקסייען. אַלעקסיי איז כוועדערס עלטערער ברודער און א מענטש מיט געלט.

געקומען אַלעקסיי, דערציילט אים ניט כוועדער פון קיינע מײַסעס און רופט זיך צו אים גלײַך אָן:

— קויף בא מיר אָפּ, אויב דו ווילסט, די דעסיאַטין ערד, וואָס הינטער דײַן קרויט־באַשטאַן. פאַר הונדערט קערבלעך גיב איך זי אָפּ.

דער ברודער איז אַף רייד געווען אַן אופגעהאַלטענער, אַף געלט אויך. נאָר דאָ האָט ער זיך ניט געדונגען. א הונדערטער? זאָל זײַן א הונדערטער! אָט דאָס שטיקל ערד האָט ער שוין לאַנג געוואָלט האָבן. זיצט מען אַלע און מע שווײַגט. דער ברודער האָט ארויסגענומען א זילבערנעם האַלבן קערבל, מע זאָל גיין נאָך בראַנפן, אָן מאַהאַריטש קען מען דאָך ניט. ערשט סעמען, א גרויסער באַבער שוין, האַלט זיך נישט אײַן און שיסט אויס א געוויין.

— טאַטע, — זאָגט ער, — בא וואָס וועלן מיר בלײַבן?

בא כוועדערן איז שטוב איז ניט געווען אײַנגעפירט, אַז עמעצער זאָל בײַטן זײַן וואָרט, נאָר דער באַבער האָט זיך שוין, ווײַזט אויס, ניט גע־קענט מער אײַנהאַלטן, און ער איז דאָך, נעבעך, געדעכט אויך. אייביק לעבט דאָך ניט קיין מענטש. דער טאַטע וועט שטאַרבן, די זין וועלן כאַסענע האָבן און זיך נעמען טיילן. מיט וואָס וועלן זיי זיך שוין טיילן?

דער רײַכער ברודער איז אופגעשטאַנען (גאָר קיין גוטער איז ער ניט געווען. דאָס איז אויך אָן עמעס), און ער רופט זיך אָן:

— אויב סע גייט צו מיט געוויין, גיי איך אינגאַנצן אוועק.

ער איז געשטאַנען און געוואַרט א רעגע. ער האָט געמיינט, אַז מע וועט אים כאַפּן בעטן, ער זאָל זיך צוריק זעצן.

קיינער האָט אים אָבער גאָרניט געענטפערט, האָט ער א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק.

אָט אין דער מינוט האָט כוועדער זיך עפּעס דערפֿילט שטאַרקער. „א מענטש טאָר, עפּשער, בא זיך ניט זײַן אזוי שטארק געפֿאלן“, — האָט ער א קלער געטאָן. האָבן זיי פֿארקויפֿט די ראבע טעלעטשקע און מע איז אוועק קאָסען היי. מע האָט געארבעט אי אף זיך, אי אף יענעם. מע האָט קיין ליכטיקן טאָג פֿאר זיך ניט געזען, און ווער ווייסט, אף וויפֿל סע וואָלט זיך נאָך פֿארצויגן, איז אָבער אינגיכן אונטערגעשפּרונ־גען די רעוואָליוציע. דעם רײַכערן ברודער האָט מען אָנגעהויבן א ביסעלע ווינציקער אירצן. פֿארקערט, ער שלאָגט זיך שוין אליין אָן, טאָמער דארף מען עפּעס, טאָמער וויל מען עפּעס?

און איצט? איצט איז שוין כוועדער בא אזעלכע יאָרן, וואָס ניט זײַן טאטע האָט ניט דערלעבט צו אזעלכע, ניט דער זיידע.

— דארמא, — שמייכלט ער זיך צו זיך אליין און טרײַבט אָן די גענדז אהין, ווו ס'איז בעסערע פּאשע. — דער מאלעכהאמאָוועס האָט זיך, ווײַזט אויס, אָפּגעטראָגן פֿונדאנען צוזאמען מיט די פּריצים. זיי ציטערן, זיי האָבן מוירע אהער זיך ווײַזן.

און מיר האָבן דערווײַל צײַט. סע קאפּעט ניט.

1940

פיר מיט אכט און זעכציק

אונדזער שאָכן פון דער אנטקעגנדיקער טיר וווינט אליין אין א דירע. ער איז א גוטער ארבעטער, א טעסלער און האָט, קענטיק, אף דער בויונג שטארק אויסגענומען.

מיר קענען זיך נאָך מיט אים ווינציק, נאָר אז מע וווינט הינטער דער שטאָט, גריסט מען זיך סײַווי. מע איז גערן איינס דעם צווייטן, און גוט־שכײַנישע באַציִונגען קניפּן זיך אָן אַזעלכע, אז אנדערע אלטע באקאנטע וואָלטן זיך עס ווינטשן.

פאמעלעכן האָבן מיר אָנגעהויבן איבערטרעטן די שוועל איינס צום צווייטן — דער קומט לײַען א שווע־בעלע, דער קומט בעטן אף א ווײַלע די פרישע צײַטונג א בלעטער טאָן — א קוק טאָן, וואָס טוט זיך עפּעס אף דער וועלט. און אזוי גייט זיך עס.

אונדזער שאָכן איז בא די פופציק, מיט א גרויסער באָרד, ניט גאָר קיין געדיכטער, א באָרד, וואָס פאלט ארײַן וו־ניט־וו אין געל. א הויכער, אקסלען ניט גאָר קיין ברייטע; אז מע קוקט זיך צו צו אזא מענטשן, איז ער מערער געבויט פוןביין, ווי פון לײַב. א קאָל בא אים אן אָנגענעמס, א וואָרט — א געשטעלטס.

מיר ווייסן שוין, אז ער וווינט אליין דערפאר, וואָס דאָס ווײַב איז אים יונג געשטאָרבן. די קינדער, שוין אונטערגעוואקסענע און היפּשע, גע־פינען זיך אין דער גרויסער שטאָט.

וועד סע ארבעט, וועד סע לערנט. אינעם ארויסגאנג־טאָג קומען זיי צו אים, אז ניט, פאָרט ער צו זיי.

צי האָט ער אף זיך גענומען אזעלכס, אז ער זאָל שוין קיינמאָל ניט כאסענע האָבן? — ניין, ער האָט אף זיך קיין שום נײדער ניט גענומען. און די קינדער ריידן אים אויך ניט אָפּ. פאַרקערט, ער ווינטש אליין אין א דירע און איז ווינציק צוגעזען אין אלע הינזיכטן.

די צײַט גייט זיך אזוי, און פּלוצעם ווערן מיר געוואָרע, אז מיר זײַנען מיט סילוועסטערן פרײַנט, און טאקע גאָר נאָענטע, אייגענע.

אונדזער שכיינע פון דריטן צימערל — יעווגעניִא פּאוולאָוונא — איז זייער א שטילער מענטש. אזעלכס גיט זיך אײַן זייער זעלטן. מיר ווייסן אפילע ניט, אז עמעצער ווינט מיט אונדז צוזאמען. אינדערפרי זעען מיר זי, ווען זי גייט אוועק — זי ארבעט אין דארניצע אין א קינ־דער־אנשטאלט, — און אין אָוונט זעען מיר אמאָל, ווען זי קומט, און דערנאָך איז ווײַטער שא־שטיל, פּונקט ווי דער מענטש וואָלט געווען פאַרטאָן מיט א גרויסן, גראָבן בוך, וועלכן זי האָט ליב און פון וועלכן זי וועט נאָך אזוי גיך ניט ארויסקריכן. זיי זײַנען פריִער געווען אינ־צווייען. זי און א זון פון אכצן יאָר. איצט איז דער זון אוועק אין דער ארמיי, און זי איז איינע אליין. א יונגע (זי זעט טאקע אויס זייער יונג), א מילדע, א שטילע, א ריין־אָנגעטאָנענע. אזא זעען מיר זי קעסיידער.

ווען האָט זי באוויזן זיך מיט סילוועסטערן באקענען? ווען האָבן זיי צווישן זיך אויסגערעדט א וואָרט און ביכלאל וועגן עפּעס אָפּגערעדט? פרעגט מיך גרינגערע זאכן. א פאקט, אז זיי זײַנען שוין איניינעם, און סע פאסט זיי עפּעס, ווי אומגעריכט דאָס זאָל זיך ניט האָבן באקומען.

יעווגעניִא האָט זיך אין איינעם אָן אָוונט שטיל און אָן גערודער אהין איבערגעצויגן. די שווערערע זאכן האָט ער אליין איבערגעטראָגן, ווען זי איז אין דער היים ניט געווען, און מע לעבט זיך ווײַטער שא־שטיל, פּונקט ווי סע וואָלט זיך קיין זאך ניט געענדערט. כאָטש געענ־דערט האָט זיך זייער א סאך. גענוג נאָר א קוק טאָן, ווי פריש די ווענט אין זײַן דירע האָבן אָנגעהויבן אָטעמען, ווי לויטער די טאפּליעס האָבן גענומען שײַנען, ווי סע ברינזלען די פאָרהענגלעך אף די בעטן און די סערוועטקעס אף די שאפקעלעך.

מיר קלײַבן פון זיי נאכעס, פון די שכיינים פון אונדזערע, און אלע־מאָל, אז מיר טרעפן זיך מיט איר אליין, גייט אונדז אנטקעגן איר

צעשמייכלט פּאָנעם מיטן מילדן בליק פון די גרויסע שעמעוודיקע אויגן. זי ווייסט, זי צווייפלט ניט קיין איין רעגע אין אונדזער פרײַנטשאַפט, און מיר אויך דאָס זעלבע. דערצו איז זי לויטן אויסערלעכן אויסזען אויך זייער אן אָנגענעמע. גראָדע ניט קיין איידעלינקע, ניט קיין קליי־נינקע. ווייך־ווײַבלעך און יונג. זי קער זײַן יינגער פון אים אף א יאָר צוועלף. ווײַזן ווײַזט זי אוים יינגער אף א יאָר צוואַנציק. זי איז קע־סיידער שטאָטיש געקליידט. די מאלבושים זײַנען אף איר דינע און באַשמעקטע. ער גייט אין א רוסישן העמד, די הויזן איבער די שטיוול און אמאָל אין די שטיוול. זיי זעען אוים פארשיידן, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז געגוג, אז מע זאָל זיי איין מאָל זען צוזאמען, קעדיי גלײַך דערפילן די נאַטירלעכקײַט פון זייער אכטונג און מענטשלעכער געטרײַשאַפט איינס צום צווייטן.

אנומלטן קום איך צו זיי אריַין — טאָמער קריגט מען בא זיי א ביסעלע בראַנפן אף א רעפּוע (זיי זײַנען אקוראַט ביידע געווען אין דער היים).

יעווגעניא פּאוולאָוונא האָט, ווי איר שטייגער איז, מיך באגעגנט מיט א גאַנצער גאַמע מילדע און שעמעוודיקע שמייכלען.

— בראַנפן? — האָט זי זיך ווי פאַרכידעשט. — פונוואַנען? — האָבן די אַקסלען אירע אליין געענטפערט. — קיינער טרינקט בא אונדז ניט... — און זי האָט א קוק געטאָן אין סילוועסטערס זײַט.

סילוועסטער איז געזעסן אף א טאַבורעט, אָפּגערוקט אהין, צום אויוון־צו, און האָט עפּעס געשניצט. דערהערט אונדזער שמועס, האָט ער אף א רעגע אָפּגעלייגט די אַרבעט און שטיל א זאָג געטאָן:

— טרינקען טרינקען מיר טאַקע ניט, נאָר בראַנפן אין שטוב איז גראָדע דאָ.

יעווגעניא פּאוולאָוונא האָט אף אים אָנגעשטעלט פרעגנדיקע, פאַר־ווּנדערטע צוויי אויגן, נאָר סילוועסטער האָט אָפּגעשאַרט פון זיך די אָנגעשניצטע סטרוזשקעס, איז אוועק צום שאַפקעלע מיטן געצײַג און געבראַכט פון דאָרטן א האַלבע פלאַש בראַנפן.

— שוין צוועלף יאָר, — האָט ער א שמייכל געטאָן, ווי א מענטש, וואָס האָט איבער עפּעס אָדער עמעצן אויסגעשפּילט א זיג, — שוין צוועלף יאָר, אז זי שטייט אזוי ניט גערירט, נאָר אף א רעפּוע קען מען.

ער האָט זיך א וואקל געטאָן א רעגע און איז ווײַטער צו צום שאפּקעלע.

איצטיקס מאָל האָט ער פון דאָרט געבראכט א קניפּל, א רויטס און א שווערס, ער האָט עס געהאלטן מיט די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט זיך א ביסל פון דעם געמיִעסט.

נאָר אָט האָט ער עס אָפּגעלאָזט און איז שוין צוריק פרײַ. דאָס קניפּל האָט הארט אָפּגעקלאפּט אין טיש, פּונקט ווי דאָס רויטע שמאטקעלע וואָלט געווען פול מיט שטיינדעלעך אָדער מיט בלײַ.

— איר פוילט זיך ניט א צייל טאָן? — האָט סילוועסטער מיטן בליק געוויזן אפן קניפּל...

איך האָב אים געפאָלגט אָן דינגעניש. איך בין פּאָשעט געוואָרן נײַגעריק: איך האָב צעבונדן דאָס קניפּל, און א גאנץ הײַפעלע מינץ, וואָס איז פארגעלט און פארקופּערט געוואָרן פון לאנגן ליגן, האָט זיך צעשאָטן איבערן טיש.

איך האָב געציילט די גרויסע שווערע צו דרײַערס, די פינפערס צו פינפערס, און זילבער באזונדער. פּארטיק געוואָרן מיטן סאָרטירן, האָב איך עס גלײַך איבערגעציילט:

— פיר מיט אכט און זעכציק.

— פינקטלעך, — האָט סילוועסטער געענטפערט. א מינע פון עקל איז דורכגעלאָפן איבער זײַן פּאָנעם און גלײַך פארשוווּנדן געוואָרן.

מיר האָבן געזען, אז סילוועסטער האָט אונדז עפּעס צו דערציילן. האָבן מיר, ווי לויט א שטילער קאָמאנדע, זיך אויסגעזעצט — איך פון איין זײַט טיש, און יעווגעניִא פּאוולאָוונא — פון דער צווייטער.

סילוועסטער האָט צוגערוקט דעם טאבורעט, ווי אַף אים וואָלט אים געווען באקוועמער, און האָט, ווי מיט א פרעמדלעך קאָל, אָנגעהויבן:

— א היפּשע צײַט נאָך איר טויט האָב איך זיך עפּעס צו גאָרניט געקענט נעמען. די קינדער זײַנען נאָך געווען בא די קליינע יאָרן, די שוועסטער האָט אַף זיי אכטונג געגעבן, און מיר איז עס אלץ ווי ווינציק אָנגעגאנגען... טרינקען האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, אי געקאָנט, אי ניט איבעריק פײַנט געהאט. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט איבערגעכאפּט די מאָס! נאָר איצט האָב איך זיך אויך אין דעם זין שטארק אָפּגעלאָזן. איך האָב זיך אזוי אָפּגעלאָזן, אז ס'האָט שוין טאקע אָנגעהויבן ווערן ניט שיין.

דער פּאָרזיצער פון מעססקאָם, זייער א ווילער מענטש, ער שטייט נאָך מיר ווי היינט פאר די אויגן, א נידעריטשקער, מיט ברילן און מיט א שטרויען היטל, האָט אין מיר ארײַנגעלייגט רייד, וואָס מערער דארף מען שוין ניט, ביז ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט מיטן הארבן וואָרט: „מיכייִיטש, דו ווערסט דאָך שוין אינגאנצן אויס מענטש!" איך האָב געוווּסט, אז ער טוט עס אויס פרײַנטשאפט, און האָב אים אפילע מיט א האלב מויל צוגעזאָגט, אז אן עק, א סאָף, איך שטעל זיך עפּעס טאָן. נאָר סײַ ער, סײַ איך האָבן געוווּסט, אז ס'איז נאָך ווײַט ביזן סאָף. ס'איז נאָך אפילע קיין אָנהייב ניט.

אין איינעם א טאָג גיי איך אזוי פון א באקאנט גוט אָרט. אָנגעזשליאָקעט האָב איך זיך, ווײַזט אויס, ווי סע געהער צו זײַן. וואָרעם די פיס שלעפּן זיך נאָך, ווי די קלעצער. און דער קאָפּ גייט באזונדער. אזוי לאַנג זיך געשלעפּט מיט א פארטשאדעטן מויעך, ביז איך האָב זיך, ווײַזט אויס, אף לענין־גאס א וואלגער געטאָן לעם א טעלעגראַפישן סטויפּ און בין אזוי געבליבן זיצן אפן טראָטואר. איך שטעל זיך פאָר דעם הוילעך מײַנעם. דאָס היטל איז אראָפּגעפאלן און געבליבן ליגן מיטן מויל ארויף, די שיך זײַנען צעלאפּטשעט, די אָפענע פּאָדעשוועס בעטן קאשע, די באָרד מאכט מיך אלעמאָל עלטער, ווי איך בין אינדערעמעסן. איצטיקס מאָל האָב איך, ווײַזט אויס, גאָר אויסגעזען, ווי א קאליקע. פרעגט מיך בעביירעם, צי בין איך פּאָשעט געזעסן, ווי א פארטײַעטער, צי האָב איך וואכנדיקערהייט געדרעמלט. אין דרויסן איז ווארעם, קיינער זאָגט מיר ניט קיין דייעס, איך טשעפּע ניט קיינעם, און קיינער טשעפּעט מיך ניט.

מיר האָבן זיך, קענטיק, אָנגעבאָלעמט אָן א שיר שיקערע כאלוימעס, און צו פארנאכט־צו דוכט זיך מיר (איך האָב א גאנץ לעבן פון איר קיין קרום וואָרט ניט געהערט), אז זי זאָגט:

— נו, גיי שוין, גיי אהיים, אלטער! וואָלסט זיך כאָטש שעמען פאר לײַטן.

איך טו אן עפן די אויגן, שטורכעט מיך פארן ארבל א מיליציאָנער. שוין ניט גאָר קיין יונגער, מיט א גוט פּאָנעם, ווי סע גיט זיך אמאָל אײַן גוטע מענטשן, און ער מאכט צו מיר:

— נו, זיידע, דו האָסט שוין גענוג אָנגעבעטלט. פארנעם דאָס היטל און גיי אהיים. פאר דער ראטנמאכט וואָלסטו עס ביכלאָל דארפן אוועק־

ווארפֿן. סע ניט שיין! איז מען געזונט, גייט מען ארבעטן, איז מען קראנק, איז דאָך דאָ א סאָבעז![1]

איך באַנעם ניט אקוראט, וואָס ער רעדט צו מיר. נאָר זײַן קאָל, זײַן פּאָנעם זײַנען מיר זייער ליב, און איך שטרעק צו אים אויס א האנט. העלפֿט ער מיר אופשטיין און דערלאנגט מיר אליין דאָס היטל, איז עס שווער, ווי מע זאָל אהין אָנשיטן שטיינער...

„אָט פּאסקודנע קינדער! — ווערט מיר מאָדנע פּארדראָסיק, — בא זיי קומט אויס, אז א שיקער איז שוין גאָר קיין מענטש ניט!”

איך שטופּ אַרײַן די האנט אין היטל אַרײַן אַף ארויסווארפֿן די פּאָר שטיינדלעך, ערשט, סע זײַנען ניט קיין שטיינער, ס'איז מינץ: שווערע פּינפּערס און צענערס, און א סאך, א סאך.

אין שיקערן מויעך שארט זיך בא מיר דורך א געדאנק, אז טאָמער האָב איך דעם אויסגאָב פּארגעסן אַרײַנלייגן אין קעשענע... אָבער אזוי־פֿיל? אזא מין אויצער פֿון זילבער און קופּער, וואָלט איך מעגן שווערן, האָב איך בא זיך קיינמאָל, זינט איך לעב, ניט געזען.

איך לאָז זיך צוריק אראָפּ אפֿן טראָטואר, און אינמיטן אַײַנמאָסטען זיך פֿליט מיר אַרײַן א הארטער פּיטאק גלײַך אין היטל אַרײַן. ס'האָט מיר עפּעס א שניט געטאָן באַם הארצן. מע דארף, קלער איך, אָפּשטעלן אים און א פֿרעג טאָן, וואָס מיינט ער מיט דעם? ער מיינט דאָך אוואדע, אז איך בין שוין עפּשער קיין מענטש ניט?

אָבער איך זע פֿאר זיך ניט קיינעם. איך זע נאָר א פּאָר פֿיס, וואָס האָבן זיך באוועגט, אוועקגעטלעפּעטעט אין דער ווײַט.

„ער האָט ניט געהאט קיין רעכט אזוי אוועקגיין און מיר גאָרנישט ניט דערקלערן”, — טײַנע איך צו זיך אליין. אָבער דאָ האָט זיך לעם מיר אָפּגעשטעלט א יונג פֿרויעכל, ווי זי וואָלט עפּעס דארפֿן פּערזענלעך צו מיר, אָבער איך קען דאָך זי ניט, און זי האָט זיך גענומען באַברען בא זיך אין בײַטעלע.

— גראזשדאנקא, — שטרענג איך זיך אָן און וויל איר עפּעס געבן צו פֿארשטיין, — איזווינִיטיע... יא...

אָבער זי לאָזט מיך ניט אויסריידן:

— ניטשעוואָ, — מאכט זי, — דעדושקא, — און זי לאָזט מיר

---

[1] סאָציִאלע פֿארזיכערונג.

אראָפּ א זילבערנע גריוועַנקע. און זי גייט טאקע ווײַטער. איך הער נאָר דעם שאָרך פון אירע קליידער, און א רייעך פון פײַנעם אָדעקאָלאָן איז לעם מיר געבליבן שטיין.

איך האָב זיך מיטאמאָל געכומען אויסניכטערן, ווי פון שטארקע קלעפּ, וואָס וואָלטן זיך שיטן איבער מײַן מויעך. איך פיל, אז מיט מיר ווערט עפּעס אָפּגעטאָן זייער א מיִעסע זאך. איך האָב קיינמאָל זיך ניט געקליבן שפּײַען אפן לעבן, און איצט שפּײַט דאָס לעבן אף מיר, און וווּהין? גלײַך אין פּאָנעם ארײַן.

איך האָב געפילט, אז איך דארף וואָס גיכער אופשטיין און זיך אָפּטראָגן פונדאנען, אז מײַן זייכער זאָל דאָ ניט בלײַבן, נאָר מײַנע קויכעס זײַנען נאָך לעם מיר נישטאָ.

איך האָב אויסגעשטרעקט א האנט, ווי פריִער צום מיליציאָנער, נאָר מע זעט אים שוין ניט, האָב איך זיך ווי־עס־איז אײַנגעבעטן באם סלופּ און ער האָט מיר געהאָלפן אופשטיין.

איך האָב מיטן שווערן היטל אונטערן אָרעם זיך גענומען שלעפּן. די ערשטע רעגע האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך בין ווירקלעך אלט און קראנק. אין דער היים קערן אף מיר ווארטן עפּעס א דאר און כוישעכדיק ווײַב, כוישעכדיקע און אויסגעמאטערטע קינדער. אין אלע הײַזער צינדט מען שוין פײַער, און זיי הונגערן נאָך דאָרטן פון אינ־דערפרי און ווארטן אף מיר. לאָמיך נאָר קומען, אזוי וועלן זיי זיך ארופווארפן אף מײַן היטל און נעמען רײַסן פון דעם שטיקער. לאנג אזוי טראכטן האָב איך ניט געקענט. מיר האָט געשטערט און געשניטן דעם נאקעטן פוס די שווערע הארטע פלאש אין דער אָפּגעצויגענער צעביסענער הויזן־קעשענע. איך האָב אזוי געוואָלט זי ארויסשלעפּן און זי געבן א קנאק אין דער שטיינערנער ערד, אז זי זאָל צעפליגן ווערן אף פּיץ־פּיצלעך. אָבער איך האָב דאָס אויך ניט געקענט. איך האָב זיך ביכלאל ניט געקענט רירן. איך האָב זיך געפילט דערנידעריקט און צעטראָטן. פּונקט ווי אינווייניק וואָלט די גאנצע נעשאָמע בא מיר געווען באקלעפּט און באשפּיגן.

סילוועסטער איז געוואָרן צוגעשטילט אף א רעגע.

יעווגעניִא פּאוולאָוונא האָט זיך פּאָרזיכטיק אופגעהויבן פון אָרט. זי האָט פארביסן א ליפּ און זיך א קרים געטאָן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך פארזעסן א האנט אָדער א פוס.

— מע דאַרף ניט, זשעניע, — האָט זיך סילוועסטער אָנגערופֿן, כאָטש בא אים, דוכט זיך, אַליין זײַנען שוין געשטאַנען טרערן אין האַלדז, — מע דאַרף ניט, עס איז שוין. איך האָב שוין געענדיקט.

אַרום סילוועסטערס באָרד האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אי פֿון שולדיקײַט, אי פֿון געלײַטערטקײַט, ער האָט, ווײַזט אויס, ניט געקענט און ניט געוואָלט פֿירן ווײַטער דעם שמועס, און ענדיקן מיט עפּעס דאַרף מען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָ האָט איר אײַך דעם בראַנפֿן פֿון פֿאַר צוועלף יאָר, אָט דאָס איז דער באַהאַלטענער „אויצער"! און אָן־אָ אין שאַפֿקעלע הענגט אויף אַן אָנדענק דאָס היטל אַליין.

יעווגעניאַ פּאַוולאָוונאַ האָט מיט ווייכע באַוועגונגען צונויפֿגעשאַרט פֿון טיש דאָס מינץ, פֿאַרבונדן און אָפּגעטראָגן צוריק אין שאַפֿקעלע.

איך האָב געמיינט, איך דאַרף עפּעס זאָגן און שוין אַפֿילו געוואָלט אָנהייבן, אָבער סילוועסטער איז מיר קלוג פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און זיך אָנגערופֿן:

— ווו זשע וועלן מיר הײַנט אָפּדערנאַכט טרינקען טיי? בא אונדז צי בא אײַך?

— בא אײַך! בא אײַך! מיין איך — בא אונדז! — האָב איך ווי צעטראָגן געענטפֿערט און בין אַוועק מיטן פֿולן גלעזעלע אַהיים.

דעם בראַנפֿן האָב איך שוין אין דער היים ניט גענוצט ניט אויף קיין רעפֿוּע און ניט אויף קיין שום אַנדער זאַך. איך האָב אים נאָר אויסגעגאָסן אויף אַ שעלכל, וואָס איז פּונקט אַנטקעגן מיר געשטאַנען. איך האָב אויסגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן אים...

איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם בלויען פֿלעמל און האָב דאָרטן דערזען אויך מײַנע קלענערע און גרעסערע שוואַכקײַטן, קלענערע און גרעסערע אַווײַרעס. איך האָב דאָרטן געזען מענטשלעכן צאַר, וואָס קען זיך אין פֿאַרלויף פֿון צײַט פֿאַרהיילן און פֿאַרצײַען מיט פֿרייד... אָט־אָ האָט געלעבט אַ מענטש, סילוועסטערס ווײַב, קענטיק, אַ געטרײַער און אָנשטענדיקער מענטש געווען... אָט־אָ האָט יעווגעניאַ פּאַוולאָוונאַ געהאַט אַ מאַן, נאָר מיר ווייסן ניט, ווער און וואָס. מיר ווייסן ניט און מיר וועלן בא איר קיין זאַך ניט פֿרעגן. אָפּדערנאַכט, ווען מירן טרינקען טיי צוזאַמען, וועל איך זען פֿאַר זיך נאָר סילוועסטערן און נאָר יעוו־

געניען, און איך וועל זיי ווינטשן גוטס. זיי זײַנען גוטע מענטשן. זיי זײַנען מײַנע שכנים, כאַווײרים און פֿרײַנט.

...די שאָל האָט זיך אָנגעגליט. דאָס פֿײַערל צאַנקט... אָבער ס'איז דאָך נאָך גרויסער טאָג אין דרויסן.

נאָך א רעגעלע זיצן... נאָך א רעגעלע זינקען אין מאַכשאָוועס... סע מאַכט ניט אויס, סײַווי נעם איך באַלד פּאַפּיר, טינט און פעדער און זעץ זיך עפּעס טאָן...

1940

גאסטפרײַנטשאפט

1

עטאָן האָט זיך עס, דעם עמעם געזאָגט, ניט נעכטן און ניט אייערנעכטן, נאָר צוריק מיט א יאָר פערציק אוואדע...

אזוי האָט מיר אָשער דער גלעזער אָנגעהויבן דערציילן וועגן איינעם א פאל, וואָס האָט געטראָפן בא זיי אין זאמיסלאָוויטש, נאָך אמאָל, בעשאס ער איז געוועזן א קליין יינגל.

— איר מעגט עס אומיסטן אויס־הערן, — האָט אָשער א שמייַס געטאָן זיַין פערדל און מיר א קוק געטאָן גלײַך אין די אויגן, ווי איינער מיינט: „דו מעגסט זיך טאקע זײַן א יונגער־מאן, א הײַנטוועלטיקער, אָבער איך, אָשער, האָב נאָך אויך עפּעס וואָס צו דערציילן"...

אָשער וווינט איצטער בא אונדז אין שטעטל אין דער פּאָלעסיער קראס־נאָוואָליע. א בערדל פארמאָגט אָשער א קליינס, נאָר זייער א פריילעכס, און אויגן אויך זייער יונגע, כאָטש ער האָט שוין קינדער אויסגעגעבענע. און אין די פרײַע שאָען פאָרן שוין בא אים די אייניקלעך רײַטנדיק אף די פּלייצעס.

אינעם דאָרף באלאקאראָוויטש, פופציק ווערסט פון אונדזער שטעטל, האָב איך אים באגעגנט, אָשערן, און זיך צוויי מאָל דערפרייט. ערשטנס, וואָס איך האָב דערזען אין אזא ווײַט דאָרף א היימישן מענטשן; צווייטנס,

וואָס איך וועל אים א בעט געבן, וועט ער מיך נעמען אַף זײַן פור אהיים. ער פאָרט דאָך ארום מיט אן אייגן פערד־און־וועגעלע און מיט א קאסטן גלאָז איבער די דערפער. איצט איז שוין דער קאסטן אויסגעליידיקט, א סימען, אז ער טוט זיך שוין אין ערגעץ ניט אָפּשטעלן און מע וועט פאָרן גלײַך אהיים.

— רעב אָשער, — האָב איך אים א פרעג געטאָן, — וויפל זשע וועט איר בא מיר נעמען פור־געלט?

אָשער האָט אַף מיר א קוק געטאָן מיט זײַן יונגן בליק און מיט זײַן בארײדעוודיק בערדל, ווי איינער מיינט:

— אָט־אָ באלד צעיאָג איך זיך נעמען געלט פאר אזא מין קלייני־קײַט (אַף זײַן לאָשן — „פּוסטיאק”), וואָס איז? ער דארף אָנליינגן וועג צוליב מיר, אָדער וואָס? פארקערט, ס'וועט נאָך אים זײַן פריילעכער, אז מע וועט פאָרן אינצווייען.

קען זײַן, אז איבער דעם האָבן מיר זיך טאקע צערעדט, אפן וואָגן זיצנדיק, וועגן גוטע און שלעכטע מענטשן, וועגן קארגע און צעוואָרפענע. און צווישן די אלע רייד האָט ער מיר דערציילט וועגן דעם פאל, וואָס האָט זיך, לויט זײַן כעזשבן, פארלאָפן בא זיי אין זאמיסלאָוויטש — „צוריק מיט א יאָר פערציק אוואדע”.

— מענדלען דעם זאמיסלאָוויטשער האָסטו שוין אוואדע ניט דער־ווּסט? עס מאכט נישט אוים, דײַן טאטע קער נאָך אים געדענקען. וועסט אים אומיסטן א פרעג טאָן, וועט ער דיר דערציילן. געווען דאפקע א פּראָסטער, א דאָרפישער ייִד, נאָר א נאטור האָט ער געהאט — מ־מ־ם! אזא יאָר אַף מיר!.. בא אים אין שטוב האָבן זיך ניט אויסגעפירט קיין מענטשן, מיט עסן און מיט טרינקען, און מיט איבערנעכטיקן, און מיט אופשטעלן א סאמאָוואר פונזייערטוועגן, נאָר פון קיין געצאָלטס זאָל מען אים גאָרנישט דערמאָנען. כאס־וועכאָלילע!

דאָס ווײַב איז אויך געווען אזא, און די קינדער זײַנען אויך געגאנ־גען אפן זעלבן וועג. מע פלעגט גאָר שטיין אפן שליאך און איבערכאפּן די דורכפאָרער. טאָמער איז א קעלט, זאָל מען ארײַנגיין זיך אָנווארע־מען, טאָמער איז א רעגן, זאָל מען ארײַנגיין איבערזיצן. אזעלכע מענטשן זײַנען זיי געווען.

אנומלטן פאָרט ער, מענדל, אַף זײַן פערד־און־וועגעלע, פארנאכטלעך האָט זיך עס געטאָן. ער איז דורכגעפאָרן די ווינטמיל, ס'האָבן זיך שוין

אָנגעהויבן די פּלויטן. דאָס פערדל גייט פּאמעלעך. מענדל זיצט זיך אזוי רויִק און טראכט פון פארשיידענע שטוביקע קלייניקייטן, ערשט ער דער־הערט, אז עמעצער קרעכצט הינטערן פּלויט. עפּעס אזוי ווי א מאנצבל און אזוי ווי ניט קיין מאנצבל, נאָר גיכער איז עס א מאנצבל. ער שטעלט אָפּ דאָס פערדל, קריכט אראָפּ פון וואָגן, נעמט גיין פארביי דעם פּלויט. ערשט ער דערזעט א פּויער אין די מיטעלע יאָרן קריכט ארום אף אלע פיר. ער קאראפּקעט זיך, ער וויל זיך אופשטעלן, נאָר ער קאָן ניט. ער הייבט זיך אונטער און פאלט אום, הייבט זיך אונטער און פאלט אום...

„שיקער, — קלערט זיך מענדל. — ניין, ווען ער איז שיקער, וואָלט ער אזוי ניט געקרעכצט, און ווייטער זעט מען אף אים, אז ער איז ניט קיין היגער. ווערליק ער איז אָנגעטאָן, דארף ער זיין ערגעץ פון טיף אוקראיִנע".

מענדל גייט צו נעענטער, נעמט אים אָן בא דער פּלייצע. קוקט זיך יענער אף אים אום און קרעכצט ארויס מיט די לעצטע קויכעס:

— אך, סאָקאָליקו, צע ווזשע סמערט פּרישלא.

— האָב נאָך צייט קלערן וועגן דער „סמערט", — מאכט צו אים מענדל, — טאָמער איז עס נאָך צו פרי.

און ער האָט א סמאָטשקע געטאָן צום פערדל. עס צוגעפירט איבער די מעזשעס אהער צום פּלויט.

— קריך אפן וואָגן, — מאכט ער צום פּויער.

און ער האָט ווי־עס־איז ארופגעשלעפּט דעם קראנקן צו זיך אפן וואָגן, נאָך צוגעקליבן די טאָרבע מיטן שטעקן און האָט שוין א טרייב געטאָן דאָס פערדל א ביסל גיכער.

אין דער היים האָבן די כלאָפּצעס אראָפּגעטראָגן דעם פּויער אין שטוב אריין. מע האָט אים אויסגעבעט אף א קאנאפּע, קיין באָלניצעס מיט קיין דאָקטוירים זיינען דאָך דאן אין די דערפער ניט געווען, ניט היינטיקע צייטן, האָבן זיי אליין אים געהאָלפן מיט אלערליי באבסקע רעפּועס. א קרענק איז עס געווען א שווערע. א מין טיף. אָבער ס'זיינען אוועק א פיר וואָכן, און דער מענטש איז געזונט געוואָרן.

פאר די דאָזיקע פיר וואָכן איז מען דורך גרוסן און דורך איבער־זאָגעכצן דאָרט אין אוקראיִנע באם פּויער אין דער היים געוואָר געוואָרן, ווו זייער פאָטער געפינט זיך. זיינען די זין געקומען צו פאָרן אים אָפּנעמען. פארן געזעגענען זיך נעמען זיי ארויס א בייטל מיט געלט

און ווילן אָפּצאָלן מענדלען פאַרן איבערזײַן, פאַר די קעסט און פאַר אַלצדינג, אָבער מענדל מיט מענדעליכען האָבן, ווי זייער שטייגער איז, זיך אויסגעלאַכט. ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין שום אײַנריידענישן. די זין דעם פויערס האָבן שוין געבעטן, אז אויב ניט קיין געלט, טאָ זאָל מען בא זיי צונעמען דעם לאָשעק, וואָס לויפט נאָך נאָכן וואָגן, אָדער זיי ווען אים ברענגען צו טרײַבן א קעלביקע בעהיימע.

ניין און ניין!

2

האָט מען זיך צעזעגנט זייער שיין, טאַקע ווי עמעסע גוטעפרײַנט, און צו מענדלען האָבן זיי געזאָגט, אז אזא מין טויווע איז גאָרנישט שײַעך מע זאָל זי אמאָל קענען פאַרגעסן...

— וואָרעם ס'איז טאַקע א גוטסקײַט פון א מענטשן, — פאַל איך אַרײַן אין די רייד, — צו נעמען א ווילד־פרעמדן דורכגייער שלאָפער־הייט צו זיך אין שטוב אַרײַן, זיך מיט אים ניאַנטשען און אויסהיילן... עפּעס א קלייניקײַט?!..

— האָב צײַט, — ענטפערט מיר אָשער, — אויב דו מיינסט, אז מיר זײַנען שוין פאַרטיק, האָסטו גאָר א גרויסן טאָעס, דאָס איז די ערשטע העלפט פון דער מײַסע, די צווייטע העלפט וועט באַלד קומען. נאָר איך קלער, אז פריִער דאַרפן מיר כאַפּן אָן איבערבײַס.

דער פאָרשלאָג איז מיר געווען זייער צום האַרצן, ווײַל מיר זײַנען די גאַנצע צײַט געפאָרן דורכן וואַלד. די סאָסנעס שמעקן אַזוי שטאַרק, אז דער קאָפּ דרייט זיך אזש, די פייגלען צוויטשען, ווו־ניט־ווו פליִען דורך פייגעלעך מיט אזעלכע פאַרבן, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אזעלכע. און כאָטש אָפן וואָגן טרייסלט נישט איבעריקס, גלוסט זיך דאָך אַראָפּקריכן אַף דער ערד אויסגלײַכן א ביסל די ביינער, און אויב נאָך א גוטער איבערבײַס דערצו, איז מאַכטייסע!..

מיר האָבן צענומען אונדזערע פּעקלעך. אָשער האָט געפאָדערט נישט אַנדערש מיר זאָלן צעלייגן א פײַער. איז עס אויך רעכט. איך וואָלט זיך נישט געפוילט און אײַך באַשרײַבן אונדזער סודע, נאָר לעמײַ זאָל איך צערייצן אײַערע אַפּעטיטן. איך ווייס, אז ניט נאָר איר וועט מיר

מעקאנע זײַן אױף דער סודע אינמיטן װאַלד. איך אַלײן בין זיך מעקאַנע, אַז איך דערמאָן זיך. אױף קישנס פֿון גראָז זיצן מיר, אױף טישטעכער פֿון פּאַפּיר עסן מיר. דער שײַטער קנאַקט בײַ דער זײַט מיט זײַנע באַטאָגיקע בלויע פֿײַערלעך, און אַלץ, װאָס מיר פּאַמפּלען אַרײַן, האָט דאָ דעם זיבעטן טאַם...

— דערציילט זשע, רעב אָשער, װאָס איז װײַטער געװען...

אָבער אָשער האָט מיר געענטפֿערט זײער קורץ:

— בעשאַס מע עסט, רעדט מען ניט.

איבערגעביסן, זיך אַ ביסל אױסגערוט, בין איך אַװעק, געבראַכט צו פֿירן דאָס אױסגעשפּאַנטע פֿערד.

— טאָ לאָמיר אים טאַקע אַרײַנװאַרפֿן אין די האָלאָבליעס, — זאָגט אָשער (מײנען מײנט ער: לאָמיר עס צוריק אײַנשפּאַנען). און מיר זיצן שױן צוריק בײדע אױפֿן װאָגן אײנער לעבן אַנדערן. דער לײדיקער גלאָז־קאַסטן — הינטער אונדזערע פּלײצעס. פֿון בײדע זײַטן — גרינער זוניקער װאַלד, און אינמיטן — אַ װעג, װאָס פֿירט אונדז דורך װאַלד, דורך פֿעלד, דורך דערפֿלעך, און נאָכאַמאָל אַ װעלדל און נאָכאַמאָל אַ דאָרף און דאָרטן איז שױן ניט װײַט אונדזער הײם.

— איצט הער, — האָט אָשער װידער גענומען דערציילן, װי אײנער, װאָס טוט אַן ערנסטע אַרבעט און װיל זי אָפּטאָן ערלעך.

— אײנמאָל האָבן מענדלס זין אװעקגעטריבן עטלעכע בעהײמעס אױף דער אוקראַיִנע. קײן רײַכער מענטש איז ער ניט געװען, מענדל, דאָס װײסטו דאָך.

— נײן, איך װײס ניט.

— זע, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז ניט פֿאַר דײַנע צײַטן האָט זיך עס געטאָן. טאָ געדענק זשע, נאָר זאָלסט ניט מײנען, אַז איך זאָג אַזױ דערפֿאַר, װאָס בורזשויִעס זײַנען הײַנט ניט אין דער מאָדע. נײן, איך דערצײל עס פּאָשעט, װי דער עמעס איז.

זײ האָבן אַלע געהאָרעװעט, האָבן זײ זיך װי־עס־איז דורכגעלעבט. זומער זײַנען זײ געװען פֿאַרנומען מיטן באַשטאַן. אָסיען־צײַט, אַז דער פֿױער הײבט אָן פֿאַרקױפֿן כּודאָבע, פֿלעגט מענדל צונױפֿלײגן אַ ביסל געלט און אױפֿקױפֿן עטלעכע בעהײמעס, און קײן הײדײַעס האָט

ער ניט באַדאַרפט דינגען. די זין זײַנען אַליין געזונטע דאָרפסלײַט. אַז מע דאַרף טרײַבן פֿי, טרײַבט מען זיי אַליין.

גרויסע יאַרידן פֿלעגן זיך אויסשטעלן אַמאָל אין פּאַסטאָוו אָדער אין בעלאָצערקאָוו אויף דער אוקראַינע, וואָסערע צוויי־דריטהאַלבן הונ־דערט ווערסט פֿון זאַמיסלאָוויטש. גייען זיי אַרויס אויף אַזאַ יאַריד מיט אַ צען טעג פֿריִער, און אַז מע טרעפֿט אַ גוטן יאַריד, פֿאַרדינט מען אַמאָל אַ הונדערטער, אַמאָל מער...

דאָס מאָל איז אָבער די פּאַגאָדע געווען אַ שלעכטע, האָבן זיך די בעהיימעס מיט די מענטשן שטאַרק אויסגעמוטשעט פֿאַרן וועג. דער יאַריד איז אויך געווען אַ פֿאַרוויינטער, אַן אויסגעווייקטער, גאַלע קעלט און גאַלע רעגן. קיין סאָכרים זײַנען ניט געווען, אַפֿילו פּאַר האַלב אומזיסט איז ניט געווען וועמען צו פֿאַרקויפֿן. טרײַבן זיי, נעבעך, די שטיקלעך אויף צוריק. די כודאָבע איז שוין געווען הויט און ביין. די מענטשן אויך ניט שענער. זיי זעען, די זין מענדלס, אַז ס'איז גאָרניט קיין מעגלעכע זאַך, אַז זיי זאָלן די שטיקלעך ברענגען צו טרײַבן לעבע־דיקע אַהיים. און זיי, וואָלטן זיי האָבן עפּעס געלט אויף צו האָדעווען ערגעץ די בעהיימעס — איז נישטאָ. געלט, האָבן זיי דאָך געמיינט, וועלן זיי לייזן דאָרטן אויפֿן יאַריד, און אויסגעלאָזט האָט זיך אַ בוידעם.

אַזוי ווי זיי שלעפּן זיך אויף צוריקוועגס פֿון פּאַסטאָוו, איז דאָרטן ניט ווײַט פֿאַראַן אַ דאָרף זשערעבקי. כ'ווייס? עפּשער אַ דרײַסיק ווערסט פֿון פּאַסטאָוו אָדער וויפֿל. גייען אַ פּאָר זשערעביקער יונגעלײַט, פּויערים אַזעלכע, אויך פֿונעם יאַריד, און מע צערעדט זיך מיט די זין מיט מענדלס.

— פֿונוואַנען זײַנען יונגעלײַט? — פֿרעגן די פּויערים.

— פֿון פּאָלעסיע, — ענטפֿערן די זין מענדלס, — עפּשער האָט איר געהערט זאַמיסלאָוויטש?

— זאַמיסלאָוויטש? געהערט... ווּהין זשע טרײַבט איר צוריק די כודאָבע? זיי וועלן דאָך באַ אײַך פּייגערן אויפֿן וועג!

— אַדעראַבע, גיט אַן אייצע, וואָס קאָנען מיר טאָן?! קיין געלט האָבן מיר באַ זיך ניט, געלט, האָבן מיר געמיינט, וועלן מיר לייזן אויפֿן יאַריד...

דאָ האָבן די פּויערים עפּעס אינדערשטיל אַ שמועס געטאָן צווישן זיך און זיך ענדלעך אָנגערופן:

— אויב איר ווילט זיך אַף אונדז פאַרגליבן, וואָלטן מיר אײַך געייצעט אַזוי: איר לאָזט איבער די כודאָבע באַ אונדז, און אַליין פּאָרט זיך געזונטערהייט אַהיים ביזן צווייטן מאַרק־טאָג. דער צווייטער מאַרק־טאָג וועט אויספאַלן אין אַ כוידעש אַרום. דער וועטער דאַרף זיך נאָך פאַריכטן און פּאַשע וועט נאָך זײַן גענוג. וועלן אײַערע בעהיימעס אַרומ־גיין צוזאַמען מיט אונדזערע, און אין אַ כוידעש אַרום וועט איר קומען, און איר וועט זיי ווײַטער אַרויסטרײַבן אַפן יאַריד.

די יונגעלײַט איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אַף אַזאַ מין באַגע־געניש האָבן זיי זיך גאָרניט געריכט, האָבן זיי אָפּגעקערעוועט צוזאַ־מען מיט די פּויערים צו זיי אין דאָרף און צו זיי אין הויף אַרײַן. דאָרט האָבן זיי איבערגענעכטיקט, זיך אויסגעוואַרעמט. קיין עסן האָט מען זיי ניט געקאַרגט. מע האָט זיי נאָך אַפן וועג מיטגעגעבן. און אינדערפרי האָבן זיי געמאַכט סימאָנים אַף דעם פּי. זיי האָבן צוגעבונדן אַזעלכע ברעטעלעך צו די ווידלען, און זיי זײַנען אַוועק אַהיים.

אין אַ כוידעש אַרום פאָרן זיי שוין ווײַטער אַפן יאַריד מיט מענדלען איניינעם. דעם עמעס געזאָגט, האָבן זיי זיך ניט איבעריק געריכט קריגן דאָס פּי אַף צוריק. דערווײַל איז אײַנגעפירט, אַז מענטשן דאַרף מען גליבן.

געקומען קיין זשערעבקי, זאָגט מען צו זיי:

— פּאָרט גלײַך, אײַער פּי וועט איר אָניאָגן אין פּאַסטאָוו.

באַ מענדלען מיט די זין איז איבערגעגאַנגען ניט קיין גוטער געדאַנק, אָבער זאָגן האָבן זיי גאָרניט געזאָגט און האָבן אַוועקגעשמיסן ווײַטער. ערשט הינטער פּאַסטאָוו דערזעען זיי, וויאַזוי פּויערים האָבן אַרויסגעטריבן די אָפּגעצייכנטע בעהיימעס. ווען ניט די סימאָנים, וואָס זיי האָבן געמאַכט, וואָלטן זיי גאָרניט דערקענט זייער פּי — אַזוי גוט האָבן זיי זיך אויסגעפּאַשעט.

איצטיקס מאָל איז שוין דער יאַריד געווען ווי געוווּנטשן. מענדל מיט די זין האָבן גוט פאַרקויפט און גוט אָפּגעלייזט. איצט וועלן זיי שוין האָבן אי אַף כוויוועס באַצאָלן, אי אַף באַדאַנקען די פּויערים פאַר

זייער ארבעט און פאר זייער גוטסקײַט, און ס'וועט נאָך זיך אויך עפּעס בלײַבן.

טכילעס אָוונט קומען זיי צו פאָרן צו די דאָזיקע פּויערים שוין ווי אלטע באקאנטע. מענדל מיט די זין זײַנען זייער צופרידן, די באלעבאַטים זייערע — אויך. דאָס פערד איז שוין צוגעזען, און אליין עסט מען אָוונט־ברויט. מע רעדט, מע פארברענגט. אלץ איז זייער שיין און זייער גוט, און באלד וועט מען שוין גיין שלאָפן. פאָרן שלאָפן רופט מענדל צו דעם באלעבאָס. ער נעמט ארויס דעם טײַסטער און זאָגט:

— איצטער, גוטער מענטש, קענען מיר זיך מיט דיר צעצאָלן. זאָג אליין, וויפל דיר קומט.

— גאָרניט קומט מיר ניט, — האָט דער פּויער געענטפערט, — באהאלט דיר דײַן געלט אין קעשענע און פארנוץ עס געזונטערהייט.

— סטײַטש! וואָס הייסט? — האָט זיך מענדל גענומען שפּארן, און די זין האָבן זיך שוין אויך ארײַנגעמישט.

אָבער דער פּויער האָט זיי א קוק געטאָן אין די אויגן, די באלעבאָסטע מיט די זין און שניר זײַנען אויך אָנגעגאנגען, און דער אלטער מאכט צו מענדלען:

— בא עמעצן בא א פרעמדן וויים איך אויך נישט, צי איך וואָלט גענומען געצאָלט פאר אזא קליינער געפעליקײַט. הײַנט ביפּראט נאָך בא מענדל דעם זאמיסלאָוויטשער, וואָס האָט מיר אָפּגעראטעוועט דאָס לעבן אין א פרעמדן קאנט.

דאָ ערשט האָבן מענדל מיט די זין דערקענט יענעם פּויער פון דער אוקראַינע, וואָס זיי האָבן אמאָל איבערגעהאלטן, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

זיי האָבן פאר פרייד ווידער אָנגעהויבן גיבן די הענט איינער דעם צווייטן — די באלעבאָסטע האָט ווידער פונסניי דערלאנגט צום טיש מעד און פארבײַסן, און מע האָט זיך שוין ניט געלייגט שלאָפן, מע האָט פארבראכט, ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. דאן האָבן מענדלס זין צוזאַמען מיט די באלעבאטימס זין אײַנגעשפּאנט דאָס אויסגערוטע און אָנגעגעסענע פערדל און מע האָט זיך זייער שיין צעזעגנט מיט די בעסטע גרוסן, וואָס מע האָט איבערגעגעבן פאר מענדעליכען, און מע איז זיך פאנאנדערגעפאָרן.

— פארשטייסטו שוין?.. — האָט אָשער א זאָג געטאָן און אָפּגע־

שטעלט דאָס פערד לעם ערשטן הויף פונעם באַגעגנטן דאָרף און איז אוועקגעלאָפן נעמען אָן עמער באַם פויער אָנצופּאָיען דאָס פערד.

איצט האָב איך שוין טאַקע פאַרשטאַנען אַף געוויס, אַז קיין פור־געלט וועט שוין באַ מיר אָשער ניט נעמען, איך זאָל אַפילע טאַנצן פאַר אים אַפן דאַך. נאָר וואָס?.. איין זאַך וועל איך באַ אים פּויעלן, ער זאָל באַ מיר צונעמען דאָס מײַסעלע פאַר א מאַטאָנע. ווי איך דרוק עס נאָר אָפּ, אַזוי שיק איך עס אים גלײַך צו, און זאָל ער לייענען.

1938

פון סניטקאָווקע קיין גרינשפּוליע



סאָרע־קײלע דעם בײגלבעקערס האָט גע־האַט אַף איר אײגנס אַן אײן־און־אײנציקן ברודער — פישל. מעג עס זײַן אַף דער עלטער, איז ער דאָך איר טײַער, װי דאָס אױג אין קאָפּ. אַזױ, אַז ס'איז קײן װוּנדער ניט, װאָס סאָרע־קײלע די בײגלבעקערן האָט קעסײדער, סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט געהאַלטן אין אײן רײדן װעגן איר פישלען. זי פלעגט נאָך אים פאַרצײַען דעם נאָמען: מײַן פישעלע און מײַן פישעלע. אַזױ אַז די קינדער און די אײניקלעך האָבן אים שױן אױך אַזױ גערופן — דער פעטער פישעלע. װאָס עמעס, איז עמעס — שױן פיר און צװאַנציק יאָר, אַז זי האָט אים ניט געזען.

די סיבע, פאַרװאָס זי האָט זיך מיט אים אַזױ לאַנג ניט געזען, איז זײער אַ פּאָשעטע. צוריק מיט פיר און צװאַנציק יאָר האָט פישל סניטקאָװער כאַסענע געהאַט קײן גרינשפּוליע — די דריטע צי די פערטע שטאָט פונדאַנען. קײן באַלעגאָלעס זײַנען אַהין ניט געגאַנגען, און ס'האָט זיך ביכלאַל גערעכנט אַ צו װײַטע נעסיִע, ביפראַט נאָך פאַר אַ ייִדענע. װאָרעם װיִאַזױ האָט עס טאַקע סאָרע־קײלען געקענט ליגן אין זינען, אַז זי איז אַלע יאָרן געװען באַפאַלן מיט קלײנע קינדער און האָט נאָך דער־צו געדאַרפט צוהעלפן באַ פּאַרנאָסע אױך: אין מאַרק באַם טישל אָדער אין דער הײם באַ די קאָכעדיקע טעפּ מיט בײגל. טוט עס זיך אַלץ, װי סע טוט

זיך, און די יאָרן גייען זיך, וואָרעם ווער האָט זיי גאָר צײַט צו ציילן.

אָבער אַזוי ווי די וועלט שטייט ניט אױף איין אָרט און קלוגע קעפּ האַלטן דיר קעסיידער אין איין צוטראַכטן נײַע זאַכן, טרעפט אַ מעשׂה, אַז די נײַע אײַזנבאַן הייבט אָן גיין דורך סניטקאָווקע און טאַקע גלײַך קיין גרינשפּוליע.

אַ בילעט צום פאָרן באַטרעפט ניט קיין סאַך און ניט קיין ביסל, נאָר מײַלע — אין סטאַרצעס וועסטו פון דעם ניט אַוועקגיין. אַרום און אַרום באַטרעפט אַהין דאָס פאָרעכץ אַ פּערטעלע מיט זעקס גראָשן — צוואַנציק קאָפּעקעס. טאָ וואָס זשע טויג דיר אַ סאַך מעשׂיות, איז טאַקע סאָרע־קיילען איינמאָל אײַנגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, אַז וואָס־וואָס, איצטער איז אַקוראַט געקומען די צײַט, ווען זי קען זיך זען מיט איר איין־און־איינציקן ברודער — מיט פישלען דעם זייגערמאַכער.

וואָס איז? ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט? פיר און צוואַנציק יאָר, אַז מע זעט זיך ניט?! וויפל איז אינגאַנצן דעם מענטשנס לעבן אױף דער וועלט? אייסעך וואָס! אַזאַ געלעגנהייט איז גאָר אַן אַוויירע אײַנצולאָזן, וואָרעם די נײַע אײַזנבאַן, ווער ווייסט זי — אָט גייט זי, און אָט קער זיך איר איבערגלוסטן. וואָס וועסטו איר טאָן? דו וועסט איר אָנשיטן זאַלץ? געריידט און געטאָן.

סאָרע־קיילע האָט אָנגעבאַקן קיכלעך אויפן וועג, און עפּשער איז עס ניט אַזוי פונעם וועגס־וועגן, ווי זי האָט געוואָלט פאַרפירן פישלען, ער זאָל אויך פאַרזוכן. וואָרעם, דעם עמעס געזאָגט, האָט דער וועג גאָרנישט געדאַרפט אַזוי לאַנג געדויערן. „דרײַ מאָל וועט זיך די פײַערדיקע שקאַפע דאַרפן אָפּשטעלן, — אַזוי האָבן איר די סניטקאָווער סאָכרים אויסגעמאָלט, — און דאָרטן וועט שוין זײַן גרינשפּוליע".

און סאָרע־קיילע איז טאַקע אַוועקגעפאָרן.

דאָ איז נישט דאָס אָרט זיך אַוועקשטעלן באַשרײַבן, מיט וויפל כידושים סאָרע־קיילע האָט זיך, קיין אײַנהאָרע, אָנגעזען באַ די פאָראַדקעס מיט דער נײַער אײַזנבאַן און מיט וויפל שרעק זי האָט זיך, נישט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, אָנגענומען. מע איז דאָך פאָרט מער נישט ווי אַן עלטערע ייִדענע, און דאָ זײַנען די שטיבער, ווי די קאַסטנס, צונויפגעקלאַמערט איינס מיטן אַנדערן: אַלע שטייען זיי גאָר אויף רעדער, שטייען זיי, און פון פאָרנט — באַהיט זאָל מען ווערן — יאָגט די

שוואַרצע, אײַזערנע שקאַפֿע מיט צוויי גלעזערנע אויגן, און זי סאָפּעט, און סע זעצט פֿון איר אַ פּאַרע, מיט אַ קאָכעניש, מיט אַ הודעניש, מיט אַ סווישטשערײַ און מיט אַ קוויטשערײַ, אַז נאָר אַ גוטער סאָף זאָל צו דעם אַלעמען אויסגיין.

נאָר מײַלע, מויכל! מויכל אַלע זאַכן! סאָרע־קײַלע האָט צונויפֿגע־שטשיפּעט די ציין מיט די ליפּן; מיט די הענט האַלט זי זיך אָן אין דער באַנק. דורך די פֿענצטער שווינדלט איר די גאַנצע וועלט אין די אויגן. און אַז עמעצער רופֿט זיך צו איר אָן, הערט זי ניט, וואָס יענער רעדט, און זי ענטפֿערט ניט גאָרניט. זי האָט זיך נאָר גוט אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז ווי די באַן וועט זיך דאָס דריטע מאָל אָפּשטעלן, דאַרף זי אינדערגיך אַראָפּגיין פֿונדאַנען, וואָרעם ס׳קען זי נאָך פֿאַרפֿירן אין עק וועלט אַרײַן, און דאַן איז זי גאָר אַ פֿאַרפֿאַ־לענע אויף אייביק. און, צווייטנס, אַז איר שוועגערן — איר פֿישעלעס ווײַב — זאָל זי באַטש וועלן אַרײַנלאָזן אין שטוב אַרײַן. מאַלע וואָס אַ שוועגערן קאָן זיך אַמאָל פֿאַרגינען. און דאָ ווערט שוין באַלד פֿיר און צוואַנציק יאָר, ווי זי האָט זיך ניט געזען מיט איר איין־און־איינציקן ברודער...

דער קאָפּ האָט איר שטאַרק געריסן פֿונעם מאָדנעם מין פּאָרעכץ מיט דער גרויסער אײַנשטעלעניש, וואָס ווי דו גיסט זיך נישט קיין ריר, איז עס, מינאַסטאַמע, גאָלע מאַשינעריע, אָבער ציילן האָט זי, דאַכט זיך, געציילט גוט, און זי איז, קענטיק, באַם דריטן אָפּשטעל אַראָפּ...

זי איז אַראָפּ און האָט זיך גאָר ניט געגלייבט, אַז דער „פּאָיעס”, ווי די הײַנטיקע רופֿן עס אָן, זאָל זי אַזוי מיט גוטן מוט, קאָן מען זאָגן, וועלן אַראָפּלאָזן.

ביז ער איז דורכגעלאָפֿן פֿונדאַנען, דער „פּאָיעס”, איז סאָרע־קײַלע געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום אָרט, און גאָר מוירע געהאַט אַ טראָט אוועקצושטעלן. אָבער אַז סע האָט זיך אַלץ באַרויִקט, דער טומל איז איר אַ ביסעלע אַרויס פֿונעם קאָפּ, און זי האָט דערפֿילט, ווי זי גייט שוין, געלויבט דעם אייבערשטן, אויף עמעסער האַלב־אויסגעטריקנטער גרינשפּוליער ערד, וואָס איז נישט קיין סאַך אָפּגערוקט פֿון זייערער — פֿון סניטקאָווער, הייסט עס, — איז איר שוין געוואָרן צוריק גוט אויפֿן האַרצן. דאָ־אָ, אַ ביסל ווײַטער פֿון וואָקזאַל, האָט זי דערזען די שטעטל־דיקע הײַזער, און זי האָט געעפֿנט דאָס מויל איין מאָל און דאָס צווייטע

מאָל, ביז איר איבערגעטריקנטער האַלדז האָט ווי־עס־איז אַרויסגעבראַכט אַ פּאָר קלאַנגען, און זי האָט דאָ, באַ די מענטשן, אײַנדערגיך זיך דערפרעגט, וווּ און וויאַזוי מען דאַרף גיין צום היגן זייגערמאַכער.

— צום זייגערמײַסטער? — האָבן זי די היגע מענטשן איבערגעפרעגט. — צום זייגערמײַסטער איז דאָ גאָר ניט אַזוי ווײַט.

און פאַרשיידענע מענטשן, ייִנגערע און עלטערע, האָבן זיך אויסגערופן איר באַווײַזן, וויאַזוי מע גייט דאָ צום אַלטן זייגערמײַסטער.

— איר זײַט מיט אים פרײַנט? — האָבן זי אייניקע איבערגעפרעגט.

סאָרע־קיילע האָט נאָכעסדיק אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט אירע צוגעמאַכטע ליפּן דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פונעם שמייכל, וואָס איר שטאָלצקײַט און איר צופרידנקײַט מיט זיך האָבן אַף זיי אַרויסגערופן.

...לעבט ער נאָך, הייסט עס, דער אַלטער זייגערמײַסטער. בעסאַכאַקל איז ער דאָך נאָך נישט אַזוי שטאַרק אַלט. נאָר גאָרנישט, זאָל ער זיך לעבן און זײַן געזונט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָמיין!

נישקאָשע, — האָט זי ווײַטער געקלערט, — ער וועט זיך מעגן אַראָפּנעמען אַ מוסער פון אַ ייִדענע, וואָס זי, סאָרע־קיילע, נעבעך, שוין פון אַזויפיל יאָר אַן אַלמאָנע (ניט פאַר לײַטן גערעדט), אַ מענטש, וואָס קען ניט קיין ציפער און שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ באָבע פון אייניקלעך, און פונדעסטוועגן, אַז זי האָט זיך געוואָלט זען מיטן ברודער, איז פאַר איר גאָרניט געווען צו שווער.

באַגלייטערס, ווי גערעדט, האָבן זיך געפונען אַ סאַך. קענטיק, אַז איר ברודער האָט דאָ, קיין אײַנהאָרע, אַ ווערט אין שטאָט. ווי דען? יענער איז דאָך אַ קאָפּמענטש נאָך פון קליינווײַז אוף. וואָרעם וויאַזוי נעמט גאָר אַ מענטש און לערנט זיך אויס אינמיטנדערינען מאַכן זייגערס?!

פאַרן עפענען די טיר האָט באַ איר דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן, אַז שיר וואָס עס פאַלט איינגאַנצן ניט אַרויס. אָבער זי האָט געעפנט די טיר, זי איז אַרײַן. אַ סאַך זאַכן זײַנען דאָפּקע ניט אַזוי, ווי זי האָט זיך עס פריִער פאָרגעשטעלט.

דער אַלטער זייגערמאַכער, אינעם קאַמזויל, מיט דער ווײַבערשער שאַל אַף די פּלייצעס, האָט זיך אויסגעקערעוועט פון טיש, אַ קוק געטאָן,

וואָס פּארא מענטשן זײַנען עס אהער אריַין. ער קוקט און קוקט און פּארשטייט גאָרניט... ווײַזט אויס — ניט דערקענט.

סאָרע־קיילע האָט זיך מער ניט געקענט אײַנהאלטן און געגעבן א פאַל צום אלטינקן אפן האלדז מיט א גרויס געוויין:

— אוי, מײַן טײַערער ברודער, א ווייטעק א גרויסער האָט מיך אײַנגעשלאָגן! וואָס פון דיר איז געוואָרן?!

וואָרעם אינדערעמעסן, אמאָל, מע זאָל געווען א קוק טאָן אף איר פישעלען, די מין הייך זײַנע! די שיינקײַט! די שטאלטנעקײַט!.. און איצט, טו אומיסטן א קוק, וואָס די עלטער האָט געמאכט פון א מענטשן: קליין, געקנייטשט, מאמעש אונטערן טיש צו שפּאצירן! און דאָס בערדעלע איז קליין, און די וואָנצעלעך זײַנען קליין. שוין, קיין אײַנהאָרע, גרוי ווי א טויב.

און זי רעדט, און זי רעדט. און דער אלטינקער זייגערמאכער רײַסט זיך אָפּ פון אירע הענט, און ער הוסט און שפּריצט פון זײַנע ליידיקע יאסלעס. ער וויל עפּעס זאָגן, און זי לאָזט ניט. סע שטיקט אים אזש אין האלדז פון דער ייִדענעס אָרעמס.

... ער וויל כאָטש וויסן... לאָזט אים... לאָזט אים זאָגן א וואָרט!!

און דאָס ווײַב מיט די שטוב־לײַט קוקן עס אָן, און אלע אָנגעלאָפענע פון גאס קוקן עס אָן.

— איך בעט אײַך, — האָט ער קוים מיט צאָרעס זיך ארויסגעריסן און גענומען מיט זײַן אלט, פארלעגן קאָל אי שרײַען, אי הוסטן, — זאָל מיך אזוי וויסן א בייז, א וויסט יאָר, צי איך ווייס, וואָס איר ווילט פון מיר! וואָס איז עס פאר א ייִדענע אף מײַן קאָפּ? פונוואנען האָט זי זיך עס אהער אויסגעריסן?

— ווי איז די יאָרן מײַנע, — האָט סאָרע־קיילע אָפּגעטראָטן אף עטלעכע טריט הינטערוויַילעכס און צענומען ברייט די הענט אונטער דער שאַל, אף איר פּאָנעם איז געווען אויסגעגאָסן ווייטעק מיט נאכעס גע־מישט, — ברודער מײַנער טײַערער! דײַן איין־און־איינציקע שוועסטער ניט דערקענט?! פיר און צוואנציק יאָר זיך ניט געזען!.. איך האָב זיך נאָך געלאָזט אין אזא ווײַטעניש, און אײַנגעשטעלט דאָס לעבן האָב איך צוליב דיר אײַנגעשטעלט!..

אָבער דאָס ייִדל, פּונקט ווי די ווערטער וואָלטן אים געוואָרגן. די האלב־אויסגעלאָשענע אויגן טוען אלעמאָל א שפּריץ מיט בייזער אלטקײַט:

— באהיט!.. באהיט און באוואָרנט!.. אזא פּלוצעמדיקע אָנשיקעניש!.. פּכי! איך האָב אַף מײַן ־לעבן קיין שוועסטער ניט געהאַט. איך האָב ניט געוואָלט קיין שוועסטער און ניט געהאַט קיין שוועסטער! וואָס האָט איר זיך אַף מיר אָנגעזעצט, מעשוגענע ייִדענע! פּכי! פּכי!

סאָרע־קיילע האָט מיט איר גאַנצער גרייס אָנגענומען א שטרענגע מינע, ווי אָט נעמט זי איר ברודער פישלען אַף די קני און שמײַסט אים אויס פאַר איטלעכן אין די אויגן. זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, ווי א סאָל־דאַט, און אָנגעשטעלט א דראָענדיקן פינגער.

— פּי־של! — האָט זי א זאָג געטאָן. — וואָס טוט זיך עס מיט דיר?! זי האָט דיך שוין אָנגערעדט?!

און זי האָט ניט באַוויזן פאַרענדיקן איר דראָונג און איר פאָרוווּרף דער שוועגערן, פאַר וועלכער זי האָט, אגעוו, מוירע געהאַט דעם גאַנצן וועג אין באַן, ווי דער אַלטער זייגערמאַכער איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, ווי אונטערגעביסן.

— ווער? פישל? פישל פון גרינשפּוליע איז אײַער ברודער? אָט יע־נער־אָ באָנדער?! קכי, קכי! אָט אזוי זשע רעדט! איז פאָרט, זײַט אזוי גוט, קיין גרינשפּוליע! אויך מיר א שטאָט גרינשפּוליע!..

סאָרע־קיילע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן.

אָבער וואָס ווײַטער א רעגע, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן סאָרע־קיילעס לאַגע, נעבעך. לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז גאָרניט גרינשפּוליע, דאָס איז ערשט סאָראָקיווקע, און זי געפינט זיך באַם סאָראָקיווקער זייגערמײַס־טער, באַם בייזן זישען אין שטוב, וואָס איז בייז אי אַף פישלען און איז בייז אַף דער גאַנצער וועלט זייגערמאַכערס. אַלע זײַנען בא אים באַנ־דערס. קיינער איז בא אים קיין באַלמעלאָכע ניט.

— דאַרף מען נאָך מיט דער באַן פאָרן, הייסט עס, איין סטאַנציע?

— סטאַנציע גרינשפּוליע!

„וואָס? זי איז געפאָרן מיט דער באַן? פונוואַנען? פון סניטקאָוו־קע? — האָבן שוין אַלע אין שטוב זיך צעטומלט — אײַ, אײַ, אײַ, א מײַסע, א מײַסע — איז זי דאָך אַראָפּגעגאַנגען צו פרי... געדאַרפט געווען פאָרן איין ביסעלע ווײַטער! צוויי מאָל זיך אָפּגעשטעלט? דרײַ מאָל, פיר מאָל? קורצע דיבורים — פון א גילדן וועט מען אײַך געבן א צווייער אויסגאָב, און זי וועט פאָרן קיין גרינשפּוליע".

— א גוטן טאָג, האָט קיין פאַריבל ניט.

— א גוט יאָר! האָט שוין בעסער איר קיין כאַראָטע ניט.
— און זײַט געזונט...
— און פאָרט געזונט... זאָל אײַך גאָט מאַצליִעך זײַן.
און סאָרע־קײלע איז אַוועק צוריק צום וואָקזאַל. ס׳האָט איר גראָד זייער גוט אָפּגעגליקט. זי האָט דאָרט באַלד געטראָפן אַ גרייטן באַן, האָט זי געגעבן דריבנע צוגעציילטע אַכט און צוואַנציק גראָשן, און מע האָט איר ווײַטער אַרויסגעגעבן אַ בילעט. איז זי ווײַטער אַרײַן אינעם טומל. נאָר איצט איז זי שוין געפאָרן אַזוי ווי ווינציקער, כאָטש זי איז געווען מיד פונעם גאַנצן גערודער מיט דער מאָדנער טרעפּעניש. איין מאָל האָט זי זיך, קענטיק, געדאַרפט אָפּשטעלן, ביז ס׳וועט זײַן גרינשפּוליע. און איצט וועט עס שוין זײַן אַף געווים.
געפאָרן און פאַרפאָרן און אַראָפּ טאַקע אין גרינשפּוליע.
דאָ, אין גרינשפּוליע, איז איר אַלץ מיטאַנאַנדער שטאַרק געפעלן געוואָרן. בעסער ווי אומעטום. און געפעלן איז איר אַלץ אַזוי דערפאַר, ווײַל גרינשפּוליע איז נעראָטן אין סניטקאָווקע. ס׳זאָל כאָטש פעלן אַ האָר: די אייגענע פּלויטן, די אייגענע הײַזקעס אין פאָרשטאָט, און אַפילע די מענטשן זײַנען קימאַט אויך די אייגענע. ס׳איז איר געוואָרן פון דעם אַזוי גוט אַפן האַרצן, אַז זי האָט גאָר באַשלאָסן אָפּשטעלן אַ פויערטע איינע אין עק שטאָט און פרעגן זי, צי זי האָט ניט אַמאָל אין סניט־קאָווקע קיין שוועסטער.
די פויערטע האָט איר זייער גוטמוטיק געענטפערט, אַז דאָ, אין סניטקאָווקע, האָט זי מער ניט קיין שוועסטער. איין שוועסטער האָט זי געהאַט אײַנגאַנצן אַף איר פאַרמעגן, איז זי פאַרפאָרן ווײַט פונדאַנען, אַזש קיין גרינשפּוליע, אַהין, ווו דער היגער זייגערמאַכער האָט אַמאָל כאַסענע געהאַט, און דאָ, אין סניטקאָווקע, האָט זי שוין מער קיינעם ניט.
— וואָס הייסט עפּעס דאָ, אין סניטקאָווקע? — האָט זי סאָרע־קײלע איבערגעפרעגט. — איר רעדט עס באַם פולן זינען? צי עס איז באַ אײַך הײַנט אַ יאָמטעוו און מע טרינקט הײַנט בראַנפן?
— ניין, מײַן טײַערינקע, — האָט איר די פויערטע געענטפערט, — ס׳איז הײַנט ניט קיין יאָמטעוו! ס׳איז אַ פּאָשעטער וואָכעדיקער טאָג, און די היגע שטאָט הייסט שוין פון לאַנג אַזוי — סניטקאָווקע. מינאַס־טאַם איז עס נאָך עמעצן אַ נאָמען. וואָס איז? איר זײַט דען ניט קיין היגע?

— ווי קום איך זײַן א היגע? — האָט איר סאָרע־קײלע געענטפערט. — אז איך פּאָר שוין פון גאנצפרי אָן מיט דער נײַער אײַזנבאַן? א טאָג א יאָר, אז מע פּאָרט, און אלץ זײַן א היגע?! צו מײַן ברודער פּאָר איך עם צוגאסט. א גוטן טאָג.

און צעטומלט פון אזא מין וועג, האָט איר ניט אויסגעמאכט, וואָס די פויערטע האָט דאָרטן א זאָג געטאָן: סניטקאָווקע, שמיטקאָווקע! מאלע וואָס יענער ווילט זיך דאָרטן א זאָג טאָן. נאָר דאָס, וואָס מע זאָגט אמאָל: „די גאנצע וועלט איז איין שטאָט", דאָס איז טאקע הײליק, ווי דער טאָג! אָן־אָ גייען די בעהיימעס פון דער היגער טשערעדע, איז עס פונקט ווי סניטקאָווקער טשערעדע. אָן־אָ, יענע בעהיימע איז געראָטן אין אירער, אין סאָרע־קײלעס, אזוי ס'זאָל כאָטש פעלן א האָר, אזוי ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט.

איר זײַט כאָטש א מיוון? זי מוקעט צו איר, צו סאָרע־קײלען, ווי צו א באקאנטער.

— קיין אײַנהאָרע, א ליבע כודאָבינקע. ווען זי האָט עפּעס אין האנט, וואָלט זי איר א שטעק געטאָן... נאָר וואָס מאָדנע סע איז: אָן־אָ, זײַנען שוין די מענטשן אויך סניטקאָווקער. און די שטוב, זי וואָלט מעגן שווערן, אז ס'איז טאקע איר שטוב.

זי האָט אופגעעפנט די טיר, זײַנען איר די אייניקלעך מיט די טעכטער ארויסגעלאָפן אנטקעגן. סע האָט איר א שמעק געטאָן מיט באקאנטן בייגל־געבעקס.

— מאמע, אזוי גיך?..

— באָבע, אזוי גיך? — האָבן זיי אלע אין איין קאָל גענומען פרעגן.

דאָ האָט שוין סאָרע־קײלע אקוראט דערפילט, אַף וואָס פאר א וועלט זי איז. האָט זי זיך אין אָנמאכט אראָפּגעלאָזט אַף דער באנק, דאָס קלומעקל האָט זי ניט ארויסגעלאָזט פון די הענט און האָט מאָדנע אָפּ־הענטיק א זאָג געטאָן:

— א שיינער גיך!..

— איז וואָס מאכט עפּעס דער פעטער?

און די קלײנינקע פרעגן:

— באָבע, וואָס מאכט עפּעס דער פעטערל פּיסעלע?

סאָרע־קיילע האָט געשוויגן א ביסל. זי איז געווען גענוג מיד און צעטומלט. און דערנאָך האָט זי געענטפערט:

— מירצעשעם, איבעראיאָר, אז מירן דערלעבן, וועל איך דינגען א פור און וועל פאָרן אזוי ווי אלע לײַט פאָרן... וואָסי? די נײַע אײַזנבאן, ניט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד, האָט מיר עפּעס א מאכט? אז מע פאָרט און מע פאָרט און מע קומט צוריק אפן זעלביקן אָרט!

1936

סאַרא פּרייד!

איך בין דענסטמאָל געווען ייִנגער א סאך. איך ווייס — א יונגערמאן א גאָרניט, טאקע נאָך אינגאנצן א גאָר־ניט. האָט זיך עס דענסטמאָל געטאָן! נאָר איינס צום אנדערן האָט ניט. גוט אפן הארצן האָט געקאָנט זײַן בא יעד־נעם דאעס, עפּשער נאָך בעסער ווי הײַנט. אז מע שמועסט גוט, איז דאָך שוין ניט שײַעך.

איצט, אף דער פור זיצנדיק, האָב איך זיך אקוראט דערמאָנט. די זון שײַנט מיטן פרימאָרגן, די טווּעס גיסן זיך אָן, און פון די זײַטיקע געסלעך יאָגן ארויס פורן צו צוויי, צו דרײַ, צו פינף, און צווישן זיי — ווער מיט א פּאָר נאקעטע פערדלעך רײַטנדיק, ווער מיט א בעהיימע אף א שטריקל. קלאָר, אז ס'איז הײַנט א יאריד אין שטאָט. אנדערע פורן יאָגן אונדז אריבער, און אנדערע, שטילערע, פּאָרן אונדז נאָך. און ס'האָט מיך פּלוצעם א הייב געטאָן פון וואָגן איינע א דערמאָנונג פון יענע יאָרן.

... ערעוו יאריד. מײַן ווײַבל איז שוין געווען טיף אף דער צײַט מיטן ערשטן האָבן, פונדעסטוועגן האָט זי מיר נאָך געהאָלפן בא א סאך קלייניק־קײַטן: ווי א קוק טאָן צום פערד, איך זאָל זיך ניט אָפּרײַסן פון דער ארבעט; א רוף טאָן מיר א פּאָדיאָניק, אָדער אזוי זיך צוזעצן א ביסל אין הארבאר־ניע אף א קופּע יוכטן, אָדער אף א „קאָזליק" און קוקן, ווי איך ארבעט;

אַז זי קוקט, אַרבעט זיך מיר אַ סאַך גרינגער. די פּאַרטיע סכוירע, וואָס איך האָב געדאַרפט פירן אַפן יאַריד — סײַ מײַנע, סײַ פרעמדע, — איז אַרויס אַ ביסל צו שפּעט, און מע האָט געדאַרפט מיט איר יאָגן.

ס'איז ערעוו יאַריד. קיין מענטשן וויל קיינער ניט אָפּלאָזן, און ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, יעדערער דאַרף זיך. נו, מיילע, אַזעלכס איז ניט קיין נאָווינע באַ גאָט. דער יאַריד האָט געדאַרפט זײַן דאָנערשטיק, לאָמיר זאָגן, און הײַנט איז שוין דינסטיק; קלאָר, אַז ביידע טעג, דינסטיק און מיטוואָך, ניט געקוקט אַף זייער לאַנגקײַט, האָט מען געמוזט אַרײַנאַרבעטן אין די אָוונטן אַרײַן. נאָר אַז מײַנע העלפט מיר, איז מיר גרינגער. ביז, ווען מיטוואָך באַנאַכט, איך ענדיק דאָס גלאַנצן, גייט אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

דאָנערשטיק פאַר דער טשערעדע איבערגעקערט די סכוירע, פּאַנאַנדערגעפּאָרט און אין וואָגן אַרײַן, אײַנגעפּאַקעוועט, איבערגעציילט און אויסגעטרונקען כאַפּנדיק אַ גלאָז ציקאָריע, דאָס פערד אַרײַנגעוואָרפן אין וועגעלע אַרײַן. אַ פערדל איז באַ מיר דעמלט געווען, אַז קיין בײַטש האָט מען שוין צו דעם ניט געדאַרפט. אַבי גענומען די ווישקעס אין האַנט — איז אַוועק. אַ צאַצקע אַ פערדל. קיין קראַסנאָוואָליוקע האָבן מיר אײַנגאַנצן קאַרגע פּופּצן ווערסט. געדענק איך, אַז איך בין געפאָרן צווישן ברויטן, וואָס צײַטיקן, פּונקט ווי הײַנט. און פון די זײַטיקע שמאָלע וועגן זײַנען, ווי אַלעמאָל, אַרויסגעשפּרונגען פורן פרישע, אויסגעשלאָפענע, אײַנגעמאָסטעטע, און מיר קאָכט נאָך דער שלאָף אַפן האַרצן, אַ סאַקאָנעס. דער קאָפּ איז באַ מיר אָבער פאַרנומען מיט פאַרשיידענע קלייניקײַטן: די פּויערים זאָלן כאָטש קומען אָפּנעמען זייערע „שטיקלעך" און באַצאָלן אַרבעט־געלט, וועל איך פאַרשפּאָרן פירן זיי אַף צוריק און זיך האַלטן מיט זיי. אָט־אָ „פּוילט" באַ מיר נעטשיפּאָרענקאָס אַ גרויסע יוכט, שוין עפּשער די צוועלפטע וואָך, אַז זי ליגט אַ פּאַרטיקע, און דער רועך האָט אים. איך האָב זי איצט מיטגענומען אַף יעדן פאַל, טאָמער קומט ער, וואָלט איך פּאָטער געוואָרן פון אַן אָנשיקעניש... אויב איך וועל אָפּלייזן פאַר דעם ביסל סכוירע, וועט זײַן זייער צוגעטראָפן: אין קלייט קומט אין בוך אַרײַן פינף און צוואַנציק רובל, דעם קאַצעוו פאַר זוויכע־פּעל — רייש קערבלעך, און אַ הונדערטער איסקע, דאָס איבעריקע דאַרף מען שוין אַף נאָך שאַבעס אַ פריש

ווייקעלע פעל. איך האָב איצט אין וואָגן א פּאָר הינטערלעדך[1], זײַנען זיי עמעסע שפּיגלען, ניט קיין סכוירע; זאָל נאָר קומען דער רעכטער קוינע, וועט ער מיר דאנקען פאר זיי.

אזוי לייען איך אינעם אופגעשנירעוועטן וואָגן סכוירע, וואָס אונטער מיר, אזוי ווי אין אן אָפּענעם בוך. אלע מינוט שווינדלט מיר דורך אין געדאנק מײַן ווײַבל מיט איר בויך. ס'איז איר, נעבעך, שווער, זי האָט זיך איצט געקערט דאָרט נאָכאמאָל צולייגן אין שטוב. ווען זי פּאָרט מיט מיר איצט איניינעם, וואָלט איך גאָר האלב געהאט וואָס צו קלערן. עפּעס אז זי איז לעבן מיר, מאַך איך זי פארן באלעבאָס און איך טו אליץ, וואָס זי אייצעט מיר. בא איר איז א גלײַכער סייכל, מע זאָל אויספאָרן א וועלט. און בא די געדאנקען הייב איך אוף די אויגן און דערזע די טאָרהאָוויצע. נאָכן דורכפאָרן דאָס שטיקל זאמד איז שוין דעם צאדיקס מויערל מיט דעם הייליקן אָרט. און אז איך פאָר ארוים פון דעם פּאָטשטגעסל, קלײַבט זיך שוין דער יאריד. מע קלאפּט בײַדלעך, מע ציט אָן ברעזענטן. זע, ס'וועט טאקע זײַן א יאריד. און איך בין ארוף אפן לעדערגעסל איינער פון די ערשטע, פּונקט ווי איך האָב ליב. איך האָב ליב קומען אין דער צײַט אָדער אינגאנצן נישט פאָרן.

אין מינוטן ארום האָבן זיך אָנגעהויבן צעשטעלן נאָך הארבארעס. אונדזערע און פון פארשיידענע אנדערע שטעטלעך. די שטאָטישע הארבארעס, וואָס בא זיי איז דער יאריד, טראָגן ניט ארויס אהער זייער סכוירע, נאָר זיי קומען אָן פון שאָ צו שאָ א קוק טאָן, א רעד טאָן, מע טוט א לויב עמעצנס סכוירע, און אף וועמעס מע זאָגט, אז ס'לאמטאשן, אז מע פוילט זיך צולייגן א האנט. מײַן שטיקל סכוירע לויבן אלע אין איין קאָל, אז ס'„טאָוו". די שוסטער זאָגן, אז איך פארײַים זיך א ביסל מיטן מעקעך. איז אויך די אייגענע מײַסע, ווילט איר סכוירע, טאָ זײַט זיך מאטריִעך און באצאָלט.

קוינים דרייען זיך אום, א טאפּ דאָ, א טאפּ דאָרט, ווער ס'קומט קויפן, און ווער ס'קומט דרייען דעם קאָפּ. ווי זשע? — א יאריד. פּאמעלעך ווײַזן זיך פּויערים נאָך אייגענע „שטיקלעך". מע טאפּט, מע בייגט, מע קאָרפּעט מיט די נעגל; אן אנדערער זוכט א סימען. מיילע, מיר איז דאָס הארץ פון אזעלכע זאכן גאנץ, וואָרעם בא מיר מעג זייער סכוירע

[1] אן אכטל קלענער פון מיטעלער גרייס.

זײַן מיט גאָלדענע ברעגן, דאַרף איך ניט יענעמס. לייזן לייזט זיך שי־טערלעך, נאָר וועדליק דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס, וועט מען שוין קיין סכוירע ניט פירן צוריק אהיים.

אפֿן יאַריד זײַנען שוין דאָ ווײַנשל און שוואַרצע יאַגעדעס. קויפֿט מען, כאַפּט מען א בײַס איבער. ווער ס׳זשאַלעוועט אויסגעבן א פּיטאַקל, רוקט זיך צו צום צווייטן, טוט א כאַפּ. מיילע, מיט אזעלכע זאַכן באַעסט מען ניט. א ביסל רויע פעל איז אַרײַנגעפאַלן אין דער אַרבעט, ליגן זיי אונטערן וואָגן. פון דער הינטערטיר, לעבן וועמעס וואַנט מיר שטייען, ריפּעט מען זיך אַלעמאָל, נאָר מע האָט אף אונדז קיין פאַריבל ניט, אף דערויף איז דאָך עס א יאַריד.

אָט איז שוין נאָך האַלבן טאָג, פון יענער זײַט געסל קלינגט מען מיט קאָסעס, מע טרינקט קוואַס, מע רעדט, מע שרײַט, מע האַרמידערט, אין וואָגן ווערט לײדיקער, אין קעשענע — שווערער. א קרויווע איז אהער צוגעגאַנגען:

— נו, וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס מאַכט עפּעס לייטשיק? קער שוין זײַן אף דער צײַט קער זי שוין זײַן? שעם זיך ניט! דורען! אז מע שעמט זיך, קען מען קיין קינדער ניט האָבן.

מיר טוט האַנאָע, וואָס זי לויבט לייטשיקן.

— האַ? — זאָגט זי ווײַטער. — שוין דאָ מיט וועמען א וואָרט אויסריידן? ס׳איז איינמאָל א לייטשיק?!

און מיר טוט ווײַטער באַנק, וואָס מײַנע איז דאָ ניטאָ. וואָרעם וואָס בין איך אָן איר? אָן איר בין איך גאָלע גאָרניט.

— וואָלט איר זיך ריכטן? — גיי איך צו צום כאָרעץ פון בעלאָ־קאָראַווע, — געבליבן באַ מיר די בעסטע פּאָר הינטערלעך, וואָס איך האָב געמיינט, מע וועט זיי אויסכאַפּן אין דער ערשטער רעגע.

באַם כאָרעץ איז א לאַנגע באָרד א באַקענע, א לאַנג געקנייטשט פּאָנעם, ער איז שוין אויסגעוועזן אין זײַן לעבן אף א ביסל יאַרידן.

— זאָלסט וויסן, — זאָגט ער, — אז יעדערער דאַרף זיך האָבן זײַן מאַזל. אמאָל א מיִעס מיידל כאַפּט מען אויס און א שיינע — פאַר־זיצט! ס׳איז א מאַזל־זאַך.

טאַקע געבליבן באַ מיר די פּאָר הינטערלעך און יענעם נעטשיפּאָ־רענקאָס פעל. ניטאָ אף איר קיין מעהומע. איך קלער ווײַטער צוגיין צום כאָרעץ און א פרעג טאָן, וואָס טוט ער אין אזעלכע פאַלן, אז ס׳פאַר־

וואַלגערט זיך באַ אים אַ פּויערש „שטיקל" און מע קומט עס ניט אַרויס־נעמען. דערווײַל זע איך, אַז דאָס פערד שטייט און עסט ניט. איך האָב איבערגעלאָזט אַ באַקאַנט יאַטל אַפּן וואָגן, אים אָנגעזאָגט וואָס צו טאָן און אַליין אַוועקגעפירט דאָס פערד פּאָיען. דער סאַמע געדיכטער יאַריד איז ניט דאָ, ווו מיר שטייען, נאָר דאָרט, ווו די קלייטן זײַנען! אַן ענג־שאַפט, אַז ס'איז גאָר קיין מעגלעכקײַט ניט דורכצוקריכן. די פערד הירזשען זיך איבער; איין וואָגן איבער צוויי, איינער איבער פינף. זיי פילן דעם יאַריד און זיי זײַנען פאַרטראָגן אַף זייער אופן: מע הירזשעט, מע בריקעט זיך, מע פאַרפּלאָנטערט די פּאָסטראָמקעס. די האָלאָבליעס שטייען אומעטום פאַריסן אין דער הייך. און טישלעך מיט צוקערקעס, מיט פײַפעלעך און שפּילעכלעך.

זיך דערקליבן צו דער דאָלינע, איז שוין דאָרט אַ ביסל געראַמער, דאָרט קויפן יידן טוווע, מע שאַצט לײַוונטן, קילעמעס; מײַן פערד האָט זיך אויסגעקאַטשעט לעבן טײַך, זיך אָנגעטרונקען.

די קרויווים מײַנע ווינען טאַקע דאָ אין דאָלינע, זײַנען אַרום די יאַטלעך זייערע, איך זאָל זיי זעצן אַפּן פערד, ווי דער שטייגער איז. גלײַך נאָך זיי איז אַרום זייער מוטערס אַ שוועסטער. אַ מיידל מיט צוויי גרויסע האָרבעס פוןביידע זײַטן, מיט אַ פאַרקעמטן קובליק, זייער ריין אָנגעטאָן, און זי האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט: וואָס הייסט, איך וועל גאָר ניט אַרײַנגיין אַפילע אין שטוב און קיין וואַרמעס ניט אָפּעסן; וואָס הייסט, זי וועט גאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַזאַ „אָבידע".

איך האָב זיך פאַרענטפערט, מיט וואָס איך האָב געקענט, און דער־שטופּט זיך צוריק צום וואָגן. אַן אַלטער פּויער מיט אַ יונגער פרוי זײַנען געזעסן און געוואַרט. זיי קוקן אַף מיר, איך — אַף זיי.

— צי בין איך דער און דער?

— איך. וואָס איז?

— קאַרפּאָ ניטשיפּאָרענקאָ פון יענעם און יענעם דאָרף האָט מיר געגעבן אַ פעל אין דער אַרבעט...

— יאָ, פאַראַן אַזאַ. ווו זשע איז ער אַליין?

— ניטאָ אים איצט. אַהער, אַהין — ער זיצט ערגעץ, פאַר עפּעס זיך פאַרזינדיקט. דאָס איז ער, דער אַלטער, זײַן שווער, און די דאָזיקע, די טאָכטער זײַנע, איז יענעמס ווײַבל.

אַף דער טאָכטער קען איך ניט אַ הייב טאָן די אויגן, אַזוי בלענדט

זי מיך מיט איר שיינקייט. וואָס איז שייעך צו זאָגן שוין, איך האָב נאָך אזא שפּיגל ניט געזען, זינט איך לעב אַף דער וועלט!

א מין שלאַנקע, א דינע. פון פּאָנעם גייט ניט אראָפּ דער שמייכל אַף קיין רעגע. די באַקן, די ליפּן, דאָס פּאָנעם — נאָר זיך שפּיגלען אין זיי, נעמען בילעטן און שטיין און קוקן. איך ווייס גאָר ניט, וויאַזוי לאָזט מען אַזוינס דורכגיין די גאַס און סע לויפן איר ניט נאָך גאַנצע מאַכנעס?! איך, וואָס האָט קיין אייגנהאָרע א שטוב, א ווייב — זאָל ניט פאַרשטערט ווערן, — קען איך איבער איר ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. זיי רײדן צו מיר, און איך קוים־קוים וואָס איך קען עפענען א מויל. דוכט זיך, איך האָב שוין געזען אַף מיין לעבן פּריצטעס און שטאָט־לייט... נו, נו, נו...?! און זי איז בא זיך גאָרניט אַזוי טייער, זי שפּילט זיך מיט מיין פערד, גלעט אים, פּאַטשט אים אין האַלדז! אירע ברעמען רירן זיך אָן איינס לעם אַנדערן אַפן סאַמע נאָז, ווי צוויי שלענגלעך, און פון אונטער זיי קוקן אַרויס, לעם די לאַנגע פאַרבויגענע וויִעס, צוויי אויגן. איך פיל, אַז איך וועל זיך נאָר א מייסע אָנטאָן. נאָר די רעגע דערמאָן איך זיך לייטשיקס פּאָנעם מיט די צייט־פּליאַמעס אַף די באַקן און שטערן, אָן דעם זיסן קינד, וואָס זי טראָגט מיר בא זיך אין בויך, און... ס׳טוט זיך פון מיר מיטאַמאָל אָפּ אַלץ מיטאַנאַנדער: איך קוק שוין ניט אַף דער פרוי, איך ענטפער דעם אַלטן אַלץ גרינג און גיך: ווילסט נעמען די פעל? — נעם! ווילסט צאָלן? — צאָל! צובאָרגן? — באָרג צו.

מיינע שכיינים, די האַרבאַרעס, זיינען אויך אופגעטראָגן געוואָרן פונעם שיינעם בילד, — מע גייט צו, מע גייט אָפּ. מע שטורכעט זיך, מע קיצלט איינער דעם אַנדערן, און מע הערט ניט אוף רײדן די „שיינע" ריידעלעך: „וויפל דאַרף מען שוין נעמען אַרבעט־געלט פאַר איר אַליין?" און נאָך אַזעלכע ווערעמדיקע כאָכמעלעך. מיר ווערט א כאַרפּע פאַר זיי, נאָר ווי איך באַמערק, הערט זי זיך צו זיי גאָרניט צו.

זי שפּאַרט זיך נאָר אָן אין וואָגן מיט א היימישער טנוע און זאָגט צום פאָטער, איך זאָל אויך הערן:

— אַקוראַט אַזוי, ווי אונדזער מומעס יינגל!.. אַז ער איז געגאַנגען מיטן פערד, האָב איך אים שיר ניט א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט!..

— איאָ, ס׳ניט ער?.. סאַוורין? סאַוורין דינט דאָך אין סאָלדאַטן!

אקוראט אזא הויכער, און די האָר הענגען באַ איִם אַזוי אַראָפּ אַפן שטערן, און די ציין? די ציין...

אָט האָסטו דיר, און זי נעמט פון מיר אַף קיין רעגע ניט אַראָפּ ניט איר האָזעדיקן שמייכל און ניט אירע לויכטנדיקע שיינע אויגן, און אַז דער פאָטער קערט זיך אַף א ווײַלע אָפּ, טוט זי צו מיר נאָך אַן עמעסן שמייכל מיט די ברעמען... א שמייכל, וואָס איז אַזוי ווי א ווונק.

„ריבוינעשעלוילעם, — קלער איך זיך, — וואָס וויל זי פון מײַנע יאָרן?" קיין כוצפּע איז אָבער אין אירע ווונקען ניטאָ, און איך קען זי גאָרניט מאכן שולדיק, וואָרעם ווי קומט זי וויסן, אַז איך האָב שוין א ווײַב מיט א שטוב?

איך קען זיך קיין אייצע ניט געבן, וויאַזוי דרייט מען זיך ארויס מיטן קאָוועד. בין איך געפאלן זייער אַף א גוטן אײַנפאל: איך האָב גענומען שפּאַנען דאָס פערד. די הארבארעס כידעשן זיך:

— וואָס איז אַזוי פרי?

זאָג איך זיי, אַז ס'איז געבליבן נאָר איין פּאָר הינטערלעך אין וואָגן, זײַנען זיי אומעטום א מעציִע, די פּרײַז זייערע. און איך שפּאַן טאקע דאָס פערד. דער פאָטער האָט מיר אַרײַנגעלייגט אין האַנט די סאך מאָל געציילטע זילבער־געלט, האָב איך ניט א קוק געטאָן און אראָפּגעלאָזט זיי גלײַך אין קעשענע.

— נו, א סאָף, — זאָגט ער צו דער טאָכטער און מאָסטעט די יוכט באַ זיך אונטערן אָרעם. — קום, לאָמיר גיין.

נאָר זי כאפּט זיך ניט.

— גיי אליין, — ענטפערט זי איִם, — און פארגעס ניט קויפן אהיים די שארפשטיינער, איך וועל אַף אײַך ווארטן, איך וועל א ביסעלע זיצן אין שאָטן.

באַ מיר פאַלן פון די הענט די דוהע, דער שפּאַן. נאָר קוים דערמאָן איך זיך אָן דער היים — דאָס פירעקעכיק עס־צימערל, לייטשיק ווישט די גלעזער, דער בויך שפּארט אָן דעם טיש, ווערן די הענט באַ מיר צוריק הענט, אבי נאָר ניט קוקן, ווו מע דארף ניט. און די דוהע איז שוין אײַנגעפּעסטיקט, דער וואָגן ארויסגעקערעוועט, און דאָס פערד האלט שוין אופגעהויבן דעם קאָפּ, איך זאָל דעם נאָר הייסן גיין. דארפן אָבער די הינטערלעך ניט בלײַבן קיין פארשעמטע, טראָגט אָן דער גוטעריאָר א שוסטער מיט צוויי אָלעניטשער פויערים, און ער פארלויבט

מײַן רעשטל סכוירע, ווי דער עמעס איז. לאָזן זיי זיך ניט לאנג בעטן, גיבן אַן אדערוף און גייען ברענגען די רעשט געלט, איך זאָל נאָר צוּוואַרטן. אַף אַזאַ זאַך פלעגט מײַן טאַטע קעסיידער זאָגן, אַז סע איז „אַ סאָטן־מעקאַטרעג". אַן אַנדער ברײרע האָב איך? מע מוז שוין צוּוואַרטן. וואַרף איך ווײַטער אונטער דעם פערד אַ ביסל קאָנישינע, צעשנורעווע די סופּאָניע, און אַליין לייג איך זיך אַרײַן אין וואָגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, גיב נאָר אַ טאַפּ אין קעשענע, צי דער טײַסטער איז דאָ. דאָס געלט איז ניט אינגאַנצן קיין אייגנס, דערפאַר דאַרף מען עס שטאַרקער אָפּהיטן.

אַז איך טו אַן עפן די אויגן, זע איך, ווי אַנדערע האַרבאַרעס צעפאָרן זיך שוין אויך. ווער ט'שפּאַנט אַליין און באַ וועמען — דער פורמאַן. איך בין רויִק. אָן איבעריקע טומלענישן איז איבערגעגאַנגען דער יאַריד, און ס'האָט זיך אויסגעביטן פון דער סכוירע געלט. דער גאַנצער וואָגן סכוירע איז אַרײַן אין טײַסטער. ס'וועגט נאָר אַ ביסל אָפּ די קעשענע. דוכט זיך, אַז דער „סאָטן" איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון מיר. זי האָט מיר געגעבן די האַנט און געקוקט אין די אויגן. אוי, אַ האַנט! אוי, אַ קוק! מע זאָל ניט מוירע האָבן פאַר קיין אַוויירע, איז, דוכט זיך, גאָר ערגעץ פאַראַן אַזאַ דין, אַז ס'איז אַ מיצווע אַף אַזעלכע מאַכן אַ בראָכע. ס'איז דאָך אַ כּידעש אַף אַ גובערניע. דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעבן פאַר איין מאָל אַרומנעמען זי, ווען ניט די שטוב...

און איינער פון די צוויי פּויערים איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער, ער האָט געמיינט, אַז איך בין געוואָרן אין קאַס און בין אַוועקגעפאָרן. נאַריש, באַ פאַרנאָסע ווערט מען ניט אין קאַס.

— נאָ...

און איך פאָר שוין טאַקע דער לעצטער פונעם יאַריד. קינדערלעך דרייען זיך אַרום אַף די ערטער, ווּ מע האָט צענומען די בײַדלעך, און זיי קלײַבן עפּעס, זיי זוכן, זוכן פּאַפּירלעך, בלעכלעך, שאַכטלעך. ייִדן, ווײַבער טראָגן די ליידיקע פלעשער, די טישלעך. עפּעס מאָדנע ווײַבער דאָ און ייִדן. באַ אונדז אין שטאָט זײַנען די מענטשן אַ סאַך שענערע.

פון משׂרעדע גייען די בעהיימעס און דערקענען ניט אַקוראַט זייער שטאָט. איך פאָר אַרויס פון פּאָטשט־געסל, איז שוין ווײַטער דעם צאַדיקס מויערל...

אין אַ פרײַער שאָ, — קלער איך, — וועט מען זיך אַמאָל דאַרפן

אהער אַרײַנכאַפּן. אַרײַנטראָגן אַ פונט בוימל (איך האָב נאָך דענסטמאָל געגלייבט אין די מיצוועס), אַ וועלט פּאָרט דאָך אהער. און איך מאָסטע זיך אײַן אין וואָגן ליגנדיק, די ווישקעס האַלט איך נאָכגעלאָזן. די אויגן קלעפּן זיך פון זיך. דער שטויב האָט זיך שוין געזעצט, די רייכעס פונעם קאָרן קריכן פײַכט אין נאָז אַרײַן און זײַנען מעכײַע. פּלוצעם, איך בין נאָך ניט אָפּגעפּאָרן דעם זאמד — דאָ ניט ווײַט פונעם מויערל, ווי לעבן אַ פעלד קאָרן דערזע איך זי זיצן איינע אַליין. ס'איז זי, די אייגענע.

מיר איז אַנטפאַלן געוואָרן דאָס געזונט נאָר פונעם קוק, וואָס זי האָט אַף מיר געטאָן. איצט זאָל זי נאָך צו מיר צוגיין און אויסריידן אַ וואָרט, בלײַב איך אינגאַנצן אַ טויטער.

— טשאָלאָוויטשע, — רופט זי זיך אָן, — יאָג ניט, וואַרט צו אַ רעגע.

אָנגעטומלט בין איך. אָט אָ־דאָ ערשט איז דאָס הייליקע אָרט מיטן מויערל, וואַרפט דאָס אויך אָן אַ מוירע, און דאָ — נאַ דיר! טאָמער איז דאָס גאָר אינגאַנצן קיין פּרוי ניט, טאָמער איז עס אַ דער־רועך־ווייסט־וואָס? „ריבוינעשעלוילעם! — קלער איך זיך, — וואָס האָסטו געהאַט צו מײַנע יאָרן?" און זי איז שוין לעבן וואָגן.

— פאַרוואָס ביסטו ניט אַוועק מיטן טאַטן? — פרעג איך זי מיט אַ פאַרפרעמדט קאָל אַפּצוקלוימערשט, אַזוי ווי אַ ווײַט שוועסטערקינד.

— איך האָב אים פאַרלאָרן.

אָפּזאָגן קען איך ניט, זאָל זײַן אַפילע אַן ערגערע פון איר, און זי... איך ווייס, אַז קיין לעבעדיקער וועל איך שוין פון אונטער אירע הענט ניט אַרויס. נאָר פאַרפאַלן. איך גיב אַ קוק אַפן פערדס גלאַנציקן רוקן, מיר איז אַ כאַרפּע פאַר אים. לייטשיק זעט אים צו גלײַך מיט מיר. נאָר ס'גאָרניט. דאָס פערד וועט שוין עסן פּאַשע, זי האָט דאָך אים געגלעט.

און זי איז אַרויף אַפן וואָגן, האָט זיך אַוועקגעזעצט האַרט לעבן מיר, האָט מיר אַ טראָג געטאָן פון איר מיט וואַרעמער מילך ערשט פון שטאַל, אַז איך האָב זיך פאַרכלינעט עפּשער אַף אַ האַלבער שאָ.

איך זע שוין, אַז איך וועל זיך מיט איר ניט ראַנגלען, איך זאָל אַפילע וויסן, אַז זי איז דער טויט מײַנער אַליין. איר רעכטע האַנט איז געווען נאָענט לעבן מײַנער, דאָס הייסט, אַז זי איז אויסגעקומען מיטן רוקן צום פערד, האָב איך עפּעס אַזוי ווי ניט געצילעוועטערהייט אַ פּאָר געטאָן מיט דער האַנט גלײַך אין פײַער אַרײַן — צווישן דער בוזעם־

עפּענונג פּונעם לײַוונטענעם העמד (אױ, אין סאַמע גלות!), נאָר זי האָט א ריס געטאָן פון דאָרט מײַן האנט און דערלאנגט איבער איר א שמײַס, אז איך האָב װײַטער אמאָל דערזען שטערן אין די אױגן.

— אַהאַ, — זאָגט זי, — װעסט שױן װײַטער װיסן? — און איר פּאָנעם איז אינגאַנצן אױפגעפלאמט געװאָרן, מע האָט ניט געקענט אונטערשײדן, װאָס דאָ איז: צאָרן צי בושע.

און איך פיל, אז ס'איז אינגאַנצן דאָ א טאָעס, ניט איך האָב אהין געשיקט מײַן האנט, זי איז אלײן געלאָפן, אָן אן אָנפרעג. נאָר סע גוט, װאָס איך האָב אָפּגעלײזט. סײַװי בין איך גרײט אראָפּגײן פונדאנען, איבערלאָזן דעם פערד־און־װאָגן, נאָך ארױסלײגן איר דאָס געלט און אװעקגײן פונדאנען. אױב נאָר איצט, שױן, מיט דער רעגע, װאָלט איך נאָך בלײַבן א מענטש. פון קײן פערד װעט קײן מעניע ניט זײַן. איך װעל נאָך האָבן פערד, איך װעל נאָך האָבן געלט, אבי ניט פארפּינצטערן לײטשיקן די יאָרן. מיך פאר מײַנע ארט ניט, נאָר פאר איר, פאר מײַן הײם... נאָר אָלגע — אזױ האָט זי געהײסן — די באטריבערן מײַנע, די דערהױבערן מײַנע, אָלגע האָט געכאַפּט גלעטן מײַן אָפּגעפּאטשטע האנט, זי גלעט זי, זי רעדט צו איר, אזױ װי צו א קלײן קינד. זי נעמט זי צום מױל, באקט זי מיט אירע ליפּן.

— נו־נו־נו! — סטראשעט זי עמעצן. — שאַ־שאַ, — און שטילט אײַן מײַן האנט, אזױ װי מע שטילט אײַן א קלײן קינד. איך װײס, איך װאָלט געדאַרפט א ריס טאָן די האנט פון אירער און מאַכן א סאָף — אײנמאָל פאר אלעמאָל, נאָר איך קען עס ניט. איך װײס, איך װײס, אז איך קען זײַן א גאַנצע אײביקײַט גליקלעך, װאָרעם אײן נאַכט װעגט אנטקעגן א גאַנץ מענטשיש לעבן. נאָר לײטשיק, מײַן הײם! — זײ װעלן עס מיר קײנמאָל ניט מוחל זײַן... איך האָב זיך אָפּגעלאָזן אין װאָגן און בין געבליבן ליגן, װי א טױט, און אָלגע האָט זיך איבערגעזעצט מיטן פּאָנעם צום פערד, האָט בא מיר ארױסגענומען פון האנט די װײשקעס און געלאָזט גײן דאָס פערד פּאַװאָליע. מײַן האנט האָט זי פון אירער ניט ארױסגעלאָזט...

דערנאָך האָט זי אָפּגעקערעװעט אָף א זײַטיק װעגל. מע קאָן פאָרן מיט דעם אױך, נאָר איך װאָלט באנאַכט אלײן מיט דאַנען ניט געפאָרן. אפן װעג האָב איך געזען װי־ניט־װי קױפּקעלעך פרײלעכע יארידניקעס, װאָס זיצן, רוען אָפּ, זשאַלעװען זיך צעשײדן מיט דער פרײד. דאָ אפן

װענגעלע װעלן מיר זײַ עפּשער ניט באַגעגענען. איך ליג אַרויף מײַן קאָפּ אויף אַלגעס קני, איר רײַעך דערבריײַטערט מיך שטאַרק. זי איז אַ באַשײַנטע פון דער לעװאָנע און איז אויך ניט קײן פּרײַלעכע. איר קוק איז געװענדט ערגעץ אין דער װײַט, סײַ פון מעהאַלעך, סײַ פון צײַט, און אונדזער גורל איז אַזױ װי פאַרבונדן ניט פון ערשט. ס׳איז נאָר, װאָס איך בין ניט קײן באַלעבאָס, ניט קײן יונגערמאַן, איך בין עפּעס זײער נישטיק. נאָר װען זי גײט אַ קוק אויף מיר מיט אויגן, װאָס האָבן מיך געפונען, מיך אַלײן, מיך אויסגעקליבן צװישן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, דערמאָנט אַרט מיך שוין ניט. מעג מײַן הויז נאָך מיר בענקען, זײַן אויף מיר אײביק באַרויגעז, די ייִדן זאָלן מיך ניט אַרײַנלאָזן אין קײן איין בעסמעדרעש ניט. נײַן, איך װער באַ זיך אין די אויגן גרױס, שײן און געפּעסטעט, און איך װײס ניט, צי ס׳איז זי, אַלגע, צי מײַן פּערדל אַלײן האָט זיך אָפּגעשטעלט, און איך בין אַראָפּ אויף דער ערד, אַזױ װי לויט אַ באַפעל. אַלגע איז אויך אַראָפּ. ס׳איז געװען ניט קײן װעג, נאָר אַ פעלד צװישן טװוע, װאָס רוט אויף הײַנטיקס יאָר און איז ניט פאַרזײט.

דאָס פערד האָט גענומען מיט בײַשעק הריזען אַרום זיך הויכע גראָז, און זי האָט מיר אויסגעשפּרײט פון רעדנעס אַ געלעגער, און זי זאָגט:

— טשאַלאָװיטשע, קום.

איך גײ צו, ליג זיך לעבן איר, קײן פרײד פון געניװע אָדער כאַפּן מעצעס איז ניטאָ. ס׳איז דאָ הײליקײַט, לײדן. אונדזערע ליפּן טוען דאָס הײליקסטע, װאָס אַזױנע צװײ באַגעגנטע קאָנען טאָן.

איך זאָג צו איר מער מיט אָטעם, װי מיט מויל:

— דו װײסט, איך האָב אַ װײַב מיט אַ קינד?

זאָגט זי:

— איך װײס איצט גאָרניט.

דערנאָך פרעגט זי מיך:

— ס׳איז אַן עמעס, װאָס ייִדן זײַנען באַטריבער? דו ביסט אַ זשיד?..

— נײן, — זאָג איך, — מענטשן װי אַלע. איך אויך אַ מענטש, נאָר אָט פאַר דיר האָב איך מוירע. ס׳ציטערן מיר הענט און פיס, מײַן האַרץ שרעקט מיך, אַז דו ביסט אַ פאַרשטעלטע, אַז דו ביסט אַ...

זי נעמט מיך אַרום װײך, און איך פאַרשװינד אין אײביקײַט.

— דײַן מאַן? — פרעג איך שטילערהײט.

— האָט ניט ליב... אזעלכע ווי דו... אָט־אָ דיר וואָלט איך אוועקגעגעבן דאָס גאנצע לעבן... איך קאָן דיך בא דײַן ווײַב אָפּנעמען.. איך קאָן מיט דיר טאָן אַלץ...

...און ליפּן, ליפּן! ברוסטן — פֿײַער־שטיקער, איך גלי. א העמד אף איר א לײַוונטענע. א מאלקע דארף מער ניט האָבן. עפנט זי זיך, די העמד, ווי א הימל.

איך פֿיל, אז איך בין שוין אכצן יאָר אין קיין ייִדישן ייִשעוו ניט געווען, אז איך קום אהין, ווארפט מען אף מיר שטיינער און איך האָב ניט קיין האָזע ענטפערן אף צוריק.

איך בין ערגער פֿון א מעשומעד, איך גיי אום אין א פרעמדער פעל: צווישן קריסטן קיין קריסט ניט, צווישן ייִדן קיין ייִד ניט. טעג טעגעדיקע גיי איך אום ווי אין אוילעם־האטויהו. נאָר די נעכט? דערפאר זײַנען די נעכט מײַנע. אין די נעכט נעם איך ארום אָט וועמען. פֿון די נעכט שפּײַזט זיך מײַן לעבן לעם איר.

און זי זאָגט: אז איך בין איר זון, איר ברויט אין שײַער, איר כודאָבע אין פעלד.

דו הערסט דאָך, אז אזא מין מענטש טוט גאָר ארבעט אין פעלד.

איך זאָל וויסן, וועלכע קאָראָמיסלע אירע הענט רירן אָן, וועלכן סערפּ און וועלכעווילע, וואָלט איך זיי אָפּגעקויפט און אנידערגעשטעלט בא זיך אין שטוב, פאר א רייניקײַט.

די זיסקײַט פֿון אירע ליפּן, דער איידעלער גלעט פֿון אירע באקן! איך בין מאפקער א גאנץ לעבן און קרעכץ לעבן איר. זי עסט מיך מיט א סאך קאָשערער ווארעמקײַט, און מע קען פֿון איר קיין וואָרט ניט ארויסקריגן.

— צוויי קינדער, — זאָג איך, — וועל איך שוין האָבן... דײַנעם... און... אירן...

ס'קוועלט אין מיר כיִעס און ס'צאפּט זיך פֿון מיר לעבן.
באהעפּטונג!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און... די לעוואָנע ווערט טינקעלער, די שטערן שיטערער, דער הימל גרוי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָלגע איז לעבן מיר ניטאָ. ס׳קריכט לעם מיר אַרום דער קרוויוועס שוועסטער. אַ ווײַס זויבער קאָפּטל באַדעקט בײדע האָרבעס. די ווײַסקײַט שרעקט און נעמט אָפּ אַן אויג. די ליפּן פונעם ברייטן מויל קרימען זיך בײַ איר און רירן זיך אַן נאָס אין מײַנע באַקן. איך בעט זי מיט גוטן, זי זאָל מיך אָפּלאָזן.

איך האָב זיך אַזוי אויך אָפּגעמאַטערט אַ נאַכט. זי ווערט אָבער פרעך, קריכט אַף מיר מיט אירע געגנדזענע הענט, די האָרבעס וויגן זיך בײַ איר אַף אומוואַלגערן זי. איך פאַל אַרײַן אין ווילדן כּעס:

— אררררויס! — טוט זיך בײַ מיר אַ ריס אינווייניק ניט מיט מײַן קאָל.

און איך ווייס ניט, צי ס׳פונעם געשריי, צי ס׳פונעם זעץ מיטן פויסט אין דראָבינע האָב איך זיך אופגעכאַפּט.

יאָ, איך האָב זיך אופגעכאַפּט... און דערזען, אַז ס׳טאָגט, דאָס פערד ניט קיין אויסגעשפּאַנטס שטייט מיטן קאָפּ אין טויער אָנגעשפּאַרט; עס איז מיד און הונגעריק, שטייט עס מיטן שטערן לעבן טויער, דאָס קער עס שטיין אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. איך בין אַנשלאָפן געוואָרן ערגעץ באַלד נאָך קראַסנאָוואָליע, און סע האָט מיך פאַרפירט בעשאָלעם אַהיים. ס׳האָט געטאָן וואָס ס׳האָט געקענט. ווען ס׳זאָל האָבן הענט, וואָלט עס געעפנט דעם טויער אויך. לעבן מיר קריכט אַרום אונדזער ווײַסער הונט, ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט און מיך געלעקט און ניט אופגעהערט. איך האָב פרײַ אַן עטעם געטאָן, אַראָפּגעטריבן פונעם וואָגן דעם הונט, און מיט פרייד האָב איך זיך אַלע רעגע וואָס מער דערוווּסט, אַז דער גרעסטער טייל מײַסע איז אַ כאָלעם.

דאָס געלט איז אין קעשענע געווען יאָוועש, דער טײַסטער — אויך. איך טו נאָכאַמאָל אַ טאַפּ אין איין קעשענע, אין דער צווייטער קעשע־נע — ניטאָ!

פאַרן געלט אַרט מיך עטוואָס יאָ, ווײַל אַ העלפט פון זיי איז פרעמדס, נאָר איך בין פריילעך, וואָס איך בין דער אייגענער וואָס געווען, אַלדאָס איבעריקע איז גאָרניט. ס׳וועט שוין אַלצדינג זײַן רעכט.

איך קריך אַראָפּ פון וואָגן, — אַהאַ! דער טײַסטער פאַלט אַרויס פון ערגעץ אַף דער ערד. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קעשענע און איז געלעגן לעם מיר ערגעץ.

— מײַנער! — האָב איך אים אופגעדריקט אין האַנט, ווי א לעבע־דיקן. — וועל פֿארשפּאָרן פּינטלען מיט די אויגן פֿאר פרעמדע מענטשן.

איך גיי ארײַן אין פּאָרטקעלע און עפֿן פּאמעלעכן אוף דעם טויער. דער סוס מײַנער שפּארט זיך ארײַן אינעם צעעפֿנטן טויער מיט א זיפֿץ, זאָל זײַן אף סאָנימס קעפּ. איך טו אים א גלעט לעבן האלדז און בא דער מאָרדע און טראָג אים ארויס צום סאמע ערשטן א בערעם קאָנישינע, שפּאן אים אויס פֿון וואָגן, נאָר סע עסט ניט, דרייט זיך ארויס און געפֿינט אן אָרט אף אויסקאטשען זיך. אויסגעקאטשעט זיך, שטייט עס אוף און לאָזט זיך אוועק גלײַך צום ברונעם.

א טרונק?

נא דיר א טרונק. (דער בלעכענער עמער איז געהאנגען אקוראט אפֿן פּלויט אן איבערגעקערטער).

דאָס פּערדל אָפּגעלאָזן אפֿן הויף פֿרײַ, ניט צוגעבונדן, ניט געפּענ־טעט. סע טוט א קײַ די קאָנישינע, דרייט זיך אָפּ פֿון וואָגן און נעמט שטשיפּען גראָז איבערן פּלויט אף דער מעזשע. און איך טראָג די רויע פּעלכלעך אין הויז ארײַן. איז די הויז־טיר גאָר אָפֿן, ניט פֿארשפּארט אף באנאכט. טו איך אן עפֿן די שטוב־טיר, שמעקט מיר ניט אין שטוב אויך מיט קיין שלאָף; איך קוק, איך שמעק, ערשט ס'גייט מיר ארויס אנטקעגן די שטאָט־באָבע מיט די אײַנגעפֿאלענע טרוקענע באקן, נאָר די אויגן זײַנען בא איר לעבעדיקע.

עפּשער איז דאָס אויך א כאָלעם? — דערשרעק איך זיך פֿונדערגרינג.

— שיינער באלעבאָש, — טוט זי מיר א שומשע מיט די ליידיקע יאסלעם, — ווו בישטו עס געווען די גאנצע נאכט? נא דיר כאָטש אָפּ מאזשלטאָוו, נא דיר כאָטש אָפּ מאזשלטאָוו פֿארן ייִנגל.

— וואָס? — טו איך זיך א ריס אינגאנצן פֿון אָרט.

און איך שמײַס פֿון זיך אראָפּ דעם בעגער, כאַפּ די קוואָרט אין קיך און כאַפּ זיך וואשן אפּגיך. די הענט, די הענט! דעם פּאָנעם, דעם פּאָנעם! דעם קאָפּ, דעם קאָפּ! אזוי ווי מע דארף ארײַנגיין צו א גוטן־ייִדן. איך וויש, איך רײַב מיטן האנטעך, איך כאַפּ דאָס היטל, דאָס רעקל און גלײַך אין אלקער ארײַן.

טע, טע, טע, וואָס ס'טוט זיך דאָ?! מולטערס, זאכן, מײַסעם.

מײַנע ליגט א בלייכע הינטערן פֿאָרהאנג, נאָר ס'שײַנט אָפּ פֿון איר מיט נאָך־נילע.

זי קוקט אויף מיר, איר איז נאָך שווער עפֿענען דאָס מויל.

— מאזלטאָוו, — טו איך זיך א קער צו איר און האָב מוירע ריידן הויך.

— מאזלטאָוו, — בייג איך זיך איבער איבער איר און מיטן האנט טאפּ איך אָן געהיט דאָס פּיצעלע — א ווארעמס, פֿארוויקלט אין אלדעם גוטס, און ס'צעגייט זיך אין מיר איבעראנײַס א מין ווארעמקײַט א מין עמעסע, איך ווער רויט ביז די שפּיץ אויערן, נאָר איך פֿיל א פֿרייד אין זיך. איך פֿיל, אז אלע מײַנע בלוטן יאָגן אין מיר אום הין און צוריק, אזוי ווי פֿון א קייט זיך אָפּגעריסן.

— פֿארקויפֿט? — פֿרעגט זי.

נעם איך איר ארוים דעם טײַסטער געלט, וואָס איז ניט געגאנגען אויף העזעק, און טו פֿאר איר א פּאָכע אינדערלופֿטן.

— ביסט בא מיר א מאזלדיקע, — זאָג איך צו איר, — ביז איין שטיקל!.. מע האָט אויסגעשעאָבן דעם דנאָ פֿון וואָגן. די פֿויערשע — אויך.

— געגעבטיקט אין קראסנאָוואָליע? — פֿרעגט זי שטיל.

דאָ וויל מיר ווערן פֿאר עפּעס א כאראָפּע, נאָר די פֿרייד קומט בײַ אלע שווערינקײַטן און איך דערצייל איר דעם עמעס, ווי אזוי איך בין, ווײַזט אויס, אנשלאָפֿן געוואָרן באלד נאָכן מויערל (צוויי־דרײַ נעכט ניט דערשלאָפֿן — רופֿט זיך עס אָפּ), און דאָס פֿערדעלע האָט מיך אזוי פֿארפֿירט ביזן סאמע טויער, און וואָס פֿארא כאלוימעס ס'האָבן מיר זיך אָנגעכאָלעמט, אויף סאָנימס קעפּ זאָל עס זײַן, איבער דעם, עפּשער, וואָס דו האָסט זיך באנאכט, נעבעך, געמוטשעט... און אָט צוריק עפּשער מיט א מינוט אכט כאפּ איך זיך אויף, קריכט ארום לעם מיר אונדזער קעלעוו, און דאָס פֿערד שפּארט אונטער מיטן קאָפּ דעם טויער...

— גיי, ס'טו עפּעס עסן, — זאָגט זי.

און איך וויל ניט גיין, איך וויל בא איר פֿרעגן, וויאַזוי איז איר אָנגעקומען, נאָר איך קען זיך ניט אײַנשטעלן פֿרעגן אזא זאך.

נעמט זי ארוים א בלייכע, אָפּגעשוואכטע האנט פֿון אונטער דער קאָלדרע און נעמט מיר גלעטן מײַן קאָפּ.

מײַן האַרץ גייט מיר אַרום איבערן גאַנצן גוף, אַזוי ווי אַ שיקערער, און איך אַליין בין אויך אַזוי אויפגעריכט פון אַזויפיל פּלוצעמדיקער פרייד, פּלוצעמדיקער אַזויפיל פרייד!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...געטאָן האָט זיך עס לאַנגלעך צוריק. איך בין דענסטמאָל געווען אַ יונגערמאַן, נאָך גאָר אַ גאָרנישט.

1929

אינהאלט

צום נײַעם לעבן 3
אויסגעוואקסן 110
מײַן כאוועך לוקיאן 134
אונדזער קלײנינק דינסטמײדעלע לאַנע 156
אײגענע קינדער 175
דאָס לעבן לעשט זיך ניט אויס 183
דער ייִנגסטער פון די קינדער 196
באבי יאר 205
ווען־ניט־ווען 211
אײנער, אײנער און נאָך אײנער 221
וואָס מע זאָגט — „גאָט האָט צוגעשיקט, גאָט האָט געפּירט" . . 232
אין גוטן מוט 240
פיר מיט אכט און זעכציק 252
גאסטפרײַנטשאפט 261
פון סניטקאָווקע קיין גרינשפּוליע 270
סארא פרייד! 279

Кипнис Исаак Нухимович

К ЖИЗНИ

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 296 стр.
Тем. план выпуска 1969 г. № 221.

Художник *Э. Э. Ринчино*
Редактор *З. Л. Телесин*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *И. М. Минская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

●

Сдано в набор 13/II 1969 г. Подписано к печати 17/VII 1969 г. А 06837. Бумага $70\times108^{1}/_{32}$. № 1. Печ. л. 9,25+1 вкл. (12,99). Уч.-изд. л. 13,98. Тираж 5 000 экз. Заказ 1110. Цена 61 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР, пер. Аксакова, 13.